STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04796

MAYN PINKES

Isaac Friedman

Permanent preservation of this book was made possible
by Jack & Susan Bloom
in memory of
the Abe Weiss, David Levin & Martin Bloom families

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק פרידמאן

מיין פינקס

א נאטיצבוך פאר אידישן הומאר, וויץ, סאטירע און פאלקלאר.
א זאמלונג פון פאלקסטימלעכע מעשה׳לעך. סקיצן. בילדער.
הומארעסקן. מאנאלאגן. שארפזיניקע תשובות;
געענטפערט מיניה וביה. עפיזאדן און וויציקע
אנעקדאטן, וואס דער מחבר האט געזען
געהערט און פארשריבן.

ערשטער באנד

הַפִּנְקָס פָּתוּחַ וְהַיָּד כּוֹתֶבֶת.

(פרקי אבות. פ.ג. מ.כ.)

ירושלים, ארץ־ישראל
תרצ״ט, 1938

אלע רעכט, סיי פון גאנצן בוך, סיי פון חלקים־ווייז
איבערדרוקן, אדער איבערזעצן, בעהאלט דער מחבר פאר זיך.
COPYRIGHT 1938
by
ISAAC FRIEDMAN

געדרוקט אין ארץ ישראל
Printed in Palestine

דפוס עזריאל, ירושלים

אינהאַלט

א. אויסגעזאגט פון חדר.

		זייט.
.1	ווי מען רעדט צו אַ רב	1—2
.2	ווער האָט צובראָכן די ערשטע לוחות	2—3
.3	אַפרוי׳ קען קיין סוד ניט האלטן	3—4
.3א	וואָס בלעם האָט זיך געוואונטשן	4
.4	דער עקסידענט	4—5
.5	דער מורא׳דיקער רשע	5—6
.6	אַ מעשה מיט קרעפּלאַך	6—9
.7	ער ווייס ניט ווער ויזתא איז	9—10
.8	צו לערנען חומש אין רוסיש גיט ער ניט	10—11
.9	פון דעם וועגן איז קיין מניעה ניט	11—12
.10	ס׳וועט שוין זיין פאר דער מאמען אויך	12
.11	אין איין זמן געוואָרן בר מצוה	12—13
.12	צוליב די קינדער׳ס וועגן	13—19
.13	אויב ער קריגט ניט יעקב׳ס, נעמט ער עשו׳ס	19—24
.14	פייפן ווי אַ שייגעץ איז פיין	24
.15	כל גוים אשר עשיתי	24—25
.16	דער רבי מעג	25
37—17.	חדר עקזאַמענס / פראַגעס און ענטפערס	26—30

ב. קינדערשע חכמות.

.38	די אכט קייסעס	31
.39	דער תם געפעלט אים ניט	״
.40	ער געזעגנט זיך מיט דעם רבש״ע	32
.41	ליידיס פירסט	״
.42	ער איז ענגלאנדער פון קאָפּ ביז די פיס	32—33
.43	זיי האָבן זייער אייגענעם שבת גוי	33—34
.44	דער פארמאַסקירטער „סאַנטאַ קלאָוז״	34—35
.45	געוואונען די האַלבע קריין	35
.46	יערע איז אריין	36
.47	ער וועט מוזן לויפן	36—37
.48	אַ קינד ווייס קיין חכמות ניט.	37
.49	ער זוכט דעם טאַטנ׳ס הוט	38
.50	זי איז נישטאָ	״
.51	מען דאַרף אים אריינשטעקן אין דר׳ערד	״

ג. דער אפריקאַנער אידישער יוגנט.

זייט.

52. אַ פעדער וואָס איז פּראָדוצירט אין היטלער־לאַנד
וויל ער ניט פאר קיין פרייז . . . . 39—40
53. אַלץ געפינט מען אין דער תורה . . . . 40—41
54. געפאַלן אויף אַ געניאַלע המצאה . . . . 41—42
55. זיידע, זיידע, קנסא קא מגבית ביאָהאַנעסבורג? 42
56. דער זיידע און דער אייניקל . . . . 42—57
57. די תּפילין האָבן אים געראַטעוועט . . . . 57—58

ד. שבתים און ימים טובים אין אפריקע.

58. בה. בו. בם. 59
59. ער שרייט חזק, חזק . . . . 60—61
60. טאָ וואָס זשע זינדיקט איר? . . . . 61—62
61. דאָס איז בא אים קיין געשעפט ניט 63
62. ער דאַרף שיר המעלות'ן . . . . 63—64
63. שבת, נאָכן דריטן טאָג 64
64. אַז מען פרעגט אַ שאלה, איז טריף . . . . 64—65
65. פאַרענטפערט זיין אייִדים מיט אַ פשט'ל . . . . . . 65—66
66. השומר שבת הבן עם הבת 66
67. ער האלט ניט פון די נארישקייטן . . . . 66—67
68. ער מעג שוין ברענען 67
69. דאָס איז יאָ אַ בעלנות . . . . 67—68
70. ס'איז נישט מער ווי וואַסער 68
71. ער האָט ניט קיין חלה צו קידוש 69
72. די ביכער זיינען קיין באַווייז ניט . . . . 69—70
73. דער טעות אין דאַטום . . . . 70—71
74. ווען געפאַלט סאנט פאטריק'ס פאַסט טאָג . . . . . . 71—72
75. זיי שפּילן טעניס 72
76. דאָס איז אָבער ניט קיין חמץ . . . . 72—73
77. באַשטעלט אַ לימונע מיט אַ שטעקן 73
78. שבת תשובה אין גאַס . . . . ״
79. ס'איז געווען תשעה באב . . . . 73—78
80. גריינס לכבוד שבועות 78

ה. די קהילה / אירע גבאים און פּרנסים.

81. קיינע ציוניסטישע שקלים ביזנעס, אין מיין קאַנגרעגיישן . 79
82. ווי קומט „דנת״ צו זיין קעניג אין גרר . . . . . . ״
83. פון ברע צו רבע 80

זייט.

84. אַט האָט ער פאַרשטאַנען 80
85. איר קאָנט מאַכן אַ צלם . . . . 80—81
86. ווייל ער איז אַ כהן 81
87. דער פרעזידענט איז פאול קרוגער! . . . . . . 82—83
88. נאָר נישט דאַוונען! . . . . 83—84
89. ומִמקדשי תיראו 84
90. דער רבש״ע ניט, אבער די שולן יאָ . . . . . . 84—85
91. ושבח אני את המתים . . . . 85—86
92. ער האָט זיין פליכט דערפילט . . . . . . 86—87
93. יזכור . . . . 87—89
94. דער טאַטע זאָל לעבן איז געווען אַ תרח?! 89
95. ביי׳ם גרינעם רב אין אפריקע . . . . 89—90
96. סוף גנב לתליה 90
97. אַ שאלה געהערט דעם ראַביי . . . . ״
98. אַ געניטער פירער . . . . 90—91
99. אזוי פיל פערד אָן איין שמייסער 91
100. פערדנשאַפט איז ניט קיין ברידערשאַפט 92
101. כלבים זיינען אלץ מערער . . . . 92—93
102. קיין מים ניט, אָבער נחשים ועקרבים יאָ 93
103. יאָ ער ווייסט . . . . ״
104. ער איז באשיצט ווי משה אין קעסטעלע . . . . . ״
105. פאר די גבאים און פרנסים האָט ער הספדים 94

ו. די קהילה / אירע כלי קודש / ראַביים.

106. רעפאָרם ראַבינער 95
107. פארוואס הלל האָט ניט געקראַגן דעם טיטול רב? . . . 95—96
108. פאַרוואָס עפעס אַ שטאמלער? 96
109. דער ראַבי אין באָקס . . . . ״
110. דער טאָפּעלער קל וחומר 97
111. רבנים אַ מאָל און היינט . . . . 97—98
112. אַט ווייס ער וואָס אָן עירוב תבשילין איז 98
113. ברענען זאָל דער עירוב תבשילין . . . . . . 98—100
114. ווען ער האָט ליב דעם שטראָפּט ער 100
115. שלא עשני גוי . . . . 100—101
116. דעם אבן עזרא האָט ער 101
117. ער דאַרף אַ חושן משפט פאר הלכות ערלה . . . . 101—102
118. אַ היתר גיורת . . . . 102—103
119. טמאה היא ואין מדליקין בה . . . . 103—104

זייט.

120. יצאה סרחה מהספדו 104
121. זי דאַרף ניט נעמען קיין חליצה . . . . „
122. דער „בלעק בוק" זאָגט אז מען דארף ניט 105
123. פאַרוואָס קריגט אַ ראַבי אַזאַ הויכע געהאַלט? . . . . „

ז. די קהילה / אירע כלי קודש / רעווערענדס.

124. ווי איך בין געוואָרן רעווערענד . . . . 106—115
125. דער רעווערענד וואָס איז צוריק געקומען . . . . . 115—116
126. ער האָט פאַרביטן די יצרות . . . . 116—129
127. זאָל דער קאַפּיר צינדן חנוכה ליכט . . . . . . 129—131
128. אין שלום אמר ה׳ לרשעים 131
129. דאָס איז נישט קיין נסך . . . . 131—132
130. אויב אזוי קען מען דאָך טרינקען! 132
131. ער מאַטערט זיך 133
132. אויף וואָס ער איז יאָ איבעראַשט . . . . . . 133—134
133. אין גן עדן נישט, אין גיהנום יאָ . . . . . . 134—136
134. ס׳זאָל ניט פעלן קיין הענט . . . . 136—137
135. למה תכה רעך? 137
136. צו וואָס כלי קודש אין אפריקע, זיינען געגליכן? . . 137—138

ח. די קהילה / אירע כלי קודש / שוחטים.

137. וועט אין גן עדן זיין אַ שור הבור׳כע אויך? . . . . 139—140
138. אַ געשליפענער . . . . 140—141
139. אויף וואָס מען דארף אַ לויתן אויך? . . . . . 141—142
140. אַ פגימה אויף דער נשמה טויג ניט 142
141. אַ לא יוצלח . . . . „
142. פאַר אַן אָקס איז ער אַ שוחט 143
143. אַ שוחט פון ערשטן גלגול . . . . 143—144
144. קיין געפילטע מעגעלאַך עסט ער נישט אום ראש השנה . 144

ט. די קהילה / אירע כלי קודש / שמשים.

145. קרא לשמש ויזרח אור 145
146. ער האָט מורא אַז זיי וועלן יאָ . . . . „
147. ס׳איז קיין שמעק טאַבאַק אויך ניט ווערט 146
148. דער שמש און דער ראַבי . . . . 146—149
149. קיין שמייסער בין איך דאָך ניט . . . . 149—154
150. צו שעכטן אַ אידן, נעמט ער ניט אַן קיין שליחות . . . 154

י. די קהילה / אירע כלי קודש / חזנים

	זייט.
150א. ער וויל זען אַ חזן איידער ער האָט געזינדיקט	155
151. ידם על התחתונה	155—156
152. ער וויל בלייבן חזן	156
153. אַ גמילות חסד דאַרף מען נישט צולאַנג האַלטן	〃
154. איבּ אזוי טאָ פירט מיר אַראָפּ צוריק	156—157
155. ער האָט זיך ניט פאַרוואָס צו שרעקן	157
156. אַ ווונטש צום נייעם יאָר	158
156א. את קולך שמעתי בגן	〃
156ב. ער דאַוונט פאַר צוויי מנינים	〃

יא. די קהילה / אירע כלי קודש / בעלי תפילה

157. פון זיין חזן נעמט ער קיין געלט ניט	159—161
158. ער האָט געשמירט איז געוואָרן	161—162
159. שני שמידים כהלכתם	162—163
160. פאַרן דאַוונען נעמט ער קיין געלט ניט	163

יב. די קהילה / אירע כלי קודש / משולחים.

161. די פאַטקעווע ווערט אייך געטראָגן פון פערד	164
162. צוויי רבנים און 498 מבינים	164—165
163. וואָס קריגט די ישיבה פון מיר	165
164. זיין געשעפט באַשטייט אויפן ניעמען	〃
165. זיין נדבה דאַרף זיין אין צייטונג	165—166
166. מאי ענין שמיטה אצל הר סיני ?	166
167. אויף דערויף בין איך דאָס געקומען צו אייך	〃
168. רבי לא שנה, חייא מניין ?	166—167
169. ווען שוין זיין קאָפּ, זיין אָבגעדרייט	167
170. דאָ מעג ער טרינקען מיט מילך	〃
171. דבר אחר ביד חזקה שתים	168
172. אין שוטה מרגיש	〃
173. ער דאַרף זיך ניט שרעקן	168—169
174. עס מוז טראָגן צוויי חותמות	169

יג. די קהילה / אירע כלי קודש / מגידים און רעדנער.

175. אַ ראָבי, אַ פּרעדיקער, און אַ מגיד	170
176. ער טוט ווי גאָט	〃
177. אַ מגיד און אַ דאָקטאָר	171
178. אין צייט	〃
179. ס'איז אבער פאַראַן אַ קאַלענדאַר	〃

זייט.

180. ער וועט שוין אייך ניודען . . . . 171—172
181. איר ווייסט נאכניט וואס פאר א ניודניק איך בין 172
182. ווער איז דאס געווען מיסטער טאנאק? . . . . . 172—173
183. ער האט ניט געקאנט שלאפן 173
184. א בלבול . . . . ״
185. ער דארף עס האבן אויפן קאפ . . . . . . 173—174
186. א מכה אשר לא כתובה 174
187. אריינגעזאגט . . . . ״

יד. ציוניסטישע עפיזאדן.

188. זאל דער רמב״ם קומען מיר וועלן אים שוין אבפיקסן . 175—176
189. ווי דר. הערצל האט זיך געענדערט . . . . . 176—177
190. ניט דזשענעראל הערצאג, אויך ניט דר. הערץ, נאר דר. הערצל 177—178
191. א פוינט אוו ארדער . . . . 178—183
192. פון א קארגן איז א מצוה צו נעמען אין טאפל . . . . 183—184
193. בעטן געלט קען דאך דער פויער אויך . . . . . 184—185
194. דער „אודך״ שטייט נאך . . . . 185—186
195. דער פאסנסטער נאמען 187
196. א פליג האט אים געראטעוועט . . . . . . 187—188
197. פונוואנען און וואהין? 188
198. א פריילן און טשואינג גאם 189
199. עם ישראל חי . . . . 189—192
200. אוירה דארץ ישראל מחכים . . . . 193—194
201. לא לחינם הלך הזרזיר וכו׳ . . . . 194—195
202. במקום הרשע שם המשפט . . . . 195—196
203. דער פאפולערסטער ציון פירער 196
204. ער צווייפלט אין לארד באלפורס ענגלישקייט . . . 196—197
205. דער סקעפטיקער . . . . 197—200
206. ער זאל ליבערשט שפילן 201
207. דעם קאפיטאל בידים איבערגעפירט . . . . . . ״
208. ווער איז ר׳ מענדעלע אוסישקין? . . . . . . ״
209. ער איז א דאמסקער שניידער 202
210. דער אנטיסימיטיזמוס און א קאמארע . . . . 202—203
211. וואס איז טעמפא? . . . . 203—204

טו. שארפזיניקע תשובות. געענטפערט מיניה וביה.

212. ער גלויבט אין טאטן 205
213. טוב שבגוים הרוג . . . . 206—207
214. א מאן עסט וואס ער איזט, און ער איזט וואס ער עסט . 207—208

	זייט.
215. זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן געבלאָפט	208—209
216. ער וועט האָבן מער מאַרך אין קעשענע ווי אין קאָפּ	209—210
217. ביי אונדז פון דרויסן, ביי זיי פון אינעווייניק	210—211
218. פאַרוואָס אויף אָטאָמאָבילן?	211—212
219. דער איד טרינקט צרות	212—214
220. איך גלויב אין איינס	214—215
221. פלאי פלאים, הינט זאָלן נאָכלאָזן ביינער	215—216
222. נעמט מיר מיט, וועט איר דאָרט געפינעןביידע באשעפענישן	216
223. ער מוז לויפן	216—217
224. קיין משומד בינסטו דאָך ניט	218—219
225. לאָמיר זיך ביידע האָסטיק אָפטראָגן	220
226. שנים שעשוה פטורים	„
227. אַ גוטער קדיש	„
228. שלא עשני גוי	„

טז. געניאַלע עם הארצות.

229. והשב את „האבדה" לדביר ביתך	221
230. בלי „רייסעס" בלי בלי תכלית	221—222
231. הלילה הזה כלנו מסובין	222—223
232. מה יעשה הבן שלא יחטא?	223
233. זכר ליציאת מצרים	223—224
234. אָנשטאָט „אַ שאָמעך אַ סין"	225—226
235. די צוויי „שפרים"	226

יז. די אידישע גאַס אין אפריקע.

236. דעם חזירשן יעקל וויל זי ניט געבן קיין אָרדער	227—228
237. ער שאַנעוועט דעם סוחר'ס געלט	228—229
238. זאָג אַז דו האָסט אַ הויז, אַ ווייב און קדחת	229—230
239. לאָזט אים בלאָפן	230—231
240. אַ וועקסעלע קענען זיי אויך פאַרדייען	231—236
241. ער וויל נישט קאָנקורירן מיט די באַנק	237
242. בשר „כסר"	238
243. צו שפעט זיך ארום געזען	„

יח. באָרדינג הייזער און רעסטאָראַנטס.

244. דאָס בילד איז געווים כשר	239
245. שלאָפן מעג ער דאָרט	240
246. זי שלאָגט זיך מיט דער דעה	„

זייט.
247. עפר אני בחיי, קל וחומר במיתתי . . . . . . 241—240
248. ער קראַצט זיך ווו עס בייסט אים 241
249. ניט מיט פלעזשור, נאָר מיט לאָקשן . . . . . . „
250. ער וועט דאָס צום מויל ניט וועלן נעמען . . . . 242—241
251. פאַרפעלט אַ ק. 242
252. אַ באָרדער וואָס גראַמבלט . . . . „
253. ער ווייס ווי צו צושניידן אַ פּאַדעשווע . . . . . „

יט. אין געריכט.

254. ניין, ניין, איך האָב אים געקוקט אין די ציינער . . . 243
255. זיך טיילן מיט די פּאַרדינסטן 244
256. ער׳ט ליבערשט גיין נאָך ארץ ישראל . . . . 245—244
257. אויף זיין ווייב׳ס נאָמען 245
258. מה נשתנה הלילה הזה ? 246
259. וואָס ער וועט קריגן . . . . „
260. מר. גאָד אויסגעשלאָסן פון די געשוואָרענע . . . 247—246
261. איך שיכור און שיכור און ס׳איז נאָך אלץ ווייניק . . 247
262. דאָס איז זיין ביזנעס . . . . „

כ. דאָקטוירים אין אפריקע

263. ער באַצאָלט אים פאַרן וויזיט . . . . . . 249—248
264. דער דאָקטאר הייסט אים זיך ארויסנעמען די ציינער . 250—249
265. דער ציגאַרעטל אַ טאָג מאָטערט אים . . . . 251—250
266. פילאָזאָפיע וואָס איז דאָס פאַר אַ מין קריינק ? . . . 251
267. איך וויל אויך לעבן 252
268. אַן ענליכער נס . . . . 253—252
269. ער קען אים נאָך פון פאַר דער התונה 253
270. ער איז אַ נביא, גיט אים אַ וויזע 254
271. ער קומט באַהעפטן זיין טעליפאָן . . . . . . 255—254
272. אַ שלאָף מיטל 255
273. דאָס איז דאָך זיין ברויט . . . . „

כא. עזרת נשים.

274. מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן 256
275 די ווייבער דאַרפן לערנען תורה . . . . . . „
276. גוט געענטפערט: 277. אַ מאָל און היינט: 278. אַ דורכגעטריבענער:
279. אַ מכה בצידו: 280. אין גן עדן: 281. שכל נאָכן עלטער: 282 פּטר׳ט
צייט: 283. דער גרעסטער ליגן: 284. די פּאַרזעסענע . . 257—256

זייט.
285. נאַר איינע . . . . 258—259
286. באַט איר אַן זי וועט קויפן 259
287. מפני דרכי שלום וועגן זאגט ער אַ ליגן . . . . . ״
288. דער קוק איז ביי אים צולאנג . . . . 259—260
289. אריבער שלשים: 290. שלא עשני אשה: שוין פארקויפט צו אַ פויער: 291. במקום שיש חלול שבת אין חולקין „כבד״ לרב 260—261
293. דער סידור ווערט דיקער: 294. דער „מגן אברהם״ קריגט אויפן ש״ע 261
295. אין ארץ ישראל איז עס אַ פראַגע 262
296. דער סקאַטלאנדער זינגט „התקוה״ . . . . . . ״

כב. זכרונות פון אלט־און־ניי ארץ ישראל.

297. אוירה דארץ ישראל מחכים 263
298. לייענט פון לינקס צו רעכט, וועט רעכט ווערן 264
299. אָבער אז משיח וועט קומען?! . . . . 264—265
300. דער ריכטיקער פרא אדם . . . . 265—269
301. ווין און שפראַך: 302. רעדט ווי אַ מענטש: 303. אַ בעל „לאַקשן קודש״ . . . . 270—271
304. ער וויל לערנען די יד עברית . . . . 271—272
305. איין מקום: 306. אַ טאַפּעלע עבירה: 307. ניט אין העב־רייאיש, נאָר אין טורמע 272
308. אידיש ריידן איז קיין מלאכה ניט . . . . . . 272—273
309. עס באַצאָלט אים נאָכניט, צו זינגען אין העברייאיש . . 273
309א. אין דריי חדשים צייט וועט ער שוין רעדן אזוי גוט ווי זי ״
310. מיט דעם: 311. אַט אזוי האָבן אידן גערעדט אין גלות 312. ווען ער וועט ווערן אַ זיידע . . . . 273—274
313. ביאַליקס אנעקדאָט וועגן ליכט . . . . 274—275
314. ווי אזוי מען דאַרף תשובה טאָן . . . . . . 275—276
315. ביאַליק אין אדעס: 316. ביאַליק אין אמעריקע: 317. נישט קיין חזן, נאָר אַ משורר: 318. דאָס זעלבע . . . . 276—277
319. דער פערלאג דביר אין ניו־יאָרק 277
320. דריי מיני עולם הזה׳ס . . . . 278—279
321. דער באַראָן ראָטהשילד אין אר״י 279
322. דער ארץ ישראל קלימאָט: 323. ער׳ט ליבערשט זיצן אין גלות און בייבקען נאָך אר״י 280
324 ארץ ישראל אַ קור־אָרט פאר חולי הנפש . . . . . 280—281
325. די כהנים וועלן נאָכקומען . . . . 281—282

326. איזוהי מחלוקת שהיא לשם שמים 282
327. אַלץ וואָס ער זאָגט פאָלגט מען אים . . . . . . ״
328. ואם לאו, זאָגט ער אליין . . . . 283—282
329. דער גרעסערער, צו דער קלענערער ? . . . . . 284—283
330. ער וועט ניט שווייגן . . . . 285—284
331. פדיון שבוים . . . . 289—285
332. אין די שטאָט פון שלום, דארפן בעטן פאר שלום. . . 291—290
233. וואָס עס פאַסט פאר מאדערנע יונגע לייט . . . . 293—291
334. אַן אייגענעם עזות פנים: 335. פארוואס ניט קיין הינט . 294
335. עם לבן גרתי, ותרי״ג מצות שמרתי . . . . . . 295—294
336. גזרו על המשקה להיות תחילה 295
337. אויף אַ „ואימא״ טרינקען חסידים י״ש. . . . . . . ״
338. פארוואס צו אַ יארצייט משקה ? 296
339. וואָס ארט דיר, אז איך לעב ? . . . . ״
340. די פכים קטנים . . . . 297—296
341. פאר אזא כוס, דאַרפן האָבן אַ גרויסן רב 297
342. אל תשליכנו לעת זקנה . . . . ״
343. ובגדיו יהיו פרומים . . . . 298—297
344. געגארטלט פון אויבן, איז אַ פסולה תורה 298
345. קיין חצי הדר, איז באַ אידן נישט פאַראַן . . . . . 299—298
346. אויפן עולם האמת, איז דער מצב ניט שלעכט . . . . 300—299
347. נאָך אַ באַווייז: 348. פונוואַנען זיי דערנערן זיך: 349. אַ
האַלבן פסח האָט ער שוין 300
350. כל ימי עני רעים: 351. ס׳טייג אויף צען כפרות: 352. ניט
קייןסליחה, וכו׳ 301
353. ער קען שוין ווערן די כפרה: 354. ס׳טייג שוין אויף כפרות 302
355. אַ מיטל צו שוויצן . . . . ״
356. דער דאָקטאר האָט אים געהייסן נעמען 303
357. די כלי איז אויך נישט זיינע 304

פאָרוואָרט.

מ ײ ן פ י נ ק ס איז מײן הומאָריסטישער „ספר הזכרונות“ וואָס ס׳איז שוין קרוב צו פערציק יאָר, זײט איך האָב אָנגעהויבן — אין דאָס דאָזיקן נאָטיצבוך — צו פאַרצײכענען יעדן עפּיזאָד, אַנעקדאָט און יעדע קאָמישע פּאַסירונג, אָדער סענציאַלן אינצידענט, סײ וואָס עס איז מיר אַלײן פּאָרגעקומען בײ צו זײן און סײ וואָס איך האָב געהערט דערצײלנדיק פון אַנדערע.

ווען איך בין נאָך קוים דרײצן יאָר אַלט געווען, האָב איך שוין דעמאָלט זיך אַלײן צוגעגרײט און אײנגעבונדן — פון אַ ריזל שרײב־פּאַפיר — אַ בוך, וועלכן איך האָב באַפּוצט מיט אַ פײנעם שער־בלאַט און אין כתיבה׳טע אותיות אָנגעשריבן — „ספר המזכיר“ און כנהוג בימים ההם, האָב איך אין לשון קודש, אין אַן עכטן „שפת הנביאים“ סטיל — אַן הקדמה אָנגעשריבן. און יעדער קאָמישן אינצידענט, וואס איז מיר צום האַנט געקומען, און וועלכער ס׳האָט בשעת מעשה ארויסגערופן געלעכטער, אָדער מיטלײד, האָב איך גלײך ארײנגעטראָגן, פאַרצײכנט און פאַרשריבן אין מײן „ספר־המזכיר“.

נאָכדעם ווען איך בין צו מײן 22טן יאָר; אריבערגעקומען אין דרום אפריקע און האָב דאָרט פאַרבראַכט דרײסיק יאָר, זיך דאָרט פאַרנומען אין דער „עבודת הקודש“ און געווען „אָנגעשטעלטער“ אין פאַרשײדענע קהילות, אין די גרעסטע שטעט פון דער „יוניאָן“ דערצו איז מיר אויסגעקומען ניט אײנמאָל צו באַרײזן דאָס לאַנד, אויף מײנע נסיעות האָב איך באַזוכט אַלע אידישע קהילות און פאַרוואָרפענע אידישע ישובים איבערן גאַנצן לײנג און ברײט פון דרום און מעריב אפריקע. ווי אויך רודיסיא. איז אומעטום ווו איך בין געווען, האָב איך תמיד מיטגעהאַט מיט מיר מײן ספר הזכרונות“ און פון אַלץ וואָס איך האָב געזען און געהערט האָב איך פאַרשריבן און פאַרצײכנט.

אזוי ארום האָט זיך אין משך פון די פיר צענדליק יאָר, אָנגעזאַמלט אין מײנע נאָטיץ־ביכלעך, אַן אונגעהײער גרויסער און רײכער מאַטעריאַל; פון הונדערטער אַנעקדאָטן, טשיקאַווע מעשה׳לעך, סצענקעס, בילדער, טיפּן און הומאָרעסקן, און ווען איך האָב אין קרײז פון מבינים און שריפטשטעלער פאָרגעלײענט מײנע הומאָריסטישע מעמואַרן און אנעקדאָטן, האָבן זײ אַלע מיר צוגערעדט; איך זאָל מײן זאַמלונג צוזאמען שטעלן און עס לאָזן אָבדרוקן און מיט זײער דערמוטיקונג האָב איך פערפאַסט און ארויסגעגעבן דאָס דאָזיקן בוך — מ ײ ן פ י נ ק ס.

ווי איר זעט אלזוי, מײנע חשוב׳ע לײענער, זײנען — דאָס־רוב פון מײנע אַנעקדאָטן, דערצײלונגען און שילדערונגען, וויציקע עפּיזאָדן און פאָלקסטימלעכע מעשה׳לעך, — נישט סתם אויסגעטראַכט פאַנטאַזיטישע „באָבע מעשיות“ נאָר טאַקי אמת׳ע געטרײע שילדערונגען, געבויט אויף

פאַקטן און געשעעניסן פונעם אַפריקאַנער אידישן לעבן. ווי אויך זכרונות און איינדרוקן פונעם לעבן אין אַלט־און־ניי ארץ ישראל.

אגב וועלן דידאָזיקע באַשרייבונגען און שילדערונגען ; כאַראַק־טעריזירן — ראשית כל — אַז דער הומאָריסטישער און גוטמוטיקער גייסט, וואָס האָט אונדז באַגלייט אויף אַלע אונדזערע וועגן און שטעגן פון אונדזער אידישן גלות, וואָס אַ דאַנק דעם ; האָבן מיר — אין די ערגסטע צייטן — נישט פאַרלאָרן אונדזער מוט, אונדזער אָפּטימיזם און דורך דעמדאָזיקן פאַרשאַפטן חוש צו הומאָר, האָבן מיר תמיד געפונען דאָס קאָמישע אפילו אין דער גרעסטער טראַגעדיע, מיר האָבן אַלעמאָל מיט אַ שניידנדיקן וויץ און איראָניש־סאַרקאַסטישן הומאָר ; אַלע אונדזערע שונאים און פייניקער אויסגעלאַכט, אַלע אונדזערע יסורים, סיי פיזישע, סיי גייסטיקע פאַרלייכטערט.

אָט דערדאָזיקער ספּיציוויש־אידישער הומאָר, האָט אונדז אַפריקאַנער אידן אויך באַגלייט פון ליטע, קורלאַנד, לעטלאַנד פוילן און עסטרייך ביז אהער ; צווישן די ריזיקע בערג, אַרום די גאָלד־און־דימאַנטן־גרובן פון דער קייפּ־קאָלאָניע, טראַנסוואַל, פריישטעט און אונטער די גליענדע זון פון נאַטאַל, און נישט נאָר זיינען די אידן פון ערשטן דור די איינגעוואַנדערטע אין לאַנד, דורכגעדרונגען מיט דעם דאָזיקן אידישן גוטמוטיקן געפיל, נאָר אויך די קינדער זייערע, פון צווייטן־און־דריטן דור, וועלכע זיינען שוין געבוירן און דערצויגן אין די זוניקע אַפריקע, אויך זיי, האָבן בירושה איבערגענומען פון זייערע עלטערן — דעם אָפּטימיסטישן גוטמוטיקן גייסט, ווי מיר וועלן דאָס זען פון די קאַפּיטלעך: „אויסגעזאָגט פון חדר" „קינדערשע חכמות" און „דער אַפריקאַנער אידישער יוגנט".

וואָס אַנבעלאַנגט די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך פון „מיין פינקס" וויל איך דאָ באַמערקן: אַז אַ סך פון די דערציילונגען, שילדערונגען און עפּיזאָדן אַנעקדאָטן א. אז. וו. זיינען שוין איצט בבחינת „זכרונות מימי קדם" זיי געהערן מער צו די „ערלי דייעס" (אַ מאָליקע צייטן) און באַלאַנגען שוין צו דער פאַרגאַנגענער געשיכטע ; פון דעם אידישן קיבוץ אין דרום אַפריקע. ווייל אין די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט זיך זייער שטאַרק גע־הויבן דער קולטורעלער און גייסטיקער צושטאַנד פון דעם דאָזיקן קיבוץ.

וועגן די אידן אין אַפריקע, זייער פרייגעביקייט, גוט האַרציקייט און גאַסט פריינדליכקייט וואָס זיי שטייען תמיד בערייט צו וועגן צו קומען מיט זייערע הילף, און מיט זייערע גרויסע תרומות ; צו די פאַרשיידענע אידיש־נאַציאָנאַלע פאָנדן: זיינען זיי, די אַפריקאַנער אידן ; שוין באַרימט געוואָרן איבער דער גאַנצער אידישער וועלט, דורך די גרויסע פּראָמענענטע אידישע פירער און פאַרשטייער פון פאַרשיידענע אידישע וועלט אָרגאַניזאַציעס, וועלכע קומען — פון צייט צו צייט — אין ד. אַפריקע ; אַנצופירן זייערע „קאַמפּיינס" פאַר זייערע באַטרעפנדע נאַציאָנאַלע פאָנדן און דערגרייכן דאָרט צו גרויסן דערפאָלג.

איך נוץ מיר דאָ אויס מיט דער געלעגנהייט; אויסצודריקן מיין הארציקן דאנק צו אלע מיינע אבאנענטן וועלכע האָבן זיך אבאנירט אויף דעם דאָזיקן בוך. און איך באַדאַנק אלע רבנים רעווערענדס, העברייאישע לערער און אַלע פריינד און סימפּאַטיקער אין דרום אפריקע, וועלכע האָבן מיר געהאָלפן מיט ראָט און טאַט, איך זאָל האָבן די מעגליכקייט ארויס צו געבן אלע מיינע ווערק. — איך דאַנק אייך אלעמען!

דער פּערפאָסער
ישראל יצחק פרידמאַן.

אַרייַנפיר.

וואָס גרויסע שריפטשטעלער, דענקער און הויך געלערנטע זאָגן מכוח: לאַכן, הומאָר, וויץ, סאַטירע און פאָלקלאָר.

יעדע צייט: האָט איר טראַגעדיע און פאַרס, איר ערנסט און איר וויץ...
י. ל. פּרץ, אין „צייטן און זייערע וויצן".

לאַכט לאַכט, לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן...
שלום עליכם.

לאַכן הייסט נישט חוזק מאַכן, לאַכן הייסט אַמאָל ביטער געוויינט...
מ. ספעקטאָר.

טאַטע דו לאַכסט, אַז אַך־און־וויי צו דיין געלעכטער... פאָלקס ווערטל.

ווען מיר וואָלטן אַנשטאַט צו זוכן כל־ערליי פאַרענטפערונגען אויף אונדזערע נאַרישע דורכפאַלן אין לעבן, ליבערשט זיך געלערנט ווי זיי אויסצולאַכן, וואָלטן מיר אלע געווען בעסערע און מער גליקלעכערע מענטשן.
דייוויד ווילסאָן: אין זיין מאמר: „די רפואה־עפעקט פון לאַכן".
אין „אויטספאָן" (אפריקאַנער וועכנטליכער זשורנאַל).

לאַכן; איז אַ גרויסער סאָציאַלער דיסציפּלינער, און דאָס דאַרף אויסגעניצט ווערן אלס אַ זעלכער.
הענרי בערגסאָן, (אין זיין בוך „איבער געלעכטער")

דער אידישער וויץ איז אזוי אַלט ווי די אידן זעלבסט.
עדמונד עדעל, (אין זיין בוך: דער וויץ דער יודען 1919)

אין די ערגסטע שווערסטע צייטן פארלירט ניט דער איד זיין חוש צו הומאר ער קען זען דאס קאמישע אפילו אין דאס גרעסטע טראגעדיע...

דער זעלבער מחבר (אין זיין אפהאנדלונג: „דער אידישער חוש צו הומאר")

דער סאטירישער הומאר האט אין זיך אזא געוואלדיקן צויבער־קראפט וואס נעמט ארויס נשמה־פלעקן מיט געלעכטער...

פון מחבר.

ש. ד. זינגער, אין א רעצענזיע איבער ב. קאוונער'ס „הומאריסטישע מעשה'לעך" שרייבט אין צוקונפט פון יאנוואר 1935 אונטערן קעפל „הומארעסקס מיט א מוסר־השכל" פאלגענדעס:

— — — בכלל אבער, איז די אייגנשאפט ביי'ם הומאריסט פאר־שידן: נישט בלויז פארגעניגן ארויסרופן, איז אמאל דער הומאריסט אויסן, פריער פאר אלץ וויל ער דערציילן אזוינס פון וואס ער אליין, דער שרייבער, האט הנאה געהאט; איידער זיין געלעכטער שטעקט אן אנדערע, פילט מען אין זיין שרייבן, אז ער גופא האט געלאכט, מיטגעלאכט מיט די העלדן זיינע, געלאכט — אבער ווינציקער אפגעלאכט, אמאל אויס טיפן רחמנות באווייזט זיך א שמייכל ביי'ם דיכטער; ער האט בכלל קנאפע כוונות אין זיין געלעכטער, די כוונה זיינע זעט מען ארויס נאר אין דעם אופן פון שילדערונג, און דעם אופן פון געבן שטיקער לעבנ'ס־שטייגער, סיטואציעס אמת'ע, אין דעם צוזאמענברייגנען זיינע העלדן און ווי אזוי זיי רעאגירן איינער אויפן צווייטן. — — — — ער האט א פונקציע מיט זיין שרייבן, כמעט אין יעדע פון די קורצע מעשה'לעך און סתם שטיפערייען, איז פאראן א מוסר השכל, אמאל גרויס אפילו ווי א שפילקענע־קעפל, אבער א מיין, א כוונה'לע, א רמז אויף עפעס, און פאר די וואס לייענען און הערן אים מיט גרויס חשק, איז דער דאזיקער מאראלישער מיין, אפשר גרויס גענוג און נישט באגרענעצט.

דער בעקאנטער אידישער פאלקלאריסט י. ל. כהן אין זיין בוך „דער איד וועגן זיך" אין זיין אפהאנדלונג איבער די טעמע: „א פאלק וואס האט ליב פון זיך גופא צו חוזקן" שרייבט אט וואס:

מען האלט אידן פאר גרויסע בעלי־גאוות, ס'איז שוין אזוי אנגענומען די מיינונג; אז אידן זיינען ביי זיך אין די אייגענע אויגן „אתה בחרתנו"־ניקעס" יא, א איד איז ביי זיך אנגעצויגן און האלט פון זיך שטארק, איבערהויפט, ווען ער רעדט מיט אנדערע, מיט נישט־אידן, אבער דער איד איז אויך שטארק זעלבסט־קריטיש און ער קארגט ניט קיין שטעכ־ווערטלעך וועגן זיך, אויך צוגעטראכטע מעשה'לעך וועלכע קריטיקירן און חוזקן אפ פון דעם אידנ'ס חסרונות, ניין, דער איד בעהאלט ניט זיינע חסרונות, יא, ס'איז זייער אינטערעסאנט ווי א פאלק האט ליב פון זיך גופא חוזק צו מאכן.

מיין פינקס

ערשטער טייל

פון דעם אידישן לעבן אין דרום אפריקע.

אַ הודעה און אַ בקשה.

אזוי ווי איך האַלט איצט ביי׳ם צונויפֿשטעלן דעם צווייטן באַנד פון „מיין פּינקס״, וועלכער וועט קירצליך דערשיינען, בעט איך אַלע מיינע פריינד און קאָלעגן סיי אין דרום אפריקע און סיי אין ארץ ישראל, אויב זיי האָבן וואָסערע מאַטעריאַל; וואָס זאָל זיך אַריינפּאַסן צו מיינע זאַמ־לונגען, זיי זאָלן עס צושיקן אויף פאָלגענדע אַדרעסן, וועל איך עס דרוקן אין זייער נאָמען. מיט דאַנק אין פאָראויס,

דער מחבר.

דעם מחבר׳ס אַדרעס:

אין אפריקע:

Rev. ISAAC FRIEDMAN,
4, Juliet Court. 90 Currie Road
DURBAN, S. AFRICA.

אין ארץ ישראל:

Rev. ISAAC FRIEDMAN,
P. O. Box 544,
JERUSALEM, Palestine.

א.

אויסגעזאגט פון חדר.

ווי מען רעדט צו אַ רב...

אין דער אויצהאָראַנער תלמוד־תורה — ווו איך בין געווען דער פרינציפאל — האט געדארפט קומען אַ גרויסער רב צו פארהערן די תלמידים.

אַ טאָג פאר דעם רב׳ס אנקומען, האב איך צונויף גערופן אלע תלמידים פון זייערע כתות און האב זיי אנגעזאגט: — ווען דער רב קומט אריין אין אַ קלאַס, זאלן זיי אים אפגעבן כבוד־התורה און זיך אלע אויפהייבן פאר אים און זאגן: גוט העלף רבי! ווען דער רב פרעגט אייך וואס, זאלט איר ביי׳ם ענטפערן, אים אנרופן מיט זיין ערן־טיטל „רבי!" פונקט אזוי ווי מען רעדט צו אַ דאקטער, זאגט מען: „הער דאקטער!" אזוי אז מען רעדט צו אַ רב, זאגט מען „רבי!"

דער רב איז געקומען, האָט ער צוערשט פארהערט די קלענערע קינדער, און האט זיי געפרעגט פארשיידענע פראגעס; פון די „ששת ימי בראשית", וועגן אדם מיט חוה׳ן אין גן עדן. און זיך געווענדעט צו אַ אינגעלע פון אַ יאר זיבן און פרעגט:

— „זאג נאר זונינקע: וואס איז געווען דער עונש, מיט וואס גאט האט באשטראפט דעם שלאַנג פאר זיין אנרעדן אדם און חוה׳ן צו פארזוכן פון עץ הדעת?!"

— דער אינגל האט זיך אַוועקגעשטעלט געקוקט דעם רב גלייך אין די אויגן און געזאגט: „פארשאלטן זאלסטו ווערן רבי, פון אלע חיות און אלע בהמות, אויפן בויך זאלסטו קריכן רבי, און די ערד זאלסטו קייען רבי, אזוי לאַנג ווי דו וועסט לעבן..."

אן עלטערער איד, וואס איז דארט דערביי געווען, האט מיט רוגזא אַ געשריי געטאן אויפן אינגל:

—שטיל שייגעץ! אזוי רעדט מען דאס צו אַ רב, וואס פאר־אַ־דיבורים איז דאס?!

דער רב האט אבער דעם אידן — מיט אַ שמייכל — צוריק־געהאלטן און געזאגט:

לאזט אים צופרידן, ער איז דאך אַ היגער אַפריקאנער אינגל, ווייס ער ניט צו זאגן צו אַן עלטערן מענטשן „איר״ אַזוי זיינען זיי דאך אלע היגע קינדער געוווינט צו זאגן צו איטליכן „דו״, טא וואס האט איר געוואלט, אז אזא יונגער קינד, דאַ געבארן, דאַ דערצויגן, זאל נאך וויסן צו זאגן: פארשאלטן זאלט א י ר ווערן רבי, אויפן בויך זאלט א י ר קריכן רבי, און די ערד זאלט א י ר קייען רבי?! נו מה רעש, ווייס ער ניט צו „אירצן״ האט ער געזאגט „דו״ אַבי דער מיינונג איז דער זעלביקער!...

ווער האַט צובראָכן די ערשטע לוחות?

אן ענגלישער יאַהודי, אַ קאמיטע מאַן, וואס איז געווען דער קאַסירער פון תלמוד־תורה, איז איינמאל אריינגעקומען אין זיין „היברו סקול״ [1]) צו זען וואס די „טיטשערס״ [2]) טוען אויף אין „די היברו עדיוקיישאן״ [3]) אריינקומענדיק אין אַ קלאַס האט ער באגריסט דעם לערער מיט די תלמידים: „גוד אפטערנון טשילדערן״. [4])

דורך אַ ווונק פון לערער, האט זיך דער גאנצער קלאַס אַוועק־געשטעלט און אלע מיט איין קול געענטפערט: „גוד אפטערנון מיסטער ברעמסאַן!״

דער לערער ווילענדיק ווייזן זיין קאַסיר וואס די תלמידים ווייסן פון חומש, האט זיך געווענדעט צו זיי מיט דידאזיקע פראגע: (אין ענגליש פארשטייט זיך)

— קינדער! ווער פון אייך ווייס, ווער ס'האט צובראכן די ערשטע לוחות?!

---

1) העברייאישע שול. 2) מלמדים. 3) העברייאישע דער־ציאונג. 4) גוט העלף קינדער.

נאך אַ קורצע ווײַלע שטילשווײַגן, הייבט זיך אויף אַ אינגל אַ צושראקענער און מיט אַ ציטערדיקע שטימע זאגט ער:

— „ס'ניט איך רבי, ס'ניט איך! איך קען שווערן בײַ יעזוס קריסטוס, אז איך האב דאס ניט געטאן!"...

דער קאַסיר קוקנדיק דעם אינגל אין די אויגן זאגט: איך קען זען אז דער „לויפער"[5]) האט דאס יא געטאן... נאר דאסמאל רבי, שיינקט אים, ווענדנדיק זיך צום אינגל; האט ער אים געווארנט; נאכאַמאָל שייגעץ; אז דו וועסט וואס צו ברעכן, וועסטו גוט באַ־שטראפט ווערן און דײַן פאטער וועט מוזן באצאלן פארן שאדן!

אַ פרוי קען קיין סוד ניט האלטן...

דער פארשטארבענער רעווערענד זכריה לאָרונץ ז"ל פון בלומפאַנטיין, האט עקזאמענירט מײַנע תלמידים אין שופטים. דער־נאך ווי די קינדער האבן אים דערציילט די גאנצע געשיכטע פון „שמשון מיט דלילה'ן" פרעגט רעוו. לאָרונץ:

— נו קינדער! קענט איר מיר זאגן; וואס איז דער מוסר־השכל וואס איר לערנט ארויס פון דעם טראַגישן דורכפאַל וואס שמשון האט געהאט דורך זײַן דלילה'ן?

— דאס לערנט אונדז, הער ראַבינער, — האט אַ תלמיד גע־ענטפערט: אז אַ מאן טאר קיינמאל, אונטער קיינע אומשטענדן, נישט פארטרויען זײַנע סודות צו זײַן אייגענע ווײַב, מעג זי זײַן בײַ אים זײַן שענסטע און ליבסטע...

רעוו. לאָרונץ: — שמײַלענדיק — אזוי; איז דאָס דער מוסר־השכל וואס דו לערנסט דערפון?

דער תלמיד: איך ווייס, הער ראַבינער, וואס איר האט געוואלט איך זאל זאגן, איר האט געמיינט: דער מוסר־השכל זאל זײַן, דאס שמשון אלס אידישער העלד, האט ניט געהאט דאס רעכט זיך צו מישן מיט די פלישתישע שיקסעס!...

רעוו ל.: — יאָ, דאָס איז ריכטיג, נו, און פארוואָס האסטו טאקי דאס ניט געזאגט?

דער תלמיד: ווײַל, דאס וואלט זײַן אַ מוסר־השכל

---

5) צולאָזענער.

בלויז פאר אונדז אידן. און וואס איך האב געזאגט, איז מער אוניווערסאַל, דאס זאל זיין אַ ווארנונג צו אלע מענער פון אלע פעלקער...

וואס בלעם האט זיך געוואונטשן.

דאס האט פאסירט אין יאר 1912, ווען אין קיעוו רוסלאנד, (אונטערן צאַרסקן רעזשים) האט זיך דאמאלסט געצויגן דער היס־טאָרישער עלילת־דם־פראָצעס אויף מענדלביילעס, איך האב דאַ־מאלסט פאראינטערעסירט מיינע תלמידים מיט דעם גאנג פונעם פראצעס, די קינדער זיינען געווען אזוי געשפאנט, אז צו יעדער מיטוואך מיט׳ן אנקום פון די אויסלאנדישע פאָטשט, פלעגן זיי מיר שוין אנטקעגן קומען און מיר באווארפן מיט זייערע נייגעריקע פראגעס: נו וואס הערט זיך רבי מיט׳ן פראצעס? האלט עס שוין מען זאל ביילעסן בעפרייען? וכדומה.

דעמאלט האב איך גראַד געלערנט בלק מיט מיינע תלמידים. ווען מיר זיינען געקומען צום פסוק: „תמות נפשי מת ישרים, ותהי אחריתי כמוהו״, ווי בלעם האט זיך געוואונטשן: ער זאל שטארבן מיט אזא ערלעכן טויט ווי די רעכטפארטיקע (די אידן) און זיין סוף זאל זיין ווי זיי... האט זיך אַ תלמיד אַ שטעל געטאן און געפרעגט:

— רבי, וואס האט בלעם געוואלט, אז אַ רוסישער קאַצאַפּ זאל אים אַוועק הרג׳ענען צוליב אן אומזיסטן, אומנישטן בלוט בלבול?!

דער עקסידענט.

שבת נאכמיטאג בין איך געזעסן און געלערנט „פרקי אבות״ מיט מיינע תלמידים, איז אריינגעקומען אן עלטערער איד — דער גבאי פון שול און תלמוד תורה.

— גוט שבת, וואס, פרק לערנט איר גאר מיט די היגע קינדער? איך וואלט אייך ראָטן — עצה׳ט מיר דער אלטער — איר זאלט בעסער לערנען מיט זיי „שלחן ערוך״ זיי זאלן וויסן תפילין צו לייגן.

וויפל איך האב דעם אלטן דערקלערט די וויכטיגקייט פון

„פרק״ פאַר די תלמידים; ווייל דאָרט איז פאַראַן אי מוסר־היהדות, אי תלמודישע געשיכטע און דער געשליפענער סגנון פון לשון־המשנה, האט אלץ בישט געהאָלפן. ער מיט דאָס זייניקע; באר הלכות־תפילין, האב איך אים צוליב געטאָן און גלייך אויפן צווייטן שבת האב איך מיט זיי דורכגעלערנט די דינים פון תפילין.

דער גבאי איז ווידער געקומען און זיי פאַרהערט, רופט ער זיך אָפּ צום קלאַס:

— נו קינדערלאך; איצט אז איר האט דורכגעלערנט די „לאָוס ענד רעגוליישאָנס״ [1]) פון תפילין, וועל איך אייך פרעגן: וואָסערע דאַרף מען פריער לייגן: אויפן האַנט צו אויפן קאָפּ?

— תפילין דאַרפן לייגן — האָבן עטלעכע יונגע קולות אויס־געשריען — פריער דעם של־יד אויפן האַנט און דערנאָך דעם של־ראש אויפן קאָפּ!

— עקסעלענט! [2]) — האט זיך דער גבאי געשמאַלצן פון נחת — ווי איז אָבער אַז ס׳וועט זיך מאַכן אַן „עקסידענט״ [3]) און „עקסעדענטלי״ וועט איר אַרויסנעמען פונעם תפילין־זעקל דעם של־ראש פאַרן של־יד וואָס וועט איר דאַמאָלסט טאָן?

— אָ גאָט באַהיט! — האט אַ תלמיד איראָניש אויסגערופן — ווען ס׳זאָל זיך מיר חלילה מאַכן אַזאַ שרעקלעכער „עקסידענט״ וועל איך תיכף אָנקלינגען צום „פּאָליס־סטיישאָן״ [4]) פאַר אַן אַמבולאַנס!״ [5])

דער מוראדיקער רשע...

חנוכה־צייט איז אין אַ תלמוד תורה געשטאַנען אַ לערער פאַר זיין קלאַס און דערציילט זיינע תלמידים די געשיכטע פון חנוכה. דער פּרעזעדענט פון ת״ת איז גראַדע אַריינגעקומען, זיך אוועק־געזעצט און אויסגעהערט די גאַנצע מעשה.

נאָכדעם ווי די קינדער האָבן פאַרלאָזן דעם קלאַס האט זיך דער גבאי אַ שטעל געטאָן מיט כעס און זאָגט צום לערער:

1) די דינים און רעגעלען. 2) אויסגעצייכנט!
3) אַן אומגליקספאַל, אומגליקלעכערווייזע.
4) פּאָליציי אַמט.
5) דער אָטאָבוס פאַר גיכע־הילף.

— „איך פרעג אייך; וואס וועט די תלמידים ארויסקומען פון די גאנצע סטאָרע, שמאָרע וואס איר קלאַפּאַטשעט זיי דארט אן אַ קאפּ, מיט עפּעס אַ יודע מאַקאַב, מיט אַ גרעק, אַ געטץ, אַ איד. אַ חזיר אַ געקוילעטן?... לערנט מיט זיי ליבערשט עברי, אַ שטיקעלע חומעס!...״

דער לערער אַ דערשראָקענער פון זיין גבאי׳ס קולות, האט זיך געגומען אנטשולדיקן:

— איך מוז נאכגיין די פּראָגראַמע, און אזוי זיינען די אינס־טרוקציעס פון מורה־ראשי.

דער גבאי נאכמער אופגערעגט דונערט מיט קולות: וואסער „פּאַגראַם״ ווער מאכט דא פּ א ג ר א מ ע ס?! און ווער איז דאס דער מ ו ר א׳ ד י ק ע ר ר ש ע פאר וועמען איר ציטערט דאס אזוי?! א י ך בין דא דער פּרעזעדענט, און וואס איך זאג אייך; מוזט איר גוט אויסהאָרכן און מיר דארפט איר פאלגן!...

אַ מעשה מיט קרעפּלאַך.

איין פרימארגן זיץ איך אין אפיס (ביורא) פון תלמוד־תורה. שטארק פארטיפט איבער אן אינטערעסאנטן בוך. פּלוצלונג עפנט זיך די טיר און עס לאזט זיך אריין אַ דיקע קליינגעוויקסיק אידינע, קיילעכדיק ווי אַ פּעסל, זי גייט צו פּראַמאַ צו מיין שרייב־טיש, און אן אַ גוט מארגן, גיט זי אַ בייזן קוק אויף מיר און קומט ארויס מיט איר מענה לשון: — איר זייט דאס דער רבי, דער מלמד, דער טיטשער, דער פּרינציפּעלע? איך ווייס; דער גאנצער מאַכער פון די חדר־קינדער?!

— יאָ, איך בין דאס דער אויבער־לערער און דער פּרינציפּאל פון תלמוד־תורה — נו, וואס האט איר געוואלט אידינע, וואס קען איך טאן פאר אייך?

— אזוי, זיינט איר דאס דער פּרינציפּעלע, וויל איך טאקי צון אייך ריידן, נישט סתם רעדן, נאר טאקי אייך אויסריידן... געוואלט האב איך שוין פון לייגגער אריינקומען און אייך איבערגעבן מיינע „קאָמפּליינס״ ס׳הייסט: מיינע קלאָגן וואס איך האב צון אייך... האב איך אלץ קיין צייט ניט, אט מען איז דא כסדר פאריאגט און פאר־

פלאגט אין קיטשן (קיך) מיט די שווארצע קאַפּערטעס, זאלן זיי אויסגעריסן און אויסגעפליקט ווערן, ווי מען ווערט פון זיי — שונאי ישראל — אויסגעריסן, פויל זיינען זיי ווי די קלעצער. היינט האבן זיי קעפּ הילצערנע, מען טאר פון זיי קיין אויג ניט אוועקנעמען, איר זאלט זיך נאר אויף אַ מינוט אַ רגע׳לע, אט נאר מיט אַ פינטל מיטן אויג — אפקערן פון זיי, אַ האַ! זיי האבן שוין דארט אייך אנגעמאכט אַ טאַרפע (טרפה) אַ סומאַטאַכע! אויסגעמישט די מילכיקע מיט די פליישיקע געפעס, אז מען קאן — שונאי ישראל — פון זיי צופלאצט ווערן! איז אַ ווונדער אז מען האט קיין צייט ניט, אז מען איז כסדר צוגעבונדן צום שטוב, צום קיך און מען קען צומאל דעם אטעם ניט אפדישען?! און דאס דארפט איר וויסן מיסטער פרינציפּעלע: אז איך בין ניט פון יענע „ליידיש״ די פארפוצטע אפגעפּארבטע דאַמעס, וואס לאזן אייך איבער קנין מיט מנין, און פארלאזן זיך אויף די שווארצע קאַפּירטעס, אז זיי זאלן זיי קאכן און פּאַכן, איז נישט געכשר׳ט, איז מילכיקע מיט פליישיקע, אַ דאגה זיי האבן, באט אייך אַ פייג פאר זייער גאנצער אידישקייט! אבי זיי פוצן זיך אויס, קאַלכן זיך און פארבן זיך אפּעט, און לאזן זיך ארויס איבער די גרויסארטיקע „קעפּיס״ שלינגען דארט אייז־קרים און שפּילן דארט אין די סאַלאָנען קאָרטן, ראָמי בלאָף און כל הקלאָגן... ניין איך בין ניט פון די טרייפנאטשקעס, איך ווייס אז איך האב אַ מאן וואס הארעוועט, קינדער וואס איך דארף פאר זיי צוגרייטן עסן, און כשר׳ע עסן... דערפאר בין איך דאס טאקי תמיד פארטופעט, און האב קיינמאל קיין צייט ניט, נאר איצט האב איך מיר אויף אַ ווײלע צוגעכאפּט צום בוטשערי (יאטקע) בין איך דאס אריין צו אייך, אייך אויסרעדן מיינע קלאגן וואס איך האב צון אייך!

דא האט די אידינע געביטן איר טאן און גענומען הויך אויפן קול שיטן שוועבל־און־פעך אויף די היגע חדרים מיט זייערע מלמדים צוזאמען.

— מושטיינז געזאגט, וואס פאר אַ אידישקייט אונדזערע קינדער קענען זיך דא אויסלערנען, אין אייערע אפריקאנער חדרים! טייערע אידן קענען פון אזעלכע תלמוד־תורה׳ס, מיט אַ זעטיקע

מלמדים — אויסוואקסן! יאָ, כ׳לעבן כדאי דא אין דער גאלדערנער מדינה אפריטשקע צו האבן קינדער, צו וועלן זיי חאטש וויסן וואס פון אידישקייט?! אויף וואס זיי זיינען אידן אויף דער וועלט! אט פונקט ווי די רויטע קו פון זונטיק... אט נאט אייך אַ פייג פאר די גאנצע תורה וואס זיי קענען זיך דא אויסלערנען!...

אט האב איך אַ נומלטן אויף טשיקאווער אַ פרעג געטאן בא מיין דזעקעלען: „דזעקעלע דיער״ [1]), זאג איך צון אים; ווייסטו וואס איז קרעפלאַך, און ווען עסן אידן קרעפלאַך?! קוקט ער מיר אן ווי אַ האָן אין בני אדם און שווייגט, ווי דער לשון וואלט אים חלילה אפגענומען, איך גיב אַ געשריי אויף אים: זאג, וואס שווייגסטו? האט גאר דער רבי מיט דיר דאס אלץ נישט געלערנט?

ער צעווייינט זיך און פרעגט מיר איבער: וואס קעפלאַך, קעפלאַך? ניין, דער רבי ניט געלערנט אבאוט (וועגן) קעפלאַך...

— נישט קעפלאך, נאר קרעפלאך, קרעפלאך! שריי איך צון אים, אבער רעד צון אים און רעד צו דער וואנט, אַ ליבער גאט! ער זאל אזוי פון קיין צער ניט וויסן, אז מען לערנט אים ניט, טא וואס איז דער חידוש אז ער ווייסט ניט? איך פרעג אייך מיסטער פרינציפעלע; פונוואנעט זאל מיין ארעמער שוועלבעלע טאקי וויסן פון קרעפלאך; אז מען האט אים ניט „עקספלייינט״?! (דערקלערט) אפשר האט אים זיין „סקאטש־סקול־טיטשער״ אין דער פּאַבליק־סקול אים געדארפט דארט דערקלערן וואס קרעפלאך איז? אז אין חדר לערנט מען אים ניט, מען דערקלערט ניט, טא פון־וואנעט פרעג איך אייך, זאל ער טאקי וויסן?! האַ?

— אבער, האב איך געפרווט די אידינע בארואיקן — מיר האבן די קינדער דערציילט און זיי דערקלערט; די גאנצע געשיכטע פון דער מגילת־אסתר, פון מלך אחשורש, פון המן׳ען, ווי ער האט געוואלט אומברייינגען און אויסראטן אלע אידן און ווי מרדכי הצדיק און זיין פלימעניצע אסתר המלכה האבן געראטעוועט די אידן פון אונטערגאנג, און דערפאר פרייען מיר זיך פורים אויף המן׳ס מפלה און אונדזער דאמאלסדיקער גאולה. און וואס אנבאלאנגט קרעפלאך,

---

1) ליבער יאַנקעלע.

דאס איז אַ הויז־זאך, יעדער מוטער ווען זי קאכט קרעפלאך און מאכט המן־טאַשן און דערלאנגט עס אירע קינדער אום פורים צום עסן — קען זי זאגן: אז פורים איז אַ מנהג באַ אידן צו עסן די דאזיקע מאכלים.

— אזוי גאר! — האט די אידינע אויסגעשריען, קרעפלאך איז באַ אים גאר אַ שטוב־זאך! הערט נאר, מיסטער פרינציפּעלע, אין וואסער ספר פראַלניק האט איר דאס געלערנט, האַ? כ'לעבן ס'איז נישטא ווער ס'זאל לאכן, אז אחשורש דער שיכור, דער הולטאַי האט זיך דארט אויף זיין סעודה גוט אנגעזויפן און זיך געהייסן ברייינגען זיין מלכה ושתי אט־אזוי־אַ, ווי זי שטייט־און־גייט פונקט ווי די מוטער האט איר געהאט... (נישקאשע איך ווייס פון צאינה וראינה די גאנצע מעשה אויף אויסווייניק) דאס איז באַ אייך אַ חדר־זאך, נויטיק דארפן דאס די היגע לויפערס וויסן... און קרעפּלאך וואס איז אנגעפּילט מיט אידישקייט, וואס באשיינט דעם הייליקן פורים, איז גאר באַ אייך בלויז אַ שטוב־זאך, כאַ, כאַ, כאַ, איך זאג אייך מיסטער פרינציפּעלע; אז איר האט מחילה, אַ גרויסן מיסטייק! (טעות) אין חדר מוז מען לערנען מיט די קינדער אידישקייט, מיר די מאַמעס אין די הייזער האבן קיין צייט ניט זיך צו עוסקן מיט דעם. מיר בלוטיקן זיך, צאלן שכר־לימוד, מיר שיקן אונדזערע קינדער צון אייך אין תלמוד־תורה און איר מיסטער פרינציפּעלע מיט די טיצערס מוזן עקספּליינען די קינדער וואס אזוינס איז קרעפּלאך, ווען מען עסט קרעפּלאך און פארוואסס מען עסט קרעפּלאך! איר הערט צו ניין?!

די אידינע האט ניט איינגעגעבן, ביז איך האב איר געמוזט צו זאגן; אז נאך דעם זעלביקן טאג וועל איך אליין, בכבודי־ובעצמי, געבן „אַ קרעפּלאך לעקציע״ פאר אלע תלמידים פון תלמוד־תורה.

ער ווייסט ניט ווער ויזתא איז.

אַ אינגל איז צוגעגאנגען צו זיין פאטער וועלכער איז געווען פארטאן אין שרייבן און חשבון'ען און אים געפרעגט אַ נארישע פוסטע פראגע, דער פאטער — אַן אויפגערעקטער וואס זיין אינגל טומלט אים דארט אַ קאַפּ מיט זיינע תם'עוואטע פראגעס — זאגט

מיט כעס: — אך זיי קיין ויזתא ניט, און האק מיר ניט מיין קאפ מיט דיינע נארישע פראגעס!

— זע טאטע, — פרעגט דער תּמ'עוואטער אינגל ווידער — און וואס אזוינס איז ויזתא?

— דא האט דער פאטער מיט כעס אויסגעשריען. אט דאס איז אפריקע מיט אירע מלמדים! דער יונג גייט שוין פינף יאר אין תלמוד־תורה, שוין איבערגעהאט פארשידענע מלמדים און ווייס נאך אלץ נישט ווער און וואס אזוינס איז געווען ויזתא! גיי מיין קינד אין חדר צו דיין רבין, דעם מלמד; דארט וועסטו דערגיין ווער און וואס ויזתא איז... און מיר לאז איצט צופרידן.

צו לערנען חומש אין רוסיש גיט ער ניט...

אין יאָהאַנעסבורג דערציילט מען: ווען די „היברו היי סקול" (העברייאישע הויך־שול) האט זיך נארוואס געהאט געגריגדעט, און דער גרינדונג'ס־קאמיטעט האט געזאמלט פאנדן אום צו זיכערן דעם פינאנציעלן צושטאנד פון דידאזיקע שול, איז איינער פון די גרינדער אוועק צו אַ רייכן ענגליש־דייטשישן יהודי, אים בעטן ער זאל געבן אַ גרויסע נדבה.

פרעגט דער יאַהודי: צו וואס דארפט איר דא אַ העברייאישע שול? מעג איך וויסן וואס אייער פראגראמע איז, און וואס וועט איר דארט אַ שטייגער לערנען אין אייער בייער שול?

ענטפערט דער גבאי: מיר וועלן דארט לערנען די קינדער: דאווענען, דקדוק, אידישע געשיכטע, די יסודות פון אונדזער רעליגיע און אין די העכערע קלאַסן וועלן מיר אויך לערנען חומש מיט רש"י.

דערהערט די לעצטע ווערטער, האט זיך דער יאַהודי אַ שטעל געטאן מיט כעס און געזאגט: „אַיי עם סאָרי, סיר, אַיי וואָנט גיוו יו א פעני" (ס'טוט מיר לייד, מיין פריינד, איך וועל אייך קיין פעני ניט געבן.)

אויפן פארוואונדערונג פון גבאי, וואס ער איז דא אזוי אויפ־געבראכט געווארן אויפן „חומש מיט רש"י" דערקלערט דער יאַהודי: אז די רוסישע אידן דארפן וויסן אז זיי זיינען שוין נישט מער אין רוסלאנד, און זיי געפינען זיך דא אין אַ בריטישע קאלאניע, דעריבער

דאַרפן זיי ניט לערנען די „ביבל וויטה ראַשיען״ (חומש אין רוסיש...)

דער גבאי האט אנפאנגס גארניט פארשטאנען, ווי קומט דא אריין רוסיש? אבער נאכדעם ווי ער האט געכאפט די כוונה פון דעם עם־הארץ׳שן טעות, אז דער יאַהודי האט דא פארביטן די יוצרות פון רש״י אויף ראשיען (רוסיש) האט ער דעם יאַהודי דער־קלערט: אז דא האנדלט זיך ניט וועגן ראשיען — די רוסישע שפראך, נאר וועגן רש״י וועלכער איז געווען איינער פון די ערשטע בעסטע קאָמענטארן אויף תנ״ך, און געווען איז ער אַ פראנצויזישער איד, וועלכער האט קיינמאל רוסלאנד אין די אויגן נישט אנגעזען, ערשט דאן האט דער יאַהודי אויסגעשריבן אַ טשעק אויף הונדערט גינעס פאר דער העברייאישער שול.

פון דעם וועגן, איז קיין מניעה ניט.

אַ פריוואט־לערער איז געזעסן אין אַ הויז פון זיינעם אַ בעל־הבית און געלערנט מיט זיינע קינדער העברייאיש. קומט אריין דער פאטער און צובייזערט זיך: — וואס לערנט איר דא מיט מיינע בנים: אייער נייע „טערקישע היברו״! אויב זיי וועלן ניט וויסן אז חאַטול (חתול) איז אַ קאץ, און אַכבאַר (עכבר) אַ מויז, וועלן זיי גאר זייער שטעטל ניט קענען באשטיין?! וואס פאר אַ קאַריערע קען זיי דאס געבן אין זייער „פיוטשור לייף?״ (אין זייער צוקונפט) לערנט מיט זיי ליבערשט עברי, פשוטע עברי פון סידור ארויס ווי דער רבי האט מיט מיר, מיט אייך געלערנט, זאלן זיי האטש וויסן נאך מיין טויט, ווי נאכמיר קדיש צו זאגן!

— פון דעם וועגן — האט דער לערער מיט אַ שמייכל גע־זאגט — איז קיין מניעה ניט, קדיש קענען זיי שוין זאגן...

אין יאַהאַנעסבורג דערציילט מען דאס זעלביקע אויף אַ פאר־קערטן אופן:

דער פאטער איז אריין אין קינדער־צימער, געפינט ער ווי דער מלמד לערנט איין זיינע בנים קדיש זאגן, דערלאנגט ער — אַ דערשטוינטער — אַ פרעג: וואס איז דאס? וואס עפיס קדיש, דערווייל בין איך דאך נאכנישט געשטארבן?!

— אַה „נעווערמיינד״ (ס׳מאכט ניט) זאל אייך דאס ניט אַרן — האט דער מלמד זיך אפגערופן — ווארום ביז וואנען אייערע קינדער וועלן קענען זאגן גוט קדיש, וועט איר נאך אויסלעבן אייערע הונדערט־און־צוואנציק יאר...

ס׳וועט שוין זיין פאַר דער מאַמען אויך.

אן ענגליש־אידיש בחור׳ל איז געווארן אַ יתום פון זיין פאטער, קיין עברי האט ער ניט געקאנט, האט דערפאר דער חזן פאר אים אויסגעשריבן דעם קדיש אין ליטייבישע גרויסע בוכשטאַבן.

פון אָוונט ווען דער בחור׳ל איז געקומען אין שול, איז ער צוגעגאנגען צום חזן און אים געבעטן בזה הלשון:

— ענטשולדיקט רעוורענד, איך האב אייער אויסגעשריבענעם קדיש פארלארן, וועל איך אייך בעטן: איר זאלט אזוי גוט זיין איבערשרייבן פאר מיר דעם קדיש, און דאס קען איך אייך פאר־זיכערן; אז דעם קדיש וועל איך שוין גוט אבהיטן, און וועל אייך שוין נאכאמאל ניט באמיען, איך וועל עס האלטן, אז עס זאל מיר צוניץ קומען פאר מיין מאַמען אויך...

אין איין זמן געווארן בר מצוה.

אין אַ פארשטעטל פון יאָהאַנעסבורג האב איך געהאט צוויי תלמידים וועלכע האבן זיך אויסגעצייכנט אין זייערע למודים און געענדיקט דעם גאנצן קורס פון מיין תלמוד תורה. זיי האבן געדארפט לערנען העכערע למודים, פאר וועלכע איך האב ניט געהאט קיין קלאַס און אויך ניט קיין צייט זיך אפצוגעבן מיט זיי, האב איך זיי איבערגעשיקט צו אַ העכערע העברייאישע שול ווו זיי זאלן פארזעצן זייערע למודים.

אין עטלעכע חדשים ארום, איז דארט פארגעקומען דער יאָר־ליכער עקזאמען, האבן זיך דארט מיינע צוויי תלמידים אויסגעציי־כענט. ס׳האט מיט זיי געקלונגען אין יאָהאַנעסבורג, האב איך געהערט אז עטלעכע בעלי־בתים פון מיין קהילה גייען ארום איבערן שטעטל מורמלענדיק: — זעט איר — האבן זיי אלעמען געזאגט: די צוויי תלמידים אונדזערע האבן דא בא אונדז אין ת״ת אפגעלערנט

אזא לאנגע צייט און פרעגט וואס האבן זיי זיך דא אויסגעלערנט? ערשט; אין דעם שטאטישן „בית־מדרש־הגבוה״ לערנען זיי בלויז צוויי־דריי חדשים און הערט ווי עס קלינגט מיט זיי אַ וועלט, פּשוטע עלוים, זיי האבן זיך דארט אויסגעצייכנט אין גמרא, אין דקדוק און אין וואס ניט?!

אויף אן אלגעמיינעם פערזאמלונג האב איך דערויף דערציילט פאלגענדן עפּיזאָד:

אין אַ קליין שטעטל אין ליטע איז אמאל אריינגעפאלן אַ אידינע מיט קולות צו ר׳ לייב דעם מלמד אין חדר און שרייט: נאט זעט נאר זעט! — רוקט זי אונטער דעם מלמד אַ בריוול און ציינט אים — מיין יאַנקיטשקע איז בא אייך אין חדר אפּגעגאנגען אַ משך פון אכט־צו־צען זמנים נאָכאנאנד און באַ אייך איז ער נישט געווארן בר־מצוה, איצט קוקט וואס ער שרייבט פון פאניוועז, ווו ער לערנט דארט אין קיבוץ בלויז איין זמן איז ער שוין דארט געווארן בר־מצוה!!...

נאך אַ משל,

אַ הונגעריקער איד, אַ טרעגער, איז אמאל אין אַ פרימאָרגן אין מארק צוגעגאנגען צו אַ אידינע וואס זיצט מיט געבעקס, גע־קויפט פון איר אַ בייגל, צוגעביסן, דער בייגל האט אים אבער ניט געזעטיקט, איז ער צוגעגאנגען צו אַ צווייטע אידינע, געקויפט נאך אַ בייגל, פארטיק געווארן מיט דאס, און נאך אלץ ניט זאט געווארן, לויפט ער צו צו אַ דריטע אידינע, קויפט אַ בייגל עס אויפגעגעסן און איז ענדליך זאט געווארן, גייט דער טרעגער צו צו די לעצטע — און זאגט: הערט איר אידינע; מהיום והלאה קויף איך נאר בא אייך בייגל, ווייל אט האב איך געקויפט בא די אנדערע צוויי אידינעס האבן מיר זייערע בייגל ניט געזעטיגט און פון אייער איין בייגל בין איך ב״ה גלייך זאַט געווארן!...

צוליב די קינדער׳ס וועגן...

מיט יארן צוריק ווען איך בין געוועזן דער הויפט־לערער פון וויינבערגער ת״ת, האב איך אמאל אום חול המועד פסח באזוכט אַ דערבייאיקע שטעטל, שפּאַצירנדיק דארט אויפן טראַטואַר, איז ווי

פון דער העלער הויט אויסגעוואקסן פאר מיר, אַ ברייטביייניקער־פעסט־געבויטער איד, מיט צושויבערטע געדיכט־שווארצע טשאָפּ־רענעס, אַ קיילעכדיק פארשאָרן בערדל, פארקאשערטע ארבל, אפן געשפילעט ברוסט, און ברומט ארויס מיט זיין באַסאָווע שטימע: איך בין דאס גענאָסע טאָביאַנסקי, דער בייציקעלעטן מאַכער פון „נעקסט דאָר" זיינט איר דאס דער רבי פון מיין באָריסן?

נאכדעם ווי איך האב נאכגעדיינקט און זיך דערמאנט אז איך האב אַ תלמיד אין איינעם פון מיינע קלאסן מיטן נאמען באָריס טאָביאַנסקי, און האב אים געענטפערט: אז זיין אינגל לערנט אין מיין קלאַס, איז דער גענאָסע ארויס מיט לשון, געברומט האט ער רוגזא'דיק מיט זיין באַסאָווע שטימע:

— וואס ווילט איר דארט מאכן פון מיין באָריסלען אַ רב, אַ פינצטערלינג אַ שווארץ־מאה'ניק? ווער האט דאס אייך געבעטן איר זאלט דארט איינקנעלן מיט אים: קשיות, קידוש, הגדה, חד גדיא מיט די אלע אלטע זאַבאָביכעס?! דא זיינען מיר אין די פרייע אפריקע, און ניט מער אין די קליינע שטעטלאך פון ליטע, ווו די פארשמאלצענע מלמדים, די רבייאים פלעגן דארט איינלערנען די קינדער רעליגיע און אלע אויבערגלויבישע זאכן, זיי געמאכט אלט פאר דער צייט, דא ווילן מיר אז די קינדער אונדזערע זאלן אויס־וואקסן פרייע קינדער!

איך בין אליין ווי איר קוקט מיר אן אַ גענאסע פון בונד! — האט ער ווייטער געברומט — בין געווען אין דערהיים פון די ערשטע „סטאטשקעניקעס" געקעמפט פארן סאָציאַליזום, געווען אַ פראָלעטאריער און דא בין איך אויך אן ארבעטער, איך האב שוין לאנג לאנג פארגעסן פון די אלע פּאָוויאַלעטע און פארשימלטע צערעמאָניעס פון סדרים, מצות, קשיות או. ד. ג. טא וואס, פרעג איך אייך, האט איר דארט געוואלט פון מיין באָריסלען, וואס איר האט אים דארט אזוי אריין „געקלאַפּאַטשעט" אין קאָפּ דעם פסח מיט אלע פליטערקעס?

איך האב געפּרווט דעם גענאָסע איינשטילן און געזאגט: אז זייענדיק אַ מלמד, אַ העברייאישער לערער. פאר וועלכן אמט איך קריג באצאלט, איז מיין פליכט אלס אַ זעלכער, צו לערנען מיינע

תלמידים די אידישע תורה. די אידישע געשיכטע, און איבערהויפט זיי אויפקלערן דאס ווערט, ווען און וויכטיגקייט פון אונדזערע באציאנאלע ימים טובים, אויב איר זיינט אַ געשווירענער געגאָסע פון בונד, און אַ אויסגעשפּראכענער סאָציאַליסט, רעוואָלוציאָנער אדער „סטאַטשקעניק" ווי איר רופט עס, וואס איר שטרעבט — ווי איר זאגט — אז אייער באָריסל זאל אויסוואקסן אַ רעלעגיעזלאָזער פרייער קינד, הייבט צו וואס שיקט איר אים אין ת"ת אריין?

— דער געגאָסע: איך שיק אים ניט אין חדר, איך האב אפילו ניט געוווסט אז ער גייט דארטן צון אייך אין ת"ת, באר מיין ווייב, וויל פון אים פטור ווערן, נאכמיטאג ווען ער קומט פון סקול, מייקערט ער דארט די וועלט און פארדרייט איר דארט די קאָפּ, לאזט זי דאס אים גיין אין חדר, עלעהיי לייז צו ווערן פון אים פאר אַ פאר שעה. אגב, איז עס פארן אינגל אַ גאנצע שמחה, צו פארן אלע טאג מיטן באַן הין־און־צוריק. זאל איך וויסן אז ער וועט דארט, בא אייך אין חדר ווערן אַ גאנצער „צאַפּיק" און אונדז צוטיילן אַזאַ סצענע...

— וואס האט דען פּאַסירט? — האב איך דעם אויפגערעקטן געגאסע געפרעגט; וואס פאר אַ סצענע האט ער אייך דארט צו־געטיילט?

דא איז דער געגאסע טאָביאָנסקי געווארן מילדער, זיינע צוויי שווארצע אויגן האבן גענומען פינקלען מיט צופרידנהייט, און שטרעקט מיר אויס זיין האנט און באהארצט געשאָקלט און געדריקט מיינע, און זאגט מיט באגייסטערונג: איך גראַטולירן אייך רבי! איר זיינט — וואס מען רופט באַ אונדז — אַ מאַליעדעץ, אַ קינסט־לער, „אַ טשעמפּיען" פון אַ מלמד! אז איר האט בכח אזוי צו פאר־אינטערעסירן אייערע תלמידים, די היגע קונדייסים, מיט ענינים פון פסח, מצות, כוסות, קידוש, קשיות וכדומה, זיינט איר ווערט אַ מאַדאַל, און איצט הערט וואס עס האט פּאַסירט.

לעצטן מאָנטיק אוונט צום ערשטן סדר, ווען איך בין שפּעט ארום אכט אַזייגער פון מיין ארבעט אהיים געקומען, ערשט איך געפין אן איבערקערינעש, מיין באָריסל שטייט ביי'ם טיר און כליפּעט, האקט און בריקעט אין טיר און מיט היסטערישע געשרייען ליאַרמט

ער: סדר! מצות! קידוש! קשיות! ארום אים דרייט זיך דער ברודערל זיינער, דער קליינער װעלפּטשיק, אַ קינד פון אַ יאָר פינף העלפט אים אונטער מיט אַ געװײן, אַ געשריי, אַ געפילדער, די צװיי מיידעלעך מיינע אין שטוב װײנען. און די מאַמע, מיין װייב הייסט עס, שטייט איבער באַריסן און בעט זיך בא אים װי בא אַ גזלן: — זע באַריס, װאָס בינסטו משוגע געװאָרן, גיי אַריין און עס דיין „סאַפּיר" (װעטשיערע) מאַך דיין „האָום װאָרק" (זיינע שול אויפגאַבן) און גיי שלאָפן, װאָס קאַמאַנדעװעסטו, װאָס לייגסטו אַזוי איין די װעלט, מיר האַלטן נישט פון די „זאַבאַבעכעס" ברויט װעסטו בא מיר עסן, אַזוי װי אַלע טאָג! דו זאָלסט אפילו — שונאי ישראל — פּלאַצן, װעסטו בא מיר ניט אויספירן, דו װעסט בא מיר קיין מצה — װאָס זאָל דיר איבערפירן דיין „סטאָמאַק" (מאַגן) נישט קריגן! דו הערסט צו ניט!

— ער מיין באַריס, װיל פון קיין זאַך ניט װיסן, האַטש האַקט אים און בראַקט אים, ער שרייט מיט איין קול: ניין! נישט אַנדערש װי מצה, װיין, ניסלעך, קניידלאַך און אַ סדר מיט קידוש און קשיות װי בא אַלע אידן!... צו די שװעסטערלעך זיינע, װעלכע זיינען דאָרט אין שטוב ביים טיש געזעסן און געװאָלט עסן זייער ברויט־מיט־פּוטער און טיי, האָט באַריס אַריינגעשריען: ניט דערװעגן זאָלט איר זיך צוצורירן צו די ברויט, ס'איז חמץ! אידישע קינדער טאָרן דאָס היינט ניט עסן! „פלאָרי! סיידי! דאָנט איט דיס חמץ, לעסט יו'ל שורלי דיי!" (פלאָרי און סיידי! עסט ניט דעם חמץ, אַניט װעט איר געװיס שטאַרבן!...)

װאָס זאָל איך אייך זאָגן רבי, איך בין געװאָרן אַזוי אויפ־געבראַכט אויף מיין באַריסן, איך האָב מיר אַ כאַפּ געטאָן צו מיין „סטרעפּ" (רימען) און געװאָלט האָב איך אים אַריינלייגן, אַז ער זאָל שוין פאַר זאָגן אַ צענטן װעגן זיינע משוגעתן. איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אים צופּאַסטװען זיין לייב, אַז ער זאָל שוין בא מיר פאַר־געסן און פון זיין קאָפּ אַרויסשלאָגן, די מצות, די װיין, די ניסלאַך מיט זיינע קשיות און קידוש צוזאַמען!

דאָ האָט זיך אָבער מיין װייב אונטערגערוקט, פּאַרט אַ מאַמע און נאָך אַ אידענע דערצו, און װי זאָגט מען: „אַ אידענע בלייבט

אַ אידענע״ רופט זי זיך אָפּ צו מיר ווייסטו וואס באַרני, אז דער קינד האט זיך שוין יא אזוי איינגעשפארט, און דו זעסט דאך די קינדער האלטן מיט אים, זיי סטרייקן טאַ לאמיר זיי צוליב טאָן, זיי מאכן אַ סופרייז, מירן קריגן אַ ביסל מצה מיט ווייַן און מירן פאר זיי פראַוועו אַ שטיקל סדר, אט צוליב די קינדער׳ס וועגן.

— רוף איך זיך אָפּ, גוט אבער ווו ועסטו איצט אזוי שפעט באנאכט קריגן די מצה מיט די ווייַן און די שאר ירקות?

ווי באַריס האט דאָס דערהערט האט ער געכאפּט מיט זיין גאנצן קינדערשן זיסקייט און באגייסטערונג קושן די מאמען און מיר ארויפגעפאלן מיט צערטליכע קושן און זיך גענומען קלאַנען בא מיר מיט הייסע טרערן „פליז דעדי״ (זע איך בעט דיר טאטע) לאָז מיר גיין צום שמש, נאך מצות, איך וועל אלצדינג קריגן שוין תיכף!

וואס זאל איך אייך זאגן רבי, איך האב מיר שוין מער ניט געקאנט צוריק האַלטן, דער יונג האט מיר מיין האַרץ גערירט מיט זיין בעטן זיך און קלאַנען זיך, האב איך אַ שאָקל געטאן מיטן קאָפּ אויף — יאָ.

ווי מיין באַריס האט נאר באמערקט אז איך שטים צו, האט ער האַסטיק אַ כאַפּ געטאן אַ קאָרב, און שנעל ווי פייל־פון־בויגן אַרונטער געשפרונגען די טרעפּ גלייך אויפן גאַס און זיך געלאזן צו שמש׳ס הויז נאך מצה.

דערווייל בין איך אריין אין באָד־צימער, זיך ארומגעוואשן און איבער געטאָן, ווי זאגט איר: אויב שוין יאָ אַ סדר; טאָ זאל עס שוין זיין מיטן גאנצן יום־טוב׳דיקן גלאַנץ און קנאַק.

ווען איך בין אריין אן אויסגעפוצטער אין עס־צימער, האב איך צו מיין גרויס איבעראשונג געפונען פאר מיר אַ פיינע רירענדע סצענע, מיין דבורה אויסגעפוצט אין איר שענסטע ווייסע חופה־קלייד שטייט ביים טיש, וואס איז געווען באדעקט מיט אַ צאַרט־ווייסן טישטוך, לעם די צוויי זילבערנע פינקלדיקע ברענענדע לייכטער, (וועלכע די שוויגער מיינע האט מיט געגעבן איר טאכטער, זי זאל שבת און יום טוב אויף זיי ליכט בענטשן, די גאנצע צייט זיינען זיי געלעגן ערגעץ אין קופערט פארשטעקט) איצט פינקלען זיי ארונטער

פון טיש, און זי, מיין דבורה, שטייט איבער זיי מיט אירע הענדט די אויגן פארשטעלט און שלוכציעט... זי בענטשט דאס דעם ערשטן מאל אין אפריקע ליכט... מיינע צוויי קליינע מיידעלעך פלאָרי און סיידי שטייעןביידע פאַרגאַפּט און קוקן ארוף מיט ציטערדיקע הערצלאך צו דער מאַמען. ווי אירע אַקסלען צוקן... און פארגייט אין אַ שטילן מורמלענדיקן געוויין...

ווען די קינדער האבן מיר אין טיר באַמערקט, פרעגן זיי מיר ביידע שטיל מיט אַ קינדיש ציטער: „דעדי״, (טאַטע) זע די מאמע וויינט... פארוואס וויינט די מאַמע?...

איך בין שטיל צוגעגאנגען צו מיין ווייבל וועלכע האט צו דעם מאָמענט געשיינט ווי די זיבן זונען, שטראלן פון פרייד האבן געשיינט פון אירע האלב־פארוויינטע אויגן און מיר האבן זיך צוקושט און זיך געווינטשן אַ הארציקן גוט יום טוב...

אונטערדעסן איז אריין געקומען מיין באָריסל באַלאָדן מיט פעקלאך מצה, און דעם שמש׳ס בחורל טראגט אים נאך אַ קאָרב מיט כל־טוב; צוויי פלאַשן ווייַן, אַ פאַלומעשאַק מיט געפילטע פיש, אַ שיסעלע מיט חריין, חרוסת, אַ פאָר פונט ניסלאך, און די שאר ירקות, מיט עטלעכע הגדות אַ צולאָג.

מיר האבן זיך אלע געזעצט ארום טיש, און מיין באָריסל איז געווען מונטער לעבעדיק ווי אין זיבעטן הימל, זיינע אויגלאך האבן געפינקלט מיט פרייד, מיט שטאָלץ און טריאומף האט ער אויס־גערופן — לויט דער הגדה פראָגראַמע: קדש, אז מען קומט פון שול מאכט מען קידוש!

אנגעגאסן דעם ערשטן כוס האב איך אויסגעזונגען מיטן סקראַבאָוון יום־טוב׳דיקן ניגון אַ קידוש אז די ווענט האבן אזש געציטערט... מיינט ניט רבי, אז איך בין אַ גראבער יונג, איך בין אַ טאַטנ׳ס — און אַ פיינעם טאַטנ׳ס — אַ זון, מיין פאטער עליו השלום איז געווען דער בערימטער פילישאָקער חזן, און איך בין געווען זיין משורר, געשניטן זיך אויף חזן, איז קענען קען איך, נאר אויס פרינציפּ האב איך ניט געהאלטן דערפון.

וואס זאל איך אייך זאגן רבי, ביי׳ם קידוש מאכן ווייס איך אליין נישט וואס עס האט פאסירט מיט מיר, משמעות אז איך האב

מיר בשעת־מעשה פארלארן, מיינע געפילן האבן מיר באהערשט, עפעס האט מיר גענומען ציען ביי׳ם הארצן נאָגן, נאַגן, ווען איך האב גענומען אויף מיינע העכערע אויבערשטע טענער זינגען — אשר בחר בנו מכל עם, ורוממנו מכל לשון! האט זיך מיר טיף אין הארצן פארנאנדער געעפנט אַ קוואל פון זיסע ראָמאנטישע קינדערשע זכרונות און ס׳האט מיר אין דעם הייליקן קידוש־מאמענט אריבערגעטראגן אַהין אין מיינע עלטערנ׳ס היים. און דאס גאנצע פראכטפולע בילד פון אונדזער סדר טיש, דער טאטע אין זיין קיטל, מיט זיין לאנג־ווייס־גראָער באָרד, זיצט אויבן אָן אויפן הסיבה־בעט, ווי אַ פאטריעכאַלישער אידישער קעניג, די מאמע מיט אירע שיינענדיקע אויגן, מיטן ווייסן הויב אויפן קאָפּ; ווי אַ מלכה, און מיר די פרינצן און פרינצעסנס ארום טיש... דאס אלץ האט זיך מיר וויזיאָנירט אין מיינע געפילן און געדאנקען, ס׳איז מיר געווארן עפעס אזויווארעם, אזוי גוט אונטערן הארצן. און טרערן, הייסע זודיקע פרייד־טרערן, האבן מיר זיך געקייקלט פון די אויגן...

דערנאך האט אונדזער באָריסל מיט זיין קלינגעדיק־זיסן־סאָפּראַנע שטימעלע אויסגעזונגען דעם קידוש, געפרעגט די קשיות, און מיר האבן געזאגט די הגדה.

מיט איינווארט מיר האבן געפראַוועט די סדרים ווי אלע גוטע פרומע אידן פראווען און דאס אלץ — צוליב די קינדער׳ס וועגן...

אויב ער קריגט ניט יעקב׳ס, נעמט ער עשו׳ס.

די ערשטע יאָרן פון מיין אנקומען אין דרום אפריקע, האב איך פערבראכט אין קייפטאָן, דארט האב איך געהאט אַ בעקאנטן וועמען איך פלעג באַזוכן פון צייט צו צייט. געווען איז ער פון דערהיים, אַ ישיבה־בחור. גוט באַלעזן אין דער העברייאישער און אידישער ליטעראטור. בטבע איז ער געווען אַן אידעאליסט פון הייסן טעמפּעראַמענט. און נאך אין זיינע בחורשע יאָרן האט ער זיך מיט זיין גאנצן פייער אריינגעווארפן אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוצ־יאָנערע באַוועגונג, און אין די „רויטע אָקטאָבער־טעג״ פון פינפטן יאָר האָט ער געמוזט עוקר זיין פון ליטע (דאָמאלסדיקע צאַריסטישע רוס־לאַנד) געקומען אין אפריקע און זיך באזעצט אין קייפטאָן.

פון די אלט „פרענקישע אידישקייט" — ווי ער האט דאס מיט גאַל גערופן, האט דער דאזיקער פלאַם־פייערדיקער סאָציאַליסט — לחלוטין נישט געוואלט וויסן, געוועזן מלא רציחה אויף די אלע מצוות און מנהגים. ווען ער פלעגט אריין אין זיין עקסטאזיע, פלעגט ער זיך היסטעריש צושרייען: „נידער מיטן קלעריקאליזם, פאַנאַ־טיזם און מיט די אלע רעליגיעזע דאָגמעס צוזאמען!!"

— מיינע קינדער — האט ער מיר אמאל געזאגט: וועל איך בשום אופן ניט דערציען אויף דאס „פארשימלטע אידישקייט" אז איך האלט דערפון ניט, הייבט צו וואס זיי דארט אָנטומלען אַ קאָפּ מיט תורה, רעליגיע און מצוות?! גענוג! מיר האבן שוין גענוג געליטן דערפון, זאלן מיינע קינדער אויסוואקסן מענטשן, פרייע מענטשן! און ווען זיי וועלן קומען צו זייער אייגענעם שכל, וועלן זיי זיך אליין אויסקלייבן און געפינען זייער אייגענעם וועג אין לעבן.

— וואס צומביישפיל וועלן זיי זיין? — האב איך אים גע־פרעגט: ענגלאנדער, בורעס, אדער אפשר גאר קאַפירס?...

— ניין, זיי דארפן ניט געהרן צו קיין נאַציע, צו קיין ראַסע אין דער וועלט! — האט ער זיך געהיצט — זאלן זיי זיין אינטער־נאַציאָנאַלע, קאָסמאָפּאָליטן, וואס געהערן צו די מענטשהייט פון גאר דער וועלט, און „דאַצאָל"! (דאס אלעס).

— אבער, האב איך מיט אים ארגומאנטירט — ווען איר באגעגנט אַ מענטשן אין גאַס, איר שטעלט אים אָפּ און טוט אים אַ פרעג: וואס ער איז, צו וואסער נאַציע אדער ראסע ער באלאנגט? וועט ער דאך אייך, אויף געוויס, מיט שטאלץ ענטפערן: איך בין אַ בריטישער, אן ענגלאנדער, אַ פראַנצויז, אַ דויטשע, וואס אַ שטייגער, פרעג איך אייך, וועלן אייערע קינדער ענטפערן אויף דערדאזיקער פראגע? דער בלויזער ענטפער: מ ע נ ט ש ן! איז דא, ווי איר פארשטייט אליין, קיין ענטפער ניט. איר האלט דאך געוויס ניט פון דער גמרא אין בבא מציעא ווו ס'ווערט געזאגט: „אתם קרוים אדם ואין אומות העולם קרוים אדם" אז בלויז א י ר א י ד ן ווערן אָנ־גערופן מ ע נ ט ש ן... אבער די באַרבאַרישע פעלקער, ווערן ניט אנגערופן מענטשן... אויב איר ווילט אייערע קינדער זאלן אויפ־

וואַקסן בראַווע אויפריכטיקע מענטשן. דאן מוזט איר זיי, קודם־כל ; לערנען צו רעדן און פארשטיין אונדזער נאַציאָנאַל־שפּראַך־העב־רייאיש, און אונדזער פאָלקס־שפראך — אידיש, וויסן אונדזער געשיכטע, אונדזער רעליגיע און טראַדיציע. אנדערש : וועלן זיי קיין מענטשן ניט זיין !

דער אידעאל און מאָראַל פון אונדזער תורה און נביאים, צוזאמען מיט אונדזערע אייגנאַרטיקע טראַדיציאָנעלע מנהגים, איבערהויפט פון אונדזערע שבתים און ימים טובים, זיי געשטאלטן דאס אויס און לויטערן די נשמה אין דעם אידן־מענטשן ! די פּאעזיע פון אונדזערע לעגענדעס, די אידיש־טראַדיציאָנאלע אויסטייטשונגען פון אונדזער ספר־הספרים — דער תנ״ך, די זיינען דאס די בעסטע ווירקזאמסטע מעטאדעס פאר דעם דערציאונג פון אונדזערע קינדער, ווייל זיי און נאר זיי, רעדן צום קינד'ס נשמה. פאלן ווי דער באַ־גינען־טוי אויף זייערע יונגע צארטע הערצלאך, אנטוויקלען זיי און מאכן זיי וואקסן פאר עדעלע גוטע אידן־מענטשן ! דורכגעדרונגען מיט געפילן פון די בעסטע מענטשליכע זיטן און גוטע מידות, אָנ־געפילט מיט פּרינציפּן פון גערעכטיגקייט און ליבע צו דער גאנצער מענטשהייט.

עס האט אבער ניט געהאלפן קיין טענות און ארגומענטן, דער געשווירענער סאָציאַליסט־בונדיסט האט זיך געהאלטן ביי דאס זייניקע, ביז ס'האט פּאסירט דער פאלגענדער עפּיזאד.

* *

*

איינמאל ארום חנוכה־צייט, בין איך געשטאנען אין אַ ספרים געשעפט און האב דארט צוגעקליבן אַ פּאר תפילין וואס איך האב געדארפט פאר מיינעם אַ בר־מצוה תלמיד. ערשט דעם סאָציאַליסט'ס אַ אינגל פון אַ יאר צען, איז ארייגנעלאפן אין קראם און מיר באַגריסט : „האַללאָו אָנקעל !״ דערזעענדיק די פּאר געשליפענע פינקלדיקע תפילין, איז אים משמעות געפעלן געווארן, און רופט זיך אָפּ צו מיר — (אין ענגליש פארשטייט זיך) אַ סאַראַ פיינע גלאנציקע קעסטעלעך דאס זיינען ! וועט איר דאס מיר געבן פאר אַ קריסמוס־באָקס ? !

—„וואס אַ שטייגער וועסטו טאָן דערמיט?“ פרעג איך דעם אינגל.

— אין דידאזיקע גלאנציקע קעסטעלעך — האט ער מיט קינדערשע פרייד געפלאנט — וועל איך האלטן מיינע „סטעמפס“ (מאַרקעס) און די „סטרעפס“ (די רצועות) וועל איך אנטאָן מיין הילצערנעם פערדעל, דאס וועלן זיין גוטע לייטשעס...

אָלרייט מייקל! זאָג איך: היינט אָוונט וועל איך זיין ביי אייך אין שטוב, אויב דו וועסט מיר דערקלערן וואס אזוינס איז „קריסמוס“ און פארוואס קומט דאס צו געבן מתנות צו די קינדער אין די „האָלידיי“ (חאָגע) וועל איך דיר דאס דאָן געבן פאר אַ קריסמוס־באָקס.

— „אָלרייט סער“ האט דער אינגל מיט פרייד איינגעשטימט; איך וועל אייך „עקספליינען“ (דערקלערן) אלצדינג, וועט איר אבער קומען „פאר שור?!“ (אויף זיכער)

— „שור!“ פארזיכער איך אים, און דער אינגל איז אָוועק אַ צופרידענער.

דעם זעלביקן אוונט, האב איך באזוכט מייקל׳ס עלטערן, אריינקומענדיק אין שטוב האב איך זיי אלעמען געטראפן, מייקל איז מיר אנטקעגן געלאפן מיט זיין געוויינטלעכן „האללאו אָנקעל!“ און גלייכצייטיג מיר אַ פרעג געטאָן: נו, האט איר געבראכט אייער „קריסמוס־באָקס“ פאר מיר?!

— יעס! האב איך אים געענטפערט, און ארויסנעמענדיק די גלאַנציקע תפילין פון תפילין־זעקל און זיי אוועקגעלייגט אויפן טיש, האב איך געזאגט צום אינגל: אבער קודם־כל קום נאר ארויס מיט דיין דערקלערונג: וואס עס מיינט „קריסמוס?“

דער טאטע מיט די מאמען, מיסטער און מיסעס סאָציאַליסט, האבן געווארפן איבערראשענדע בליקן, אמאל אויף די תפילין, אַמאל אויף זייער זונאלע און אמאל אויף מיר, און מיט פרעגנדיקע אויגן צוגעקוקט צו דער סצענע וואס עס קומט דאָ פאר.

דער זונאַלע, מייקל זייערער, האט זיך אַ שטעל געטאָן, אנשטעלנדיק אַ פרומען פנים׳ל מיט אן ערנסטע מינע און מיט אַ ציטערדיקע שטימעלע, האט ער גענומען דערציילן די מעשה פון

קריסמוס. — — — — — — — — — — — — — — — — — —
געענדיקט האט מייקל זיין „סטאָרי" מיט דידאזיקע ווערטער: דער־פּאַר, יאר־איין־יאר־אויס אין די נאכט פון קריסמוס, פליט פון די הימלען ארונטער „אָלד פאַדער קריסמוס" אין געשטאלט פון הייליקן „סאַנטאַ קלאָוז" און דורך די קוימענס פון די דעכער קומט ער צו אלע שלאָפנדיקע קינדער, און לייגט אריין מתנות פון פארשיידענע שפּילצייג און צאַצקעס אין די זאָקן וואס היינגען איבער די קינדער'ס בעטעלאך...

בו איצט אָנקעל, אז איך האב אייך דערציילט די גאנצע „סטאָרי" פון קריסמוס „פּליז, קאַם עללאָנג" *) מיט אייער קריסמוס באָקס! האט דער אינגל מיט טראומף אויסגערופן.

ווען דער אינגל האט געהאלטן אין דערציילן די „מעשה קריסמוס" האבן טאַטע מאַמע געפּרוווט אים איבערשלאגן, אים פארשריען מיט אויפגערעגטע טענער, זיך געבייזערט אויפן קינד.

— דער טאַטע: מייק, סטאָפּ איט! [1])
— די מאַמע: יו בעטער שאַטאַפּ! [2])
— דער טאַטע: דאָנט טאָק נאָנצנס! [3])
— די מאַמע: סטאָפּ דזשאַבערינג! [4])

איך האב זיי אבער צוריקגעהאלטן, און אלץ געבעטן מייקלען ער זאל פארזעצן זיין „סטאָרי" ביזן סוף, ביז צולעצט איז דער פאטער געווארן אזוי אויפגעבראכט אויף זיין זונאלע, ער האט אים אזש געוואלט ממיתן.

— זייט ניט אזוי אויפגערעקט, האב איך אים גענומען באַרואיקן, אייער קינד איז דאָ לגמרי ניט שולדיק, שולדיק זייט איר, מיסטער סאָציאַליסט, איר האט דאך אליין געזאגט: אז מיט די „אלט פרענקישע אידישקייט" ווילט איר זיין קאָפּ ניט טומלען, קיין אידישע שפּראַך, קיין תורה, קיין אידישע זיטן און מנהגים, דארף ער ניט לערנען. קיין אידישע געשיכטע און לעגענדעס דארף ער ניט

---

*) זייט מוחל, קומט אַרויס מיט אייער „קריסמוס" מתנה.
1) הער אוף. 2) פאַרמאַך בעסער דיין מויל. 3) רעד ניט קיין נאַרישקייטן. 4) הער אוף פּלוידערן.

וויסן, אז אין די טעג פייערן אידן איבער גאר די וועלט, דעם היסטאָרישן יום טוב חנוכה. צינדן חנוכה ליכט, טיילן אויס צו זייערע קינדער חנוכה־געלט און דערציילן זיי פון די גרויסע העלדישקייט און גבורות, ווי אונדזערע אמאָליקע מאַקאַבייער־העלדן האבן געקעמפט, מלחמות געהאלטן און מנצח געווען די צאָלרייכע מעכטיקע ארמייען פון די העלעניסטן, די גריכן, דאס אלץ דארף אייער מייקל נישט וויסן און טאר ניט וויסן! און דאס יונגע צאַרטע הערצעלע פון אייער קינד, גארט, ציט און בייבקט נאך לעגענדארישע מעשה׳לעך, נו, אז מען דערציילט אים ניט ישראל׳ס געשיכטעס, מעשה׳לעך און לעגענדן, נעמט ער עשו׳ס!...

*

אויף מארגן האב איך אריינגעקראגן אַ נייעם תלמיד אין מיין אידישן חדר, מייקל איז געקומען און מיר געבעטן, אין נאמען פון זיינע עלטערן, איך זאל אים אריינעמען אין מיין „היברו סקול״.

פייפן ווי אַ שייגעץ איז פיין, עברי נאַרישקייט.

איך האב אמאל געלערנט מיט מיינעם אַ תלמיד, אַ אינגל פון אַ יאר זעקס, ס׳איז געווען דער צווייטער חודש זינט ער האט אנגעהייבן לערנען, האָט ער שוין געלייענט נישקאָשעדיק עברי, דער פאטער הערענדיק ווי זיין זונאלע לייענט אזוי געלויפיק די עברי, האט מיט איבערראשונג ארויסגעשריען צו זיין ווייב, וואס איז דארט געזעסן פון פאָרנט פון הויז אויף די „ווארענדע״ (גאניקל) און זאגט מיט התפעלות צו איר: קום אריין שרה! און הער ווי אונדזער מאָריסל לייענט שוין אזוי פיין פון סידור!

די מוטער: אַך, „באדער״ (טומל) מיר ניט מיט דיינע „נאָנסנס״! (נארישקייטן) קום בעסער דו ארויס אהער, און הער ווי אונדזער דזעראַלד, (אַ קינד פון דריי יאָר) „גאָד בלעס הים״ (גאט זאל אים בענטשן) פארט דא ארום אויף זיין טרייסיקל און „האָו נייס הי איז וויסלינג!...״ (אַ ווי פיין ער פייפט!...)

כל גוים אשר עשיתי...

נאך צוואנציק יאר וואס איך בין ניט געווען אין קייפטאָן, בין

איך דארט געוועון פאר אַ בעזוך און געשטאנען אין אַ ספרים געשעפט, רופט איך זיך אָפּ צו מיינע אמאליקע לערער־קאָלעגן: אז איך וויל צו פארן צו אַ דערבייאיקע שטעטל, איך וויל דארט אויף טשיקאוועס זען: אויב מיינע געוועזענע תלמידים, וואס האבן בא מיר געלערנט מיט 25 יאר צוריק, וועלן מקיים זיין דעם פסוק, און קומען זיך בוקן פאר מיר...

— פרעגן מיר די חברים: — וואסער פסוק?!

— זאג איך: „כל גוים אשר עשיתי יבואו וישתחוו לי״...

דער רבי מעג...

די קינדער פלעגן ברענגען אין חדר, פולע קעשענעס מיט „מאַבולס״ (דאס זיינען אזעלכע שטיינערנע, גלעזערנע קייקעלעך) וואס זיי פלעגן זיך מיט דעם שפילן און שטערן דערמיט דעם לערנען, האב איך זיי אנגעזאגט: אז זיי זאלן קיין מאַבולס אין חדר ניט ברענגען, און ווען איך וועל באַ עמיצן געפינען מאַבולס וועל איך עס צונעמען און פארניכטן.

אויף מארגן נאך מיין ווארנונג; האב איך דאך באמערקט באַ אַ קליין אינגל ווי ער שפילט זיך מיט אזא מאַבול, האב איך עס באַ אים צוגענומען.

נאכן לערנען ווען אלע קינדער זיינען שוין אהיים געגאנגען, איז דער אינגעלע צוגעקומען און מיר, געבעטן מיט אַ וויינענדיק־שטימעלע: איך זאל אים דאָס מאַבול צוריק געבן. — ניין, האב איך שטרייננג זיך געבייזערט — איך האב איינמאל אנגעזאגט און געווארנט מען זאל די מאַבולס אין חדר ניט ברענגען, און דו האסט ניט געפאלגט, וועל איך דאס דיר צוריק ניט געבן!

דאָ רופט זי אָפּ דער אינגאלע מיט אַ בעטנדיקע־שטימעלע: גאָט האט צו נח'ן געשוואורן אז ער וועט שוין נאכאַמאל אויף דער וועלט קיין מבול נישט געבן, אבער דער רבי מעג...

פארשטייט זיך אז פאר אזא חכמה, האב איך דעם קינד זיין מאַבול צוריק געגעבן.

ארויסגעטריבן פון דירה.

עקזאַמענער: פאַרוואָס האָט מען אדם מיט חוה׳ן אַרויסגעטריבן פון גן עדן?

תלמיד: מסתמה האָבן זיי ניט געהאַט צו באַצאָלן קיין „רענד״! (דירה געלט...)

מיר וואָלטן געווען אין גן עדן.

עקזאַמענער: וואָס וואָלט געווען ווען גאָט וואָלט אדם׳ען נישט געגעבן קיין חוה?

תלמיד: וואָלטן מיר נאָך עד היום געווען אין גן עדן...

די לייבעכע...

לערער: איצט אַז איך האָב אייך דערקלערט די מורא׳דיקע שטאַרקייט און דרייסטקייט פונעם לייב, קען ווער פון אייך מיר אָנרופן אַ וואָסער־ניט־איז חיה פאַר וועלכעס דער קעניג פון די חיות זאָל שטיין מיט שרעק פאַר איר?

תלמיד: יאָ, די לייבעכע...

וואָס איז קללה?

עקזאַמענער: וואָס איז קללה, זכר צו נקבה?

תלמיד: קללה איז נקבה.

עקזאַמענער: פונוואַנען נעמסטו זיך דאָס?

תלמיד: ווייל מערסטע פרויען שילטן...

ס׳איז נאָכניט געווען קיין אַטאָמאָבילן...

עקזאַמענער: מיט וואָס האָט קין דערהרג׳עט זיין ברודער הבל?

תלמיד: מיט אַ דובינע.

עקזאַמענער: פונוואַנען נעמסטו זיך דאָס?

תלמיד: ווייל דאַמאָלסט זיינען נאָך קיין אַטאָמאָבילן נישט געווען...

פונקט אַ פערטל.

עקזאַמענער: ווען אין דער וועלט געשיכטע, איז געווען אַ קריג; וואָס פונקט איין פערטל פון דער גאַנצער מענטשהייט איז טויט געפאַלן?

תלמיד: ווען קין האָט געהרג׳עט הבל.

פאַרוואָס פיש זיינען מערער פון אַלע באַשעפענישן?

עקזאַמענער: ווי איר ווייסט קינדער; האָט יעקב געבענטשט זיינע אייניקלעך — אפרים און מנשה — אַז זיי זאָלן זיך פרוכטפערן ווי די פיש אין וואַסער, פאַרוואָס זיינען דאָס די פיש די מערסטע פון אַלע באַשעפענישן?

תלמיד: ווייל צוויי שליש פון אונדזער וועלט, זיינען באַדעקט מיט אוקיאַנען און ים־וואַסער, און בלויז איין שליש איז יבשה. איז שוין ממילא מער פלאַץ, מערער פיש.

צווייטער תלמיד: ווייל בשעת ס'איז געווען דער מבול זיינען דאך די פיש נישט דערטרונקען געוואַרן, זיינען זיי דעריבער די מערסטע באַשעפענישן אויף דער גאַרער וועלט...

ווער האט געדינט און ווער האט געוואלט דינען?

עקזאַמענער: ווער האט געדינט פאַר אַ ווייב, און ווער האט געוואלט דינען פאַר אַ ווייב?

תלמיד יעקב האט געדינט, און שכם בן חמור האט געוואלט „דינהן" פאַר אַ ווייב.

אַ גוטער סימן

עקזאַמענער: ווען די בת פרעה האט אויפן ברעג פון ים־סוף דאס געפונענע קעסטעלע געעפנט, פונוואַנען האט זי דערקאַנט אז „מילדי העברים זה"?

תלמיד: אַן זיין ברית־מילה.

זיי האבן זיך געשטעלט אָפּטריקענען.

עקזאַמענער: וואס האבן די בני ישראל געטאָן די ערשטע זאך גלייך ווי זיי זיינען אַריבער דעם ים סוף?

תלמיד: זיי האבן זיך תיכף געשטעלט אויפן זון זיך צו אָפּטריקענען...

להדליק נר של תפילין.

אַ בר מצוה בחורל וואס דער רבי זיינער האט אים געלערנט ווי צו לייגן תפילין, און דער באַנקעט איז אויסגעקומען זונטאג־חנוכה, האט מען דעם בר מצוה בחורל מכבד געווען מיטן אנצינדן די חנוכה־ליכט, האט דער אינגל אויסגעזונגען די ברכה און פאַרענדיקט: להדליק נר של תפילין...

ווען עס גייט אויס די עלעקטריק.

עקזאַמענער: ווען צינדט דיין מאַמע ליכט?

תלמידה: ווען די עלעקטריאישע־באלייכטונג גייט פלוצלונג אויס, און הערט אויף צו ברענען.

ער געגעצט

אַן אָרטאָדאָקסישער איד פאַרהערנדיק די ת"ת קינדער פרעגט אַ אינגל:

— וואס טוסטו די ערשטע זאַך אין פרימארגן ווען דו שטייסט אוף פון בעט?

תלמיד: (אַ שטאַמלער) איך ג—ג—גע—נ—נעץ!*)

פאַרן שלאָף.

אַן עקזאַמענער האט אויסגעפרעגט די תלמידים איטליכן באַזונדער, ווי מען מאכט אַ ברכה אויף פּרוכט? גרינסן? אַ דונער? אַ בליץ? וכדומה, האט געפרעגט אַ אינגאַלע: וואס מאכט מען אין בעט, איידער מען גייט שלאָפן?

תלמיד: אין בעט מאכט מען: בורא נפשות...*)

וואס איז אַ מנין? און וואס איז אַ מזומן?

עקזאַמענער: קינדער קענט איר מיר ניט זאגן, וואס אזוינס הייסט אַ מנין?

תלמיד: ווען דריי אידן עסן צוזאמען, בענטשן זיי נאכדעם מיט אַ מנין.

עקזאַמענער: טאָ וואס זשע הייסט אַ מזומן?

תלמיד: מזומן איז דאס, וואס מיין פּאַפּאַ קומט אפטער צו קורץ, און מוז דערפאר געבן אַ וועקסל...

מיט אַ בלייפעדער!

לערער: לערנענדיק זיינע תלמידים שרייבן און אויסלייגן — פרעגט: בעני, מיט וואס האסטו דארט געשריבן דאס ווארט כח? (מיט אַ ק׳ צו מיט אַ כּ׳.)

תלמיד: מיט מיין בלייפעדער!

---

*) דער עקזאַמענער האט געוואלט דער אינגל זאל אים זאגן: אַז ער גיסט אָפּ נעגל־וואַסער און זאגט „מודה אני״. ווען דער איד האט אויסגעדריקט זיין אונצופרידנהייט אויף דערדאזיקער תשובה, האט דער לערער אים געזאגט: אז ער האט געדארפט פרעגן וואָסער תפילה זאגט מען גלייך ווי מען שטייט אוף? אבער לויט זיין פראגע, האט דער אינגל ריכטיג געענטפערט: — נאך אַ נס — האט דער לערער שמייכלענדיק באַמערקט — אז ער האט אייך ניט געזאגט — עפּעס אנדערש, וואס ער טוט אין פרימארגן גלייך ווי ער שטייט אוף פון בעט...

*) דער עקזאַמענער האט געוואלט אז דער אינגל זאל ענטפערן: „קריאת־שמע״ און די ברכה: „המפיל חבלי שנה״. דער תלמיד אבער קומענדיק פון פוילן, ווו דער מלמד האט אים דארט געלערנט; אז איידער מען גייט שלאפן דארפן — פארן גאנצן טאָג — מאכן די נאָך־ברכה — „בורא נפשות״, האט געענטפערט לויטן מנהג פוילן...

וואס מיינט אוכף?...

דער תלמיד אין קלאַס לייענענדיק אין אַ העברייאיש ביכל איז געקומען צום וואָרט „אוכף" (אַ זאָטל) און איז געבליבן שטיין, ניט געוווסט דעם טייטש. דער רבי וועלענדיק אים אַרויפירן אויפן וועג, ער זאל זיך אליין אַנשטייסן וואס דאס איז, זאגט: דו ווייסט, אַט וואס דיין טאַטע לייגט ארויף אויפן רוקן פון פערד...

— אַ יעס, רבי, מיין פאַפּאַס ווידזשעס! *)

ער ווייס פון דריי סעזאָנען.

עקזאמענער: וויפל סעזאָנען זיינען פאראַן אין יאר, און ווי ווערן זיי אנגערופן אין העברייאיש?

תלמיד: איך ווייס בלויז פון דריי, איך ווייס אבער ניט ווי מען רופט זיי אין העברייאיש.

עקזאמענער: וועלכע זיינען דאס?

תלמיד: דער פוס־באַל סעזאן, און די קריקעט, און טעניס סעזאנען!

געענטפערט אַ פראַגע...

בעני: דו ווייסט טאַטע, דער פרינציפּאַל האט היינט געפרעגט אַ פראגע און איך בין געווען דער איינציקער אינגל אין דער גאנצער תלמוד תורה, וואס האב געוווסט דאס צו ענטפערן.

פאטער: זייער שיין מיין קינד, וואס איז דאס געווען פאר אַ פראגע בענעלע?

בעני: ער האט געפרעגט ווער עס האט אויסגעהאקט די צוויי שויבן פון חדר־פענצטער...

דוד המלך צו בת שבע'ן...

עקזאמענער: ווער צו ווען האָט זיך באַנוצט מיט דעם אויסדרוק:

„בעסער לאָמיר אַריינפאַלן אין דיינע הענט, איידער אין די הענט פון אַ מאַן".

תלמיד: דאָס האָט געזאגט דוד המלך צו בת שבע'ן בשעת ער האט אוועקגעשיקט אוריה החיתין אין שלאַכט פעלד אנטקעגן די פלישתים...

דער רעטיביש.

דריי רייזענדער זיינען געקומען צו פאָרן צו אַ האָטעל, האָבן זיי

---

*) זיין פאטער'ס געהאלט, וואס ער פארשווענדעט לייגענדיק אויף רייסעס פון פערדן געלאָף.

דערלאנגט צום אינהאָבער אַ טייסטער מיט געלט און האָבן אים אנגעזאָגט: ער זאָל עס האַלטן בתורת פקדון אין זיין קאַסע; ביז זיי וועלן דאַרפן אָב־פאָרן, און דאַן מוז ער זיי צוריק געבן דאָס געלט צו זיי אַלעמען דריי צוזאַמען, ווייל ס'איז בשותפישע געלט וואָס געהערט צו זיי אַלעמען דריי.

די רייזענדער האָבן גענומען זייערע צימערן, אַראַנדזשירט דאָרט זייער באַגאַזש און זיינען אַרונטער אין שפייז־זאַל, זיך געזעצט צום טיש עסן מיטאָג.

אין מיטן מאַלצייט, הייבט זיך אויף איינער פון זיי און זאָגט: איך גיי אַריין אין באַר (ביר־זאַל) בעטן מען זאָל דערלאַנגען קאַלטעס ביר צום טיש, האָבן די צוויי צוגעשטימט. איז ער אַריין אין באַר, אַנשטאָט אָבער צו בעטן ביר, האָט ער געבעטן דעם אינהאָבער; ער זאָל אים געבן דאָס טייסטער געלט.

— דאָס געלט בעלאַנגט דאָך אָבער; צו אייך אַלעמען דריי — האָט דער אינהאָבער געזאָגט — טאָ ווי קען איך עס געבן צו אייך איינעם?

— טאָ פרעגט זיי, האָט דער רייזענדער געזאָגט.

— דער האָטעל אינהאָבער האָט אויפגעהייבן די פורטקע — וואָס צווישן דעם באַר און שפייז־זאַל — און פרעגט: הייסט איר מיר אים געבן?

— אַ יעס, האָבן דיביידע רייזענדער געשאָקלט מיט די קעפּ, גיט אים, גיט אים! (געמיינט האָבן זיי, אַז ער האָט געבעטן די ביר...) דער האָטעל אינהאָבער האָט דערלאַנגט צום רייזענדער דאָס טייסטער געלט, און דער האָט זיך אָבגעטראָגן און געמאַכט די פליטה.

אַז די צוויי רייזענדער האָבן זיך דערוווּסט וואָס זייער שותף, דער פויגל, האָט זיי דאָ אָבגעטאָן, האָבן זיי געמאָנט דאָס געלט פון אינהאָבער, האָט ער געטענה'ט: איך האָב דאָך אייך געפרעגט און איר אַליין האָט מיר געהייסן אים געבן, האָב איך אים געגעבן!

— טענה'ן זיי: אַז זיי האָבן געמיינט; געבן ביר, אָבער נישט דאָס געלט!

— — — —

איז איצט די פראַגע: צו דאַרף דער האָטעל אינהאָבער זיי אומקערן דאָס געלט, אָדער נישט?

דער ענטפער.

ניין, ער דאַרף נישט. מחמת ער קען טענה'ן: איר האָט דאָך; ביים איבערגעבן מיר דאָס געלט, אַליין אויסגענומען; אַז איך זאָל עס אייך צוריק־געבן צו אייך אַלעמען זאַלבעדריט, ווען איר זייט אַלע צוזאַמען. איצט אָבער; זיינט איר דאָך בלויז צוויי, טאָ ברענגט — זייט אַזוי גוט — דעם דריטן וועל איך אייך אומקערן אייער געלט...

ב.

קינדערשע חכמות.

די אַכט קייסעס.

אַ אינגל האט אין קראם אונטערגעהערט אַ שמועס וואס זיין מוטער די קרעמערקע, האט אנגעפירט מיט אַ קונד, אַ אידן, וועלכער האט דערציילט וועגן זיינע קייסעס (פראַצעסן), ווי ער האט מיט אַ וואך צוריק געהאט אַ קייס, (פראַצעס) מיט איינעם וואס האט אים געקומט געלט, און מארגן דארף ער פארקומען פארן געריכט וואס אַנאַנדערער קלאַגט אים.

מישט זיך אריין דער אינגל און זאגט: — אז די קומענדיקע וואך וועלן מיר האבן גאנצע אַכט קייסעס אין איינע פּאַר טעג...

די מוטער אויפגעבראכט, צושרייט זיך: — מאַריסל, גאָט איז מיט דיר! וואס פלוידערסטו דארטן, וואסערע קייסעס? מיר לאָדן זיך ניט, און קיינער לאָדעט אונדז ניט, מיר האבן ניט מיט קיינעם קיינע קייסעס!

— אָבער מאמע! נעקסטע (קומענדיקע) וואך געפאלט דאך פסח, וועלן מיר האבן צו פּיר כוסות צו יעדן סדר...

דער תם געפעלט אים ניט.

פאטער: (זאגענדיק די הגדה) — תם מה הוא אומר...

אייבי: אָ פּאַפּאַ, דערמאָן נישט זיין טריפה׳נעם נאמען; איך האב אים פיינט ווי אַ שפּין!

פאטער: ווערמעס נאמען זאל איך דא ניט דערמאנען?

אייבי: אָט דעם תם (טאָם...) ער איז אַ בורע שייגעץ, אַ נאַצי, ער איז מיין גרעסטער שונא, ווען איך קום ארויס פון קלאַס אויפן סקול־הויף, שלאגט ער מיר...

ער געזעגנט זיך מיט דעם רבש״ע.

אייזיקל׳ס עלטערן זיינען נישט געווען איבעריק פרום, האט ער דערפאר ניט געוואוסט פון צו דאווענען אלע טאג. איינמאל איז אייזיקל געפארן צו פארברייינגען זיין וואקאציע בא זיין זיידן אין די פריישטעט. דער אלטער איז געווען זייער א פרומער ארטאָ־דאָקסישער איד, האט ער פערלאנגט דורכאויס; אז זיין אייניקל זאל דאווענען אלע טאג, און אזוי האט אייזיקל געטאן דעם גאנצן חודש צייט וואס ער איז איינגעשטאנען ביי׳ם זיידן.

דעם לעצטן אוונט ווען ער האט געדארפט צוריק פארן צו די גאלדערנע־שטאט־יאָהאַנעסבורג, און אייזיקל האט געענדיקט דאַווענען מעריב, האט ער פארמאכט דעם סידור און אויפגעהויבן זיינע אויגלאך ארויף און געזאגט: — און איצט „גוד באַי״ (אדיע) מיין ליבער גאט! איך פאר שוין אהיים אין יאָהאַנעסבורג...

ליידיס פירסט.

ביי׳ם שוחט איז געשטאנען אַ פרוי מיט היינער צום קוילענען, אַ קליין איינגל שטופט דעם שוחט אן עוף אין האַנט און שרייט: קוילעט מיינע פריער!

דער שוחט בייזערט זיך אן אויפן איינגל, און זאגט: — דו בינסט דאך אן ענגלישער באַי, טו ווו איז דיינע „מענערס״? (דרך ארץ). זעסט, דאָ שטייט דאך עפעס אַ דאמע, איז זי דאך בילכער ווייל „ל י י ד י ס פ י ר ס ט״! (פארצוג פאר דאמען!)

ד ע ר א י נ ג ל: אויב איר האַלט טאַקי פון דעם דין: אז „ליידיס פירסט״ מוזט איר מיינע קוילענען פריער; ווייל די פרוי האט בלויז ה ע נ ע ר און מיינע איז אַ ה ו ן...

ער איז ענגלאנדער פון קאָפּ ביז די פיס.

ווען מען האט ביי׳ם סוף פון דער וועלט מלחמה, אריבער־געבראכט אין דרום אפריקע 250 יתומים פון אוקריינע, האט מען פאר זיי געמאַכט אַ גרויסארטיקן קבלת פנים אין זייער נייער היים, אין דעם בית היתומים „אַרקיידע״ אין יאָהאַנעסבורג.

אין יענעם טאג זיינען אהין געקומען דאס גאנצע אידישע

באפעלקערונג פון יאָהאַנעסבורג און ארומיקע שטעטלאך צו מקבל פנים זיין די גערעטעטעוועטע אומגליקלעכע יתומים.

אַן ענגליש־אידישע דאמע איז צוגעגאנגען צו אַ קליין יתום׳ל, אַ פיינער אידישער איינגעלע, זי האט אים צערטליך געגלעט און פרעגט אים — אין אַ געבראכענעם אידיש: — קינד מיינער, קענסטו שוין עטוואס רעדן ענגליש?

— ענטפערט דער איינגעלע מיט אַ שמייכל: יעס מאדאם! פון קאָפּ ביז די פיס בין איך שוין אַן ענגלאַנדער! מען האט אונדז אויפן שיף געלערנט ענגליש: ווייס איך אז: קאַסקעטל איז — קעפּ, רעקל: איז — דזשעקעט, הייזלאך; איז טראַוזעס, זאָקן — איז סטאָקינגס, און שיך — איז שו׳ס, הויכע שיך — בוטס, בין איך ניט אַן ענגלאנדער פון קאָפּ ביז די פיס?!...

זיי האבן זייער אייגענעם שבת־גוי...

איינמאל אַ פרייטיק פארנאַכט, ערב דעם ענגלישן פאלקס פייערונג „גייפאָקס״[1] קומט צולויפן פון גאַס אַ קליין אידישער אינגל מיט אַ פעקל אין האנט און שרייט ארײַן אין שטוב: דאָרע! קום ארויס וועל איך דיר ווייזן די פיינע „קרעקערס״[2] וואס איך האב געקראגן פאר היינט באנאכט!

ווען זיין שוועסטערל דאָרע, איז ארויסגעקומען, האט דער אינגל מיט גרויס קינדערשע באַגייסטערונג געכאַפּט זיין פעקל, עס פארנאנדער געעפנט און געוויזן: זעסט דאָרע, אָט־אָ־די קלייניקע באָמבעלעך, אוי וועלן זיי דאס שיסן און קנאַקן; אז ס׳וועט אזש גיין אַ רויך! און די שטעקעלעך־רערעלעך; דאס איז פייערווערק, אז מען צינדט דאס אָן פליט דאָס צום הימל ווי אַ רויטער פלאַם־פייערדיקער שלאנג און דערנאָך צושיט זיך עס אין שטערן...

רופט זיך אָפּ דאָרע: — אבער מאַקסי! היינט אוונט איז דאך

---

1) „גייפאָקס״ איז אַ פאָלקס־פייערונג וואס ווערט געפייערט איבער גאַנץ מלכות ענגלאַנד; איבערהויפּט איז דאָס אַ קינדערשער יום־טוב, פון שיסעריי און וואַרפן פייערווערק.

2) שיס־און־קנאַק מאַטעריאַל.

פרייטיק־צו־באכט שבת! און דער רבי אין חדר; האט דאך אונדז אנגעזאגט אז שבת טאָרמען ניט רייבן קיין שוועבעלאַך און ניט צינדן קיין פייער, טא ווי וועלן מיר טאָן באנאַכט?!

— „וועל, ס'איז גארניט!" — זאגט מאַקסי — מירן בעטן דעם פאַפאַ, וועט ער אנצינדן פאר אונדז!...

דער פארמאַסקירטער „סאַנטאַ קלאָוז"...

אין פערלויף פון דעם קריסמוס־סעזאָן קען מען אין יאָהאַנעס־בורג מערקן: ווי בא די אריינגאנגען פון די גרעסערע געשעפטן, ווי בא די באַזאַרס און דאס גלייכן, דרייען זיך ארום פארמאסקירטע־פיגורן אין גאנץ־לאנגע רויטע מאנטלען מיט ברייטע ארבל; אין געשטאלט פון אַן אַלטן מאן מיט אַ לאנג־גרייז־גראָען בארד, זיי שטעלן דאס פאר דעם „סאַנטאַ קלאָוז" פאר די קינדער, כדי זיי מיט זייערע מוטערס צו־צו ציען, זיי זאלן אריינקומען אין די גע־שעפטן איינקויפן.

ארום איינעם פון די גאלאנטרי־געשעפטן אין יאָהאַנעסבורג, האט זיך ארומגעדרייט אזא מיסטיריעזער פיגור, באגריסנדיק די קינדער און כאַפּענדיק אַ שמועס מיט זיי, איינמאל האט דערדאזיקער פארשטעלטער באמערקט, ווי צוויי קליינע קינדער; איינער אַ אי־דישער, דער צווייטער אַ קריסטליכער, האבן זיך אוועקגעשטעלט ביים שוי־פענצטער פון די שפילצייג און צאצקעס־אויסשטעלונג און האבן ארגומענטירט צווישן זיך:

— דער אידישער: איך זאג דיר אז קיין „סאַנטאַ קלאָוז" איז אויף דער וועלט נישטא, דאס איז בלויז אַ פיקציע אן איליזיע און אן אויסגעטראכטע זאך.

— דער קריסטליכער: יעס, ס'איז יאָ פאראן אַ „סאנטא קלאוז" אט איז ער לעצטן יאר קריסמוס־נאכט, געקומען צו מיר און מיר געלאזן אַ סך מתנות, און קומענדיקן קריסמוס וועט ער ווידער קומען צו מיר — אזוי האט מיר מיין טאטע אליין גע־זאגט — און וועט מיר ברייגנען זייער אַ סך פרעזענטן.

— ניין! — האט דער אידישער בויטשיקל זיך געשפארט — און איך זאג: אז קיין „סאַנטאַ קלאָוז" עקזיסטירט נישט!

דאַ האָט זיך דער פאַרמאַסקירטער־פיגור צוגעבויגן צום איי־דישן־אינגל׳ס אויער, און אים אריינגערוימט אַ סוד; אויף ריין „מאַמע לשון״: ליבער אינגאַלע, צו וואָס דאַרפסטו זיך שפּאַרן מיט׳ן קריסטלעכן שייגעץ?! וואָס אַרט דאָס דיר אַז דער שייגעצל גלויבט יאָ אין מיר?...

געוווּנען די האַלבע קריין.

אין אַ פאָלקס־שול פון אַ קליין שטעטל אין קאַפּ־קאַלאַני, איז אַמאָל אריינגעקומען דער דאָרטיקער גלח, פאַרהערן די קינדער אין דער ביבל.

דער גלח צום קלאַס: קינדער; איך וועל אייך פרעגן אַ פראַגע און דער וואָס וועט געבן די ריכטיקע תשובה, קריגט פון מיר אַ האַלבע קריין:

— וועמען אין דער גאַנצער וועלט ליבט איר אַמבעסטן? איר מוזט אָבער אָנגעבן איין פּערזאָן!

— דזאָני: (אַ קריסטליכער אינגעלע) איך ליב מיין מאַמען!

דער גלח: זייער פיין מיין קינד, וואָס איז אָבער מכח דיין טאַטן? מען מוז ליבהאָבן פאָטער און מוטער צוגלייך.

— פלאָרי: (אַ קריסטליך מיידעלע) איך האָב ליב מיין טאַטן מיט מיין מאַמען!

דער גלח: זייער שיין מיין קינד. איך האָב אָבער געזאָגט בלויז איין פּערזאָן!

נאָך עטליכע קריסטלעכע קינדער האָבן געפּרוּווט ענטפערן, דער גלח איז אָבער אַלץ ניט געווען צופרידן מיט זייערע תשובות.

הייבט זיך אויף אַ אידישער אינגעלע אייזיקל; און זאָגט: איך ליב דעם לאָרד יעזוס קריסטוס!

דער גלח איז פאַרגאַפט געוואָרן און רופט אויס: דאָס איז ריכטיק! דו בינסט דאָך אָבער אַ אידיש קינד?!

— אייזיקל: איה, צו ניט איה, ביזנעס איז ביזנעס, איך האָב געטראָפן און איר זייט מוחל, קומט אַרויס מיט דער האַלבער קריין!...

יערע איז אַריין...

איינמאל אום יום־כיפור איז ערגעץ פארגעקומען אַ גרויסער רייס (פערדן געלאַף) אין שול צו מנחה איז געזעסן מר. לואיס און ס׳האט אים געדופעט, ער האט זייער געוואלט וויסן דעם רעזולטאט פונעם „רייס״ וואסער פערד ס׳איז אריין דער ערשטער. האט ער ארויסגעשיקט זיין אינגל, ער זאל אויפן גאס פאר אים אויסגעפינען, וועלכער פערד ס׳האט געווונען דעם „רייס״?

סאָלי איז ארויס אויפן גאס, געזוכט וועמען צו פרעגן, פלוצלונג דערזעט ער ווי אַ מאן געקליידעט אין לאנגע שווארצע בגדים פאר־טיפט אין אונט צייטונג, לייענט גייענדיק, שטעלט ער אים אפּ און פרעגט: — פליס סער! (איך בעט אייך מיין הער!) קענט איר מיר ניט זאגן פון צייטונג, וועלכער פערד האט געווונען די לעצטע רייס?!

דער בורישער פרעדיקאנט (גלח) פארגאפּט און דערשטוינט, וואס אזא קליין אינגל זאל שוין זיין פאראינטערעסירט אין „רייסעס״, האט קוקנדיק אויפן פרעגער אויסגערופן: אַ יערע! [1]

דער אינגל איז מלא שמחה אריינגעלאפן אין שול צו זיין טאטן וועלכער איז געשטאנען איבערן מחזור און געדאַוונט, און מורמלט אים אריין אין אויער: דו ווייסט פאפא, „י ע ר ע״ א י ז א ר י י ן!

דער פאטער אן אויפגערעקטער דערלאנגט פאר כעס אַ שמיץ דעם מחזור אן לאַווקע, און זאגט: אך, דאָנער וועטער, שוין ווידער אן אויטסיידער!...[2]

ער וועט מוזן לויפן...

א י י ב י: דער עלצטער ברודער; פרעגט זיין אינגסטן ברודערל, אַ אינגל פון אַ יאָר זעקס: — מאָנטי; ווען דו וועסט אויסשטודירן און דו וועסט גרויס ווערן, וואָס וואָלסטו וועלן זיין?

---

1) דאָס איז אַ בורישער אויסגעשריי ווי „אַ גאָט!״ „יערע״ איז באַ זיי „יעזוס״... 2) „אַ דרויסנדיקער״ סיהייסט אַן אונגעריכטער און אומבאַקאַנטער פערד, וואָס קיינער האָט זיך ניט געריכט אַז דער פערד וועט געווינען.

מאַנטי: „אַ דאָקטאָר אָווקאָס!" (גאַנץ געווים.)

איי בי: ווּעסטו צו דיינע פּאַציענטן גיין צופוס, אדער דו וועסט פאָרן?

מאַנטי: די ערשטע צייט; איידער איך וועל האָבן גענוג געלט צו קויפן אַ קאַר וועל איך גיין צופוס, אָבער איך'ל מוזן לויפן האַסטיק.

איי בי: פארוואס עפּעס לויפן, וואָס איז די היילינגעש?

— „ווייל" — האָט מאַנטי געענטפערט: אויב איך'ל מאַכן שהיות; און זיך ניט אונטערהיילן, קען באַך דער חולה־אונטערדעסן — אדער געזונט ווערן, אדער גאָר אָוועקשטאַרבן, ווּעט מען מיר ניט באַצאָלן פאָרן וויזיט, דערפאַר וועל איך מוזן לויפן האַסטיק...

אַ קינד ווייס קיין חכמות ניט

האט „דעדי"[1]) אייך נאכניט אנגעפייפט?...

מר. פייטעלאָוויץ דער „לענדלארד"[2]) ארויפגייענדיק די טרעפּ וואָס פירט צו זיין פאַרדונגענע הויז, ווו ער איז געגאַנגען „קאַלעקטן רענד"[3]) פון זיין „טענאַנט"[4]) פרעגט דעם בויטשיקל[5]) וואָס זיצט דארט אויפן „וואָרענדע"[6]).

— „סאָנני!"[7]) איז דיין „דעדי" אהיים?

— יעס, מר. פייטילאָוויץ, דעדי איז אהיים,אבער; האט דעדי אייך נאכניט אנגעפייפט?...

— וואס מיינסטו מיט דעם, סאָנני?!

— נעכטן פון אוונט צו „סאָפּיר"[8]) האט דעדי געזאגט צו מאמי, אז מר. פייטעלאָוויץ וועט קומען קאלעקטן די רענד, וועל איך אים מוזן אנפייפן...

---

1) טאַטע. 2) דער אייגנטימער, בעל הבית פון אַ הויז.
3) איינמאָנען דירה געלט. 4) שכן וואָס צאָלט דירה געלט.
5) איינגעלע. 6) דער בריקל פון פאָרנט פון הויז. 7) זונעניו.
8) אָוונט־ברויט. וועטשיערע.

ער זוכט דעם טאַטנ׳ס הוט.

אַ פּראַצעטניק איז געקומען צו זיינעם אַ בעל חוב, איינצו־מאנען פון אים געלט. דער ארעמער מענטש האט אבער ניט געהאט מיט וואס צו צאלן, איז ווי ער האט דערזען דורכן פענצטער אז דער פּראַצענטניק קומט, האט ער זיך געשווינט ארויסגעכאפּט דורכן הינטער־טיר.

די פרוי האט דעם פּראַצענטניק אויפגענומען און ער האט זיך אוועק געזעצט ווארטן, אַ זעקס יאריקער אינגעלע איז פון דרויסן אריינגעקומען און האט זיך געדרייט ארום דעם פּראַצענטניק און דארט געזוכט עפּעס ארום אים.

— „אבעלע מיין קינד, וואס זוכסטו דארט?״ האט די מוטער געפרעגט. — „איך וויל געפינען דעם פּאפּא׳ס הוט״ — האט דאס קינד געזאגט: ווייל ער שטייט דא אויפן הויף און וויל אוועקגיין, דער מאן זאל דערפון ניט וויסן...

זי איז נישטא.

צוויי גבאים זיינען געגאנגען זאמלען נדבות פאר אַ וויכטיקן צוועק, קומען זיי צו, צו אַ אידישע הויז, ווו דארט האט געוווינט אַ רייכע אלמנה, אבער זייער אַ קארגע. קלינגען אן אין טיר־גלעקל, קומט ארויס אַ מיידעלע פון אַ יאָר אכט, און זאגט: די מאַמע האט מיר ארויסגעשיקט אייך זאגן; אז זי איז נישטאָ...

מען דארף אים אריינשטעקן אין דרערד.

די מוטער האט דערלאנגט טיי מיט מילך און די קינדער האבן גענומען טרינקען, רופט זיך אפּ יאָסעלע צו זיין ברודערל:

— שימעלע! וואס טוסטו, דו האסט דאך ערשט ניט לאנג געגעסן ווורשט, טא ווי מעגסטו טרינקען מיט מילך?! שימעלע האט זיך שעמעדיק אַ כאַפּ געטאן מיט ביידע הענטלעך צום מויל. שרייט אויס ראָזעלע: — דו ווייסט מאמע, מען דארף שימעלען אריינשטעקן אין דרערד!...

ג.

דער אפריקאנער אידישער יוגענט.

אַ פעדער וואס איז פּראָדוצירט אין היטלער־לאנד וויל ער ניט פאר קיין פרייז.

אין אַ קאָלעדזש (און ענגליש מיטל־שול) האט אַ אידישער יונגער סטודענט געוואונען אַ קאָנקורס־פּריז, פאר זיין מייסטערהאפטע עסיי וואס ער האט אליין פערפאסט.

דער פּרינציפּאל אין געגנווארט פון די לערער און סטודענטן האט אויסגערימט דעם יונגן טאַלאַנטפולן סטודענט, פאר זיין אויס־געצייכענטע מוסטערהאפטע עסיי, און האט אים דערלאנגט אַ פיינעם זילבערנעם בלייפעדער, אלס אויסדרוק פון איינדערקענונג צו זיין באַגאַבטן שריפטשטעלירשן טאלאנט.

דער סטודענט האט צוגענומען דעם פּריז, ווען ער האט דאס באטראכט, האט זיך אים געווארפן אין די אויגן דער אויפשריפט: „פּראדוצירט אין דויטשלאנד" האט ער אויפגעציטערט, ווי דאס וואלט אים אַ ברי געטאן אין האנט, ער דערלאנגט תיכף דעם בלייפעדער צוריק צום פּרינציפּאל און זאגט: ווי טייער און אנגעלייגט ס'איז באַ מיר אייער ווירדיקער פּריז, דאָך קען איך דעמדאזיגן פעדער נישט נעמען, ווייל דאס איז פּראדוצירט געווארן אין יענע נאַצי־לאנד; וווּ מיינע ברידער די אידן, ווערן דארט געדריקט און גע־שטיקט אויף דעם ברוטאלסטן און שוידערליכסטן אופן, ניין, אלס אַ זון פונעם געפּלאָגטן פאלק ישראל, טאר איך קיין סוביעקט וואס קומט פון היטלער־לאנד נישט האבן אין מיין באַזיץ, איך דאנק אייך!

דער פּרינציפּאל, אַ קריסטלעכער ענגלישער געלערנטער, איז גערירט געווארן פון דעם יונגן סטודענט'ס געפילפולע ווערטער, האט ער דעם פעדער צוריק גענומען און נעמט ארויס זיין אייגענע

קאָסטבארע קוואַל־פעדער פון בוזים־קעשענע און זאגט: אט אזוי רעדט אַ געטרייער קינד פון זיין פאלק, וואס זיין פאלקס ווייטיק איז זיין ווייטיק. — דערלאנגענדיק עס צום סטודענט — זאגט ער: דאָ האסטו מיין זון, מיין אייגענע פעדער, וועלכע איז פראדוצירט אין ענגלאנד, אין די לאנד ווו עס פלאַטערט די פלאג פון פרידן טאָלעראַנס און גלייכהייט צו אלע אירע בירגער, אָן אויסנאם פון ראַסע, רעליגיאָן, אדער פאלק!

אלץ געפינט מען אין דער תורה.

אן ארטאָדאָקסישער איד האט געהאט צוויי זין, אייבער אַ ביתר׳ניק, אַ פלאם־פייערדיקער רעוויזיאָניסט, דער צווייטער אַ מפא״יניק אן אויסגעשפראכענער סאָציאַליסט, פון די פרומע טראַדי־ציאָנאלע אידישקייט האבן זיי ביידע קנאַפּוואס געהאלטן, געווען פריידיינקער...

איינמאל אַ שבת באטאג ביי׳ם עסן, האבן די צוויי בנים אָנ־געפירט אַ הייסע דיסקוסיע: דער סאָציאַליסט האט זיך געהיצט און געדרונגען זיין סאָציאַליזום פון תורת־משה: אז משה רבנו זאל האבן געווען דער ערשטער סאָציאַליסט, מחמת די אלע לאנדווירט־שאפטלעכע געזעצן, ווי אויך די הומאַניטערישע בעהאַנדלונגען און באַציאונגען צום פועל און שכיר־יום פון דער תורה, זאלן האבן געפירט צו אַ סאָציאַליסטישע איינארדענונג און לעבנס־שטייגער אין די אַמאָליקע ארץ ישראל.

דער רעוויזיאניסט ווידער, האט זיין רעוויזיאניזום אויפגעוויזן אויך פון דער תורה: — אַ גאנצע מדינת־היהודים, פון ביידע זייטן ירדן, פון נהר־פרת ביז דעם נילוס פון מצרים, און „לא תחיה בה כל נשמה!״... אט דאס; וואס די תורה פאדערט, און דאס וואס מיר רעוויזיאניסטן, מיט אונדזער נשיא בראש פאדערן!

זיי האבן זיך ביידע געווענדעט צו זייער ארטאָדאָקסישן פאטער, דעם למדן, ער זאל אנטשיידן: ווער פון זיי ביידן — האט רעכט?

זאגט דער פאטער אין אן ערנסטן געלאַסענעם טאָן; זעט איר קינדער, אז אונדזער הייליקע געטליכע תורה איז: „הפך בה, והפך

בה דכלא בה״... אלע הויכע מאראלישע, סאציאלע הומאניטערישע אידעאלן, אידייען און פרינציפן קענט איר געפינען אין אונדזער תורה, נישט בלויז סאָציאליזום, ציוניזום, רעוויזיאניזום געפינט איר אין אונדזער ספר־הספרים, נאר אפילו אז אידן דארפן זיין ערלעכע אידן, גלויבן אין גאט, אפהיטן — ווי צו דארף צו זיין — שבת און יום טוב און אלע אנדערע וויכטיקע מצוות, קענט איר אויך געפינען אין דער תורה...

געפאלן אויף אַ געניאַלע המצאה.

לעזלי בערגמאן אַ סטודענט פונעם מעדיצינישן פאקולטעט אין יאָהאַנעסבורג אוניווערזיטעט, איז איינמאל אין אַ שבת׳דיקן פרימארגן געלעגן באַ זיך אין צימער, געלייענט אַ בוך און זיך געררויכערט אַ ציגארעטל, ערשט ער דערהערט, ווי זיין זיידע אַ פרומער ארטאָדאָקסישער איד — גייט אויף די טרעפ; אים אונטער־צוהיילן ער זאל גיין מיט אים אין שול צום דאוונען.

שלעכט! וואס טוט מען דאָ? — האט לעזלי מיט שרעק גע־טראכט — קוים געפינט אויס דער „אלטער״ אז איך האב דאָ גע־רויכערט אום שבת, וועט דא ווערן אַ שקאַנדאַל, און דער אלטער וועט האבן שרעקלעכע יסורים און שיברות־הלב דערפון.

איז ער אבער מאָמענטאל געפאלן אויף אַ געניאַלע המצאה, פלינק ווי אַ קאַץ איז ער אויפגעשפרונגען פון זיין בעטל, געכאפט האַסטיק און אנגעטאן זיינע תפילין מיט זיין זיידענעם טלית׳ל, זיך געשטעלט מיטן פנים צום מזרח־וואנט, זיך געשאָקלט איבערן סידור און געדאוונט...

דער זיידע עפענענדיק די טיר און דערזעענדיק זיין אייניקל אין טלית־און־תפילין האט איבעראַשט אויסגעשריען: לייזערל מיין קינד. וואס טוט זיך דא מיט דיר?! ס׳איז דאך היינט שבת, שבת־קודש! אַך ווי דער יונג איז דאס ארייגעטאָן מיט זיין קאָפּ און לייב־און־לעבן אין זיינע ביכער, אין זיין שטודיום און זיינע ספאָרטס! אז ער ווייס צומאל ניט אויף וואָסער וועלט ער געפינט זיך, איז עס אַ וווּנדער אז ער האט פארגעסן; אז ס׳איז היינט שבת! אוי אפריקע, אפריקע! האט דער אלטער שווער אבגעזיפצעט.

ענטשולדיק מיר זיידע! האט לעזלי אַ פארשעמטער זיך גע־בעטן, אט איך טו זיך באר אן, זיידע, וועל איך תיכף גיין מיט דיר אין שול צום דאווענען.

זיידע, זיידע, קנסא קא מגבית ביאָהאַנעסבורג?

ווען מיין פאטער ז״ל איז ארומגעפארן אין אפריקע אלס משולח פאר דעם ירושלימער בית היתומים, איז ער איינגעשטאַנען באַ מיר אין יאָהאַנעסבורג. פלעגט זיין שטייגער זיין אויפצוזעקן, אלע איגדערפרי מיטן באגינען, מיין זון אברהם בערלען — וועלכער איז נאך דעמאלט געווען אַ קליין אינגל — ער זאל גיין מיט אים דאווענען אין ערשטן מנין, דערפאר פלעגט מיין פאטער אים געבן אַ טיקע. (3 פעניס) איינמאל האט זיך דער אינגל אַ ביסל געשפע־טיגט און געקומען אין בית־מדרש ביי׳ם ענדיקן דאווענען, פון אונט ווען מיין אינגל האט געבעטן פון זיידן די טיקע, האט מיין פאטער אים געזאגט: ווייל דו בינסט הייגט געקומען אזוי שפעט צום דאווענען, וועל איך דיר דאס־מאל קנס׳ענען און ניט געבן די טיקע.

דא האט דער אינגל אויסגערופן מיטן בעקאנטן גמרא ניגון:

זיידע, זיידע, קנסא קא מגבית ביאָהאַנעסבורג?!*)

מיין פאטער דערהערנדיק דידאזיקע ווערטער, איז עס אים זייער געפעלן געווארן און געזאגט צו מיין זון מיט די גמרא לשון: נצחתני בני נצחתני! און האט די טיקע אים אַוועקגעגעבן.

דער זיידע און דער אייניקל.

ר׳ בער קאַלמענאָוויטש אַ איד אַ זקן אין די אַכציקער, אַ הויך אבגעוואָקסענער מענטש, מיט אַ שיינעם הדרת־פנים׳דיקן גראָען באָרד און הויכן שטערן, אונטער וועלכן עס שיינען ארויס,

---

*) דעם דאָזיקן תלמודישן אויסדרוק האט דער אינגל גענומען פון דער גמרא בבא קמא — וואס ער האט גראַד דעמאָלט באַ מיר געלערנט — דאָרט ווערט דערציילט אַז רב חיסדא האָט געוואָלט אין בבל אויף עמיצן אַרויף לייגן אַ קנס, האָט ער געשיקט אנפרעגן רבי נחמן׳ען און אַזוי ווי אין בבל האָט מען ניט געטאָרט צו פסק׳ענען קיין קנס, האָט אים דאָס רבי נחמן געענטפערט: חסדא, חסדא! קנסא קא מגבית בבבל?! דו ווילסט גאָר איינמאָנען קנס אין בבל?!

דורך די זילבער־רעמלדיקע ברילן, אַ פאר קלוגע אויגן. זיין אי־דישער נאָז, אונטער וועלכן עס שוועבט תמיד, איבער זיינע דיק־גראָע וואָנצעס, אַ פריינדלעכער שמייכל, וואס דריקט אויס אידישער קלוגער הומאָר, און אַ מאָל אויך סאַרקאַזם... און אין זיין גאַנצן באַנעם; מערקט זיך נאָך שפורן פון זיין אמאליקן יוגנטלעכן רירווע־דיקייט, טעטיקייט און אומאויסשעפלעכע ענערגיע.

אין דער אלטער היים, אין זיין קליין ליטוויש שטעטל, פונ־וואַנען ער קומט און ווו ער האט פארבראכט כמעט זיין גאנצן לעבן, איז ר׳ בערל קלמן׳ס — ווי מען האט אים דאָרט גערופן — געווען פון די חשובע און אנגעזעענסטע בעלי בתים, אַ גרויסער האָלץ־סוחר, און דערצו אַ שאַרפער למדן און משכיל, פלעגט זאָגן דעם בלאַט גמרא אין בעלי בתישן קלויז. און געפירט אַ פיינע גבירישע אידישע הויז, ווו ס׳איז געווען „תורה וגדולה במקום אחד״.

די גרויסע וועלט־מלחמה האט אים אינגאנצן גערואינירט. אזוי ווי זיין שטעטל האט זיך געפונען ניט ווייט פון דייטשישן גרענעץ; זיינען די דאָרטיקע אידן געווען די ערשטע וואס מען האט זיי ארויסגעטריבן, איז ר׳ בערל מיט זיין אלטיטשקע געווען פון די ערשטע „בעזנצעס״ וועלכע זיינען פארטריבן געווארן אין טיפן סיביריע, ערגעץ ארום אַרכאַנגעלסק, ווו זיין לעבנס־באַגלייטערן איז אים דאָרט אָבגעשטארבן.

ווען ער איז נאָך דער מלחמה צוריק אין זיין שטעטל גע־קומען, האט ער דארט געפונען אַן „עולם הפוך; עליונים למטה ותחתונים למעלה״... די געוועזענע גבירים, זיינע אמאָליקע חברים, זיינען — ווי ער אליין — זייער פאראָרעמט און יורדים געווארן. זייערע הייזער און האָב־און־גוטס, וואס זיי האָבן איבערגעלאזן, זיינען צופלינדערט און פארברענט געווארן. און די נייע אויפגעקו־מענע מלחמה־גבירים, זיינען מייסטנס פון אמאליקן נחות־דרגא׳דיקן און נידעריקן שטאַנד. אליין האט זיך שוין דער אלטער ר׳ בער, אויך געפילט שוואַך, עלנט, ארעם און דערשלאָגן. צוריק זיך נעמען אָנפירן מסחר האָט ער שוין קיין מוט און קיין כוחות נישט געהאט, דערפאר אז זיינע קינדער פון אפריקע האָבן אים צוגעשיקט אַ שיפס־קאַרט מיט רייזע־קאָסטן און האָבן אים געבעטן: ער זאל

אריבערקומען אהין צו זיי, צו פארברייגען צוזאמען מיט זיי זייגע עלטערע יאָרן, האָט ער זיך שטאַרק ניט געלאזט בעטן, און איז אריבער געקומען אהער אין דער גאָלדערנע מדינה אפריקע.

זיין זון מיסטער סאָל קאָלענץ[1]), ווען ער האָט דערהאלטן די טעלעגראַמע פון קייפּטאָן; אז דער פאָטער האט בשלום גע־לאַנדעט, און ער איז שוין אין באַן פאר יאָהאַנעסבורג, איז ער אויף מאָרגן פרי — ווען די קייפּ־צוג האָט געדארפט אנקומען — צוגע־פאָרן אין זיין קאַר צום וואַגזאַל, אויפן פּאַרק־סטיישן, און מקבל פנים געווען זיין פאָטער, אים באַזעצט אין קאַר. מען האָט ארויפ־געלייגט דעם אלטנ׳ס באגאזש און געפארן צו זיין „ווילאַ מוריה" אין זאַקסנוואָלד.

ווען ר׳ בער קאַלמענאָוויטש איז ארויס פון קאַר, האט ער באַוווּנדערט די שיינע פראכטפולע פּאַנאָראַמע; די געדיכט מיט בוימער באַוואַקסענע בערג ארום, די גרין־גראָזיקע, מיט רויזן און בלומען קווייטן באדעקטע טאַפּעטן... די אלען פון אַקאַציען, פּאַלמען און קאַליפּטעס בוימער פונעם הויז־גאָרטן. די שיינע צאַרט־ווייסע האַלב־קיילעכיקע טרעפּ. און פון ביידע זייטן די צוויי געטאָקטע גראַניט־זיילן, אויף וועלכע עס שטייען שוועבנדיק די געשניצטע מאַרמערנע פיגורן, אין געשטאַלט פון מלאכים; וועלכע טראָגן אין זייערע פאַריסענע הענט צום הימל, גרויסע פאָרצאָלייענע קוגלען; די עלעקטרישע פאַנארן. דאס אלץ, באשאָטן מיט די גאָלדערנע שטראַלן פון די אפריקאַנער וואַרעמע זון, האָט דעם אלטן ר׳ בער קלמן׳ס פארגאַפט און באצויבערט און האט מיט באוווּנדערונג ארויסגעברומט: „מה רבו מעשיך ה׳!" אַ ווי שיין און פרעכטיק ס׳איז גאָט׳ס וועלטל!...

---

1) דער נאָמען „שלמה קאַלמענאָוויטש" האָט פארן זון, דער יאָ־האַנעסבורגער גרויסער „האָלסייל מערטשאַנט" (אַ גולנע־סוחר) פון מאַרקעט סטריט. געקלונגען צופיל אידיש, און ס׳איז אַ שטער געווען צו ביזנעס... מחמת די „ספּעלינעש"... און אנדערע „אָבסטאַקלס", וואָס; ספּעציעל אין די מלחמה יארן, ווען ער האט געהאלטן ביים זיך ארויף צו ארבעטן, האָט ער עס גאַנץ גוט געפילט, האָט ער דאָס דערפאר דעמאלט גענומען און זיך משנה השם געווען: פון שלמה קאַלמענאָוויטש, אויף — סאָלי קאָלענץ.

דערנאָך אַז דער אַלטער איז אַריין אין זיין זונ׳ס רייך־גע־מעבלירטעס־הויז, דערזען די זאַלן מיט די אונטערגעבעטע קאַברעצן און פערסיאַנער טאַפּעטן, די גרויסע קונסט בילדער, און סקופּולטור געטאָקטע פיגורן אין מאַרמער און אין בראָנז, דער קלאַוויר, בופעטן, פּאַטאַלן, קאַנאַפּעס, באַצויגן מיט סאַמעט און פּלוש, פון אַלץ האָט געבליצט און געבליאַשקעט מיט פּראַכט און גלאַנץ.

דערנאָך, ווען ס׳איז אַריבערגעגאַנגען די ערשטע איבעראַ־שענדע עראייגעניסע, דעם צוקושן זיך מיט די אייניקלעך, און די אויפנאַמע פון זיין שנור, די פאַרפּוצטע דאַמע, ווי אַן עכט ענגלישע ליידי, צוגעפאַרבענע ליפּן, און נעגל, די האָר „געוויייוועט", די ברעמען „געפּיקסט", מיט אירע פינקלדיקע ברילאַנטן און רימאַנטן פון די רונגען און „בראָוטש", האָט זי אויסגעזען ווי אַ מיליאָנערישע באַראָנעס. נאָך דעם אַלעם, ווען דער אַלטער איז געווען אין זיין צימער, אין זיין טלית און תפילין, האָט ער עפּס דערפילט ווי אַ מין קאַלטקייט, אַ פראָסט, האָט אים אַרומגענומען און זיך צולייגט פריער אַרום האַרצן און דערנאָך איז עס געקראָכן אין זיינע נערוון און געהירן... פון מינוט צו מינוט איז אים צוגעפאַלן שרעקעדיקע געדאַנקען, און עס מישן זיך די געפילן, עס טראָגן די געדאַנקען מיט אַ ראָמאַנטישעס־מיסטעריעזער בייענקעניש און נאָגעניש... ס׳האָט זיך אים אין זיין פאַנטאַזיע גענומען מאָלן בילדער און אילוזיעס, פון זיין פאַרגאַנגענהייט; אָט איז ער אין זיין הויז, אין זיין מקדש־מעט, די שטוב מיט די גרויסע אַלמערס ספרים, די פּאַטריאַרכאַלישע בילדער פון ווילנער גאון, רבי יצחק אלחנן, פון זיינע זיידעס, די רבנים און צדיקים קוקן אַרונטער פון די ווענט, אויפן גאַס ברענט דער פראָסט, די פענצטער פאַרקוואָלן, און דאָ איז אַזוי וואַרם, דער פינקלדיקער סאַמאָוואַר קאָכט און זידט, אַרום טיש זיצן אידן סוחרים, אידן לומדים, משכילים, זיין וויב רייזע גיטל, דרייט זיך, דערלאַנגט די טיי און כיבוד, מען שמועסט אין מסחר, אין דברי תורה און וועלטלעכע ענינים, און אָט קומט אַריין זיין שלמה׳לע פון בית המדרש, ווי ער האָט דאָרט געלערנט, ער דערוואַרעמט זיך, זעצט זיך צום טיש, בעמט אַ גלעזל טיי, און ער — דער פאָטער — פרעגט אים: זאָג נאָר שלמה: וואָס זיינען געווען די חידושים וואָס דער־

ראש ישיבה האָט היינט אויפגעטאָן אין אייער שיעור? און שלמה׳לע זאָגט דעם גאַנצן פּילפּול מיט גרויס עמקות און גרויס הבנה. — —

פּלוצלונג אַ לייכטער קלאַפּ אין זיין טיר האָט אים אויפגע־וועקט פון זיינע זיסע חלומות איליזיעס און פאַנטאַזיעס, — די ווייסע הויז־מויד האָט אים געבעטן ער זאָל גיין צום טיש פאַר „ברעקפאַסט״ אָנבייסן. דער אלטער האָט צוזאַמען גענומען זיינע צושטרייטע געדאַנקען, אריינגענומען זיין לאַנגן גראָען באָרד אין האַנט, אריבער ביז צו די צוויי שפּיצן, אָבגעלאָזן מיט אַ נערוויש־באַוועגונג, און געזאָגט צו זיך מיט אַ קרעכץ: — אום נאַ, דאָס איז אפריקע, יאָ; רייכקייט, פּראַכט גלאַנץ, בעקוועמלעכקייט, ראַסקאָש, אָבער פרעמד, אייז־קאַלט און טרוקן איז די סביבה. די אַטמאָספערע הויכט מיט פוסטע גויאישקייט! — — — — — — — — — — —

פאַרשטייט זיך אז דעם אלטן ר׳ בערן איז דאָ באַלד ניט געפעלן געוואָרן דעם סאָרט לעבן ווי מען לעבט דאָ אין אפריקע, ווי מען איז דאָ כסדר פאַרהאַוועט אין „ביזנעס״, ניטאָ קיין שבת, ניטאָ קיין יום טוב, מען לויפט, מען פליט, תמיד פאַר׳ביזי׳וועט, אָן אָן אָפּהאַלט, אָן אָן אָפּרו. און טאָמער קומט מען שוין יאָ אַ מאָל — אין אַ זונטיק אדער אין אַ גויאישקע חאָגע — איינער צום אנדערן צו גאַסט, הייבט זיך אָן אַ סדרה פון קאָרטן — מענער קאָרטן, ווייבער קאָרטן, און אפילו די קליינע חברה, דער יוגנט הייסט עס, ליגן אויך דאָרט אין זייערע צימערן און שפּילן: אדער „פּינג־פּאָנג״ אדער קאָרטן. נישטאָ מער יענע היימישע שבת־צו־נאַכטן; ווען אידן סוחרים פלעגן זיך נאָך הבדלה באַ אים אין שטוב צונויף קומען, און ביי אַ גלעזל טיי, אזוי געמיטלעך, אזוי ברודערלעך־פריינדלעך, זיך אדורך שמועסן; וועגן געשעפט־זאכן, כלל־זאכן, און ארום רעדן די מאמרים פון „הצפירה״. און דאָס גאַנצעס געשפרעך איז געווען דורכגעוועבט און פאַרמישט מיט קלוגע שאַרפזיניקע תורה און חכמה ווערטלעך. נו איז עס טאָקי די ערשטע צייט אויסגעקומען פאַר אונדזער ר׳ בער קאַלמענאָוויטשן זייער פריקרע, ס׳האָט אים געפייניקט דאָס אַלץ צו צוקוקן, און ס׳איז אים פשוט דאָס לעבן נישט איינגעגאַנגען. נאָר מיט דער צייט האָט ער: ווי־ביט־איז, שלום געמאַכט מיט די אומשטענדן. ער האָט זיך איינ־

גאַנצן קאָנצענטרירט אין בית־המדרש, און דאָרט אין די „ד׳ אמות של הלכה״, האָט ער געפונען זיין גאַנצן אינטערעס אין לעבן. דאָרט געדאַוונט, דאָרט געלערנט, און אהיים, ביי זיין זון אין הויז, האָט ער זיך גאַנץ ווייניק געפונען, מער ניט צום שלאָפן און צום עסן וואָס ער פלעגט קומען.

דאָרט אין בית מדרש האָט ער געפונען זיינע לאַנדס־לייט, וועלכע האָבן אים גוט געקאָנט פון דערהיים, נאָך פון אמאליקע יארן, בשעת ער האט נאָך געשפילט די גרויסע ראָלע, און זיין נאָמען האָט גע׳שם׳ט איבער גאַנץ קאָוונער גובערניע, זיי ; זיינע יוגנט־חברים, האָבן אים מקרב און מכבד געווען, און איז געוואָרן זייער רבי, פלעגט זאָגן פאַר זיי דעם פרק משניות, און אַ חשוב׳ער חבר אין חברה גמרא.

איינמאָל שפעט פון אָוונט, אַרום נאָך עלף אַזייגער באַנאַכט, ווען מיסטער און מיסעס קאָלענץ זיינען נאַרוואַס געקומען אין זייער קאַר, פון שטאָט, פון אַ טאָקי, (קלינג פילמען טעאַטער) און זיך געזעסן אין די ווייכע אַרעם־שטולן לעם פייער־פּלאַץ, געטרונקען טיי, זייער 18 יאָריקער זון ניק, אַ קאָלידזש־באָי, (גימענאַזיסט) איז זיך געזעסן ביים טיש און געבלעטערט אַ סינימאַ־צייטונג, באַטראַכט די בילדער פון די באַרימטע אַקטריסעס און אַקטיאָרן, ערשט זיי דערהערן : ווי דער זיידע קומט דאָרט אריין אין קאָרידאָר, און דער־שפירט האָבן זיי, אַז דער אלטער איז עפּעס ניט ווי אַלעמאָל, עפּעס איז ער דאָרט בגילופנדיק, מחמת געגאַנגען איז ער אונטערטאַנצנ־דיק, צוקנאַקנדיק מיט די פינגער, און זינגענדיק אויף אַ שמחת־תורה אופן ; דעם בעקאַנטן סקראַבאָוון ניגון — ברוך אלקינו שבראנו לכבודו, ברוך אלקינו שבראנו לכבודו ! אי לכ — בו — דו ! — —

אריינקומענדיק אין זאַל האָט ר׳ בער מיט אַ פריילעכן ניגון, און אויפן קול, באַגריסט זיינע קינדער : אַי, אַי, אַי, יאַ, יאַי, יאַי, — גו — ט נאַ — — וונט !

ער האָט זיך גענומען אַרומדרייען הין־און־צוריק טאַנצנדיק איבערן זאַל און צוגעזונגען — ו—נתן לנו תו—רת א—מת, ונתן לנו תו—רת א—מת, ונתן לנו תורת אמת, אוי א—א—מת ! טאַראַראַ,

טאַראַראַ — תורת אמת! טאַראַראַ טאַראַראַ, תורת אמת! תורת א——א—מת!

ניק אַן איבעראַשטער און דערשטוינטער זעענדיק דעם זיידן דעם ערשטן מאָל אזוי פריילעך: האָט אויסגערופן: — דעדי, מאַמי, וואָס איז די מעטער, וויטה דהי אָלד מען?! איז הי אוט אָוו היס סענס! איז הי מעד?! [טאטע, מאמע, וואס איז די מעשה מיט דעם אַלטן, איז ער אַראָפּ פון זינען?! איז ער משוגע געווארן?!...]

דער אלטער איז צוגעגאנגען צו זיין פארוווּנדערטן אייניקל, אים געגלעט זיינע לאנגע פארקעמטע האָר און געזאגט: — קלמן׳קע מיין קינד! ווייסט? מיר האָבן היינט אָוונט אין בית מדרש געהאט אַ סיום הגדול אויף גאנץ משניות! ס׳איז געווען אַ שמחה של מצוה, און ס׳איז געווען גאנץ היימלעך, עס האָבן דאָרט גערעדט רבנים, און איך האָב דאָרט געזאגט אַ פיינעם הדרן, מען האָט געגעסן אַ סעודת מצוה, געטרונקען און געזונגען, און זיך זייער גוט — אויף אַן אמת אידישליכן אופן — פאַרבראכט! טאָ קום מיין קינד קלמן׳קע, לאָמיר אָט דאָ ארויסגיין אַ טענצל, נישקאשע איך ווייס אז דו קענסט גוט טאַנצן, איך בין אנומעלטן געשטאַנען אויפן גאַניק, האָב איך דיר געזען אַרום טאַנצנדיק מיט דיינע חברים איבער עפעס אַ גרויסע פילקע...

דער אפריקאַנער בחור׳ל האָט מיט פרעגנדיקע פארוווּנדערטע בליקן, געקוקט דעם זיידן אין די אויגן, און האָט בשום אופן ניט געקאָנט פארשטיין וואס דער אלטער רעדט דאָ צו אים, און אין וואס אייגענטלעך באַשטייט דאָ דעם זיידנס שמחה. וואָס ער פריידט זיך דאָ אזוי? האָט זיך דערפאר ניק געווענדעט צו זיין פאָטער: ער זאל אים „עקספליינען" (דערקלערן) וואס אזוינס איז — משניות, הדרן און סיום?!

מר. קאַלענץ האָט ראשית געבעטן דעם אַלטן פאָטער זיך זעצן, זיך אפרוען און טרינקען אַ גלעזל טיי, און ער וועט אויף ענגליש דערקלערן זיין קלמן׳קען (אדער ווי ער הייסט דאָ אין אפריקע „ניקאָלאַי" און פארקירצט אויף „ניק" אדער „קאָלי"...) ער: דער פאָטער, האָט געהאט אַ שווערע אויפגאַבע צו דערקלערן זיין זון וועגן וואס דאָ האנדלט זיך: אבער דאָך האָט ער זיך אָנ־

געשטריינגט און צוזאמען גענומען זיין גאנצן באַגאַזש פון העכערע ענגלישע טערמינילאָגיע און געזאגט: — משניות איז אַ סעריע פון זעקס ביכער פון געזאמלטע הלכות, פארפאַסט און צוזאמען געשטעלט פון דעם באַרימטן „פרינץ" (אין העברייאיש; נשיא) ראַבי דזעהודאַ! אדער „רבי יהודה הנשיא!"

דאַ האָט ניק אונטערבראָכן זיין פאָטער, און געזאגט: אז אין „היברו־סקול" האָט ער נאָכניט געלערנט וועגן „אַ פרינץ דזעהודאַ", און ווער איז עס געווען זיין פאָטער דער קעניג? ווען, און אין וועלכע פעריאָדע, האָט ער געקעניגט?

— דער פאָטער מר. קאָלענץ: — ניין מיין קינד; רבי יהודה איז ניט געווען קיין זון פון אַ קעניג, נאָר ער איז געווען אין זיין צייט; דער „נשיא". דאָס הייסט, דער „טשיף פון די דזשועס" און אין ענגליש רופטן אים: „דער פרינץ" ווייל ער איז געווען: — „דער פרינץ אין איזראַעל!" פאַרשטאַנען?

— ניק: יעס דעדי, אבער וואס איז דאָרט געווען פאר אַ שמחה אין שול?!

— דער פאָטער: די שמחה איז געווען ווייל דער זיידע לערנט פארן עולם אלע טאג אַ פרק, אַ קאַפּיטל הייסט עס, פון די־דאָזיקע ביכער — משניות, און אזוי לערנענדיק טאָג איין טאָג אויס, האָבן זיי דורכגעלערנט אלע זעקס בענדער משניות, האָבן זיי געמאַכט אַ סיום, אַ באַנקעט הייסט דאָס, מען האָט געהאלטן ספיטשעס, און דער זיידע האָט אויך גערעדט, דערפאר איז ער דאָס אזוי פריילאַך.

דער בחור'ל האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט פארשטיין: — נו דעריבער איז וואס?! — האָט ער מיט פארוואונדערונג אויסגערופן, — (אין ענגליש פארשטייט זיך) אז מען לערנט דורך און מען ענדיקט דאָרט ביכער, דאַרפן דערפון מאַכן אזא פאַרס, מיט באַנקעטן, מיט ספיטשעס?! אַט ענדיקן מיר אין קאָלידזש אויך אָפט מאָל ביכער, און מיר פראַוועון ניט דערויף קיין שמחות, קיין באַנקעטן?! ניין טאַטע; איך קען בשום אופן ניט פארשטיין דעם זיידנ'ס שמחה!

— —

אַ טרויעריקער וואָלקן האָט זיך פארצויגן אויפן אלטנ'ס

פּאַטרעיאַכאַלישן פּנים, ער האָט זייער שווער אָבגעזיפצט: — „בּנו יאַ" — האָט ער ווייבּענדיק ווי צו זיך גערעדט: — אָט וואָס מיינע אויגן האָבּן אויף מיין עלטער דערלעבּט צו זען, וואָס די פּרייע מדינה אַפריקע, מאַכט פון מיינע אייניקלעך!...

איינמאָל „בּאָקסינג־דיי"[1] נאָך מיטאָג, אַרום פינף אזייגער פאַרנאַכט, ווען ר' בּער קאַלמענאָוויטש האָט געזען אַז אין דער גאַנצער „ווילא מוריה" — זיין זונ'ס הויז, איז שטיל, אַלע זיינען זיך אוועק אויף „פּיקניקס"[2], איז ער אריין אין זאַל, זיך געזעצט ביים טיש איבּערזען זיין פּרק משניות, און גלייכצייטיק טרינקען אַ גלעזל טיי. ווען ער איז געווען פאַרטיפט אין זיין משניות, האָט זיך פּלוצלונג דאָרט געעפנט די טיר, און מיט אַ געפילדער און הורא געשרייען, האָבּן — אין קאָרידאָר — אריינגעשטורימט, אַ שטרום פון דער יוגנט, בּחורים און מיידלעך, און טראָגענדיק אויף די אַקסלען האָבּן זיי אריינגעבּראַכט זיין אייניקל קלמנקען, און ער, דער יונג, איז געווען צופלאַמט זיינע קודלעס שוואַרצע האָר צע־וואָרפן איבּערן שטערן, כמעט איבּער די אויגן, זיינע אויגן האָבּן געפינקלט מיט טראַיומפף, ווי אַ העלד וואָס קומט צוריק פון שלאַכט, מנצח געווען און איינגענומען דעם שונא... די בּחורים און די מיידלעך טאַנצן מיט אים, שפּרינגען און האָפּקען זיך מיט אים, און שרייען „טהרי טשיערס פאַר קאַלי קאָלענץ די טשעמפּיען!"

---

1) „בּאָקסינג־דיי" געפאַלט דעם צווייטן טאָג נאָך דעם קריסטליכן פּייערטאָג „קריסמוס, ווייכאַכט" דאָס איז אַ טאָג וואָס איז בּאַשטימט פאַרן יוגנט פאַר כפאַרט'ס, אין דעמדאָזיקן טאָג ווערן דורכגעפירט כל־המיני קאָנקורסן; פוס־בּאָל, לייפן, הויך שפּרינגען, שווימען, און כל־ערליי טורנען און גימנאַסטיקע, אין די קאָנקורסן בּאַטייליגן זיך גרופּן פונעם שטודירנדן יוגנט, לויט זייערע פּראָווינצן און לער־אַנשטאַלטן. און דער טשעמפּיאָן דער בּעסטער אויסגעצייכנטער געווינט דעם גרויסן זילבּערנעם בּעכער.

2) דער עלטערער נאָראָד גייען אַרויס, זיי מיט זייערע ווייבּער און קינדער, אויף „פּיקניקס" אויספלוגן, אין די זיאַלאָגישע גערטנער אין די פּאַרקן, אַרום די טייכן שפּאַצירט מען אַרום, און מען צעלייגט זיך דאָרט אויף די גראָזן, אונטער די בּוימער, מען עסט, מען זינגט און מען פאַר־בּריינגט זיך און מען געניסט אַ בּיסל פון עולם הזה...

און אַ שטורם פון יונגע קולות ענטפערן; הורריי! הורריי! היפּ, היפּ; — הורריי! הורריי! — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

קלמן אדער ווי די יוגנט רופן אים „קאַלי" איז ארונטער פון די אקסלען, אוועקגעשטעלט זיין געווונענעם בעכער, אויפן טיש, און דער עולם — יוגנט; האָט פערלאַנגט דורכאויס אז דער העלד, דער טשעמפּיען זאל געבן אַ ספּיטש, — ספּיטש! ספּיטש! האָבן זיך געטראגן יונגע קולות פון אלע זייטן. און דער פוט־באָל און רייסינג־טשעמפּיאָן, דער חתן־היום, האָט געהאלטן אַ קורצע רעדע; אין וועלכע ער האט געדאנקט אלע זיינע חברים און חבר'טעס; פאר זייער כבוד און גראַטולאַציאָנען וואס זיי האָבן אים געגעבן; פאר זיין טשעמפּיאָנשיפּ אין די פוט־באָל־מעטש און אין די רייסינג![3] — ווי ער האָט געענדיקט זיין טריאומף רעדע: האָט דער יוגנט, אלע, אין איין קול, אויסגעזונגען: פאָר הי איז א דזאָלי גוד פעללאָו, פאָר הי איז אַ דזשאָלי גוד פעללאו, ענד סאָו סיי אָלל. אָוו אז, האַס, האַס, פאָר הי איז א דזאָל, גוד פע—ע—ל—לאָו, סאָו סיי אָלל אָוו אַז, היפּ, היפּ, הורריי! הורריי! היפּ, היפּ, הורריי! הו—ר—ר—ריי!

אונטערדעסן איז אונטערגעקומען קאַליס עלטערן, די מוטער מיט פרייד־טרערן אין אירע אויגן איז ארופגעפאַלן אויף איר זון אים געקושט, און מיט פרייד געזאגט: — וועלל דאַן, מיי סאָן, וועלל דאַן, מיי בוי! דער פאָטער און אנדערע געסט וואס זיינען אריינגעקומען האָבן, אלע אין אָטשערע, געדריקט קאָלי'ס הענט, און אים גראַטולירט אים געזאגט: אז ער איז „אַ קרעדיט און פראַוד" ניט בלויז פאר זיין קאָלידזש און פאר גאנץ טראַנסוואַל, נאָר פאַר זיינע עלטערן, און פאר דאָס גאנצער אפריקאַנער אידנטום!...

דער אלטער ר' בער קאַלמענאָוויטש, ווי ער האָט דערזען דעם טומל און דעם רעש, האָט ער פארמאכט זיין משניות, און איז גע־בליבן זיצן, אויף טשיקאַוועס, צו זען וואָס האָט דאָ פּאַסירט מיט

3) קאָנקורסן פון געלאָף און פוס־באָל שפּילן.

זיין אייניקל קלמן׳ען, וואס מען פריידט זיך דאָ אזוי מיט אים, ער האָט לחלוטין ניט פארשטאַנען, און מיט וווּנדער געטראכט: ולשמחה מה זו עושה? וואס איז דאָ די שמחה מיט זיי?

ווען ס׳איז אַ ביסל שטילער געווארן, און דער עולם איז זיך פאַרנאַנדער געגאַנגען, פרעגט דער אלטער זיין זון: — שלמה: קענסטו מיר ניט דערקלערן מיט וואס אַ שטייגער; האָט אונזער קלמן׳קע זיך אזוי אויסגעצייכנט; וואס האָט ער דאָ אזוינס אויפ־געטאָן, וואס מען האָט דאָ געמאכט אזא קייזערליכן פאַראַד פאַר אים? האָט ער דורכגעלערנט, און איז קלאָר געווארן דעם גאַנצן סדר נזיקין?... אדער אפשר האָט ער מחדש געווען חידושים, פאַר־ענטפערט סתירות אויפן רמב״ם, עפּעס ארויסגעבראכט נייע כללים אין הלכה?... וואס האָט ער דאָ אזוי וויל געדרש׳עט, פרעג איך, וואס מען האָט אים געגעבן דעם גרויסן בעכער, און געשריען פאַר אים הורא, אזוי ווי פאַר אַ קיסר?!

מיסטער קאָלענץ האָט זיין פאָטער באַרואיקט און געזאָגט: ניין טאַטע דו וועסט ניט פארשטיין דעם גאַנצן ענין, דעם גאַנצן „עקסייטעמענט פון ספאָרט"... דאָס איז להבדיל ווי אַ הון האָט אויסגעבריט אייער פון קאַטשקעס... אזוי לאַנג ווי די קליינע עופה׳לעך, די קאַטשקעלעך, זיינען נאָך געווען קליין און אומ־באַהילפיק, זיינען זיי נאָך נאָכגעגאַנגען די אלטע הון, געפּיקט, דאָרט ווו זי האָט געפּיקט... געגראָבן מיט די סנאָבלעך, דאָרט ווו די מוטער הון האָט געגראָבן... זיי האָבן פארשטאַנען יעדן קריי, יעדן געשריי, און יעדן פּיפּס פון די מוטער עוף... און זיי האָבן זיך אַלץ געטולעט אונטער אירע פליגלען... אויב זיי האָבן זיך אַ מאָל — אין אַ וואַרעמען טאָג, ווען די זון האָט געשיינט — זיך געלאָזן אויף אַ שפּאַציר דאָרטן אין גאָרטן, זוכן נייע טעריטאָריע... נייע מקורים ווו צו פּיקן... זיינען זיי אויך צו ווייט פון די מוטער עוף, ניט אַוועק... אבער ווען זייערע פעדערלאַך פליגעלעך האָבן זיך צעוואָקסן, און זיי האָבן דערשפּירט אַז זיי זיינען שוין שטאַרק גענוג, פעסט גענוג, צו שטיין אויף זייערע אייגענע פיסלעך, באַ־נוצן זייערע אייגענע פליגעלעך... זיינען זיי אוועק פון מאַמעס פאַרטוך... און זיך אוועקגעלאָזן איבערן טייך שווימען... און אזוי־

שווימענדיק, זייבען זיי פארשוווּמען ערגעץ ווייט ווייט, העט ארוף אין דער מיטן פון טייך, און דאָרטן האָבן זיי קליינע אינזעלעך גע־פונען... ווו זיי שפּרינגען און קלעטערן ארוף, זיך דאָרט אָפּ צו רוען, און קלייבן דאָרט אָן נייע כּוחות צו פאָרזעצן זייער שווימען, און אָט אזוי שווימען זיי, די יונגע עופה׳לעך, די אַלטע מוטער הון שטייט דאָרט ווייט אויפן זוים פון אנדערן ברעג טייך, ציט אויס דאָס קעפּל, קלאפט מיט אירע פליגלען, סוויטשערט, קלאָגט, קוויטשעט, קרייט און רופט אירע אויסגעבריטע עופה׳לעך, זי וויל זיי פארהיטן און באַשירמענען פון סכּנה, די בייזע קראָקעדעלן זאָלן זיי חלילה ניט איינשלינגען... זי רופט זיי צוריק פון די טיפע וואַסערן, זיי זאָלן דאָרט חלילה ניט דערטרונקען ווערן... אבער זיי, אירע עופה׳־לעך, וואס זי האט זיי, מיט אזוי פיל מי אויסגעהאָדעוועט, נעכט איבער זיי ניט געשלאָפן, אין די גרויסע קעלטן זיי געוואָרמט מיט אירע פליגלען, געהיט און געשירמעט איבער זיי, אז זיי זאלן ניט אויפגעפרעסן ווערן פון די פרעמדע הינט... זיי זאָלן ניט צוטראָטן ווערן פון די צווייפיסיקע חיות... און טאָמער האָבן זיך די קליינע חברה צווישן זיך געריסן, און געפאלן איינער אויפן אנדערן מיט זייערע סנאָבעלעך, האָט זי זיי פארנאנדער געריסן, שלום געמאכט צווישן זיי, איצט, זי שרייט און זיי הערן איר שוין נישט מער... פארשטייען שוין נישט מער איר שפּראַך, איר קריי, איר געשריי... פאַרלאָזן זיך אויף זייערע יונגע קרעפטן, און זייער אינסטינקטיוון טאַלאַנט און פייאיקייט צו שווימען, לאָזן זיי זייער אַלטע מוטער שטיין פון אנדער זייט טייך, סוויטשערנדיק, שרייענדיק, קרייענדיק, און זיי שווימען זיך אונגעשטערט אָן סכּנות... נישקאָשע, זיי ווייסן, אז זיי וועלן שוין ניט דערטרונקען ווערן...

דער אלטער פאָטער ר׳ בער, איז געזעסן און צוגעהערט צו זיין זונ׳ס ווערטער, און ס׳איז אים בשעת מעשה געוואָרן אביסל גרינגער אויף זיין פארדריקט הארצן, מחמת ער האָט דערהערט אין זיי, זיין זונ׳ס שלמה׳לע דעם עלוי׳ס קול... עפּעס האָט דער אלטער דערפילט: ווי דער פארהארטעוועטער, פארקוואלענער אייז, וואס האט זיך דורך די פארפראָרנקייט פון דעם אפריקאַנער טרוקע־נעם פארגליווערטן ביזנעס־און־קאָרטן לעבן, פאַרלייגט און פאר־

כאפט זיין זונ׳ס עדעלע נשמה, האָט איצט גענומען אָפּלאָזן, דער קריי האָט געפּלאַצט און גענומען אבגיין... און דערשפּירט האָט דער פאטער; אז ערגעץ טיף אין זיין זונ׳ס הארצן גליען נאָך פונקען וועלכע זיינען ליידער פארדושעט, פארשטיקט פונעם גאָלד שטייב וואס ווערן ארויסגעשפּיגן פון די גאָלד־מינען ארום דער גאָלדערנער שטאָט יאָהאַנעסבורג, און דאס דאָזיקע שטייב פונעם גאָלדערנעם מעטאַל, צוטראָגט זיך און צולייגט זיך איבער די אי־דישע נשמה... אבער די פונקען גליען נאָך, און מען קען זיי נאָך אמאל אויפבלאָזן...

הגם אין דעם עצם המשל, און איבערהויפּט מיט׳ן נמשל, איז דער פאטער לחלוטין ניט געווען איינשטימיק, אבער דאָך: דער באַהאַרצטער זאנפטיקער און פאָעטישער אופן, „ווי" דער זון האָט גערעדט, האָט דעם אלטן גענומען.

און דער פאָטער ר׳ בער האָט געזאגט: — ניין מיין זון; ס׳איז „אין הנידון דומה לראיה" — און דו זאָלסט קיין פאַריבל ניט האָבן פאר מיין אויסדרוק: — דיין משל איז: „משול כחרס הנשבר" און „נמשל כבהמות נדמו"... ווייל; „קודשא בריך הוא, ישראל ואורייתא חד הוא"... און אזוי ווי דער בורא יתעלה, איז די אייביקייט אליין, און עס קען ח״ו ניט חל זיין אין זיין מהות קיין שינוי, קיין תמורה, און קיין אומוועקסלונג, אזוי קען אין אונדזער תורה ניט חל זיין קיין שנוי; מחמת די תורה אונדזערע, איז אויך אַ נצחית, און דערפאר איז „לא תהא מחולפת"... און פונקט אזוי איז מיט אונדז: — די אומה הישראלית איז אויך אַן עם הנצחי! און אויב אויף די כושים האָט דער נביא געזאגט: „היהפך כושי עורו" וכו׳ אזוי ליגט עס שוין אין אונדזער בלוט, נאָך פון די אבות־האומה, ביז אונדזער דור; אז קיינע אקלימען פון קיינע לענדער, און קיינע אטמאָספערן, קיינע קולטורן פון קיינע אומות, האבן ניט בכח אונדז חלילה איבער צו אנדערשן אויף וואס דער האַר איז ווערט, אידן זיינען מיר גע־ווען, און אידן וועלן מיר בלייבן! מיר האָבן די אייגנשאפט פון אַן עם קשה עורף, וואס מיר בויגן ניט די קעפּ פאר קיין קולטורע, און וואַרפן זיך ניט אונטער די רעדער פון דער וועלט געשיכטע, כדי צו מאָלן צו ווערן... אלע בייזע און מילדע ווינטן וואס האָבן געבלאָזן

אויף אונדז, האָבן נישט געהאט דעם כח אונדז אוועק צו רייסן פון אונדזער אידישקייט, וואס האָט אונדז געקאָסט בלוטיקע קרבנות די בעסטע כוחות און מוחות פון אלע צייטן, ניין; נצח ישראל לא ישקר ולא יכזב!

אבער ליידער; דאָ אין די נייע גלות לענדער, פון די ענגלישע מדינות, איז יאָ פארגעקומען אַ שינוי אין דער פסיכילאָגיע פון אונדזער יונגן דור, זיי האָבן געמאכט אַ חליפין, אבער איך צווייפל שטאַרק אויב ס'האָט זיך געליינט, זיי האָבן פארביטן דאָס הייליקע גייסטיגקייט, אין די פיזישע קרעפטן, דאָס רוחניות פון דער אידי־שער קאָלעקטיווער פאָלקס־נשמה, אויף די חומריות פון גוף.

ביז מיט אַ דור צוריק איז אונדזער גאַנצער רום אנטקעגן אלע גוים געווען: — ווי אונדזערע חז"ל זאָגן: — „במה תרומם גוי? כי תשא את ראש בני ישראל", וואס מיר זיינען גע־שטאַנען „מיט אונדזערע קעפּ" העכער פון אלע אומות! מיר האבן ענטוויקלט אונדזערע מוחות, מיר האָבן אויך געהאָט „ספּאָרט" אבער דאָס איז געווען „מח גימנאַסטיק". אין דער צייט ווען אלע אומות האָבן זיך איבערגעגעבן מיט זייער גאַנצן לייב און לעבן צו די פיזישע קרעפטן, זייער פויסט צו ענטוויקלען; כדי עס זאָלן זיין — והידים ידי עשו... האָבן מיר אלע — בזקנינו ובנעורינו — זיך איבערגעגעבן צו ענטוויקלען אונדזערע גייסטיקע קרעפטן, עס זאל זיין — „והקול קול יעקב" אין די בתי מדרשים און אין די ישיבות! אונדזער שלאָג־וואָרט איז תמיד, אין אלע דורות געווען: — „כי לא בחיל, ולא בכח, כי אם ברוחי אמר ה' צבאות"!... און דערפאר זאָגן אונדזערע חז"ל אז די תורה וואס האָט געזאגט: „וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך"... מיינט עס: די תפילין שבראש...

ליידער דאָ אין אפריקע, ווי איך זע, האָבן אונדזער יוגנט געמאכט זייער אַ ביט קיין אויסגערעכנטן חליפין, זיי האָבן גענומען אונדזערע גייסטיקע קרעפטן, פון אונדזערע אויסגעצייכענטע עלוי'אישע קעפּ, און האָבן עס קאָנצענטרירט און אריינגעלייגט אין זייערע פיס... אָנשטאָט צו אנטוויקלען די געהירן, דעם מח, אנט־וויקלען זיי די מוסקולן פון זייערע רגלים... זיי זאָלן קענען דער־

לאַנגען אַ שטאַרקערן און פעסטערן בריק אין דער פילקע, — אָדער ווי איר רופט עס דאָ — די פוס־באַל... איך האָב מורא; אז אַ סך פון זיי, וועלן נאָך מיט זייער אויסגעצייכנטן בריקן, אזוי אויס־בריקעווען דאָס אידישקייט... אַנשטאָט די גרינגע תפיסה און חריפישן מוח, באַמיט זיך דאָ דער יוגנט צו זיין אַ קל ברגלים... גרינג אויף די פיס, ער זאָל קענען לייפן און שפּרינגען... און אזוי לייפנדיק, אנטלייפן זיי פון אונדזער אידישע מחנה, איבערלאָזנדיק הינטער זיך, זייער געפּלאָגט פאָלק ישראל, מיט אונדזער גאַנצעס פּאַק הייליגקייט, גייסטיגקייט, פון אונדזער תורה און מצות, און פון אונדזער גאַנצן באַרוף...

עס וועט אייך אבער קינדער קיין זאַך ניט העלפן! מיר אידן האָבן שוין אזעלכעס אויך געהאט, און ניט איינמאָל, אין אונדזער איבער־דרייטויזנט־יעריקער געשיכטע, און נאָך גאר אין סאמע אָנ־פאַנג, ווען מיר זיינען געוואָרן פאר אַ פאָלק, דערציילן אונדזערע חז״ל: אז אונדזערע עלטערן, די קנעכט אין מצרים, האָבן אריינגעבויט זייערע קינדער אין די קרעפּישטן און פּיראמידן פון דער פאַר־צייטיגער מיצרישער קולטור... און אַ טייל האָבן זייערע קינדער געלאזן אין די וועלדער און אויף די פעלדער, און בשעת די מיצרישע אויג האָט זיי שיר ניט באַמערקט, זיינען זיי איינגעזונקען געווארן אין דאס מיצרישע באָדן... און זייערע אדונים די עגיפּטיאַנער פעדאַלן, די פריצים האָבן איבער זיי, איבער די אידישע קינדער׳ס קעפּ, זייערע פעלדער געאַקערט... און מיר האָבן מיט אונדזערע קינדער׳ס בלוט און מוחות פרעמדע פעלדער געמיסטיקט... זיי גע־מאכט בליען און וואקסן... און פרעמדע בנינים, שטעט, שלעסער, פּיראמידן, טורעמס און פּאַלאַצן געבויט... אבער וואס איז דעמאלט דער סוף געווען? — זאגן אונדז ווייטער די חז״ל: — אז בשעת ס׳האָט געקלונגען די צוועלפטע שעה פון אונדזער דאמאלסדיקע גאולה, זיינען זיי, די פארגראָבענע און איינגעזונקענע קינדער, ארויס פון זייער באַגרעבעניש, און סטאַדעס, סטאַדעס, גאַנצע מחנות, זיינען זיי געקומען צו משה׳ן זייער גואל, און זיינען געווארן פון די ערשטע חלוצים, און ווען זיי האָט דאָס משה דערנאָך געזאגט צו זייערע טאַטעס — דער דור המדבר, די געוועזענע קנעכט און ליים־

קנעטער, ביי פרעה׳ן: — וטפכם אשר אמרתם לבז יהיה. ובניכם אשר לא ידעו היום טוב ורע, המה יבאו שמה, ולהם אתננה, והם ירשוה!...

די תפילין האבן אים געראטעוועט.

ווען וועלוול יאַקאָבזאָן אַ ריגישער יונגערמאן פון אַ יאר פינף־און־צוואנציק, האט זיך געהאלטן אין פאקן און צוזאמענגעלייגט זיינע זאכן אין די צאמידאנעס, זיך צוגעגרייט צו נעמען די אונטער־צוג נאך אויסלאנד, אום צו אפרייזן צו זיינע רייכע אנקל׳ס אין דרום־אפריקע, איז זיין אלטע מוטער געשטאנען איבער אים מיט פאר־ווייניטע אויגן און זיך געבעטן ביי אים רחמים; ער זאל אן זיין אידישקייט ניט פארגעסן, און זאל בלייבן אַ איד, זי האט ארונטער־גענומען פון וואנט דעם זעקעלע מיט די תפילין, וואס איר וועלוול האט שוין לאנג לאנג צומאל ניט אנגעמאסטן, און האט קושנדיק ארייגעלייגט צווישן זיינע — איר זונ׳ס — זאכן, און אים געבעטן למעה״ש צו לייגן תפילין און דאוונען אלע טאג, וועט אים גאט־ברוך־הוא מצליח זיין.

וועלוול האט אָטאָמאַטיש צוגעשאקלט מיטן קאָפּ צו זיין אלטע מוטער און איר ניט געוואלט מצער זיין, האט ער די תפילין געלאזט ווו זיין מוטער האט עס פארפאַקט.

אויפן שיף צווישן סויטעמפטן און אפריקע האט וועלוול פארפירט פאליטישע שמועסן מיט די אנדערע פאַסישזירן, און גע־האלטן האט ער פארן „ראטן פאַרבאַנד״ שטאל און אייזן, מיט היציגע דעבאטן און ארגומענטן האט ער אלץ געוואלט אויפווייזן אלעמען אז נאר די סאָוויעטישע רוסלאנד וועט ברייגגען די גאולה און דערלייזונג צו דאס גאנצע מענטשהייט.

ווען די שיף איז צוגעשווומען צום קייפטאנער האַפן און די עמיגראציע־בעאַמטע זיינען ארויף געקומען, און אלע אמיגראנטן זיינען עקזאמנירט געווארן, איז אויף וועלוולען געפאלן אַ חשד מצד די בעאַמטע, אז ער איז אַ באָלשעוויק, און ער קען ברייגגען שאָדן צו דעם פרידן פון לאנד, האבן זיי אלע אים געוואלט גלייך צוריק שיקן.

נאר זיינע רייכע אפריקאנער אנקעלס האבן זיך געשטעלט פאר אים און האבן איינגעלייגט 150 פונט קויטצע (ערבות) און מיט גרויס מי און השתדלות האבן זיי געפועלט מען זאל זייער וועלוולען פארהאלטן אין אמיגראנטן־לאגער. זיי האבן אפעלירט צום העכערן געריכט און צום אויסערן־מיניסטער, ס׳האט אבער ניט געהאלפן.

זיי האבן געטענה׳ט אז ער איז אַ באַלשעוויק, און קיין באַלשעוויקעס זיינען ניט דערלויבט ארייַן צו קומען אין לאנד. די אנקעלס האבן אזוי לאנג געארבעט, ביז זיי האבן אויסגעווירקט מען זאל רעווידירן און איבערזוכן וועלוול׳ס זאכן, איז אויב זיי וועלן דארט געפינען וואסערע־ניט־איז פראַפּעגאַנדע מאטעריאל פאר די סאָוויעט רעגירונג, וועט דאס דינען אלס בעוויז; אז ער איז אַ געשווירענער באַלשעוויק.

אבער ווי אנטוישט זיינען די בעאַמטע געווארן, אז בשעת זיי האבן פארנאנדער געעפנט וועלוול׳ס צאַמעדאַנעס. איז לא־די וואס זיי האבן ניט געפונען קיין שפור פון סאָוויעטישע פראַפּעגאנדע־ליטעראטור, נאר זיי האבן דארט דערטאַפּט אַ זעקעלע מיט אַ פאָר פיינע געשליפענע תפילין. און די דאזיקע תפילין האבן וועלוולען געראטעוועט, ווייל; האבן זיינע אנקעלס ארגומענטירט, אז אַ יונגערמאן אין היינטיקע צייטן זאל מיטפירן מיט זיך תפילין, איז אַ סימן אז ער איז אַ רעליגיעז געשטימטער יונגערמאן, און האט מיט קיין באַלשעוויזם לחלוטין ניט צו טאָן, די בעאמטע האבן די תפילין אנגענומען פאר אַ גענוגענדן בעוויז, און האבן וועלוולען דערלויבט צו לאנדן.

ד.

שבתים און ימים טובים אין אפריקע.

בה. בו. בם.

אין אפריקע ווערט דערקלערט פארוואס אין שבת׳דיקן דאַוונען, אין דער תפילה פון „רצה במנוחתנו״, בייטן מיר באַ איטליכס מאָל דאַוונען דאס ווארט: בה, בו, בם?

— פרייטיק־צו־נאַכט זאגן מיר אין מעריב וינוחו „בה״ לשון נקבה, פארוואס? — ווייל דעמאלט איז די ווייב אהיים, דעקט דעם טיש, לייגט די חלה און בענטשט ליכט און בלויז זי נעמט אן דעם הייליקן שבת, דער מאן מיט די זין זיינען נאך אין די גע־שעפטן... דערפאר צוליב איר כבוד וועגן, זאגט מען דאס: „וינוחו בה״... (לשון נקבה).

שבת אינדערפרי גייט דער מאן אין שול, (כדי צו פארטיילן דארט די עליות; אינפאל ווען ער איז גבאי... אדער צו קריגן אַ פעטע עליה; ווען ער איז סתם אַ מעמבער...) און די „מיסעס״, די פרוי הייסט דאס, בלייבט דערווייל אין „שאָפּ״ (אין געשעפט) צו „אַטענדן די קאָסטעמערס״ (ענטפערן די קונדן) איז ער דאך דארט אין שול דער שבת׳דיקער איד, זאגט מען דאס, פאר זיין כבוד וועגן „וינוחו בו״... (לשון זכר).

פארנאַכט ווען די שאָפּן און געשעפטן זיינען אינגאנצן גע־שלאָסן און ביידע; סיי דער מאן, און סיי די ווייב; זיינען נישט מחלל שבת, זאגט מען דאס צו מנחה פון זייער ביידנס כבוד וועגן „וינוחו בם״... (לשון רבים).

דערפאר איז אויך רעכט; פארוואס אין דאס־רוב ענגלישע־אידישע שולן זינגט מען ערשט שבת צו מנחה „מזמור שיר ליום השבת״ ווייל דעמאלט ערשט זיינען דאס די בעלי־בתים אויף ריכטיק־מקבל שבת...

ער שרייט חזק, חזק.

אַ משולח דערציילט: איינמאל איז אים אויסגעקומען צו האלטן שבת אין איינע פון די קליינע שטעטלעך אין דער קאַפּ־קאָלאָניע. איז ער פרייטיק פארנאַכט אוועק אין שולכל, דארט מקבל־שבת געווען און אפגעדאווענט מעריב ביחידות, און ווען ס׳איז שוין געווען גוט פינצטער, האט ער גענומען גיין צו זיין סטאנציע, ערשט אין קאָרידאָר פון שולכל; האט ער באגעגנט די עטלעכע אידן פון שטעטל, רויכערנדיק ציגארעטלעך, זיי זיינען דאס ערשט געקומען אין שול מקבל שבת זיין, מען האט אנגעצונדן די לאמפן און דער חזן־שוחט איז ארוף אויפן בימה און זיך אויסגעזונגען „לכו נרננה״.

דער משולח איז אויך ארויף און קלאַפּט אן אין באלעמער, און שרייט אויס; מיטן סקראַבאָוועז ניגון — חזק ח־ז־ק ונת־חזק!

ווען דער עולם האט אים דערנאך געפרעגט: וואס איז ערשט פאר אַ שרייען חזק? האט דער משולח זיי געענטפערט: ווי איר ווייסט: אז מען ענדיקט לייענען אַ ספר פון דער תורה, שרייט מען אויס חזק! איצט ווי איך האב דאָ געזען: האט איר געענדיקט מיט דער גאנצער תורה... איר זיינט דא אין שול בציבור מחלל שבת בפרהסיה, לעיני כל ישראל, דארף מען דאך אויף געוויס שרייען — חזק. חזק!...

דערזעלביקער משולח דערציילט: איינמאל איז אים ווידער אויסגעקומען צו בלייבן פרייטיק־צו־נאַכט אויף זיין קוואַטיר בא איינעם אַ בעל־הבית. האט ער זיך אפגעדאווענט און גייט ארום איבערן עס־צימער און זינגט זיך שלום עליכם. אין שטוב זיינען קיינער בישט געווען, אלע אין געשעפט, אין קראַם... ערשט ער הערט ווי דער טעליפאָן קלינגט, האט ער אום שבת, אליין ניט געוואָלט ענטפערן, איז אריינגעקומען פון קיך, דער הויז־קאַפיר, ער נעמט דאס טעליפאָן־רערל און שרייט אריין: „האַלאָו! יעס מיסוס, יעס מיסוס!״ און לייגט פאר אַ וויילע אוועק דאס רערל, נעמט ארונטער פון בופעט די צוויי לייכטער, שטעקט אריין ליכט, צינדט זיי אָן, און טראָגט צו די לייכטער מיט די ברענענדיקע ליכט צום טעליפאָן נעמט דאס טרובקע און שרייט אריין: „יעס מיסוס, קענדאַלס היר!״ (די

ליכט זיינען דאָ...) נאך אַ קורצע ווײַלע אנהאַלטענדיק אין טרובקע בעמט דער קאַפיר די בענטש־לייכטער מיט די ברעג'ענדיקע ליכט, שטעלט עס ביים ברעג טיש...

שפעט ארום 9 אזייגער פון אוונט, האבן זיך ערשט אלע אראָפגעלאזן פון שאַפ. די באַלעבאָסטע קומט אריין: — גוט שבת, רבי, גוט שבת! נו זעט איר רבי, אפילו דא אין די פארוואָרפענע מדינה אפריקע, פארגעסן מיר אויך ניט אין אונדזער אידישקייט, און מיר היטן אפ וויפל מע קען, אָט האב איך, שטייענדיק אין שאַפ, מיר דערמאנט; אז איך האב נאך קיין ליכט ניט געבענטשט, און דא אין שאַפ איז געווען אַ באַפּאַל פון בורעס, יעקלס, און קאַפירס, מען האט פשוט געריסן פון די הענט, מיין מאַן, מיינע זין, האבן קיין הענט ניט געהאט אלעמען צו „אטענדן", (ענטפערן) בין איך דארט געווען אזוי „ביזי", (פארנומען) אז איך האב ניט געהאט קיין מינוט צייט, זיך אפצוררייסן און זיך צוכאַפּן צום שטוב, ליכט בענטשן, נו, זעט איר רבי, האב איך מיר אַן עצה געגעבן, אנגעקלונגען צום הויז, געבעטן מיין טאָמען דעם הויז־קאַפיר, האט ער דאס פאר מיר אָנ־געצונדן, און איך האב דארט אין שאַפ — דורכן טעליפאָן — ליכט געבענטשט! און אט ברענען זיי, פינקלען זיי, די שבת'דיקע ליכטעלעך!...

טאָ וואס זשע, זינדיקט איר?

נאך אַן אינטערעסאנטן עפיזאָד דערציילט דער משולח: ס'איז אים איינמאל אויסגעקומען צו האלטן שבת באַ אַ אידן אַ גביר, אין אַ קליין שטעטל פון די קאַפ, שבת באַטאָג האט אים דער גביר גע־פירט ווייזן זיין עשירות: —

איר זעט, — זאגט דער גביר — אט דעם גרויסן באַזאַר מיט די דריי בעזונדערע אריינגאנגען; דארט קאנט איר באקומען פון אַ נאָדל ביז אַ פיאַש, אן אקער אייזן, אלץ קענט איר אין מיינע מאַ־געזיבען קריגן! —

ד ע ר מ ש ו ל ח: — טא וואס זשע, זינדיקט איר?...

ד ע ר ג ב י ר: ווער זינדיקט? איך זינדיק גאָר ניט.

נאכדעם ווייזט דער גביר פון ווייטן אַ גרויסן דריי שטאָקעדיקן האָטעל און זאָגט: איר זעט אט דעם האָטעל דאס איז מיינער; מיין עלטערער זון שטייט דארט און ער איז דאס דער פערוואלטער.

דער משולח: טא וואס זשע זינדיקט איר?

דער גביר: איך זינדיק גאר ניט, איך ווייז אייך ווי דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן!

צום לעצטן: אז דער גביר האט דעם משולח געוויזן ווייט, ווייט, ארויס פון שטאט זיין „גאַבאַרנע" און זאגט: איר זעט אט דעם פעלן־און־לעדער־פאבריק; דאס איז ב"ה אויך מיינער, עס אַר־בעטן אין אים, ארום אַ הונדערט און צוואנציק ארבעטער, און דורכ־דעם פאבריק בין איך דאס, גאָט־צו־דאַנקען, אויפגעריכט געווארן.

פרעגט דער משולח ווידער אמאל; טאָ וואס זשע, זינדיקט איר?

דאָ איז שוין דער גביר געווארן אביסל אויפגעבראכט און פרעגט: זעט איך בעט אייך, וואס מיינט איר דערמיט, וואס איר פרעגט מיר אלץ: וואס איך זינדיק? איך זינדיק גארניט און איך „גראַמבל" (באַקלאג זיך) חלילה ניט, אדרבה, איך בין פריילעך און צופרידן, איך דאַנק און לויב דעם אויבערשטן, וואס מיט זיינער הילף, האב איך מיר אזוי פיין „אַרויפגעארבעט"! איך ווייז אייך דאס אַלץ; ווי קומענדיק אהער אין אפריקע, בין איך געוועזן — נישט היינט געדאכט — אַ מחוסר לחם, אויסגעגאנגען — איך און ווייב און קינדער — צען מאָל אַ טאָג פון הונגער, און אין אַ פערלויף פון פופצן יאר, האט מיר גאָט אויפגעריכט, איך האב מיר זייער גוט ארויפגעארבעט, און איך בין היינט ב"ה „גוט אָפ" און „וועל טו דו" טאָ פארוואס זאל איך עפעס זינדיקן, און „גראַמבלען"?

— אָט דאס איז דאך טאקי וואס איך פרעג: זאגט דער משולח: אויב השי"ת האט אייך יאָ געהאלפן, און איר זייט אזוי פארמעגליך, אזוי רייך, מיט אזוי פיל בליענדע גלענצענדע געשעפטן, טא וואס זשע זינדיקט איר? וויפל איז דער שיעור צו זינדיקן, איצט קאָנט איר זיך דאך שוין פארגינען צו האלטן אייערע געשעפטן געשלאסן אום שבת און יום טוב! טא וואס זשע זינדיקט איר, נאך אלץ?...

דאס איז באַ אים קיין געשעפט נישט...

שבת נאכמיטאג איז אין „שמש־יאַרד״ *) צוגעגאנגען „אַ טרייער״ צו זיין שכן׳ס „רומקע״ און האט אים אויסגערעדט:

— סטייטש, ווי קומט דאס צו אייך ר׳ לייבע, איר זאלט טאן געשעפט אום שבת? איר האלט זיך דאך עפיס פאר אַ שומר שבת; און איך האב אָקארשט געזען ווי „אַ בייער״ איז פון אייער „רומקע״ ארויסגעקומען מיט אַ גרויסן פאק זאכן?!

— עסיך וואס — זאגט לייבע דער טרייער: וואס אייך פאלט איין, אט דאס רופט איר אויך ביזנעס, געשעפט? ער האט פון מיר אבגעקויפט מיין גאנץ ביסל „טרייאַכץ״; וואס איך האב „אנגעטרייט״ די גאנצע וואך, און פרעגט: וואס האב איך דערביי פארדינט? אסור מיר, אויב אויף די שיך וואס איך האב איבער דעם געריסן, רופט איר דאס אויך ביזנעס? דאס איז מחילה „בזיונות״, נישט ביזנעס... ניין באַ מיר איז דאס קיין געשעפט ניט!...

ער דארף שיר המעלות׳ן

שבת בא טאג ווען ר׳ יאָסל מוכר ספרים איז געזעסן מיט זיין פאמיליע ארום שבת־טיש און געזונגען זמירות, איז אַ יונגערמאן אריינגעקומען, אַ ביסל אַ צוטומלטער און אַ זאג געטאן: וואס, איר זיצט זיך גאר דא און פראוועט באנקעטן? און די שאַפּ האַלט איר צוגעשלאסן, אַ שיינער ביזנעסמאַן זיינט איר!

— וואס האט איר דען געוואלט? — פרעגט דער מוכר ספרים, — היינט איז בא מיר שבת, האלט איך פעסט מיין געשעפט,

---

*) אין „פעריירע־דיסטריקט״, דער אַ מאָליקער אידישער קוואַרטל פון יאָהאַנעסבורג, האָט זיך געפונען דעם „שמש־יאַרד״, דאָס איז געווען אַ גרויסער הויף מיט אַ סך קליינע „רומקעס״ קאַמערלאַך, וואָס האָט בעלאנגט צו אַ שמש, ער האָט דאָס פאַרדונגען צו די „טרייערס״ אידן טענדלערס וואָס פלעגן ארומגיין איבער די הייזער אויפקויפן אַלערהאַנד אַלטוואַרג; ווי קליידער, שיך וכדומה. אַלע זונטיק פלעגט דער „יאַרד״ פאַרוואַנדלט־ווערן אין אַ סאָרט יאַריד, ווו „בייערס״ סוחרים „אויפקויפער״ פלעגן אַהין קומען פון איבער׳ן גאַנצן „ראַנד״ דאָרט אויפקויפן די „טרייאַכץ״, די אלט־טוואַרג פון די „טרייערס״, וואָס זיי פלעגן „אַנטרייען״ צונאַמענקויפן די גאַנצע וואָך.

— דער יונגער מאן, אויפגערעגט: „שבת שמאָבעס, אַט ליגט אים נאך די גרינע נאַרישקייט אין קאָפּ... איך בויטיק זיך איצט אין „שיר המעלות׳ן״ מיין מיסעס איז געלעגן געווארן אין קינפעט, זי האט מיר געבוירן אַ מיידעלע, און דאָ האלט איך גאר אייער ביזנעס געשלאָסן, טאָ ווו זאל איך קריגן שיר המעלות׳ן? אין „צענטראַל נייס אַגענציע״ האב איך שוין געפרעגט; האבן זיי דאס ניט...״

שבת, נאכן דריטן טאָג.

אַן אפריקאנער רב דערציילט: איינמאל אום אַ שבת, איז ארייגעקומען צו אים אַ איד מיט אַ שאלה: היות פרעגט ער: ווי ס׳איז שוין אריבער דער דריטער טאָג, צו מעג ער היינט עפענען זיין שאָפּ? (קראָם)

תחילת האט דער רב נישט פאַרשטאנען וואס ער רעדט צו אים, און האט אים פארווונדערט אנגעקוקט, ערשט נאך אַ לייגערן פארהער איז ער ענדליך דערגאנגען אין וואס דא האנדלט זיך: דער איד איז ל״ע געווען אן אבל נאך אַ קינד, האט ער — ווי אנאנדער רב האט אים געפסקן׳ט — געהאלטן זיין געשעפט פארמאכט, און היות ווי פרייטיק איז געווען דער דריטער טאג פון זיין שבעה. איז ער דאס דעריבער געקומען פרעגן דעם רב אַ שאלה: צו מעג ער שוין היינט שבת, עפענען זיין קראָם?...

אז מען פרעגט אַ שאלה איז טרייף. אָדער: דער „ראַבי״ מעג...

מר. גאָלדפילד אן ענגלישער יאַהודי איז ל״ע שבעה געזעסן, דעם שבת פון זיין שבעה־וואך, האט ער אינדערפרי געשיקט זיין אינגל צום ראַביי אים פרעגן: צו מעג ער זיך ארומגאָלן זיין באָרד איידער ער גייט אין שול אריין?

ווען מען האט די טיר פון ראַבאַי׳ס הויז פארן אינגל געעפנט, האט ער דערזען, ווי דער ראַביי זיצט ביי׳ם שפיגל און גאָלט זיך דאס בערדל, האט דער אינגל געוואלט גלייך צוריקגיין מיט אַ קלארע תשובה צו זיין פאטער אז ער האט אליין געזען „אַ מעשה רביי״ אז מען מעג זיך גאָלן... דער ראַביי אבער באַמערקנדיק דעם אינגל

דורכן שפיגל, האט זיך צו אים אַ קער געטאָן מיט זיין פארמוליעטע מאָרדע און זאגט — „יעס, וואט דו יו וואָנט סאָנני?!״ (יאָ, וואס האסטו געוואלט זוניבקע?)

— מיין פאַפּאַ, האט דער אינגל געשטאַמלט — האט געוואלט וויסן; אויב ער מעג זיך היינט נעמען אַ שייוו? (ארומגאָלן).

— דער ראַביי ניט אויפהערנדיק זיך קראַצן מיטן ראַזיר־מעסער — זאגט: ניין, מען טאָר ניט, היינט איז שבת!

אין שול נאכן דאוונען, ווען מר. גאָלדפילד האט געפרעגט זיין ראַביי פארוואס ער, דער רבי אליין, האט זיך יאָ געגאָלט אום שבת?!

— יאָ, האט דער ראַביי שמייכלענדיק געענטפערט — איך האב דאך אבער ניט געשיקט פרעגן קיין שאלה!...

פארענטפערט זיין איידים מיט אַ פשטל.

אויף אן אפגעלייגטן ברית, וואס האט געזאלט זיין שבת, נאר ווייל ס'איז געווען ערב דעם קריסטליכן ניי־יאָר, ווען דער בעל־ברית מיט אלע קרובים זיינען געווען פארנומען אין זייערע געשעפטן, האט מען דערפאר דעם ברית מדחה געווען אויף מאָרגן — זונטיג, האט דער שווער פון בעל־ברית, אַ איד אַ למדן, פאַרענטפערט זיין איידים מיט דעם דאזיקן פשטל:

— אייגנטליך וועט דאך דעם עולם זיין קשה'דיק, ווי קומט עס אז מיין איידים זאל עובר זיין אויף אַ מפורשע מצות עשה דאורייתא, ס'שטייט דאך געשריבן: „וביום השמיני ימול בשר ערלתו״ טא ווי האט ער אפגעלייגט דעם ברית? און נאכמער פליאה'דיק איז די סיבה פון דעם אפלייגן: באשר בכן: מחמת דער עולם איז נעכטן שבת, געווען סטראַשנע „ביזי״ (פערנומען) מיטן לייזאכץ לכבוד דעם גויאישקן ניי־יאָר, דעריבער; דארפן מדחה זיין אַ ברית וואס איז מילה בזמנה?

נאר מיין איידים, זאל געזונט זיין, הגם ער איז ניט קיין גרויסער למדן, פונדעסטוועגן אז מען זאל זיך גוט איינטראכטן, קען מען זען, אז ער האט געטאָן כדין... ווארום ס'איז ידוע: אויב דער אכטער טאג געפאלט אום שבת, מאכט מען דעם ברית, ווייל מילה בזמנה איז דוחה שבת. אבער אפלייגן אַ ברית אויף שבת טאָר מען

ניט, ווייל מילה שלא בזמנה, איז ניט דוחה שבת, און אז מען זאל יאָ מל זיין, וועט דאס הייסן ריכטיקע חילול־שבת!

דערפאר טאקי; האט דאס מיין איידים דעם ברית פון זיין בייגעבארענעם זון, מיין אייניקל, אפגעלייגט פון נעכטן שבת, וואס איז געווען בזמנה, אויף היינט זונטיק און ניי־יאָר; כדי צו ווייזן אז ער האלט ניט פון דעם קריסטלעכן שבת און ניט פון זייער ניי־יאר, ער האט דאס אלץ מחלל געווען בפרהסיה, מיט דעם ברית־מילה שלא בזמנה! *)

השומר שבת הבן עם הבת...

אין אַ שטאט אין אפריקע איז געווען אַ פיינער איד, אַ למדן; וואס פלעגט זאגן אַ בלאַט גמרא אין בית־המדרש, געהאט האט ער אַ גרויסן מאַניפאקטור און גאַלאַנטרי געשעפט, שבת און יום טוב פלעגט ער אַליין אין געשעפט נישט אריין שמעקן. געשטאנען זיינען דארט זיינע טעכטער.

איינמאל שבת באטאג ביים טשאָלנט, האבן זיך ביידע טעכטער אַריינגעכאפט פון קראָם — וואס איז געווען פון פראנט פון זייער הויז — אין עס־צימער און זיך געזעצט ביים טיש עסן. דער פאטער זינגענדיק זמירות מיטן שבת׳דיקן ניגון: „השומר שבת הבן עם הבת...״ האט דערהערט: אז דארט אין קראָם רוישט זיך עפּעס, משמעות, אז קונים זיינען דארט אריין, האט ער איבערגעריסן זיינע זמירות און אַ געשריי געטאן: דאַרע, רייטשל! ווי לאזט איר דאס די שאָפּ אליין, און ביידע מיטאַמאָל אריינקומען עסן?! גייט אריין גיכער אין שאָפּ, איך הער קאָסטומער דרייען זיך דאָרט, ס׳איז ניטא ווער זאל זיי אַטענדן...

ער האלט ניט פון די נאַרישקייטן.

שבת נאך מיטאג האבן זיך אַ גרופּע יונגעלייט אריבערגעשיפט צום בלאַף (אַ אינזל פון אנדער זייט פון דעם דערבענער האַפן.)

---

*) אויב אַייך געפעלט די דאזיקע אַפריקאַנער שטיקל תורה, טאָ פאַטשט בראַוואָ!...

דארט האבן זיי זיך צולייגט אויפן גראָז, נישט ווייט פון די פולווער און דינאמיט מאגאַזינען.

ווען איינער פון זיי האט פארויכערט זיין פיפקע, איז אַ בעאַמטער צוגעגאנגען צו אים און געזאגט:

— יונגערמאן! ס׳איז אייך דאָ ערשט נישט דערלויבט צו רויכערן און צינדן קיין פייער...

— ווייסיך וואס! האט דער יונגערמאן געענטפערט: איך בין נישט קיין רעליגיעזער איד, און איך האלט נישט פון די באַרישקייטן, איך רויכער תמיד אום שבת!...

ער מעג שוין ברענען...

מען דערציילט: ווען דער מלבים איז געווען אין קעניגסבערג, האט ער אמאל אין אַ שבת באגעגנט אין גאַס אַ אידן שפּאַצירנדיק מיט אַ ציגאַרטל אין מויל און גערויכערט.

האט אים דער מלבים אפגעשטעלט און געפרעגט: זאגט נאר ר׳ איד ווי לאנג איז זינט איר האט אנגעפאנגען צו רויכערן?

— אָ, שוין קרוב צו פערציק יאר, האט אים דער איד געענטפערט.

—אויב איר רויכערט שוין אזוי לאנג — האט אים דער מלבים געזאגט: — איז שוין צייט איר זאלט שוין אָנהייבן צו ברענען...

דאס איז יאָ אַ בעלנות

זונטיק ערב ראש השנה פארטאָג איז רבי משה׳ל פרידמאן ז״ל, יאָהאַנעסבורגער רב. געגאנגען צו סליחות. ווען ער איז פארבייגעגאנגען אַ הויז פון איינעם פון זיינע בעלי־בתים, האט ער געזען אַז די הויז איז באלויכטן און ס׳רודלט זיך דאָרטן, גרופעס געסט זיצן ארום טישלעך, מען שטורעמט, מען רויכערט און ס׳איז דאָרט לעבעדיק. קלערט דער רב און וואונדערט זיך: וואס קען דארט איצט פארטאָג פארקומען?

צו דער זעלבער צייט האט גראָד דער בעל־הבית ארויסגעלאזן איינעם פון זיינע געסט, האט ער דערזען דעם רב פארבווגייענדיק, זאגט ער: גוט מאָרגן רבי! ווו גייט איר דאס איצט אזוי פרי?

— איך גיי צו סליחות — ס'איז דאך היינט ערב ראש השנה; איז לאנגע סליחות, האב איך מיר דאס מקדים געווען און גיי אין בית המדרש, אבער זעט וואס איד'ל אייך פרעגן; וואס איז דארט ביי אייך אין הויז אזוי ליכטיק, אזוי לעבעדיק, און אזוי פיל געסט; איצט אזוי פרי מיטן באַגינען?

— עט רבי, מיר האבן דארט געכאפט אַ קערטל, מיר האבן דא ביי אונדז אַ קאָרטן־פארטיי. — ענטפערט דער בעל־הבית.

— אזוי! האט דער רב געהייבן די פלייצעס, — אַ בעלנות דאס איז פון אידן, אויפצושטיין פארטאָג אין אזא ביטערע קעלט, כדי צו שפילן קאָרטן בציבור!...*)

ס'איז נישט מער ווי וואסער...

יום כיפור באַנאַכט נאך כל־נדרי און מעריב, ווען דער עולם איז ארויס פון שול, איז אן ענגליש־אידישער יונגערמאן צוגעפאלן צום וואַסער־קראַן און גענומען טרינקען דאס וואַסער.

— „וואס טוט זיך דאָ מיט אייך!" — האט אן עלטערער איד גענומען שרייען; ס'איז דאָך היינט יום כיפור!

— „נו, און אז ס'איז יום כיפור איז וואס?" — זאגט דער יונגערמאן טרינקענדיק; מיין זיידע „אַלווע־שלום" איז נאך געווען אזוי פרום ווי איר: האט ער געזאגט: אז אַלקאָהאָלישע משקאות ווי ווייַן, בראַנפן וכדומה, טאר מען טאַקי ניט טרינקען, אבער וואַסער יאָ!

— אפשר האט דאס אייער זיידע געזאגט: אויף פסח באנאַכט נאכן סדר? — האט דער אלטער געפרעגט.

— „ס'קען זיין" — האט דער יונגערמאַן געענטפערט, איך גע־דיינק קלאָר, אז דאס איז געווען „אַן אַ נייט אָוו אַ דזשואיש האָלידיי" (אַ נאכט פון אַ אידישן יום טוב.) אבער וואס איז דער „דיפערענץ" (חילוק) צו פסח נאכן סדר, אדער יום כיפור נאך כל נדרי, ס'איז דאך נישט מער ווי וואַסער!...

---

*) אַז זיי האָבן זיך געזעצט שפילן, שבת פאַרנאַכט, דאָס איז דעם תמימות'דיקן רב גאָר נישט איינגעפאַלן...

ער האט ניט קיין חלה צו קידוש...

יום כיפור באַנאַכט ווען מר. בעקמאַן דער בעקער איז פון שול אהיים געקומען, ערשט ער הערט ווי דער טעליפאָן קלינגט, ער נעמט דאס רערל צום אויער, הערט ער אַ קול שרייענדיק:

— זיינט איר דאס מר. בעקמאַן דער בעקער?!

— יעס, דאס בין איך, וואס פארלאנגט איר מר. דזשעקסאָן?

— „אַ פיינער אידישער בעקער זיינט איר!" האט די שטימע פון אנדער זייט געשטורמט — איך קום אהיים פון שול, ערשט איך געפין קיין חלה ניט! אויף וואס וועל איך ערשט קידוש מאכן?! וואס מיינט איר איך בין ניט אַ איד, און איך'ל עסן אין אַזאַ הייליקן יום טוב ווי יום כיפור אָן חלה, און אָן קידוש?!...

די ביכער זיינען קיין באַווייז ניט.

מר. באַנדער האט געהאלטן ביי'ם איבערנעמען אַ קאפיי און פרוכט־שאָפּ פון מר. ברענער. דער לעצטער האט אנגעגעבן אז זיין שאָפּ לייזט איבער צוויי הונדערט פונט אַ חודש. און די ביכער — דער טאָג־בוך און קעש־בוך — קאָנען דאס איבערצייגן.

אזוי ווי מר. באַנדער אליין איז נישט געווען קיין גרויסער בעל־חשבון, און געהאט אַ קנאַפּע ידיעה אין בוכהאַלטעריע, האט ער געבראכט זיין איידים, וועלכער איז געווען אַ בוכהאלטער, ער זאל עקזאמענירן די ביכער און זען: אויב די סומע לייזאַכץ וואס מר. ברענער גיט אים אָן אין נדן, איז טאַקי ריכטיק.

דער איידים האט דורכגעבלעטערט דעם טאָג־בוך, דערלאנגט ער זיך אַ פרעג אזוי גלאַט אין דער וועלט אריין; — הערט נאר מר. ברענער! די צוויי טעג פון ראש השנה, האלט איר אפן די שאפ?

— „ניין" — ענטפערט ער מיט שטאָלץ; וואס הייסט, איינמאל אַ יאר ראש השנה, זאל מען נאך אויך שטיין אין געשעפט?!

— און יום כיפור?

— וואס הייסט יום כיפור?! צובייזערט זיך מר. ברענער: גענוג אז מען איז אזוי פאריאגט און פארפלאגט אַ גאנץ יאר, און מען וייס ניט פון קיין שבת, פון קיין יום טוב, זאל מען נאך מחלל זיין דעם הייליקסטן טאג אין יאר, יום כיפור?! וואס מיינט איר

מיט דעם, איר האלט מיר שוין גאר פאר קיין אידן ניט?!

— איך האלט אייך שוין יאָ פאר אַ אידן, און נאך פאר אַ פיינעם אידן דערצו! נאר ווערליק אייער טאָג־בוך צייגט; איז אדער ער איז אינגאנצן אַ פיקציע.. אדער איר האט אין די צווייטע טעג ראש השנה און יום כיפור געהאלטן אפן אייער געשעפט, און געלייזט גאנץ היפש...

דער טעות אין דאַטום.

איינמאל איז געקומען צו מיר איינער פון מיינע בעלי־בתים, אַ מעמבער פון מיין קהילה, און פרעגט מיר: דעם אידישן דאַטום פון זיינעם אַ יאָרצייט, זאג איך אים: אז דער יאָרצייט וועט זיין איבער־צווייוואכן דינסטיק. פרעגט ער מיר איבער: ווי מיינט איר: מאנטיק פון אוונט, אדער דינסטיק פון אוונט? זאג איך אים, אז זיין יאָרצייט פאנגט זיך אָן מאָנטיק פון אוונט ביז אויף מאָרגן — דינסטיק אוונט.

— „אט אזוי הער איך ווערטער!" — האט דער איד אַ צו־פרידענער געזאגט: און נאָכאַמאָל רבי, ווען עמיצער פרעגט אייך אַ דאַטום פון אַ יאָרצייט, אדער אַ יום טוב, זאלט איר אים זאגן דעם פריערדיקן טאָג פון אוונט, מחמת: האט מיר דער איד געגעבן צו־פאַרשטיין; איך אליין בין איינמאל מיאוס דורכגעפאלן דורך אַ פארפלאנטערונג מיט די דאַטומס. און מעשה שהיה כך היה:

אין די „ערלי דייס" מיט אַ פערציק־פופציק יאָר צוריק בין איך געווען „אַ טאָכער" וואס מען רופט אין דערהיים אַ לאנד־קרעמער, האב איך „געטאָכט" ס'הייסט ארומגעפאָרן אין אַ אָקסן־וואגן מיט סחורה, איבער די קאַפּ־קאָלאָניע, דעמאלט זיינען נאך קיין אידישע ישובים איבערן לאנד נישט געווען, ווו־ניט־ווו אין אַ שטעטל איבערהויפט; ביי די באַן־סטאַנציעס, האבן זיך געפונען עטלעכע אידישע קרעמער, ס'פלעגט נעמען וואכן וואס איך האב קיין אידן אין מיינע אויגן נישט אנגעזען.

מאכט זיך איינמאל, אז פאר ראש השנה האב איך מיר אָב־געשטעלט ביי אַ באַן־סטאַנציע־בירגערסדאָרף, ווו די פאר דאָרטיקע אידן, מיט נאך עטלעכע אידישע טראוולער און „שמויסער" (צו־לאנד־קרעמער) האָבן מיר קוים צוזאמען „געקלאַפּט" אַ מנין, מיר

האבן זיך אויף אַ גאַנץ אידישלעכן שטייגער „דורכגעדאוונט" דעם ראש השנה. מוצאי־יום־טוב; ווען איך האב מיר גענומען אין וועג אריין „טרעקן". (פאָרן, רייזן,) האב איך געפרעגט אונדזער בעל־תפילה, ווען ס׳פאלט יום כיפור? כדי איך זאל וויסן אנצופארן בייצייטנס אין אַ אידישן ישוב. זאגט ער מיר: אז יום־כיפור וועט זיין פון דעם שבת איבערגאכטאָג. בין איך מיר געפארן גאַנץ רואיק, די גאַנצע וואך און דעם שבת׳דיקן טאָג אויך... און ערשט שבת פארנאַכט בין איך אנגעקומען אין קימבערלי, פארפארן בין איך אין אַ אידישע „באָרדונג־הויז" (אכסניה) געטראכט האב איך, דארט צו עסן די סעודה, פארפאסטן, און גיין אין שול אריין צו כל נדרי. ערשט ווער, וואס, ווען, אין שטוב איז קיינער נישטא, מעריביט ווי די פאר קאַפיר־שיקסעס האבן זיך דארט אין יארד (הויף) ארום געדרייט. פרעג איך זיי: ווו זיינען דאס אלע די מענטשן? ענטפערן זיי, אז זיי זיינען אלע אין שול זיי זיינען נאך אינדערפרי אוועקגעגאנגען און דאַוונען נאך דאָרט!...

פארשטייט איר דאך ווי מיר איז געווארן „קאַלעמוטנע" אויפן האַרצן... ס׳איז מיר באַפאַלן אַ קאַלטער שוויס און ס׳איז מיר זייער ניט גוט געווארן. סטייטש! סטייטש! איך זאל מאכן אזא מיאוסן טעות! מחלל געווען שבת און יום כיפור. אלץ צוליב וואס? ווייל ווען דער בעל תפילה דארט אין בירגערסדארף האט מיר געזאגט — שבת, האב איך געמיינט אז דאס מיינט — שבת־צו־נאכט כל נדרי! היינט גיי ווייס אים דאָרט, אז ער מיינט פרייטיק־צו־נאכט כל נדרי, און שבת גופא וועט זיין יום כיפור!...

דעריבער זאג איך דאס אייך רבי, אז דאָ אין אפריקע ווען עמיצער פרעגט אייך אַ דאַטום פון אַ יאָרצייט, אדער פון אַ יום טוב, באַדאַרפט איר אים זאגן: „ברחל בתך הקטנה, לאה די גרויסע..."

ווען געפאַלט סאַנט פאַטריק׳ס פאַסט טאָג?...

אן ענגלישער־יאָהודי קומט אריין צום רעוורענד און בעט אים ער זאל אים זאגן וואָסער טאג וועט היי־יאָר זיין; „סאַנט פאַטריק׳ס פאַסט־טאָג?" ווייל יענעם טאג האב איך יארצייט, וואלט איך וועלן וויסן ווען געפאלט דערדאזיקער פאַסט־טאג לויטן גויאישן דאַטום?

— אַ פּאָסט־טאג מיט אַזאַ נאמען; איז גאר ניטא אין אידישן קאַלענדאר — זאגט דער רעווערענד. נאר ווי איך פארשטיי, האט איר אַ טעות אין נאמען, וועל איך פאר אייך אויסרעכענען אלע אידישע תענתים, וועט איר זיך אפשר דערמאנען; וועלכן תענית איר מיינט.

דער רעווערענד רעכנט פאר אים די תענתים ביז ער איז גע־קומען צו שבעה עשר בתמוז, דאַ האט זיך דער יאַהודי אַ כאַפּ געטאן און שרייט אויס מיט שמחה: „דאַצרייט!״ (דאס איז ריכטיק רעווערענד! איך האב געדיינקט אז דער פאסט־טאג האט אַ סקאָטישן נאָמען, האב איך אבער געמאכט אַ טעות און געזאגט „סאַנט פּאַט־ריק׳ס״, ס׳איז גאר „סאַנט טאָמאס״ (תמוז) פּאַסט־טאָג!...

זיי שפּילן טעניס...

ווען די באָלשעוויקן אין סאָוויעט רוסלאנד האבן אויף אַ ברוּ־טאָלישן שטייגער גערודפ׳ט די דאָרטיקע רבנים און ציוניסטן און רעליגיע בכלל. האבן די רבנים אין ירושלים גוזר תענית געווען.

שטייען אידן אין דערבן לעם שול, און רעדן מכוח דעם תענית, אן ענגלישער יהודי איז דארט אויך געשטאנען און זיך איינגעהערט דעם שמועס, פרעגט אים זיינער אַ פריינד: פאַרשטייט איר דען וואס מיר שמועסן דאָ, איר פארשטייט דאך גאָר קיין אידיש נישט?

— אָ יעס, ענטפערט ער, איך האב גאנץ גוט פארשטאנען וואס איר האט דא איצט גערעדט, אבער איין זאך וואס איך קען נישט פארשטיין איז: ווי קומט דאס; אז די „פּאַלעסטיין ראַבייס״ זאלן זיך פארמעסטן מיט די באָלשעוויקעס אין אַ „מעטש״ (קאָנקורס־שפּיל) פון טעניס?...

דאס איז אבער ניט קיין חמץ.

ערב פסח אינדערפרי אויפן מאַרק שטעלט מיר אָפּ אַ אידישע־ענגלישע דאַמע וועלכע האט געהאלטן אַ גרויסן דערשטיקטן הענדיק, וואס זי האט אָקאָרשט אין מאַרק געקויפט פון די גוים, און פרעגט מיר: אויב ארבעס פרישע גרינע און די שאָלעכץ, צו מעג מען עסן פסח?...

— פרעג איך איר: פארוואס זי האט זיך איינגעהאנדעלט דעם דערשטיקטן הענדיק, ס'איז דאך נבלה און טרפה?

ענטפערט די דאַמע: אבער קיין חמץ איז דאך דאס געוויס ניט... נו דאס — האלט איך — מעג מען עסן אום פסח... איך קויף אלעמאל אין מאַרק און פאטשקע זיך ניט מיטן שוחט...

באשטעלט אַ לימונע מיט אַ שטעקן...

ערב פסח האט אן עלטערער איד אפגעשטעלט מר. ברעמסאַן, און פרעגט אים: אויב ער וועט קומען מארגן אין שול צום דאווענען?

— אַ שור, (זיכער) ענטפערט מר. ברעמסאַן, און איך האב שוין געאָרדערט (באשטעלט) פון שמש אַ ספּעציעלן לעמון מיט אַ סטיק! *)

שבת תשובה אין גאַס.

שבת תשובה נאָכמיטאג, ווען איך בין געגאנגען מיט נאך אַ אידן פאר אַ שפּאַציר הערן מיר ווי איין אידינע פון דער זייט גאס, זאגט צו דער צווייטער אידינע פון אנדער זייט גאַס:

איר הערט מאַשע! איך בין אָקארשט געווען אין „בוטשערי" (יאַטקע) און גענומען „ראָמסטייק" (אומגעטרייבערטע זאַדיק פלייש) ווייל מארגן איז דאך עפעס ערב יום כיפור; דארפן דאך מאַכן קרעפּלאַך, און ס'איז דאך מארגן זייער „הייליקער זונטיק" ווען די בוטשעריס זיינען צו... האב איך מיר דאס באַזאָרגט היינט שבת...

ס'איז געווען תשעה־באב...

אין אַ פארווארפן שטעטל מאַריעמבערג אין דער קאפּ קאלאניע האט זיך געפונען זייער אַ פרומער אָרטאָדאָקסישער איד מר. בענטאָן האט ער געהייסן, ער האט שטריינג אבגעהיט שבת און יום טוב און אלע מצוות פון דער תורה. פרייטיק נאך מיטאָג ארום פיר אַזייגער פלעגט ער זיין גרויסן געשעפט צושליסן, און צוריק אפּ־

*) אַ לימענע מיט אַ שטעקן. געמיינט האט ער אַ לולב מיט אַן אתריג...

עפּענען שבת־צו־באַכט ווען ס׳איז שוין געווען גוט פינצטער. און די בורעס פון שטעטל און פון אַרום פלעגן באַלאַגערן מר. בענטאַן׳ס קראָם און וואַרטן ביז דער „רעכטאַך־איזראַליט״ (דער ריכטיקער איד) וועט שוין עפּענען זיין קראָם און פאַרקויפן זיי זייגע סחורה. זיי האָבן געגלויבט אין אים און זייגען אַנדערשוווּ נישט געגאַנגען קויפן, אפילו מען זאָל זיי אָוועקגעבן פאַר אומזיסט.

זיין שטייגער איז געווען, צו געבן אַלע זייגע באַשטעלונגען דווקא צו גויאישע טראַוולערס, און קיין אידישן טראַוולער האָט ער אויף זיין שוועל נישט אַרויפגעלאָזן. „ווייל״ — האָט ער מיר אַ מאָל דערקלערט — דער גויאישער טראַוולער איז אַ קריסט; איז אַחוץ מסחר, האָב איך מיט אים קיין עסקים ניט, און טאָמער לאָזט ער אַמאָל יאָ פאַלן אַ פראַגע וואָס איז נוגע רעליגיאָן, ווייס איך — און איבערהויפּט די קינדער מיינע — אַז דאָס איז אַ גוי, אַ קריסט פון אַנאַנדער אמונה, נעמען זיי קיינע נאָטיץ פון אים, און ווען חלילה ניט קיילע ווערן. אָבער מיט אַ אידישן טראַוולער איז שוין אַנדערש; דאָס־רוב פון זיי זייגען אויסגעמאַכטע גמרא־קעפּלאַך, שנה־ ופירושניקעס... און אַז ס׳קומט ווער פון זיי אַריין, הייבט ער גלייך אָן צו פירן דיסקוסיעס זאָגן נאָך מיר מוסר, באשר בכן; איך בין „אַ היפּעקריט״, פאַרוואָס איך פיר זיך ניט ווי אַלע, הלמאַי איך האַלט ניט אָפּ שבת און יום טוב מיין קראָם? מילא איך, ווי איך, מיר וועלן זיי שוין ניט איבער מאַכן, אָבער די קינדער מיינע, זיי זייגען יאָ עלול, פון אַזעלכע אפּיקורסישע רייד, חלילה קיילע צו ווערן. דערפאַר בין איך מיט זיי, מיט די אידישע טראַוולער, פון ווייטן, און וויל מיט זיי קיין מגע־ומשא ניט האָבן.

איינמאָל אין אַ ווינטערדיקע נאַכט זיצן אידן טראַוולער, אין וואַרט־צימער פון די־אַר סטיישן, שפּילן אין קאָרטן, זיי וואַרטן דאָס איטליכער אויף זיין צוג (די־אַר איז איינער פון די גרעסטע צענטראַלע וואַגזאַלן אין דרום אַפריקע, פון דאָרטן צווייגן זיך אָפּ ליניעס צו אַלע דירעקציעס פונם לאַנד) דערציילט דער מאַריצמ־ בורגער טראַוולער פון דעמדאָזיקן „פרומאַק״ — בענטאַן, ווי ער טוט גרויסע געשעפטן און לאָזט קיין אידישן טראַוולער ניט אַרויף אויף זיין שוועל. רופט זיך אָפּ איינער אַ קלוגער טראַוולער; — אין

וויפל ווילסטו זיך ווען, אז איך וועל דעמדאזיקן פרומען סוחר באזוכן, און פון אים קריגן אַ גרויסן אָרדער?!

— אַט ווען דאַ וועט וואַקסן האָר! — שפּרייט אויס דער מאַריעמבורגער טראַוולער זיין לאַפּע פון האַנט און זאָגט — ער וועט דיר אפילו אויפן שוועל ניט אַרויפלאָזן. זיי האָבן זיך געוואָטן אין עטליכע פונט; און אַט וואָס דער קלוגער טראַוולער האָט געטאָן.

איינמאָל אין אַ געוויסן פרימאָרגן, ווען דער צוג איז אָנגעקומען אין מאַריעמבורג, האָט זיך מר. קלוג דער טראַוולער, געלאָזן גלייך צו מר. בענטאָן'ס הויז. ס'איז נאָך געווען גאַנץ פרי, דאָס גאַנצע שטעטל האָט נאָך געשלאָפן, טיר־און־טויער זיינען געווען פעסט געשלאָסן. איז ער צוגעגאַנגען צום הויז, אָנגעקלאַפּט אין טיר, און ווען מר. בענטאָן האָט פאַר אים די טיר געעפנט, פרעגט מר. קלוג — אַזוי תמימות'דיק: — בלייבט דאָ אַ איד?

— יעס, ענטפערט מר. בענטאָן. — וואָס האָט איר געוואָלט?

— האָט איר אפשר מיר צו לייען אַ טלית און תפילין — האָט מר. קלוג בעטענדיק — געפרעגט; איך האָב היינט פאַרטאָג גע־דאַרפט כאַפּן דעם צוג, האָב איך פון גרויס היילינעש דאָרט אין האָטעל, מיין צאַמידאָן געלאָזן, וווּ ס'געפינט זיך מיין טלית און תפילין, און אַזוי ווי איך בין פון תמיד איינגעוווינט: אַז די ערשטע זאַך: מוז איך קודם כל דאַוונען, און דערנאָך גיי איך מיר צו מיין ביזנעס: בעט איך אייך, איר זאָלט מיר אַזוי גוט זיין, אַנטלייען אייער טלית און תפילין.

דער פרומער מר. בענטאָן האָט דערהערט אַזעלכע דבורים, האָט ער דעם טראַוולער פיין אויפגענומען, אים אַריינגעבעטן אין הויז, געגעבן אים זיין טלית און תפילין, און דער טראַוולער האָט זייער פרום אָפּגעדאַוונט. נאָכן דאַוונען דערלאַנגט מר. קלוג דעם טלית און תפילין צו מר. בענטאָן און באַדאַנקט אים זייער פיין, און מאַכט אַ מינע ווי ער וואָלט וועלן אַוועק גיין. זאָגט צו אים מר. בענטאָן איר דאַרפט מיר ניט דאַנקען, ס'איז אַ מצוה, איך האָב דעם גרעסטן גייסטיגן פאַרגעניגן אַז אַ איד האָט געדאַוונט אין מיין טלית־און־תפילין. און בעט זיין גאַסט, ער זאָל זיך גיין וואַשן: איר'ט האָבן בא אונז „ברעקפאַסט", (אָנבייסן).

דאַנקענדיק האט מר. קלוג אנגענומען דעם איינלאַדונג און באַמערקט: אט דאָ; אין אזא אידישע כשרה הויז, וועט ער זיך אַ ביסל אפכאַפן, מחמת רייזענדיק איבערן קאַנטרי, שפייזט מען זיך אלץ מיט טרוקנס, וואָרום ס׳איז אין ערגעץ ניטאָ ווו צו עסן כשר׳ס, מילא ביי די בורעס איז דאך אבגערעדט, נאר אפילו באַ אונדזערע יהודים איז אויך טריפה...

אבגעגעסן, אבגעבענטשט; האט אים מר. בענטאן אריינגענומען אין זיין קראַם, אריינקומענדיק אין קראַם האט מר. קלוג געהויבן פרום די הענט צום הימל און געזאגט: געלויבט השי״ת! אַ איד וואס היט אָפּ שבת און יום טוב; העלפט דער רבש״ע! אַבי די היגע חטאתים זאגן: אז מען קען דאָ אין אפריקע בשום אופן נישט אויס־היטן קיין אידישקייט, אט זיינט איר אַ לעבעדיקער פּראָטעסט אנטקעגן זיי אלע, אט היט איר אָפּ אידישקייט און גאָט־ברוך־הוא העלפט אייך.

— מר. בענטאן: מעג איך אייך פרעגן, מר. קלוג, וואס איז אייער באַשעפטיקונג?

„איך״ — ענטפערט מר. קלוג תמימות׳דיק — בין אַ טראַוולער, איך טראַוול מערסטנס אין די פריי־שטעט און איך רעפּרעזענטיר די גרויסע פירמאס פון יאָהאַנעסבורג. נאר אזוי ווי אויף מיינע ליבעס איז איצט געשעפט זייער שטיל, האב איך געקלערט — „משנה מקום משנה מזל״ — אפשר וועל איך, מיט זיינער הילף, טאָן דאָ אַ ביסל מסחר.

אויב אזוי טא וואס זשע שווייגט איר — האט מר. בענטאַן געזאגט — נעמט זייט אזוי גוט, ארויס אייער ביכל. איך האב אפילו יענע וואך געמאכט אַ גרעסערן באַשטעלונג — אבער דאָך: שרייבט. און מר. קלוג האט אויפגענומען אַן ארדער; פון קרוב צו הונדערט פונט, נאך מיט אַ צוזאג אז — איה״ש — אין עטלעכע חדשים ארום וועט ער קריגן גאָר אַ גרויסן באַשטעלונג.

ווען מר. קלוג האט זיך געטראָפן מיט דעם מאַריעמבורגער טראַוולער האט ער אים לאַכנדיק געפרעגט: נו יאָלד, ווייז נאר אהער דיין האַנט, וואַקסט שוין דארט האָר? שטעק אָפּ די פּאָר פונט וואס מיר האבן זיך געוואטן.

— אזוי, דו האסט ארויסגעקראגן אן ארדער פון דעם „פרומאַק״ בענטאָן?

— ניין, ניין, און ווי נאך אן ארדער! קרוב צו הונדערט פונט! נאך מיט אַ צוזאָג; מיר צו געבן אַ גרויסן ארדער אין עטלעכע חדשים ארום...

— זאג נאר קלוג, ווי האָסטו דאס געמאַכט?

— דאס איז מיין ביזנעס, איך וועל דיר מיין סוד ניט ארויס־געבן, אז אַ מענטש האט קיין שכל ניט, קען אים קיינער ניט העלפן.

דער מאַריעמבורגער טראוולער האט געזוכט געפארשט, ביז ער האט אויסגעפונען די געניאלע המצאה מיט וועלכע דער טראוו־לער קלוג האט ארויסגעקראגן דעם ארדער פונעם „פרומאַק״ בענטאָן.

האט זיך דער מאריעמבורגער טראוולער מיישב געווען; און אין אַ שיינעם פרימארגן איז ער אויך אנגעקומען אין מאַריעמבורג, און האט גלייך זיך געלאזן צו מר. בענטאן׳ס הויז. אנגעקלאַפּט אין טיר און שטעלט אָן אַ פרומען פנים און זאָגט: וואס מיינט איר מר. בענטאן, איך בין ניט קיין פרומער איד, האָט איר אַ טעות, אַט האט זיך באַ מיר געמאכט; איך האב פארגעסן מיינע תפילין אין האָטעל פון די לעצטע שטעטל, בעט איך אייך אנטלייט מיר אַ פּאָר תפילין, וועל איך דאָ אבדאַווענען, און מירן טאַקי עסן ברעקפעסט צוזאמען, מאכן אַ לחיים צוזאמען, וועט איר נאך מיר געבן אַ פיינעם ארדער אויך, ווי די גמרא זאגט: „גדולה לגימה שמקרבת את הרחוקים״...

מר. בענטאן איז אויפגעשפרונגען און גענומען שרייען מיט קולות: איר אפיקורוס! איר חטאת! וואס זיינט איר געקומען צו מיר; אָפּחוזקן פון מיר?! ארויס פון מיין שטוב, ציט דעם גוף, גיך און געשווינט, איידער איך מאַך אייך באַלד אַ פּאָר בלויע אויגן... ער האט געכאפּט העבט־און־פיס און איז ארונטער געלאפן פון הויז בחרפות און בזיונות.

ווען ער האט זיך דערנאך געטראפן מיט מר. קלוג, האט ער אים געפרעגט: ווי האָסטו דארט געמאכט מיט דעם „פרומאַק״? האסטו אים דאָרט פאַרכישופט, צו וואס? אט האב איך אויך געטאָן; פונקט ווי דו. געקומען צו אים גאנץ פרי, געבעטן תפילין, געזאגט

אז איך וויל מיט אים האבן אַ כשרן ברעקפעסט און מאכן אַ לחיים צוזאמען, איז ער געווארן אזוי אנגעצונדן; און האט מיר מיט ביזי־בזיונות ארונטערגעטריבן.

מר. קלוג: ווען, אין וואָסער טאָג בינסטו דאס ביי אים געווען?

— דער מאריעמבורגער טראוולער: דאס איז געווען פאראַכ־טאָגן מיטוואָך!

מר. קלוג: — חכם איינער! אט בינסטו אַ ריכטיקער יאָלד! פאראַכטאָגן מיטוואָך, קומסטו צו אַ פרומען רעליגיעזן אידן און בעטסט אים תפילין, עסן און טרינקען אַ לחיים, ס׳איז דאָך געווען אויף דער גאנצער וועלט — ת ש ע ה ב אָ ב!!

גרינס לכבוד שבועות, איז דוחה שבת.

מיט עטלעכע און פופציק יאָר צוריק האָט זיך אין יאָהאַנעסבורג גע־פונען די איינציקע שול אין פרעזעדענט סטריט. איז איינמאָל אין אַ שבת ערב שבועות נאָך מיטאָג; דאָרט אין שול אריינגעקומען ר׳ חיים קופער און געוואָלט זיך זעצן דאָרט לערנען, ערשט ער דערזעט; אַז אין שול איז אַן איבערקערעניש, ס׳איז דאָרט געווען אָנגעשטעלט פול מיט פאַלמען בוימער, די ביינק זיינען צערוקט, צעווארפן, און קאַפיר־יונגען שלעפן ארום די בוימער איבערן שול, דער שמש שטייט אין מיטן אויף דער בימה, רויכערט זיין פיפקע און קאָמאַנדעוועט מיט די קאַפיר־יונגען, ווייזט זיי; ווו זיי זאָלן אויסשטעלן די בוימער... ווען ר׳ חיים האָט דאָס אלץ דערזען, איז ער אַן אויפגעטרייסלטער געווארן און גענומען שרייען אויפן שמש: סטייטש אַזאַן אַקציע! שבת, שבת קודש! ווי וואגט זיך דאס אַ איד, און נאָך פון די כלי קודש דערצו, מחלל צו זיין שבת; אָט־אָ־דאָ אין אַ מקום קדוש?!

— ווער האָט אייך איצטער געבעטן; צו קומען אהער?! — האָט דער שמש זיך צוריק געבייזערט, ס׳איז היינט ערב שבועות, מוז מען אויספוצן די שול מיט בוימער און מיט גרינסן לכבוד שבועות! דאָ איז איצט פאַר אייך קיין פלאַץ נישט צו לערנען אייער גמרא! איך מוז אויספירן די אינסטרוק־ציעס פון די קאָמיטע, און אויב עס געפעלט אייך ניט, טאָ גייט פון דאַנען, און האַקט ניט אַ קאָפּ מיט אייער שבת שמאַבעס!

ר׳ חיים קופער איז אַוועק אַן אויפגערעקטער, און גלייך נאָך שבועות, האָט ער צונויף גערופן אלע ליטווישע אָרטאָדאָקסישע אידן און געגרינדעט די אָרטאָדאָקסישע קהילה אין יאָהאנעסבורג, וועלכע האָט גלייך אויסגעבויט דעם אלטן בית המדרש אין פאָקס סטריט און דאָרט; אין דעם „גרינעם בית המדרש” איז געווארן דער „מרכז התורה והעבודה” פאר די אידן פון יאָ־האַנעסבורג און גאנץ טראַנסוואַל.

ה.

די קהילה / אירע גבאים און פרנסים.

קיינע ציוניסטישע שקלים ביזנעס, אין מיין קאָנגערגיישן!

שבת פרשה שקלים, ווען דער חזן האט זיך געוועגדעט צו נעמען די צווייטע תורה, אום צו לייענען אין איר דעם מפטיר פון פרשת־שקלים, פרעגט דער פרנס: — רעוורענד! וואס איז היינט פאר אַן עקסטרע תורה! ס'איז דאָך היינט ניט קיין יום טוב און אויך ניט ראש חודש?!

—דער חזן האט זיך צוגעבויגן צום פרנס, און מיט אַ חניפיש שמייכעלע, רוימט ער אים אריין אין אייער — „באָט איט איז שקלים טו דיי!...״ (ס'איז אָבער היינט פרשה שקלים!...)

— „וואס שקלים, זייאָניסטן!״ — האָט דער פרנס געדונערט איבערן חזן — אַ נאָו פער! אונדזער קאָנגערגיישאָן איז אימפאַרשל! (אומפּארטייאיש...) אזוי לאנג ווי איך וועל זיין פרעזעדענט, וועל איך ניט דערלאזן די זייאָניסטן אריינדרינגען מיט זייערע שקלים־ביזנעס אין מיין שול!...

ווי קומט „דנת״ צו זיין קעניג אין גרר?

שבת הגדול אין שול צו יוצרות, פרעגט מר. כץ פון זיין שכן דעם גבאי; — זעט, מר. גראָבסקי: מיר זאָגן דאָ אין היינטיקע יוצרות: „דנת מלך גרר בלילה״ ווי קומט „דנת״ צו זיין דער קעניג אין גרר, אבימלך איז דאָך דאָרט געווען דער מלך?!

— וואס ווייסט איר דאָ נישט — ענטפערט מר. ג.: „דאָנטע״ איז געווען דער מלך פון גרר, אין אברהם'ס צייטן, און אַבימלך האט דאָרט געקעניגט אין יצחק'ס צייטן...

פון ברע צו רבע.

ענליכעס דערציילט מען: אז אן עם הארץ האט געפרעגט זיין שכן אין קלויז: זעט, מיר זאָגן אין קטורת: „מלח סדומית רובע..." ווי קומט אייגענטליך „רובע" צו זיין דער מלך פון סדום, „ברע" איז דאך דאָרט געווען קעניג? ווי ס'שטייט אין חומש: „ברע מלך סדום"?

— וואס פארשטייט איר דאָ ניט? — האט אים זיין שכן גע־ענטפערט: ווען גאָט האט איבערגעקערט די זינדיקע שטאָט סדום, האט זיך דעם מלך'ס נאָמען אויך איבערגעקערט פון: „ברע צו רבע..."

אָט האט ער פארשטאַנען...

זונטיק פארנאכט איז אין שול געזעסן מר. גראַבסקי דער גבאי, געווארט אויף אַ קאָמיטע־מיטינג; וואס האט דארט געדארפט פאָר־קומען, זיצט דאָרט מר. כץ פאר אַן אפענער גמרא און לערנט. רופט זיך אָפּ מר. גראַבסקי: זאגט מיר אויך, מר. כץ, וואס לערנט איר דארט אין דער גמרא?

— מר. כץ: איר זעט וואס דאָ שטייט: „דרש רבי שמלאי: כל מי שאינו עוסק בפריה ורביה. הרי אילו כשופך דמים..."

— נו, ווער ווייסט עס ניט, זאָגט מר. גראַבסקי — מיט אַ טאָן פון אַ למדן. אז מען דארף געבן אַ קינד אין חדר אריין לערנען תורה! אַ וודאי דארפן די קינדער לערנען; וואס דען פויערים זאלן זיי אייך אויסוואקסן?...

מר. גראַבסקי'ס זון, וואס איז דאָרט בייגעווען רופט אויס מיט שטאָלץ: זעט איר מר כץ! מיין טאַטע פארשטייט נאך אויך אין די שווארצע פינטעלעך!...

איר קאָנט מאַכן אַ צלם.

אין שול האט מען געפראַוועט אַ שמחה פון אַ סיום התורה, מען האָט דארט — ווי דער שטייגער איז — פארקויפט אותיות וואס איטליכער זאל ארייננשרייבן אין די נייע תורה. האט איינער אַ פאר־גרעבטער איד, אַ גביר אָבגעקויפט עטלעכע אותיות און ארויף אויפן בימה: באַצאָלט זיין גרויסע נדבה, דערלאנגט אים דער סופר די

פעדער ער זאל אויספילן די אותיות, זאגט דער איד צום סופר: זעט איר רבי, וואס־ניט־וואס, מיטן שרייבן האב איך נאך קיינמאל ניט מחלל שבת געווען, זינט איך בין אין אפריקע האב איך שוין שבת איבערגעטאָן אלע מלאכות, אבער שרייבן נישט! מיינט איר אפֿשר רבי; ווייל איך בין דאס אַזאַ גרויסער צדיק, האט איר מחילה אַ טעות, איך שרייב אינדערוואָכן אויך ניט, ווייל איך קען ניט, די מלאכה האט מען מיר נישט געלערנט...

פרעגט אים דער שול־גבאי: טא ווי שרייבט איר זיך אונטער אויף אייערע טשעקס?

— אויף די טשעקס — זאָגט דער איד: מאך איך אַ קראַס, אַ צלם... אין די ביינק ווייסן זיי שוין, און פאר מיינעם אַ צלם, צאָלן זיי אויס אלע מיינע טשעקס!...

— אויב אזוי — זאגט דער גבאי: טאָ מאכט דאָ אויכעט אַ צלם...

ווייל ער איז אַ כהן.

אין אַ געוויסע שטאָט אין אפריקע ווו ס'האט עקזיסטירט פון יאָרן אַ גרויסע קהילה, מיט אַ פיינע שול, האט זיך געמאכט, ווי דער שטייגער איז במדינתינו, אַ מחלוקת און די „גרינע" האבן זיך אָפגעטיילט און געבויט אַ שול, געגרינדעט אַ נייע קאָנגערגיישאָן. איז געווען איינער אַ איד וואס האט געטאנצט אויףביידע חתונות... פון די אלטע האט ער זיך ניט אבגעזאגט, און אין די נייע איז ער געווען אַן אקטיווער חבר, איינמאָל אויף אַן אלגעמיינעם פערזאמלונג האט זיך דערדאזיקער איד אויסגעדריקט: אז חאָטש זיין גוף איז נאך דאָ אין דער אלטער קהילה. איז אבער זיין נשמה דארטן אין דער נייער גרינער קאָנגערגיישאָן. האט זיך אַן עלטערער איד גלייך אויפגעהויבן און געזאגט: אויב אזוי מוז איך תיכף פארלאזן דעם זאַל, און געמומען ארויסגיין.

— פארוואס? האט דער פרנס אים געפרעגט.

— אָט האט איר דאך אָקארשט — פון דעם אידן — געהערט — האט דער אלטער דערקלערט — אז בלויז זיין גוף איז דאָ פאַראַן, און איך בין אַ כהן, טאָר איך זיך ניט געפינען אין אַ הויז ווו ס'איז בלויז פאַראַן אַ גוף אָן אַ נשמה!...

דער פרעזעדענט איז פאול קרוגער!

מיט אַ פערציק־פופציק יאָר צוריק די אלטע אַפריקאַנער זיינען געווינט צו רופן „יענע טעג" — „די ערלי דייעס".

בימים ההם: ווען אין טראַנסוואַל איז נאך געווען אַ בורן־רעפובליק, האט די „עזרת אחים ד'אנשי דלפונישאָק" לאַנדסמאַנ־שאַפט סאָסייטי (פעראיין) אבגעהאלטן אייגענע פון די גרויסע זאלן אין יאָהאַנעסבורג, ווו זיי האבן דאָרט איינגעאָרדנט אַ מנין צו דאַווענען ימים נוראים.

ערב ראש השנה פארנאכט האט זיך מקדים געווען איינער פון די קאָמיטע־לייט, וועלכער האט זיך געהאלטן פארן גבאי פון מנין, און איז געקומען אין שול־זאל אויסגעפוצט אין שווארצן פראָק מיט אַ צילינדער־הוט, און זיך בלאָזנדיק צוגעגאנגען אויבנאָן צום גבאי'ס־שטאָט און האט זיך דאָרט ברייטלעך אַנידערגעזעצט.

אַ ביסל שפעטער איז געקומען דער פרעזעדענט פון די „עזרת אחים ד'אנשי דלפונישאָק" אויך אויסגעפוצט אין שווארצן פראָק מיט'ן צילינדער־הוט און זיך אזוי בעלי־בתיש מיט געמאָסטענע טריט צוגעשפּאַצירט אויבנאָן, ערשט ער געפינט ווי דער קאָמיטע־מאַן זיצט זיך אזוי ברייטלעך אין גבאי'ס־שטאט, בעט ער אים ער זאל זיך מטריח זיין און זיך אויפהייבן פון דעם פלאַץ, מחמת ער איז דער פרעזעדענט פון דער סאָסייטי איז ער ממילא אויך דער גבאי־הראשי פון מנין, קומט אים, און בלויז אים; צו זיצן אויף דעם דאזיקן פלאַץ.

דער קאָמיטע־מאַן האט אבער געטענה'ט; אז ווייל ער האט אינגאנצן אַראַנדזשירט דעם מנין, ער האט פארקויפט די טיקעטס (איינטריטקארטן) ער האט באַשטעלט די בעלי תפילות און געקראָגן די ספר תורה. איז ער דער ריכטיקער גבאי פון מנין. און אים, נאר אים קומט צו זיצן אין גבאי'ס שטאָט!

האט זיך אנגעהייבן טענות ביז ס'איז געווארן אַ געפילדער, אַ געשריי, אַ טייל האבן געהאלטן מיטן סאָסייטי־פּרעזעדענט, און אַ טייל מיטן גבאי, אַ וואָרט פאר אַ וואָרט, ביז ס'האט אויסגעבראכן אַ געשלעג, האט זיך איינער אַ מעמבער ארויסגעכאפּט אויפן גאַס און אריינגערופן אַ פּאָליציימאַן, שטייט ער דער בורישער בעאַמטער

הערט ווי די צוויי אידן אין צילענדער היט קריגן זיך און רייסן זיך; דער שרייט צו אים: וואס שטייסטו און קוקסט ווי אַ האָן אין בני אדם! נעם אים און ווארף אים ארויס פונדאַנען! ווארום איך בין דער פרעזעדענט! דער צווייטער ווידער שרייט: הער אים ניט, ער איז אַ ליגנער! אלע ווייסן; אז איך בין דער פרעזעדענט!

דא האט דער הויכער און דיקער בורישער בעאַמטער זייביידן אַ נעם געטאן און זאָגט: איר מוזט ביידע גיין מיט מיר צום צענטעראלן פּאָליציי־אַמט, ווייל נישט דו ביסט דער פרעזעדענט, אויך נישט דו, נאר אום *) פאול קרוגער איז אונדזער איינציקער פרעזעדענט!...

נאָר נישט דאַווענען!...

אין אַ געוויסע קהילה אין יאָהאַנסבורג האבן די גבאים — ערב ראש השנה פארנאַכט — אוועקגעשטעלט אַ פּאָלצייסקן, ער זאל קיינעם ניט ארייַנלאזן אין שול אָן אַן איינטריט־קאַרט. איז גע־קומען אַן ארעמער בחורל און זיך גענומען בעטן און קלאַפּן פון פּאָליצייסקן; ער זאל אים דערלויבן ארייַנצוגיין אין בית מדרש ער וויל דארטן ניט דאַווענען, ער וויל זיך דארט בלויז זען מיט זיין פאָטער.

— פאָטער אדער ניט פאָטער! — האט דער בעאַמטער גע־דונערט איבערן בחור, אָן אַן איינטריט־קאַרט וועסטו ניט ארייַנגיין! און האט דעם בחור צוריקגעשטופּט.

איינער פון די גבאים וואס איז דארט דערביי געשטאַנען, האט דעם בחורל׳ס בעטן זיך באַנומען ביים הארצן, האט ער דעם פּאָלי־צייסקן געהייסן: ער זאל דעם בחור׳ל ארייַנלאזן פאר אַ ווייַלע, ער זאל זיך דארט קענען זען מיט זיין טאַטן. און צום בחורל האט זיך דער גבאי געווענדעט מיט דעם דאָזיקן שטרייַנגן וואָרנונג: הער לויפּער! גיי אריין און זע זיך מיט דיין טאַטן, מאַך עס אבער גע־שווינט, קוים אבער וועל איך דאָרט, אין בית מדרש, אויסגעפינען אז

---

*) דער אלטער פאול קרוגער דער בורן פרעזעדענט פון טראַנסוואַ־לער רעפּובליק, איז געוועזן זייער באַליבט אויפן בורישן פאָלק, זיי האָבן אים גערופן „אום פאול״ „פעטער פאול״.

דו האסט געבלאָפּט און דאס איז נאר אַן אנשטעל, קורץ: אויב איך וועל דיר דאָרט געפינען ד אַ ו ו נ ע נ ד י ק, וועל איך דיר די ביינער צוברעכן... און דער פּאָליסמאַן וועט דיר פון דארט ארויסווארפן מיט בזיונות !...

וממקדשי תיראו...

מען דערציילט: אז רבי ישראל סאַלאַנטער איז אַמאָל שבת פארבייגעגאנגען אין בערלין אַ רעפארמירטע סינאַגאָגע, ערשט ער זעט: ווי די אנגעשטעלטע ווארפן זיך ביי׳ם ארייגאנג אויף די פרעמדע „פוילישע יודען״ וועלכע ווילן זיך ארייננגנב׳ענען אין טעמפל אָן איינטריט־קאַרטן, און שלאָגן זיי מכות־רצח...

ס׳איז מיר אַ גרויסער חידוש — רופט זיך אָן רבי ישראל — אויף די מפרשים וועלכע מאַטערן זיך צו זאָגן אויפן פסוק „וממקדשי תיראו״ פאַרשיידענע פשטים, ווערליק איך זע דאָ, איז דער פשט איינפאַך „וממקדשי תיראו״ — איר זאלט מורא האבן פאר די מקדשים די „טעמפּלען״ ווייל די אנגעשטעלטע קאָנען אייך נאך דאָרט די ביינער צוברעכן...

דער רבש״ע ניט, אָבער די שולן יאָ.

שבת בראשית נאכן דאַוונען האט דער גבאי דער קאַסיר פון דער קהילה געפרעגט זיין רעוורענד: פארוואס האט דאס דער אויבערשטער כביכול אזוי געצייטערט; אז אדם מיט חוה׳ן זאלן ניט פארזוכן פון דעם עץ החיים, וואס איז; טאָמער אז זיי וועלן יאָ עסן איז „וחי לעולם״ וועלן זיי לעבן אויף אייביק, נו מה רעש. אז זיי וואלטן געלעבט אייביק, וואלט כביכול דער רבש״ע געגאנגען באַנקראָט ?

—דער רבש״ע וואלט טאַקי ניט באַנקראָטירט, — האט דער רעוורענד געענטפערט: אבער די שולן און קאָנגערגיישאָנס (קהילות) וואלטן יאָ געגאנגען מכולה...

— דער גבאי: ווי אזוי, פאַרוואס ?

— גאָר פשוט — האט דער רעוו. געענטפערט: ווען די מענטשן וואלטן געלעבט אייביק, וואלטן דאך קיין אבלים, קיין יתומים, קיין

בעלי יאָרצייט ניט געווען, טאָ ווער וואלט אייך דאָ אריינגעשמעקט אין אַ שול, אין אַ בית המדרש? קיינער וואלט ניט גע׳שנדר׳ט, ניט געצאלט און אלע קהילות וואלטן קאַפּוד געגאנגען...

ושבח אני את המתים...

ווען ראַבינער מאיר הילדעסהיימער ז״ל פון בערלין, איז געווען אין אַפריקע אויף אַ באַזוך לטובת זיין ראַבינער סימינאַר, האט ער איינמאָל צום דאַווענען אין שול באַמערקט; ווי צו קדיש־יתום האט דער גאנצער עולם — כמעט אלע אָן אויסנאַם — זיך גע־שטעלט און געזאגט קדיש. פרעגט הרב הילדעסהיימער דעם שמש: וואס האט דאָ ביי אייך פּאַסירט, איז דאָ חלילה געווען אַ מגפה, וואס גאנץ קהל זאגט קדיש?!

האט אים דער שמש דערקלערט: אז אלע די דאַווענערס זיינען; אדער אבלים, אדער זיי האבן יאָרצייט, אזוי די בעלי בתים דאָ אין אפריקע, זיינען אלע זייער באַשעפטיקט און האבן קיין צייט ניט צו קומען דריי מאָל אַ טאָג אין שול אריין דאַווענען, מער ווי ראש השנה יום כיפור, אנדערע אויך אין די ימים טובים (דאס איז אויך אויב ס׳געפאלט אין אַ זונטיק, אדער אין איין צייט מיט די גויאישקע חאַגעס...) קומען זיי אריין אין שול דאַווענען. ווייטער אַ גאנץ יאָר, ווען ניט די אבלים און בעלי יאָרצייט, וואָלטן געקאָנט אלע שולן אין אפריקע צושליסן...

האט דער ראַבינער באמערקט: אז איצט איז אים רעכט גע־ווארן: פארוואס שלמה המלך האט געזאגט אין קהלת: „ושבח אני את המתים אשר כבר מתו. מן החיים אשר חיים עודנה״... איך רים די טויטע וועלכע זיינען שוין געשטארבן, פאר די לעבעדיקע וועלכע לעבן נאָך... דאס גייט אויף היינטיקן דור׳ס עלטערן. די לעבעדיקע עלטערן קענען בשום אופן ניט פועל׳ן ביי זייערע בנים זיי זאלן גיין אלע טאג אין שול אריין דאוונען, אבער די טויטע עלטערן יאָ. ווייזט אויס אז פאר אַ טויטן טאַטן, אַ טויטע מאַמע, שרעקט מען זיך דאָ ביי אייך אין אפריקע; מער ווי פאר די לעבעדיקע!...

מיט דעם האב איך דערקלערט די אגדתא אין ברכות ווו ס׳ווערט געזאגט: אז כביכול דער רבש״ע קלאָגט און וויינט; וואס ער האט חרוב געמאכט זיין בית המקדש, פארברענט זיין היכל, און פאר־טריבן זיינע קינדער צווישן די אומות... און ניט נאר אין דעם מאָ־מענט — פירט אויס די אגדתא — נאר צו יעדער צייט! וואס אידן גייען אריין אין די שולן און בתי מדרשים צו זאגן קדיש — ענטפערן אמן יהא שמיה רבא; שאָקלט כביכול מיטן קאָפּ און יאָמערט: גליקלעך איז דער מלך ווען מען לויבט אים אין זיין פאלאץ, ווי איז אבער צום פאטער וואס האט פאריאָגט זיינע קינדער אין דערפרעמד צווישן גוים... און ווי צו די קינדער וועלכע זיינען נעבאַך פארטריבן געווארן פון זייער פאָטער׳ס טיש... איז דאך אייגנטלעך קשה: וואס עפעס גראָד ווען זיי גייען אין שול קדיש זאָגן? אדרבה; דעמאלט דארף כביכול דער רבש״ע זיך פרייען מיט זיינע קינדער; אז זיי גייען אין שול אריין?

נאָר דער קלאָג איז; ווייל נאר צוליב אבלות יאָרצייט און קדיש־זאגן דעמאלט נאר, קומט מען אין שול... דאס איז וואס מען רופט: אַ טויטע אידישקייט... און אויף דערויף איז טאָקי פאראן צו קלאָגן...

דערפאר ווערט דאָ אין אפריקע פארטייטשט דער זאָץ אין יגדל — „מתים יחיה אל״... אז די מתים האַלטן אויף און באַלעבן די גאָטהייט... די אידישקייט, די שולן און בתי מדרשים, ווארום ווען ניט די מתים׳ס יתומים, אבלים און בעלי יאָרצייט וואָלטן די שולן גע־פוסטעוועט... דערהאלטן זיי — די טויטע — די אידישע רעליגיע ביים לעבן...

ער האט זיין פליכט דערפילט...

אַן ענגלישער יאָהודי, דער קאַסיר פון קאָנגערגיישאָן, איז איינמאָל אַ פארנאַכט געקומען אין שול, געפינט ער דעם שמש אליין וואַרטנדיק אויף מעריב, ווערט ער מלא רציחה אויפן שמש, נעמט טופען מיט די פיס, פארוואס איז ניטא דער מנין? פארוואס דאַוונט מען נאָכניט? זיבן אזייגער איז ביי מיר אין שטוב מיטאָג, איך מוז דאָרט זיין פונקט צו דער צייט!

דער שמש זאָגט: ס׳איז נאך צופרי פאר מעריב, די זון האט זיך נאָכניט געזעצט, מען טאָר נאכניט דאַוונען, זיבן אזייגער איז די צייט, ווען זיין אַ מנין און מען וועט דאַוונען.

— אזוי! פאָלג מיר אַ גאנג און גיי ווארט אים ביז זיבן אזייגער: נאָ פער! איך׳ל ניט ווארטן ביז אזוי שפעט צוליב אייער — — — קדיש! איך וועל מיין „דינער״ (מיטאג) נישט פארזאמען! כאַפּט אַ סידור, שטעלט זיך מיטן פנים צום ארון קודש און בראָקט אָפּ אַ קדיש, אָן אַ מנין אָן דאַוונען, און זאגט צום שמש; שוין; איך האב מיין „דיוטי״ (פליכט) צו מיין זעליגן פאָטער אין קבר דערפילט, איצט קען מען גיין עסן דינער און איז אוועק...

יזכור...

שבועות גאנץ פרי, ווען איך בין ארויס פון הויז, אַן אויס־געפוצטער אין מיינע יום־טוב׳דיקע קליידער, צו גיין אין שול, איז מיין בעל־הבית — באַ וועמען איך בין געשטאנען אויף קוואַטיר — געקומען צו פארן מיט זיין פערד און לאנגע קאַר, וועלכע איז געווען פול מיט פרישע צאַפּלדיקע פיש, ווי דער לעצטער האט מיר דערזען אזוי יום־טוב׳דיק פארפוצט, האט ער זיך משמעות דערמאנט אז ס׳איז היינט יום טוב שבועות. פרעגט ער מיר: רבי, איז דאָ היינט יזכור?

— איך האב פארוואונדערט אויסגערופן: וואס איר האלט נאך אויך פון יזכור?! אזא אויפגעקלערטער מענטש ווי איר, זאל נאך גלויבן אין יזכור?

— דער פישער אנשטאָפנדיק זיין ליולקע צינדט איר אָן און פאַרויכערט [ס׳איז געווען שבת.. און דער צווייטער טאג שבועות] זאָגט: סטייטש רבי; ווי קומט דאס צון אייך, איר זאלט אזוי וואסריידן? איר ווייסט רבי, איר זאלט נאר קיין פאַריבל ביט האבן וואס איך׳ל אייך זאָגן, מיר דוכט אז איר זיינט שוין דאָ אין אפריקע אויך געווארן „אַ געדעמיטשטער״ (קאַיילע) סטייטש רבי יזכור, יזכור?! איך פארשטיי אייך ניט!

— אט אזוי זאגט — האב איך אים געלאסן געענטפערט, איר פארשטייט מיר ניט, טאָ הערט מיר אויס: וואס זאלן מיר זיך נאַרן?

אויב איר האלט טאַקי באמת פון יזכור, און גלויבט אין אַ יענע וועלט, אז מען דארף פון צייט צו צייט זיך אליין דערמאנען און בעטן גב"ה, פאר די הייליקע נשמות פון אונדזערע פארשטארבענע עלטערן, וואלט נישט פיל גלייכער געווען פאר אייערע זעליגע עלטערן, אז איר זאָלט זיי דאָרט לאָזן רוען אין זייערע קברים, אין גן עדן, און זייערע הייליקע נעמען אויף אייערע ליפן ניט ארויפברייינגען, ניט דערמאנען זיי, ווארום אז איר וועט איצט ווען אַנטאָן אייערע פארשטארבענע עלטערן אַ נחת רוח אין גן עדן, און איר וועט זיך איבערבייטן אייערע קליידער און גיין אין שול אריין און דארט זאגן יזכור, דערמאנען און בעטן פאר די הייליקע נשמות פון אייער טאַטע, מאַמע, וועט דאך דארט אין הימל ; ווערן אַ גאנצער קיטרוג אויף זיי, דער שטן מקטרג וועט זיך דארט שטעלן פארן כסא הכבוד און זאגן צו אייערע עלטערן. זעט נאר זעט, וואס פאר אַ זון איר האט דארט אויפן עולם השקר אויסגעהאדעוועט, מחלל שבת און יום טוב, און גראדע אין דעם היסטארישן טאג פון מתן תורה ווען מען לייענט אין די עשרת הדיברות „זכור את יום השבת לקדשו" איז אייער זון געקומען צו פארן אויף זיין קאַר מיט פיש, רויכערנדיק זיין פיפקע, אבגעטאן אלע ביין און דרייסיק מלאכות בפרהסיה און איצט שטייט ער דאָרט אין שול און שרייט יזכור אלקים נשמת אבי... ונשמת אמי !...

דער פישער האט פון שאַנדע זיין ליולקע פון האַנט אוועק־געווארפן, און מיט טרערן אין די אויגן מיר געזאגט : יאָ רבי, איר זיינט גערעכט איצט האב איך אייך גוט פארשטאנען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין יארן ארום ווען איך בין געווען אין די קאַפּ־קאַלאָניע און באזוכט דעם אויבנדערמאנטן פישער, האט ער מיר געזאגט: אז פון דעמאלט אָן איז ער זיך נוהג צו היטן די ימים טובים ווען ער דארף גיין זאגן יזכור, ווי אויך דעם שבת, ווען ס'קומט אויס דער יאָרצייט פון זיין פאָטער אדער פון זיין מוטער.

אַ שבת פארנאכט איז מיר אויסגעקומען צו זען ווי אַ בעל הבית פון מיין קהילה איז ארומגעפארן אין זיין פערד־און־וואגן

צוגעוויף געגומען אידן זאלן אים משלים זיין אַ מנין צו זיין יאָרצייט, ער זאל קענען דאַווענען שבת־צו־נאכט פארן עמוד און זאגן קדיש...

נאך הבדלה האב איך דעם עולם דערציילט אַ מעשה'לע וואס איך האב ערגעץ אין אַ בוך געלייענט: עס ווערט דארט דערציילט:

איינער פון די גרעסטע פארצייטיקע גריכישע פילאזאָפן, איז אַ מאל געפארן אויף אַ זעגל־שיף, אין מיטן ים האט זיך אויפגעהייבן אַ שטארקער שטורם ווינט, די פאסאזשירן פון שיף אלע אומגלויביקע, האבן פאר שרעק און פּאַניק אנגעהייבן צו בעטן גאט, רופט זיך אָפּ דער פילאזאף צו זיי: שווייגט שטיל! ווייל אויב נישט, וועלן די געטער זיך דערוויסן אז איר זיינט דאָ, וועלן זיי נאָך שטארקער און שטורמישער מאכן דעם ווינט, און דעמאלט בין איך אויך אַ פאר־לאָרענער...

דער טאַטע „זאל לעבן" איז געווען אַ תרח?!

אַ איד האָט דערהאלטן אַ בריוו פון זיינעם אַ ברודער פון דערהיים, אין וועלכן ער האט אים געלאזן וויסן זייער פאָטער'ס יאָר־צייט, האט ער אליין נישט געקאָנט לייענען קיין אידיש, טראגט ער דאס אריין צו אַ אידן, אויך ניט קיין גרויסער למדן, אבער דאך האט ער געקאנט דארט אַ ביסל דורך בראַזשען, לייענט ער: דער יאָרצייט פון טאַטן זאל לעבן... (די ראשי תיבות פון ז"ל: זכרונו לברכה.) געפאלט דעם דריטן אין איר... (אייר) אין יאר תערח... (תרע"ח).

ווי קומט עס; — בייזערט זיך דער איד — דאכטצעך מיין ברודער אין פילווישאָק איז אַ איד וואס קאָן שרייבן, טאָ וואס זיינען דאס פאר אַ ווערטער דער פאָטער „זאל לעבן" — ער איז דאך שוין טויט? געפאלט אין איר... וואסער איר?... און אונדזער טאטע איז אַ תרח?...

ביים גרינעם רב אין אפריקע.

אידיש־ענגלישע פרוי: מיין פאָטער איז נפטר גע־ווארן לעצטן קריסמוס, טא ווען דארף איך היי־יאָר, האלטן זיין יאָר־צייט?

— גרינער רב: וואס איז דאס אזוינס קריסמוס?

— פרוי: אפריקע מיט אירע רבנים, מיין פינף יאָריקער

בענעלע ווייס וואס קריסמוס איז, און אַ רב ווייס ניט, אפריטשקע גנב, מיט אירע רבנים...

סוף גנב לתליה...

אַן אלטער בחור, אַ פארגרעבטער, איז געזעסן מיט חברה און געשפילט אין קאַרטן, איז פלוצלונג אַנגעקומען דער טעלעגראַפן־באַי און אים דערלאנגט אַ טעלעגראַמע, ער לייענט עס איבער און דערלאנגט אַ פאַטש מיט די הענט און זאגט אַ דערשראַקענער:

— אוי וואַ! סוף גנב לתליה!... מיין טאַטע איז געשטארבן! (געוואלט האָט ער זאגן: ברוך דיין האמת...)

אַ שאלה געהערט דעם ראַבי...

ס׳איז געווען דער אוונט ווען מען פאנגט אָן זאגן אין שמנה עשרה — „ותן טל ומטר" איז פאר מעריב ארוף דער שמש אויפן בימה און אויסגערופן: אזוי ווי היינט אוונט פאַנגט זיך אָן די שאלה — זאל דער עולם ניט פארפעלן צו זאָגן — ותן טל ומטר!

נאך מעריב איז דער פרנס צוגעגאנגען צום שמש און האט אים פארגעהאלטן: ווי וואגט איר זיך דאס צו געבן „אַן אַנאַנסעמענט" (הכרזה) אין שול, אָן אַ דערלויבעניש פון דער קאָמיטע? מען האט אייך שוין צענדליקער מאָל געזאגט: אז קיין „אַנאַנסעמענט" טאר אין שול ניט געמאכט ווערן, אָן די צושטימונג פון קאָמיטעט, אדער פון מיר אליין!...

— דער שמש: ס׳איז אבער היינט אוונט די שאלה!

— דער פרנס: וואס אַ שאלה! טו ווי קומט איר צו שאלות? איר זיינט באַ אונדז בלויז דער שמש, און אַ שאלה געהער צום „ראַביי" צו דעסיידן!... (פסק׳ענען).

אַ געניטער פירער...

— דו וויסט חיים, איך בין געוואָרן דער פרעזידענט פון דער כאַנדריקעווער עזרת־אחים קאָנגערגיישאָן.

— דו וועלוול! האט זיך חיים געוווּנדערט, אָט אפריקע, גע־דיינקסטו כאָטש נאך ווי דו בינסט געווען באַ פאַלקע בעל־עגלה דער שמייסער?

— הערסטו ברודער, דעריבער האט מען דאך מיר טאַקי אויס־געקליבן פארן פרנס, ווייל אונדזער שול, און איבערהויפט אונדזער קאָנגרעגיישאָן ד א ר ף מ ע ן ק ע נ ע ן פ י ר ן...

אזוי פיל פערד אָן איין שמייסער

אין אַ פאַרשטעטל פון יאָהאַנעסבורג האט מען איבערגעבויט און פארגרעסערט די שול, אויפן חנוכת־הבית האט מען פארקויפט שטעט אין מזרח־וואַנט, האט איינער אַן ארענטלעכער ערלעכער איד, אַ פורמאַן אויך געקויפט אַ מזרח־שטאָט.

איינער אַ יוסטער בעלי בית, פון די גבאים און תקיפים, וואס האט אים פארדראסן און ס׳איז אים ניט אָנגעשטאַנען אז זיין שכן אין מזרח, זאל זיין אַ בעל־עגלה, האט אים געפרעגט: הער נאָר ראַכמילקע, וואס האָסטו זיך היינט אזוי צוהוליעט, און דו האסט זיך פארגונען צו קויפן אַ שטאָט דוקא אין מזרח? אנדערש פאסט דיר נישט?!

— ווייל: האט דער פורמאַן תמימות׳דיק געענטפערט: ס׳וועלן זיך דארט אויסשטעלן אזוי פיל פערד, טאָ זאל זיך דארט געפינען חאָטש איין פורמאַן, אַ שמייסער!...

דער דירעקטאר פון „אָקספערד" אונווערזיטעט.

איינמאל האָטן שבת אין שול צו דער תורה אויפגערופן אַ גרויסן גביר שלישי.

אַ פרעמדער איד, אַ גאסט, פרעגט דעם שמש: ווער איז דער בעל־הגוף וועמען מען האט געגעבן שלישי, איז ער עפעס אַ בר־אוריין, אַן עדעלער איד?

— אָ יעס, ענטפערט דער שמש, ער האט נאך אין זיין פריסטן יוגנט דורכגעמאכט די „אָקספערד" אוניווערזיטעט, איצט איז ער דארט דער גאנצער דירעקטאָר...

— אָקספורד אוניווערזיטעט איז דאך אין ענגלאנד? פרעגט דער גאסט — טאָ ווי זשע קומט ער אַהער, איז ער דאָ צו גאַסט?

— ניין, ענטפערט דער שמש, זיין „אקסן און פערד" שטאַל האָט ער דאָ גופא, און ער איז דאס דארט דער פערד און אָקסן הענדלער און דירעקטאָר פונעם ביזנעס.

פערדנשאַפּט איז ניט קיין ברידערשאַפט.

אויף מארגן ווי יאָשע בעל־עגלה האט ארייגעטראטן אין דער כאַנדריקעווער ברידערליכן לאַנדסמאַנשאַפט פעראיין, און האט צוגעשווארן אז ער וועט זיין אַ געטרייער ברודער צו אלע ברידער פונעם פעראיין, איז ער ארויסגעפארן מיט זיין פערד און וואָגן אויפן שאַסיי זוכן פרנסה, טרעפט אים איינער פון זיינע „בייע ברידער״, שטעלט ער אים אָפּ און זאגט: גוט מאָרגן גוטער ברודער! אזוי ווי איצט זיינען מיר דאָך ווי אמת׳ע ברידער, וועל איך דיר בעטן דו זאָלסט מיר טאָן אַ ברידערליכע טובה: מיר ארויפנעמען אויפן וואָגן און מיר צופירן אין שטאָט צו מיין געשעפט.

— יאָ גוטער ברודער, האָט דער פורמאַן געענטפערט. אמת איך האב טאַקי נעכטן צוגעשווארן ברידערליכקייט צון אייך, אבער די ארעמע פערד מיינע, זיי זיינען דאך ניט אייערע ברידער, טא פארוואס זאלן זיי אייך שלעפן אומזיסט?...

אַ פערד הענדלער האט זיך דערוווסט אז באַ לייזער דעם פרוכטניק איז געפאלן אַ פערד, שרייבט ער אים צו אַ אידישן צעטעלע בזה הלשון: אויב איר בויטיקט זיך אין אַן אמתן גוטן פערד טאָ קומט צו מיר...

כלבים זיינען אלץ מערער.

אַ געוועזענער שמש איז אמאל געקומען צו גאסט אין די שול ווו ער איז אמאל מיט יארן צוריק געווען אנגעשטעלטער, דער גאנצער מנין אידן וואס האבן דארט בשעת מעשה געדאוונט; איז באַשטאנען פון די כלי קודש: דער ראבי, די שוחטים, חזנים וכדומה. און בלויז איינער פון די גבאים. איז דער לעצטער צוגעגאנגען צום געוועזענעם שמש און זאגט: זעט איר, צייט איר זיינט אוועק פון אונדז, האבן מיר היינט „אָפּישלס״ (אָנגעשטעלטע, בעאַמטע) אָט ווי די הינט...

האט דערויף דער געוועזענער שמש גלייך מיניה וביה גע־ענטפערט:

„אויף ווי ווייט איך האָב קענען געלערנט אייער היגע קהילה, געפינען זיך דאָ היינט מער ווי „אַפּישלס״!...

קיין מים ניט, אבער נחשים ועקרבים יאָ.

אַ רעוורענד וואס איז אויסגעשטאנען פון זיין קאָמיטע, די שול־גבאים אלע סאָרטן רדיפות און בגישות, האט זיך אַמאָל פאר אַ בעל־הבית, אַ איד אַ משכיל און אַ גוט־הערציקער — באַקלאָגט אויף זיינע גבאים און האט זיך ארויסגעכאַפּט מיט אַ ווארט; אז זיי זיינען גראָבע יונגען! האט אים דער איד באמערקט: סטייטש: די גמרא זאגט דאך אז: „פוגעם ברונעם וואס דו האסט וואַסער גע־טרונקען, טאָרסטו ניט ווארפן קיין שמוץ״?!...

אבער אין מיין פאל — האט זיך דער רעוורענד אָן גערופן — איז דער „בור״ פונקט ווי ביי יוסף׳ן: „והבור ריק אין בו מים״ מאכט רש״י קיין מים איז טאַקי דארט ניט געווען, אין מיין פאל, אין „אין מים אלא תורה״, קיין תורה איז טאַקי אין קאָמיטע־בור... נישטאָ... אבער „נחשים ועקרבים״ יאָ!...

יאָ ער ווייסט.

אַ גבאי וואס האט זייער גערודפט דעם חזן און אים אנגעטאן גרויסע בגישות, איז יום טוב נאָכן דאַוונען צוגעגאנגען צום חזן און זאָגט: גוט יום טוב חזן! וואס האט איר מיר דארט אזוי מאריך געווען מיט אייער דאוונען! איר ווייסט אז איך בין הונגעריק ווי אַ הונט... און איר שטייט און ציקלט זיך דארטן!

— יעס, איך ווייס, ענטפערט דער חזן, אבער ווען איר זיינט ניט הונגעריק, זיינט איר דאך דאס אויך...

ער איז באַשיצט ווי משה אין קעסטעלע...

אַ רעוורענד האט זיך אמאל אויסגערימט אז זיין „תיבה״ (די בימה, דער עמוד.) איז באשיצט ווי באַ משה׳ן דאס קעסטעלע. פון אינעווייניק מיט ליים, ווייל זיין פרנס דער פרעזעדענט איז אינדער־היים געווען אַ ליים־קנעטער, אַ ציגל־מאַכער... און פון דרויסן מיט פעך... ווייל זיין גבאי שני איז אינדערהיים געווען אַ שוסטער...

פאר די גבאים און פרנסים האט ער הספדים

אַ גרינעם, נאָרוואס־געקומענער רב, האטן געבעטן ער זאל זאגן אַ הספד אויף אַ מעמבער פון זיין קהילה, עפעס איינער וואס דא אין אפריקע איז ער געווען „אַ האָרס־דילער" (אַ פערד־הענדלער), ווי דער רב האט אים אבער געקאָנט פון דערהיים, איז ער דארט געווען מחילה, אַ פערד־גנב, נאר דאָ, אין אפריקע, האט ער זיך נאך אין די „בורע־וואָר" (די בורן־ענגלישע־קריג) ארויפגעארבעט, „צוגענומען" און „צוגעשטעלט" פערד און מיולס פון און צוביידע צדדים... און „געמאכט" געלט, געווארן אַן „אָלעררייטניק" און דאָ געשפילט אַ גרויסע ראָלע. האט דער רב אויף דער לויה זיך גע־קווינקלט, יאָ זאגן, ניט זאגן, און האט טאָקי — צו דער קאָמיטעס באַדויערונג, (זיי האבן זיך געריכט פארן הספד, צו קריגן קלינגער...) נישט געזאגט.

זונטיק צום וועכנטליכן מיטינג, איז דער רב געבראכט געווארן פאר אַ קאָמיטע זיצונג, ווו מען האט אים גענומען אויפן פארהער.

פארוואס רבי, האט אים דער פרעזידענט־פארזיצער געפרעגט: האט איר ניט געזאגט דעם הספד אויף אונדזער „איפּאָרטנט מעמ־בער"?

— ווארט רבותי לאזט מיר ראשית זיך אויסגרינען! — האט דער רב זיך געבעטן און פארענטפערט: איך ווייס נאכניט אייערע מנהגים און אייערע פירונגען. איך ווייס פון דערהיים: אז אויף אַ גרויסן תלמיד חכם, אדער אזוי אַ אדם נכבד ווי למשל: אַ פרנס, אַ גבאי צדקה, זאגט מען דארט אַ הספד, אבער אויף אַ פשוטן אידן, איז מען זיך דארט נוהג ניט צו זאגן, זעט איר פאר אַ היגן פירער, אַ פרנס, אַ גבאי אַן עסקן בצרכי צבור האב איך וואזשנע הספדים... וואס „אבן מקיר תזעק"! אבער פאר אן איינפאכן סאָלדאַט, ווי איר רופט עס: „אַ פליינער מעמבער", איז גענוג דער כבוד, סיי יקרא דשכבא... און סיי יקרא דחיי... אז איך אייער רב, בין געווען אויף דער לויה...

ו.

די קהילה / אירע כלי קודש / ראביים.

רעפאָרם ראַבינער.

מען דערציילט: אז אַ געוויסער לארד אין ענגלאנד האט ארומגעזוכט איבערן גאנצן לאנד; צען גרויסע איין־מאָסיקע פויערים, זיי זאלן זיין די לאָקייס און שומרים פון זיין שלאָס און פאַלאַץ. האט ער בשום אופן ניט געקאָנט געפינען, האט איינער אַ איד אים געגעבן אַן עצה, ער זאל גיין אין דעם רעפאָרם־ראבינער־סימינאר דאָרט וועט ער קענען אויסקלייבן צען גלייכע גרויסע גוים. ער האט די עצה געפאלגט און ליידער, האט ער אויך דארטן עס ניט גע־פונען, ס׳האט זיך אויסגעלאזן: אז איין פויער איז דארט געוועזן גרעסער פאַרן אנדערן...

פארוואס הלל האָט ניט געקראגן דעם טיטול רב?...

אויף אַ קבלת פנים און באנקעט וואס די קהילה האט אַראַנד־זשירט לכבוד זייער „רעוורענד" וועלכער איז געפאָרן קיין אייראָפּע און איז פון דארט צוריק געקומען מיט אַ סמיכה. און דערפאר זיך געקריינט מיטן נאמען „ראַביי" האט דער פרנס געזאגט: איצט איז אים רעכט געווארן וואס ס׳האט אים תמיד געאַארט די קשיה: וואס איז אייגנטלעך געוועזן די סיבה; וואס הלל הנשיא, דער קריין פון די תנאים, וואס אויף אים האבן די תנאים אין ארץ ישראל געזאגט: „ארי עלה מבבל" האט זיך ניט דערדינט צו קיין שום טיטול נישט צומאָל „רב", נאָר סתם הלל?

דאס איז דערפאר: האט דער פרנס דערקלערט: ווייל ווי מיר ווייסן פון תלמוד; איז הלל אין זיינע אינגערע יאָרן געוועזן אַ גרויסער אָרימאַן, און האט זיך דערנערט פון האָלץ האַקן, פארדינט האט ער בלויז איין טריפק אַ טאָג, און דאס האט ער געטיילט, אַ העלפט פאר

זיין פרנסה, און די אנדער העלפט האט ער געגעבן דעם שמש פון בית המדרש פאר איינטריט געלט. האט ער דאך ממילא ניט געהאט; ניט קיין הוצאות צו פארן אין איראָפּע, און ניט קיין פופציק פונט דאָרט ארויסצוקריגן סמיכה... איז ער דערפאר געבליבן אָן דעם טיטל „רבי״, נאר בלויז ביי זיין נאָמען — הלל...

פאַרוואס עפּעס אַ שטאַמלער?...

דער פרעזידענט פון דער קהילה האט מיט גענומען זיינעם אַ גאסט צו זיך אין שול יום טוב צום דאַוונען; צו ווייזן זיין פריינד ווי ער פירט דאָרט זיינע גבאות.

נאכן דאַוונען, ווען מען איז ארויס פון שול; פרעגט דער פרנס זיין גאַסט: נו, ווי געפעלט אייך אונדזער שול? אונדזער חזן׳ס דאַוונען? און אונדזער ראַבּיס דרשה?

— אלץ איז מיר זייער שיין געפעלן — זאגט דער גאסט, אבער זאגט מיר נאר: פאַרוואס האט איר זיך עפּעס אויסגעקליבן אַ ראַבּי אַ שטאַמלער?

— ווייל, האט דער פרנס געענטפערט: מיר האבן, דעם אמת זאגנדיק, געזוכט אַ ראַבּי אַ שטומען, נאר מיר האבן אַזעלכן ליידער ניט געפונען, באַגענוגענען מיר זיך דאס, אַט מיט דעם שטאַמלער...

דער ראַבּי אין באָקס.

אַ משולח האט געדאַוונט אין אַן ענגליש־אידישע שול ווו דער „ראַבּי״ איז געווען אַ גרויסער עם הארץ און געזעסן איז ער אויבן אָן, אין מזרח־וואַנט אין אַ באָקס.

נאכן דאַוונען איז צוגעגאַנגען אַ איד אַ דאָרטיקער בעל־הבית און פרעגט דעם משולח: צו וואס דארף ער אזעלכע גרויסע באָקסעס (שיידעלעך) פאר זיינע תפילין?

— האט דער משולח געענטפערט: ס׳איז דאָך אַ קל וחומר; מה דאָך אייער ראַבּי וואס קען צומאָל ניט איין פרשה אין דער תורה, האט איר אים אריינגעזעצט אין אַ באָקס, היינט תפילין וואס ענט־האלטן פיר פרשיות פון דער תורה דארפן דאך, אויף געוויס האלטן אין באָקסעס!...

דער טאָפּעלער קל וחומר.

אַ קליין שטעטלדיקער רב פון ליטע, איז געווען אין אפריקע אין אַ שליחות פון אַ ישיבה. האט ער באַזוכט אַן ענגלישן־אידישן ראַבי, פרעגט אים דער רב: וויפל אַ שטייגער געהאַלט קריגט איר דאָ פאר אייער ראבייסטווע?

— אכציק פונט אַ חודש — האט דער ראַבי געענטפערט, און וואס איז אייערע שכירות דארט אין ליטע?

— איך קריג דארט אויף אייער היגע געלט ארום זיבן־אכט פונט אַ חודש, האט דער רב געענטפערט.

ווען זיי זיינען ביידע פארנאנדער געגאנגען, האבן זיי ביידע יעדערער פאר זיך געלערנט — אַ קל וחומר.

דער רב האט מיט וואונדער געטראכט: ס׳איז דאך אַ שרייענדיקער קל וחומר: מה דאָך איך, וואס האב אזויפיל געהאָרעוועט אויף דער תורה, זיך אויסגעוואלגערט אין די גרעסטע ישיבות, געגעסן טעג, געווען אַ מתמיד, און געהארעוועט אויפן לערנען, קריג איך אזא קליינע מאָגערע שכירות! היינט ער דער ראַבי, וואָס קריגט אכציק פונט אַ חודש, גאָר ניט דער ערך אַן אונגעהייער גרעסערע שכירות פון מיינע, היינט וויפל תורה האט ער שוין געדארפט לערנען!

דער ראַבי ווידער האט געלערנט אַ פארקערטן קל וחומר: מה דאָך איך; וואס האב אזוי וויניק געלערנט און נאך וויניציקער ווייס איך פון דער תורה, באַקום איך אַזאַ גרויסע געהאַלט, היינט ער, דער ליטווישער רב, וואס קריגט אזא מאָגערע ארעמע שכירות, טאָ ווי קליין און נישטיק מוז שוין זיין, זיין ידיעה אין דער תורה?!...

רבנים אמאל און היינט.

רבי נפתלי סופר האט דערקלערט אויף דער מסורה וואס דריי מאָל געפינט זיך אין תנ״ך דאס וואָרט — ו נ ש מ ע, 1) „נ ע ש ה ו נ ש מ ע״ (שמות כד, ז.) 2) „ו נ ש מ ע ק ו ל ו בבואו אל הקודש״ (שמות כח, לה.) און 3) „ו נ ש מ ע פ ת ג ם ה מ ל ך״ (אסתר ב, ג.)

פארצייטנס אז אַ קהילה האט געוואלט אויפנעמען אַ רב, האט זי דאס ערשטע זיך נאכגעפרעגט: צו ער איז אַ גדול בתורה, אַ

ירא שמים, צו ער וועט פירן אַ ישיבה פון תלמידי חכמים און זיך עוסק זיין בצרכי צבור און מעשים טובים פאר שטאָט? מיט איין וואָרט: צו וועט ער זיין בבחינת נעשה ונשמע?

שפעטער מיט אַ דור פאר אונדז, פלעגט מען שוין שטעלן דעם טראָפּ אויפן „ונשמע”, צו איז ער אַ גוטער דרשן? צי וועט ער קענען האַלטן אַ פיינע דרשה? מיט איין וואָרט: „ונשמע קולו בבואו אל הקודש”...

היינט אבער בעוה”ר: אז מען נעמט שוין יאָ אויף „אַ ראַבי” זוכט מען דער עיקר אַ קענער... (ער זאל קאָנען עסן אום געוואָשן... ער זאל קענען טאַנצן מיטן מין היפה...) און איבערהויפּט ער זאל זיין אַ געענדיקטער (ס׳הייסט ער זאל זיין געענדיקט מיט דער תורה, געענדיקט מיט די טראַדיציאָנעלע אידישקייט...) ער זאל קענען גוט ענגליש, די לאַנדס־שפּראַך, ער זאל קענען געפּעלן די אנגלאָ־זירטע אידישע וואָרט פירער... מיט איינוואָרט: „ונשמע פתגם המלך”... ער זאל „פריטשן און ספּיטשן” אין קינג׳ס ענגליש...

מען זאגט אז די קללה: „חרחור” פון דער תוכחה, איז אַ מין מכת מדינה און די ענגלישע קאָלאָניעס: וואס זאָל מיינען חצי רעווערענד וחצי ראַבי... אין ראשי תיבות, — חרחור...

אָט ווייס ער וואס אַן עירוב תבשילין איז.

איינמאָל אַ דאָנערשטיק פון אַן ערב יום טוב, פאַרנאַכט צו מנחה, איז אַ ליטווישער איד צוגעגאַנגען צום ראַבי און אים גע־פרעגט! נו רבי; האט איר היינט געמאַכט אַן עירוב תבשילין? געוויס האָט איר געהאלטן אין זינען אלע ווייבער פון שטאָט...

— אָ יעס, האט דער ראַבי גאוה׳דיק געענטפערט: מיין ווייב, די רביצן, האָט היינט געמאכט אַ תבשיל „ביט” עס (שטייגט עס) אריבער אלע ווייבער פון שטאָט...

ברענען זאל דער עירוב תבשילין!...

מען דערציילט: אַ ישובניק איז אמאל אין אַ מיטוואָך פון ערב ראש השנה אריינגעפאָרן אין שטאָט צו זכור ברית, נאָכן דאַוונען הערט ער ווי

דער שמש האָט אויסגערופן: מען זאָל ניט פאַרגעסן צו מאַכן אַן עירוב תבשילין. ניט וויסנדיק וואָס אזוינס איז עירוב תבשילין און ווי מען מאַכט עס, האָט דער ישובניק געפרעגט די אידן אין שול: — נו אויב מען מאַכט ניט קיין עירוב תבשילין, טאָ וואָס זשע ווערט?

— וואָס זאָל ווערן? — ענטפערן אים די אידן: וועט אייער ווייב נישט טאָרן קאָכן, באַקן און קיין זאַך ניט אָנגרייטן פון פרייטיק אויף שבת!

דער ישובניק איז געקומען צו פאָרן צוריק אהיים אויפן ישוב, זאָגט ער צו זיין ווייב: דו הערסט שפּרינצע, מען האָט אויסגערופן אין שול; אז מען מוז היינט מאַכן אַן עירוב תבשילין, וואָרום אויב מען מאַכט דאָס ניט, וועלן מיר שבת ניט האָבן וואָס צו עסן, ווייל דו וועסט פרייטיג דעם צווייטן טאָג יום טוב, ניט טאָרן קאָכן, ניט באַקן און קיין זאַך ניט צוגרייטן פאַר שבת!

— נו אויב אזוי טאָ מאַך, אויף וואָס וואַרסטו? האָט אים שפּרינצע געהיילט.

— ס'איז דיר גוט צו זאָגן מאַך! אז איך ווייס ניט ווי מען מאַכט דאָס?

— טאָ פאַרוואָס זשע האָסטו ניט געפרעגט אין שטאָט? — פרעגט שפּרינצע.

— ווייל איך האָב מיר געשעמט, איך האָב ניט געוואָלט פרעגן, מען זאָל פון מיר ניט לאַכן, איצט נעם דו שפּרינצע, דו בינסט דאָך אַ אידענע, אז דו וועסט פרעגן וועטן פון דיר ניט לאַכן, טאָ נעם און פאָר אַריין אין שטאָט און פרעג דאָרטן: ווי מען מאַכט אַן עירוב תבשילין?

שפּרינצע איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט, זיך געדרייט איבערן מאַרק און זיך געשעמט צו אָפּשטעלן אַ אידן אין גאַס און פּוט פלאָט אים פרעגן; ווי מען מאַכט אַן עירוב תבשילין, האָט זי זיך מיישב געווען און איז צוגעגאַנגען צום רב'ס הויז און זען ווי דער רב מאַכט, וועט זי שוין וויסן צו זאָגן איר מאַן ער זאָל אויך אזוי טאָן. געקומען צום טיר האָט זי דורך אַ שפּעלטל געקוקט, זעט זי ווי די רביצן האָט אָנגעשמירט אַ טוך מיט זענעפט און עס אַרויפגעלייגט דעם רב אויפן לייב איבערן דיך... איז שפּרינצע געקומען אַהיים און אויך אזוי געטאָן, אָנגעשמירט אַ טוך דיק מיט זענעפט און עס צוגעלייגט איר מאַן פאַר אַן עירוב תבשילין...

ווען דער עירוב תבשילין האָט גענומען שרפה'נען דעם ישובניק'ס לייב, האָט ער מיט קולות געשריען שפּרינצע! נעם פאָר געשווינט אַריין אין שטאָט און פרעג דעם רב: ווי לאַנג עס דאַרף שטיין דער עירוב תבשילין? שפּרינצע איז האַסטיק אַריינגעפאָרן אין שטאָט געקומען צום רב און אים געפרעגט, זאָגט דער רב: אז מען מוז דעם עירוב תבשילין האַלטן אלע דריי טעג; ביז שבת פאַרנאַכט און דאַן נעמט מען עס און מען עסט דאָס אויף צו שלש סעודות...

ווען שפרינצע איז צוריק געקומען פון שטאָט, האָט זי געפונען איר מאַן ווי ער ברענט ווי אַ פּאַקאָלע און שרייט מיט קולות: נו זאג שוין שפרינצע, וואס האָט דער רב דאָרט געזאגט, ווי לאַנג דארף מען עס האַלטן דעם עירוב תבשילין?!

— דער רב האָט, האָט געזאגט — האָט שפרינצע מיט שרעק געשטאַמלט; אַז מען דאַרף עס האַלטן דר—דר—דריי טעג ביז שבת צו שלש סעודות, און דעמאָלט דאַרפן עס ערשט אראפנעמען און עס אויפעסן!...

דער ישובניק האָט אַן אויפגעקאָכטער ארונטערגעריסן מיט כעס דעם זענעפט אַ שליידער געטאָן און אויסגעשריען: ברענען זאָל דער עירוב תבשילין!!...

ווען ער האט ליב דעם שטראָפט ער.

אַ ראַבי האט אום ראש השנה אין זיין דרשה זייער שטאַרק געמוסר'ט די פרויען, נאָכן דאַוונען, האט אַ קלוגע פרוי, אַ מלומדת, באַגריסנדיק דעם ראַבי — אים געזאָגט: איר ווייסט ראַבי, נאָך היינטיקע דרשה אייערע, זיינט איר שוין גאָר ניט ווייט פון רבש"ע.
— איך דאנק אייך, מאַדאַם — זאָגט דער ראַבי; פאר אייער קאָמפּלימענט, אבער: פונוואנען דרינגט איר דאָס?

— גאר פשוט, האט די פרוי שמייכלנדיק געענטפערט: אויפן רבש"ע ווערט געזאגט: „את אשר יאהב ה׳ יוכיח"... ווען גאָט האט ליב, דעם שטראָפט ער... און איר אין אייער היינטיקער דרשה האט נאָכגעטאָן דעם רבש"ע...

שלא עשני גוי.

די זעלביקע געלערנטע פרוי האט אמאל געפרעגט דעם ראבי: פארוואס האבן די כנסת הגדולה אזוי דערנידערט די פרוי און האבן פארפאסט פארן מאַנסביל אַ ספעציעלע ברכה: „שלא עשני אשה"?
— דאס איז קיין שום דערנידערונג פאר די פרוי — האט דער ראַבי געענטפערט; דאס איז בלויז אַן אויסדרוק פון דאנק מצד דעם מאַנסביל; צום בורא עולם, אויף דעם וואס ער האט אים ניט געשאפן אין דעם פארם פון אַ פרוי, וועלכע האט אויסצושטיין כל־ערליי יסורים און שמערצן אין פערלויף פון איר לעבן. און ווען די כנסת הגדולה וואלטן היינט דאָ אין אפריקע געווען, וואלטן זיי געדארפט פאר

די היגע בעלי בתים „די קאנגערגיישאַן מעמבערס״ פארפאסן אַ ספעציעלע ברכה: „שלא עשני ראַבי״... וואָרום די יסורים און נגישות וואס מיר ראַבייס האבן אויסצושטיין פון אונדזערע קאַפריזנע בעלי בתים און מעמבערס, האט דאָס קיין פרוי ניט אויסצושטיין פון איר ערגסטן מאַן...

— איר וועט מיר ענשולדיקן ראַבי, זאָגט די קלוגע פרוי, מיר דוכט אז אַזאַ ברכה איז גאנץ איבעריק, ווארום ווען די בעלי בתים מאַכן די ברכה; „שלא עשני גוי״ איז דאָך שוין ממילא אין כלל פון שלא עשני ראַבי!...

דעם אבן עזרא האָט ער...

אין אַ שטאָט אין אפריקע איז געקומען צו גאַסט איינער פון די אָרטאָדאָקסישע רבנים, האט אים דער ראַבי פון דער דאָרטיקער קהילה דערציילט: היות אזוי ווי דאָ איז פאַראַן אַ מאן וואס איז אנטלאָפן פון זיין ווייב, און דורך די רעגירונג האטן לויטן געזעץ זיי צושיידט. נאר קיין אידישן גט האט דער מאן איר נאכניט גע־שיקט, זאל דער רב פראָוועון דעם גט.

דער רב האט איינגעשטימט צו מאַכן דעם גט און באַמערקט: אז ער מוז ראשית שרייבן אהיים, מען זאל אים פון דאָרט צושיקן די נויטיקע ספרים דערצו.

— פרעגט דער ראַבי: וועלכע ספרים אַ שטייגער דאַרפט איר, אפשר האב איך זיי אין מיין ביבליאָטעק?

— ראשית כל, זאגט דער רב: דארף איך דעם „אבן העזר״ און...

— דאָ האָט אים דער ראַבי אונטערבראָכן און זאגט: וואס דעם אבן עזרא? האב איך אויף גאנץ חומש, איך קען אייך אים תיכף געבן...

ער דארף אַ חושן משפט פאַר הלכות ערלה.

אַ ראַבי פון אַ פראָווינצער שטאָט איז געוועזן צו גאַסט אין יאָהאַנעסבורג, איז ער דארט אריין צום אָרטאָדאָקסישן רב און אים געבעטן; ער זאל אים געבן אויף אַ ווילע איינצוקוקן אין חושן משפט, הלכות ערלה...

— אין חושן משפט געפינט זיך ניט קיין הלכות ערלה — זאגט דער רב — דאס געפינט זיך אין יורה דעה. מעג איך וויסן צו וואס איר דארפט באַכקוקן די דינים פון ערלה?

— אַ יעס, זאגט דער ראַבי, באַ אונדז אין דער קהילה, האט זיך געמאכט אז אַן אלטער „באַטשלער" (בחור) האט זיך פאַרליבט אין זיין „באַר־מויד" אַ קריסטליכע שיקסע (וואס דינט באַ אים אין ביר־האַל, שענק) און האט איר געהייראט דורכן געריכט. איצט האט די שיקסע אים געבוירן אַ אינגל, און דער פאָטער וויל ניט אַנדערש; מען זאל אים מל זיין, וויל איך עס נאַכקוקן דעם דין אין הלכות ערלה, אויב ס'איז דערלויבט לויטן אידישן דין צו מל זיין אזא סאָרט ערלה?...

אַ היתר גיורת...

אין דרום אפריקע זיינען די רבנים און בתי־הדין זייער שטריינג צוריקגעהאלטן פון צו מגייר זיין גרים. ווייל דאס זיינען די רבנים בטוח: אז ביי הייניטיקע שלעכטע צייטן וואס אונדזער דת ישראל ווערט — בעונותינו הרבים — געטראטן מיט די פיס, סיי מבפנים... און סיי מבחוץ... איז אויב אַ שיקסע אדער אַ שייגעץ וויל זיך יאָ מגייר זיין, איז עס נישט „מאהבת הדת..." ווייל זיי האבן זיך הייסט עס כלומרשט פארליבט אין אונדזער תורה, אונדזער דת... נאר אין עטוואס אנדערש... אין לשון קודש מיינט עס אין אַ דבר אחר... און כדי אפצוהאלטן די אידישע יוגנט פון אסימילאַציע... און „שקדו חכמים לתקנת בנות ישראל"... וכדומה האלטן זיך דערפאר די רבנים פעסט, ניט צו אויפנעמען קיין גרים. זיינען אבער פאראן אזעלכע „ראַביים" און „רעוורענדס" וועלכע האלטן זיך פאר „רע־בנים" און פאר געלט זיינען זיי מגייר אויף רעכטס און אויף לינקס...

האט איינער פון דידאָזיקע „רע־ביים", „רע־בנים" מגייר גע־ווען אַ בורעטע איר כלומר'שט געמאכט פאר אַ אידיש קינד... נאָכ־דעם ווי דער „רע־בי" האט איר דאָרט ערגעץ טובל געווען... און אבגעטאָן איר דאס רעכט, האט ער — צוזאמען מיט זיין צוזאמענ־געקלאפטן „בייז־דין" — די בורע־שיקסע ארויס געגעבן אַ כתב גיורת. כתוב וחתום בזה הלשון: „לפנינו הח"מ דיינים מומחים נטבלה

העלמה מרת שרה דע קערק, וקבלה עליה את דת ישראל, ומעכשיו הרי היא כשרה ומותרת לכל ישראל...״*)

טמאה היא ואין מדליקין בה.

אין אַ קליין שטעטל אין די קאַפּ־קאַלאַניע האט דער גבאי פון שול געפּראוועט אַ ברית, די קינפּעטאָרן, די מוטער פון רך־הנימול איז געווען אַ בורעטע זי איז געווען ספק גויה, ספק גר׳קע. אנדערע האבן געזאגט אז עפעס איינער אַ ראַבי זאל איר יאָ האבן מגייר געווען, אנדערע האָבן ווידער געזאגט; אז דער גבאי לעבט מיט איר אָן גירות און אָן חופה וקידושין, און זיי לעבן צווישן זיך אזוי „פּיפּטי־פּיפּטי...״ ס׳הייסט אז יום כיפּור קומט זי אין שול און זיצט דארט אין עזרת־נשים אויבנאָן אין מזרח... און קריסמוס־נאכט פירט דער גבאי זיין „מיסעס״ אין קירכע... אנדערע זאגן אז ער פירט איר נאר צו ביזן שוועל פון קירכע, און ער בלייבט ווארטן אויף איר אין זיין מאָטאָר קאַר, און אנדערע זאָגן: אז ער גייט מחילה מיט איר דארט אריין אינווייניק אין קירכע, אויסבעטן אַ גוט יאָר...

נאָר ניט דאָס בין איך אויסן... האט מען דארט צוגעגרייט צום ברית...

דער רעווערענד וועלכער איז געווען „אנוס על פי הגבאי״... צו מל זיין דאס קינד... האט באַמערקט ווי אַ אידישע פרוי אַ שכנה, האָט אַריינגעבראַכט אַיִרע בענטשלייכטער, זיי געשטעלט אויפן מיטן טיש און זיי געוואלט אָנצינדן, רופט זיך אָפּ דער רעווערענד שטילער־הייט צו די אידינע; ניין, דאָ אויף דעם ברית זיינען די ליכט נישט נויטיק... ניין איז ניין; האט זי צוריקגענומען די לייכטער. און ניט אָנגעצונדן.

נאכן ברית ווען מען האָט דעם רעווערענד געפרעגט: וואס איז דער שכל, איז עס פאראן אַ דין אזא: אז ביי דעם ברית גראַדע אָן ליכט?!

— מיר זאגן דאך אלע פרייטיק־צו־נאכט אין במה מדליקין —

---

*) עס האָט מער ניט געפעלט דער געוויסער סופיקס פון אַלע הכשרים, נעמליך: וישבעו ענוים וישמחו...

האט דער רעווערענד מיט אַ שמייכל געענטפערט: אז: טמאה היא, ואין מדליקין בה...

יצאה סרחה מהספדו...

אַ ראַבי האָט אַ מאל אויפן בית עולם ביי אַן אפענעם קבר פון אַ בעל־הבית געזאגט אַ הספד, האט ער עטלעכע מאָל דערמאנט די ווערטער — פון דער סדרה פון דער וואך; ויחי —: וקברתני בקבורתם, האט זיך אבער צו יעדן מאל פארפלאנטערט דער צונג ביי׳ם ראַבי און געזאגט האט ער: וקרבתני בקרובתם...

אן איידעלער איד אַ משכיל, וואָס דעם ראַבי׳ס עברי האט אים געגרילצט אין אויער, איז צוגעגאנגען צום שמש וועלכער איז געווען אַ איד אַ למדן און אים געפרעגט: מיר ווייסן דאך אז איר העלפט תמיד ארויס אונדזער ראַבי און צייגט אים אָן אַ פסוק, אַ מדרש, פאר זיינע דרשות און הספדים, האט איר שוין ניט געקענט אים אויסלערנען ער זאל זאָגן דעם פסוק כצורתו?

רופט זיך אָפּ דער שמש: דערפאר איז טאַקי: יצאה סרחה מהספדו... (אַ פּאַראָדיע פון „יצא שכרו בהפסדו"...)

זי דארף ניט נעמען קיין חליצה.

אַ יונגע אלמנה, וואס איר מאן האט זיך גענומען דעם לעבן, און איר געלאזן אָן קינדער, האט געוואלט חתונה האָבן. און דער ראַבי האט שוין געלאזט אויפשטעלן די חופה, און געוואלט מסדר קידושין זיין, איז דארט אבער געווען אַ איד אַ למדן, וועלכער האט געשטערט און געזאגט: אַז די כלה מוז פריער נעמען חליצה כדין. רופט זיך אָפּ דער „ראַבי" אז ער ווייס אַ דין בעסער פאר אים, אז אין דעם דאָזיקן פאַל, דארף די כלה קיין חליצה ניט נעמען. איז געבליבן מען זאל תיכף אנקלינגען צום אָרטאָדאָקסישן רב. ווען דער רב האט דורכן טעליפאָן געענטפערט: אז זי מוז אומבאַדינגט האבן חליצה. האט דער ראַבי מיט כעס געשטורמט אין טעליפאָן: אבער רבי! קוקט, זייט אזוי גוט, איין, אין שולחן ערוך, וועט איר זען ווי ס׳שטייט דארט מפורש דער דין: אַז ווו דער מאַן איז געווען אַ מאבד עצמו לדעת, אין חולצין עליו!...

דער „בלעק בוק" זאגט אז מען דארף ניט.

אום חול־המועד־סוכות איז געשטאָרבן אַן ענגליש־אידישע דאַמע, געווען איז זי פון די מיוחס׳טעס פון שטאט. ביי די קבורה, האָט דער ראַבי געפראַוועט אַ הספד מיט הזכרות, פונקט ווי אינדער־וואָכן. דערנאך האט ער די זין און די טעכטער געהייסן זיך זעצן שבעה...

ווען מען האט דאס דערציילט דעם שמש, אַ איד אַ תלמיד חכם, האט ער געזאגט: אז יום טוב חול המועד, איז דער דין מען זאל ניט מאַכן קיין הספדים און קיינע הזכרות און אַ פשיטא אז מען זיצט ניט קיין שבעה.

דער ראַבי צוריק קומענדיק פון זיין שבעה־הויז, איז ארויס־געשפרונגען פון זיין קאַר און זאגט צום שמש: „יעס, יו אַר רייט, איי לוקט אַפּ דזשעס נאַו, די בלעק בוק, איט סעז; ווי דאַנט סיט שבעה אַן אַ כלה המויד..."

(יעס, איר זיינט גערעכט, איך האב איצט נאָכגעקוקט דעם „שווארצן בוך" (ווו ס׳איז איבערזעצט הלכות אבלות אין ענגליש...) זאגט ער: אז מען דארף ניט זיצן קיין שבעה אין חול המועד...)

פאַרוואָס קריגט אַ ראַבי אזא הויכע געהאַלט, און אַן אמת׳ער רב אזוי ווייניק?

ווייל אזוי איז שוין דער דרך העולם: אַז אַ מאַלער אַ קינסט־לער צייכנט און מאלט אויס אַ האָן, קריגט ער זייער אַ הויכן פרייז פאר זיין קונסט־בילד. און אַ פשוטן לעבעדיקן ריכטיקן האָן, קריגט מען אין מאַרק פאַר גאָר קליינע געלטן...

ז.

די קהילה / אירע כלי קודש / רעוורענדס.

ווי איך בין געווארן רעוורענד.

גלייך ווי איך בין אנגעקומען פון ירושלים אין קייפטאַון, האב איך מיר פארנומען מיט מלמדות, געקנעלט אין איינע פון די דאָרטיקע תלמוד־תורה׳ס און געפראַוועט פריוואט־שטונדן, מקיים געווען דעם פסוק: „ויתהלכו מגוי אל גוי״... און ווי דער שטייגער איז פון „אַ גרינעם״; האב איך מיר גוט געפלאָגט, נישט אומזיסט האט מיר דעמאלט אַ קלוגער איד געזאגט: „אז אַ גרינער האט גארניט גע־דארפט געבאָרן ווערן...״

איינמאל אין אַ שיינעם פרימארגן, שיקט מיר דער רב רופן: קומענדיק צו אים אין הויז, געפין איך צוויי בכבודיקע אידן, בעלי בתים פון אַ פראָווינצער דערבייאיקער שטאָט, דער רב האט מיר פאר זיי פארגעשטעלט, און אפמעסטנדיק מיר מיט זייערע בליקן, האבן די אידן מיר באטראכט פון קאָפּ ביז די פיס, ס׳איז קענטיק געווען אז „די סחורה״ איז זיי געפעלן, עס הייסט; אז איך האב אויף זיי געמאכט אַ גוטן איינדרוק. דאַן רופט זיך אָפּ דער רב צו מיר: איך האב פאר אייך אַ גוטע שטעלע, איר וועט זיין דער רעוורענד פון וו. אָט די אידן זיינען די דארטיקע גבאים, וועט איר מיט זיי אהין צו פארן און איר וועט באַ זיי אין דער קהילה זיין דער רעוורענד.

— פרעג איך: רבי, וועלכע זיינען דאס די פליכטן וואס אַ רעוורענד אין אַ היגע קהילה דארף אויספירן? אפשר בין איך גארניט ראוי פארן אמט?

— זאגט דער רב: אזוי ווי איך ווייס אייערע השלמות, און איבערהויפט דארפן זיי דארט האבן; אַ טיכטיקן מלמד, אַ בעל פועל, און דאס זיינט איר דאָך, וועט איר זיך דארט גוט אויסטייגן, אז איר וועט קומען אהין, וועט דער דארטיקער קאָמיטעט מיט אייך אונטער־

האנדלען, און זיי וועלן שוין אייך זאָגן אַלץ מיט אַנאַנדער, וואס איר האט דארט צו טאָן.

צו די צוויי אידן ווענדעט זיך דער רב און זאגט: דעזשענטל־מען: (מיינע הערן.) איך ראט אייך נעמט שוין תיכף דעם יונגנמאן און פארט גלייך מיט אים, ער איז דער פאסיקסטער רעווערענד פאר אייך.

אזוי זיינען מיר זאָלבעדריט ארויס פון רב׳ס הויז, געזעגענענ־דיק זיך מיטן רב; און דאנקענדיק אים משני הצדדים, פאר דעם מזל׳דיקן שידוך וואס ער האט דאָ איצט אויסגעפירט.

ארויסקומענדיק אויפן גאַס, האבן זיך די צוויי אידן צוגערוקט צו מיר און האבן מיר אין אויער געסוד׳עט: ווי מיר זעען — זאגן זיי— איז דער רב אַ גוטער מבין אין די ענינים. איר שיינט צו זיין „פיט פארן דזשאָב" (פאסיק פארן אַמט.) דערפאר וועלן מיר אייך בעטן, אז איידער וואס ווען, זאלט איר מיט אונדז אריינגיין אין אַ קליידער געשעפט און איר וועט זיך דארט אנטאן אין די קלעריקאלע־בגדים, ווייל מיר האבן ביז היינט ביי אונדז אין קהילה געהאט אַ רעווערענד, איז ער געווען אַן ענגלישער יאהודי, „אַ געענדיקטער" וואס ער האט געענדיקט? ווייסן מיר עד היום ניט, און פון אידישקייט האט ער אזוי פיל געוווסט; פונקט ווי דער בורישער גלח... מיר האבן שוין — דעם אמת זאגנדיק — פון לאנג געוואלט פטור ווערן פון אים, האבן מיר אבער ניט געקאנט, צוליב די „ליידיס" אונדזערע: ער איז געווען „וועל לייקט באַ די ליידיס" (זייער אויסגענומען באַ די ווייבער.) צוליב זיין עכט גלח׳ישן „יוניפאָרם" (אָנצוק) און מיט זיינע „קאָמפלימענטן" מיט וועלכע ער פלעגט זיך צושמייכלען צום מין היפה... האבן די „ליידיס" מיט דער הילף פון עטלעכע אַפריקאַ־ניזירטע יונגע לייט ניט דערלאזן אים אפצוזאגן, און גאר אומע־ריכטערהייד זיינען מיר דאך פטור געווארן פון אים.

פאסירט האט אט וואס: ער, דער ענגלישער רעווערענד, האט זיך אמאל געלאזט פירן טאַקי פון אונדזערן אַ מעמבער, אַ בעל־עגלה, אויב איר מיינט אז ער האט זיך פון אים געלאזט פירן אין די ענינים פון שול און אין דער קהילה, האט איר מחילה אַ טעות, — נאר גאר פשוט —: ער האט זיך געלאזט פירן פון בעל עגלה

אין אַ וואגן מיט פערד און אום שבת בפרהסיה!... און אז אַ אידישער „גייסטליכער" פארט אום שבת, מעג ער שוין זיין ווי „וועל לייקט באַ די ליידיס" מוז ער זיך שוין איינפאקן און פארן ווייטער... האבן מיר טאקי אויסגענוצט די „אַפערטיוניטי" (געלעגנהייט) אים גע־געבן דעם קאַפּיטל דרך.. און פטור געווארן פון אים. אשר על כן: בעטן מיר דאס אייך: איר זאלט זיך אויך אויספוצן ווי אַ פאַלנער ענגלישער רעווערענד, און ווי זאגן די ווייבער: אז „קליידער מאכן לייט" איז אַ חוץ וואס איר וועט זיין דער ריכטיקער רבי פאר אונדז, און איבערהויפט פאר די קינדער אונדזערע, וועט איר אויך זיין „וועל לייקט באַ די ליידיס"...

מילא וואס האב איך געקאנט טאָן, האב איך איינגעשטימט, און רוף זיך אָן צו מיינע צוויי „שושבינים", די גבאים מיין איך: וואס טוט ניט אַ איד פאר פרנסה? אט איז באַ אונדז אין דער אלטער היים איינגעפירט, נאך פון קדמונים, אז איינמאל אַ יאר אום פורים, פארשטעלן זיך אידן ארעמע לייט; ווער פאר אַ מרדכי, ווער פאר אַ המן... און גייען ארויס איבער די הייזער פון שטעטל, פארשטעלטע, כדי צונויף צוקלייבן עטלעכע רובל אויף קמחא דפסחא... איך דאָ אין אפריקע, קומט מיר ערשט אויס אנעמען צו האלטן אַ גאנץ יאר פורים... איך גיב אייך איבער מיין גוף — זאג איך צו זיי — און טוט אים אן ווי אייער הארץ געלוסט, זאל זיין ווי אַ גלח, אַ רעווערענד, אַ מיניסטער, אַ פרעדיקאַנט אבי פרנסה זאל זיין... אט האבן דאך אונדזערע חכמים מתיר געווען אפילו אַ זינדיקן מענטשן אז: „ילבש שחורים, יתעטף בשחורים. וילך למקום שאין מכירין אותו, ויעשה כל מה שלבו חפץ"... ער זאל זיך אָנטאָן אין שווארצן, זיך איינהילען אין שווארצן, און זאל גיין ווו מען קען אים ניט... און דארט טאָן וואס זיין הארץ געלוסט...

אָט אזוי רעדנדיק זיינען מיר צוגעקומען צו אַ גרויסן קליידער געשעפט, אין וועלכן איך האב דארט מקיים געווען ככתוב: „ויגלח... ויחלף שמלתיו"... אנגעצויגן אָן עכט גלחישן שוואַרץ־קלעריקאַלישן־אנצוג, דעם לאנגן סטאָן־ראָק אָן לאַצן, געשפילעט — וועסט און ראָק — ביז העט ארוף צום האלדז צו, פונוואנען ס'האט ארויסגע־שיינט אַ שפאגל בייער צאַרט־ווייס־קאַפּייערדיקער קראַגן... געשפילעט

פון הינטן אויפן אַקן... אַ פלאכן עכט שוואַרצן הוט, דאס בערדל פארשאָרן און פארשפּיצט אַ לאַ פראַנצויז, אזוי אז די וואַנטשעלעך מיטן שפּיציק בערדל האט געפארמעט אַ קמץ גדול... אט אזוי בין איך גאר גיך נהפך געווארן לאיש אחר... געווארן אַ פולקאמער רעווערענד. אַ מיניסטער אַ גייסטליכער! גאר גרינג איז עס מיר אנגעקומען...

איך האב מיר געשפּירט אין די נייע שווארצע „דוכאוונע״ מלבושים; אזוי האָפערדיק, און אזוי אנגעצויגן באַ זיך, אז ארויס־קומענדיק פון קליידער־געשעפט האט פאר מיר אַ בור מיט יראת הרוממות זיין הוט געצויגן — מיינענדיק אז איך בין זייערער אַ פּרעדיקאַנט — האב איך מיר אַ לייכטן נייג געטאָן צו אים, און באַרירנדיק מיט מיינע צוויי פינגער דעם ראַם פון הוט, האב איך אים באַגריסט מיט אַ קלעריקאַלן יראת־שמים שמייכעלע. האבן דערנאך מיינע באַגלייטער, די צוויי אידן, מיר פשוט באַשאָטן מיט קאָמפּלימענטן: איר טויגט זיך דאך אויס, איר מאכט דאך „אַ פּער־פעקט מיניסטער״... טא פארוואס — האבן זיי מיר געפרעגט — האט איר זיך פריער אזוי געקווענקלט?! אייער באַנעם איז דאך ווי פון אַ געבוירענעם און קוואַלעפיצירטן רעווערענד!...

פאר אַ תשובה האב איך זיי דערציילט אט דעם אנעקדאט:

אַמאָל איז ערגעץ אין אַ דאָרפישע קרעטשמע געווען אַ יונגער פויער; וואס פלעגט נאכמאַכן און נאכאַמען דעם גלח פון דאָרף, ער פלעגט איבערזאגן פונקט מיטן גלח׳ס קול, העויות און תנועות ווי ער פריידיקט אין קלויסטער. ער פלעגט אים אזוי געשיקט אימ־פּערזינירן, אז די פויערים פלעגן אנקוועלן, פשוט ווערן פארן שייגעץ די כפּרה.

איינמאל איז דארט דער גלח אליין געקומען אין קרעטשמע, און האט דארט אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאס פון דעם ביטערן טראַפּן... האט ער זיך דארט אויף אַ באנק אויסגעצויגן און זיך צו־געלייגט שלאָפן. זיינען חברה פויערים געגאנגען און גענומען דעם גלח׳ס מאנטל, גארטל, צלם און טשאַפּקאַ און האבן עס — מיט גוואַלד — אנגעטאָן דעם יונגן פויער. דער יונג האט זיך תחילת געווארפן, געשמיצט, זיך ניט געלאזן אנטאָן, און ווען זיי האבן אים

שוין קוים מיט צרות דאס אנגעצויגן, האט ער זיך געשפּירט זייער ניט בעקוועם, געוואָלט זיי ארונטערוואַרפן פון זיך. דערנאָך אָבער; ווען זיי האָבן אים טראַגנדיק אויף די הענט ארויסגעפירט אויפן שאָסיי, אים גענומען ארויפזעצן אויפן דראָנטשקע, כדי אים אוועק־צופירן אין דאָרף, ווו ער האָט געדאַרפט נאַכמאַכן און פראַווען דעם גלח׳ס שטיק. האָט דער יונגער פויער פלוצלונג אויפגעהייבן זיינע הענט, אנגעשטעלט — פונקט ווי דער גלח — אַ פרומען יראת־שמים פנים און מיט פאַרגלאָצטע אויגן, גענומען זיי אַלעמען בענטשן און מתפלל זיין פאַר זייער גליק...

האָבן אים די פויערים געפרעגט: פאַרוואָס האָט ער לכתחילה זיך געשמיצט און געוואָרפן און בשום אופן ניט געוואָלט אָנטאָן די הייליקע בגדים, און איצט אַקט ער פונקט ווי אַ פאַלנער גלח?!

— פאַרשטייט איר מיר —: האָט דער יונגער פויער זיי געענטפערט! פריער ווען איר האָט מיר מיט צוואַנג אָנגעטאָן דידאָזיקע דוכאָוונע קליידער, האָב איך מיט פחד צו מיר געטראַכט: צו מעג איך, אַן איינפאַכער־פשוטער בשר ודם, טראָגן און פאַרשוועכן די הייליקע בגדים? צו האָב איך דען געלערנט אין סימינאַר צו זיין אַ גלח? אַז איך זאָל זיין הייליק גענוג, צו האָבן די זכיה אָנצוטאָן די בגדי כהונה? דערנאָך אָבער; ווען איך האָב מיר גוט באַדיינקט, איז מיר איינגע־פאַלן אַ געדאַנק: אַז פונוואַנען איז עס געדרונגען; אַז די אַלע גייסטלעכע וואָס טראָגן דידאָזיקע בגדים; זיינען דאָס אַזוי געלערנט, אַזוי אויסגעשטודירט און אַזוי הייליק? עס קען דאָך גריילעך מעגלעך זיין; אַז זיי — די גלחים גופא — זיינען אויך פּראָסטע פויערים און פשוטע בשר ודם׳ניקעס — אַקוראַט ווי מיר אַלע, אַלא וואָס דען? זיי האָבן זיך אָנגעצויגן די שוואַרצע קלערעקאַלע קליידער, אָנגעטאָן די גלח׳שע מיטץ: זיינע זיי גלחים. נו, אַז איך בין אָנגעטאָן אין די גייסטלעכע־קליידער און איך טראָג די טשאַפּקאַ, בין איך אויך אַ גלח!...

קומענדיק אין ווו. בין איך נאָך אין דעם זעלביקן טאָג פאַרופן געוואָרן און פאַרגעקומען פאַר אַ זיצונג פון אַ פולן קהילה־קאָמיטעט, און נאָכן פאַרמאַלנעם קבלת־פנים: האָט זיך באַלד אָנגעהייבן די

סדרה פון „דיוטיס״ (פליכטן) וואָס איך האב אויסצופירן אין דער קהילה.

אנהייבנדיק פון פרעזעדענט, דער פרנס בכבודו ובעצמו, ביז דעם לעצטן פון די עלף „קאָמיטע־לייט״ האט מיר איטליכער — אין אָטשערע — אויסגעפרעגט מיינע קוואַליפיקאַציעס און מיר אויס־גערעכנט אַ צעטל פון פארשיידענע פונקטן אין מיין „עבודת הקודש״.

באַשטאנען זיינען זיי אומגעפער אין די: 1) אלע אינדערפרי נאכן דאוונען מוז איך מיר געפינען אַ שעה אנדערהאלבן אין בוטשערי (יאַטקע) צו קוילענען עופות און פאר איינוועגס ווארפן אַן אויג און משגיח זיין אויף די כשרות פון בוטשערי (ס׳הייסט שוחט און משגיח) 2) פון האלב דריי נ. מ. ביז האלב זיבן פארנאכט דארף איך „אַטענדן״ אין תלמוד־תורה צו „טיטשן די טשילדערן״ ד. ה. צו מרביץ תורה זיין לתינוקות של בית רבן.

דאָ האט זיך אנטוויקלט אַ הייסע דיסקוסיע איבער די שפראַך־פראגע, ס׳הייסט: אין וועלכן לשון זאל מען די תלמידים אונטעריכטן? אַ טייל, און די זיינען געווען פון די אינגערע; מער־אדער־וויניקער אפרעקאניזירטע און אנגלאַזירטע, זיי האבן געהאלטן; אז מען דארף די קינדער ניט „טראַבלען״ (מאַטערן) מיטן אידישן זשאַרגאָן... און מען דארף זיי „טיטשן אָנלי אין ענגליש״ און עלטערע האָבן גע־האלטן: אז ס׳איז בעסער מכמה טעמים; מען זאל זיי פארטייטשן אין „פליין״ (פשוטן) אידיש, מאַמע לשון, נאך אַ ליינגערע דעבאַטע האט מען „דעסיידעט״ (באַשלאסן) די שפראַך־פראגע צו לאזן פארן „העד־מאַסטער״ (הויפט־לערער) ווי ס׳וועט אים אויסקומען גרינגער און בעקוועמער צו „טיטשן״ אזוי זאל ער „טיטשן״...

נאָכדעם האט זיך געצויגן דער צעטל פון מיינע „דיוטיס״ וועגן חזנות, קריאת התורה, בלאזן שופר, זאגן און לערנען פארן עולם, געבן חופה וקידושין, האלטן „ספיטשעס״ (רעדעס) אויף אלע שמחות און אנדערע פונקציעס, און אז עס מוז זיך באַ מיר תמיד געפינען אַן אויסוואַל פון: טלתים, תפילין, מזוזות, שיר המעלות׳ן, אלע ספרי רומל, חנוכה ליכטלעך, פאָנען פאר שמחת תורה. מאָן אויף פורים מצות און שאר ירקות אויף פסח..

איינער אָן עלטערער קאָמיטע־מאָן פרעגט מיר: אויב איך

בין אַ כהן? אז איך האב אים געענטפערט אויף ניין, פרעגט ער ווייטער: האט איר קיין פחד ניט פאר קיין מתים? איך פרעג דאס אייך, ווייל איך בין דער גבאי פון חברה קדישא און „עז אַ רול״ — „דאַרף דער רעווערענד; אטענדען אלע פיונעראל׳ס״ ס׳הייסט איר דארפט זיין אויף אלע לויות וואס זאל זיך ניט מאכן.

— ניין, זאג איך — פאר קיין מתים האב איך לחלוטין קיין מורא ניט, זאלן מיר אזוי די לעבעדיקע ניט טאָן קיין בייז, ווי די מתים, פאר זיי איז שוין נעבאך גאר בישטאָ וואס זיך צו שרעקן...

נאָכדעם איז געקומען אַ צעטל פון ווייניקער „אימפּאָרטענט דיוטיס״ ווי כדומה למשל: באזוכן קראנקע, און בכלל פראווען וויזיטן צו די בעלי בתים, א. אז. וו.

ווען ס׳האט געהאלטן ביי די סדרה וויזיטן, רוקט זיך צו צו מיר אַ קאָמיטע מאַן, אן עלטערער איד, און רוימט מיר איין אַ סוד; אז ער לאדעט מיר איין — איך זאל אָפּשטאַטן מיין ערשטן וויזיט צו אים אין הויז, מחמת... האט מיר דער איד אַ חיטרען פינטל געטאָן מיטן אויג איך זאל מיר אליין אנשטויסן, איך האב אבער דאס פינטל זיינעם, ניט פארשטאַנען צו וואס ער צילט, פרעג איך אים: מחמת וואס?

— מחמת; זאגט דער איד מיט אַ חניפיש שמייכעלע אויף די ליפּן, איך פארמאָג זאלן געזונט זיין צוויי שיינע געבילדעטע טעכטער, זיי זיינען יונג בלוט און מילך, און קיין נדן וועט ב״ה אויך ניט פעלן, איר קאָנט ארײַן קומען...

— איך שלאג אים גלייך איבער און זאג: אבער מיין ליבער איד: איך בין שוין אַ באַווייבטער, און האב אינדערהיים געלאָזן: איין ווייב מיט צוויי קינדער זאלן געזונט זיין!...

דאָ איז מיין איד אויפגעשפרונגען פון זיין ביינקל ווי אַן אונטערגעשאָסענער, — וואס איר?! אזא יונגערמאן אַ חתונה־געהאטער! און שוין אַ טאטע פון צוויי קינדער?!

— יאָ, אזוי איז עס מיין פריינד; האב איך אים פארזיכערט.

— אויב אפילו אזוי — זאגט דער איד: מעגט איר אויך ארײַנקומען צו מיר, איר וועט זיין באַ אונדז אַן אנגעלייגטער גאסט, אגב דארף זיך אַ רעווערענד אין די מדינות אויסטויגן צו אלץ...

נישקאשע איר קאָנט נאָך פאַרדינען באַ מיר היבשע שדכנות...

הכלל צו די אלע „דיוטיס" „אימפּאַרטאַנט" און ווייניקער „אימפּאַרטאַנט דיוטיס" דאַרף מען נאָך אַקטן אַלס שדכן אויך...

ווען ס'האָט שוין געהאַלטן באַלד ביים שלוס, און דער פּאַר־זיצער, דער פּרנס, האָט געפרעגט: „דזשענטלמען!" האָט ניט ווער פון אייך נאָך וואָסערן „רעמאַרק" (באַמערקונג) צוצושטעלן צום „אַגרימענט" (קאָנטראַקט) איידער איך שליס דעם מיטינג?

האָט זיך מר. בעטלמאַן געמאָלדן צום וואָרט און רופט אויס; יעס, מיסטער טשערמאַן! אַזוי ווי אונדזער נייער רעוורענד וועט אינדערפרי זיין פאַרנומען בלויז אַנדערטהאַלבן שעה, „וואָלן מיר זאָגן" ביז אַזייגער צען, פון דאַן ביז אַרום איינס, צוויי, אַזייגער נאָך מיטאָג, וועט ער דאָך ניט האָבן אַזוי וואָס צו טאָן; וואָלט איך „פּראָפּאָויזן" (פאַרשלאָגן) אַזוי ווי אויף אונדזערע קאָמיטע לייט, פאַלט עס שווער צו זאַמלען „די מעמבערשיפּ ענד סקול פּיס" (חברים געלט און שכר לימוד) זאָל אונדזער רעוורענד נעמען אַ „רעסיט־ביכל" (קוויטאַנציעס) און זאָל זיך יעדן טאָג אַרויסשפּאַצירן איבערן שטעטל „קאָלעקטן" (זאַמלען) אַגב, וועט ער זיך זען אָפּטער מיט די מעמ־בערס און די עלטערן פון די קינדער. און מיר וועלן אים געבן צוויי שילינג פון פונט קאָמיסיאָן.

ווען דער טשערמאַן (פאַרזיצער) האָט מיר געפרעגט: אויב איך בין „ווילינג" (איינשטמיק) אַנצונעמען דעם פאַרשלאַג? — האָב איך געענטפערט: אַז דער אָנבאָט איז געגליכן צו יענעם שנאָרער וואָס איז געקומען אין אַ גרויסע שטאָט, איז ער פאַרפאָרן אין אַ גרויסאַרטיקן האָטעל, דאָרט געגעסן און איבערגעשלאָפן די נאַכט, אויף מאָרגן אינדערפרי נאָכן אָנבייסן, ווען דער שלעפער האָט גע־נומען זיין טאָרבע אויפן אַקסל, געוואָלט זיך אַרויסלאָזן איבערן שטאָט, גיין איבער די הייזער, האָט דער אינהאָבער פון האָטעל דאָס באַמערקט און דערקאָנט: אין וואָס עס באַשטייט די „באַשעפטיקונג" פון זיין חשובן גאַסט... האָט ער אים גלייך פאַרהאַלטן און געבעטן: ער זאָל אים גלייך, תיכף באַצאָלן פאַרן עסן און נאַכטלאַגער, און נעמען זיין פּעקל און גלייך ציען פון האָטעל.

האָט דער שלעפער אים געזאָגט: מיט וואָס בין איך דאָס

ערגער פון אלע געסט? איך האב נאך דאָ בא אייך אין שטאָט ניט געטאָן קיין געשעפט, ווארט: אז איך וועל מיר ארום טאָן, וועל איך אייך באַצאָלן גלייך מיט אלעמען.

דער האָטעל אינהאָבער האט אבער ניט געוואלט הערן וואס דער שלעפער זאגט, און איז באַשטאַנען אז ער מוז אים תיכף באַצאָלן.

רופט זיך אָפּ דער שנאָרער; הערט בעל־הבית לעבן! — וואס איך וועל אייך זאגן; — היות אזוי ווי איצט האָב איך נאך קיין געלט ניט, ווייל איך האב נאך גאר די שטאט ניט אנגעזען, אלזוי; אויב איר ווילט גאָר, נאָט אייך מיין טאָרבע, איר זיינט דאך געניטער פון מיר, די שטאט, די גאסן און ווייסט בעסער ווו די אידישע הייזער געפינען זיך, טאָ נעמט זייט אזוי גוט מיין טאָרבע, און גייט איר ארויס איבערן שטאָט, גייט איבער אלע הייזער און נעמט צונויף וויפל איר קענט, געוויינטלעך וואס מערער איז בעסער... ברייגגט וואס איר האט צוזאמען געמאכט אהער אין האָטעל, איך׳ל דאָ ווארטן פאר אייך, נישקאָשע איך האב צייט, איך קען אייך פארזיכערן אז איך וועל דאָ זיין, איך וועל ניט אוועקגיין, דערנאך וועט איר אראָפּ־נעמען פון די צוזאמען געקליבענע געלט, וואס עס קומט אייך, און דאס איבעריקע וועט איר מיר געבן, כ׳לעבן דאס איז אַ גוטער פלאַן, — זאגט דער שנאָרער — זייט אזוי גוט, נעמט מיין טאָרבע און גייט...

די קאָמיטע־לייט האָבן זיך גוט צולאכט און קענטיק אז זיי האָבן דעם נמשל גוט פארשטאנען, ווייל זיי האבן דערנאך אלע איינגעשטימט; אז עס פאסט נישט פארן רעוורענד צו גיין צוזאמען „שנארן״ זיינע שכירות...

איך האָב זיי אלעמען באדאַנקט פארוואס זיי האבן מיר באַ־פרייט פון דער קהל׳שער טאָרבע; און באַמערקט; אז אין דער אלטער היים זיינען געווען אַסך קליינע ארעמע שטעטלעך ווו זיי האבן זייערע רבנים יאָ מכבד געווען מיטן פסוק: „לרב ט א ר ב ע נחלתו״... אבער דאָ אין דער גאָלדערנע מדינה אפריקע, זיינען אונדזערע אידן חלילה נישט געקומען צו דער מדרגה... און זיי „פּאַדערזשעווען״ האַלטן זייערע רעווערענדס און רבנים בדרך כבוד און דרך אֶרץ.

אָט אזוי בין איך דאס געקריינט געווארן פאר „אַ מיניסטער״, אַ רעוורענד כדין וכדת יהודי אנגליה, באפריקה הדרומית.

באַכן שליסן דעם זיצונג ווו מיין „קריניאַציע״ איז פאָרגעקומען, אראָפגייענדיק פון די טרעפּ, זאג איך צום סעקרעטאר פון מיין קהילה; הערט וואס איך׳ל אייך פרעגן: געפינט זיך ניט אמאל ביי אייך, אויפן הויף פון שול; וואָסערע רויטע ערד?!

— וואס, רויטע ערד! אויף וואס דארפט איר רויטע ערד?! — האט זיך דער סעקרעטאר געוווּנדערט.

— פארשטייט איר מיר — האב איך אים דערקלערט; היות, אזוי ווי לויט דעם לאנגן צעטל פון „דיוטיס״ וואס אייער קאָמיטעט האט איצט ארויף געלייגט אויף מיר, וועלן אלע מיינע 24 שעה פון מעת־לעת זיין אינגאנצן איבערגעגעבן צו דער קהילה, נאר פונדעסט־וועגן, ווי ניט, אמאל קען זיך נאך מאכן עטלעכע פרייע, גראָמע מינוטן וואס איך זאל ניט האבן אזוי וואס צו טאָן, איז אום צו מקיים זיין דעם פסוק פון: „לעולם בהם תעבודו״... וועל איך אין די גראָמע, פרייע צייט — מאכן, פון די רויטע ערד, ציגל פאר אייער קאָנגערגיישאָן!... (קהילה).

דער רעוורענד וואס איז צוריק געקומען.

נאכדעם ווי רעוו. גרין איז אפגעווען היבשע עטלעכע יאָר, דער חזן־שוחט פון דער אידנפּאַנטיינער קהילה, האבן אייניגע בעלי בתים געקראָגן אַ שנאה צו אים, און האבן אזוי לאנג אים געגראָבן, ביז מען האט אים געגעבן „נאָטיס״, די „סעק״ און אים אפגעזאגט, האט ער זיך צוזעגנט און געגומען אבשייד פון די בעלי בתים און זיך אַוועקגעפארן.

רעוו. גרין האט זיך ארומגעדרייט עטלעכע וואכן אין יאָ־האַנעסבורג, געזוכט אנאנדער שטעלע און ניט געקראגן, פון זיין אידנפּאַנטיינער קהילה, האט ער געהערט, אז זיי האבן זיך נאך לעת־עתה קיין אנדער רעוורענד ניט צוגעקליבן, האט ער זיך מיישב געווען; ער וועט פרווון מאכן „השיבנו נאָזאַד״ ער וועט צוריק קומען אהין, ער וועט איבער־רעדן מיט זיינע צוויי געגנער, זיי איבערבעטן, אולי ירחם, אפשר וועלן זיי אים צוריק נעמען.

געטראכט און געטאָן, איין שיינעם פרימארגן און ער איז דאָ מיט זיין שטעקל און פעקל צוריק אין אידנפּאַנטיין. אַראָפקומענדיק

פון „סטיישאָן" (וואַגזאַל) אין שטעטל אריין, ערשט ער טרעפט אַ בייזע באַגעגעניש... פונקט האט אים געדארפט אנקומען אנטקעגן — מר. בייזמאַן, זיין קעגנער און פארביסנסטער שונא, איז דער לעצטער צוגעגאנגען צו אים, שטעקט אים אָפּ דעם ערשטן שלום עליכם, און פרעגט מיט פארוואונדערונג; וואס איז מיט אייך, רעוורענד! נאָכוואס זיינט איר אהער צוריק געקומען?

— פארשטייט איר מיר מר. בייזמאַן — האט רעוו. גרין גע־ענטפערט: אזוי ווי אין דעם צענדליק יאָר וואס איך בין געווען דער רעוו. פון אייער אידנפאנטיינער קהילה, האט איר פון מיר תמיד פערלאנגט, און מיר פשוט איינגעוויינט — צו קומען אויף אלע אייערע שמחות, אַ תנאים, אַ חתונה, אַ ברית, אַ בר מצוה, אָדער וואסער־ניט־איז אנדער שמחה, וואס האט זיך נאר געמאכט אין שטעטל; האָב איך געמוזט דארט זיין דער ערשטער, איצט אז איך בין פון אייך אוועקגעפארן, איז דאך מסתמה ביי אייך, און איבער־הויפט ביי אייך גופא, זייער אַ גרויסע שמחה... היינט פרעג איך אייך: ווי קען דאס זיין אַ שמחה אין אידנפאנטיין, און נאך אַ אידישע שמחה דערצו... אָן מיר, איך זאָל דאָרט ניט זיין?!... בין איך עס אויף דערדאזיקער שמחה אייערע — געקומען...

ער האט פארביטן די יוצרות.

אז מר. מייקלזאָן דער פערדהענדלער איז געקומען פון אַפּטאָן (אַ קליין שטעטל אין דער קאַפּ־קאלאניע) איינהאנדלען אויף „פאַדאָקער" יאַריד: פערד, אייזלען, שעפסן און רינדער, האט ער פריער פאר אלץ געמאכט אַ שפאציר איבערן שטעטל, אנצוקוקן פאַדאָקער וואונדער. גייענדיק אזוי איבערן שטעטל, האט ער באַ־געגנט דעם דאָרטיגן שוחט און רעוורענד. שטעלט ער אים אָפּ, גיט אים שלום — און פרעגט: זיינט איר דאס דאָ דער רבי, דער שוחט?

— יאָ, ענטפערט דער רעוו. און מה שמכם? פונוואנעט קומט אַ איד? און צוליב וואס זיינט איר עפעס געקומען צו אונדז אין פאַדאָק? מן הסתם צוליב ביזנעס?

— מיך, ענטפערט דער פערדהענדלער, רופט מען מייקלזאָן, געקומען בין איך ביי אייך אויפן יאַריד, איינהאַנדלען אַ ביסל

„לייף־סטאָק" (לעבעדיקע סחורה) ווײַנען ווײַן איך אין אפּטאָן.

— זאָגט מיר ליבער איד, גיט דער רעוו. אַ פרעג: זייַנען עפּעס פאַראַן אידן אין אַפּטאָן? האָט איר דאָרט אַ רעכטע קהילה?

— אַ יעס, ענטפערט מר. מייקלזאָן, מיר האָבן גאָר אַ נישקאָשעדיקע קהילה. אין שטעטל גופא זייַנען מיר אַרום פופצן אידישע פאַמיליעס, אַחוץ די פאַרמערס פון די אַרומיקע ישובים. און אַ רעווערענד פעלט אונדז אויך ניט. צאָלן צאָלט מען אים אַזאַ פרייז, ווי ער וואָלט אייך געווען איינער פון די גרויסע „ראַביים". ער קריגט ניט ווייניקער פון פופצן פונט אַ חודש, „פליישׁ און דירה פריי", אַחוץ וואָס ער מאַכט נאָך פון אַ חתונה, אַ ברית, פּסח פון מצות און שאַר ירקות, היינט ווו איז ימים נוראים, אַט האָט ער געקראָגן אַן עקסטרן טשעק, פון די „שנדר'ס" צוזאַמען מיטן „באָנוס פאַר די ימים טובים" האָט ער אָבגענומען קרוב צו זיבעציק פונט! פרעגט פון וואָס מאַכט ער ניט, אַפילו פון אַ נפטר, זאָל זיך ניט טרעפן, לעקט ער אויך אָפּ אַ ביינדל... אַרום און אַרום מאַכט אים אויס; איבער צוואַנציק פונט אַ חודש, פרעגט שוין גאָר ניט רבי, ער מאַכט ער מאַכט, אונדזער רבי'לע, דער „זרעבעצל" מיט אים איז שוין קיין „ענבו" ניט צוזאָגן, ער מאַכט שוין איינמאָל גוט, ער איז „אַלרייט אין דער קאַנטרע", ער איז דאָ אַריין מיט דער רעכטער פוס אין אַפריקע... גלייך ווי ער איז פאַר צוויי יאָרן אָנגעקומען אין קייפּטאָון, האָט ער תיכף געקראָגן די שטעלע ביי אונדז אין דער קהילה, און אַזוי איז ער זיך, מיר האָבן ביי אונדז אַ כלל, ווי אַ שטייגער אין מיין ביזנעס מיט די פערד, אַז „לא יחליף ולא ימיר" מאַכט רש"י „ניט בייט און ניט יאָמער"... — און ווי גייט אייך דאָ רבי? אויב איך מעג פרעגן, „טריטן" (באַהאַנדלען) אייך כאָטש גוט, די פּאַדאַקער בעלי בתים?

— אָט ווי זאָל עס גיין? ענטפערט דער רעוו. מיט אַ זויערע מינע, מען באַלדערט זיך, קוים וואָס מען האָט די שטיקל טרוקענע ברויט מיט אַ טעפּעלע שוואַרצע ציקאָריע, אַזאַ קליינע קהילה ווי פּאַדאַק, וואָס קען מער ווי אַכט פונט אַ מאָנאַט, אַ רעווערענד, ניט צאָלן, און די זעלביקע מאָגערע שכירות; איידער מען דערלעבט עס צו קריגן. גייט שונאי ישראל, פּשוט די נשמה אַרויס וואַרטנדיק;

קענט איר זיך שוין אליין אנשטויסן; אז איך מיט מיין פאמיליעלע, לעקן דא קיין האניק ניט, פרעגט גאר ניט, מיין ליבער איד, עס איז ביטער ווי דער טויט, ווי זאגן דארט אונדזערע חכמים „עני חשוב כמת...!" איך וואלט אייך בעטן מיסטער מייקלזאן, — וואס שטייען מיר עפעס דא אויפן גאס, — קומט לאמיר ארייגגיין צו מיר אין שטוב, וועלן מיר זיך דארט דורכשמועסן ביי אַ גלעזל טיי, איר וועט זיין בא אונדז, אַ גאנץ גוטער אנגעלייגטער גאסט.

— איך דאנק אייך זייער רבי, פאר אייער פריינדלעכקייט — רופט זיך אן מייקלזאן; נאר עס טוט מיר לייד וואס איך קען איצט אייער ווונטש ניט דערפילן, מחמת איך הייל מיך צום מארקעט, איך פארשפרעך אייך, ווען איך'ל דא זיין אַ צווייטן מאל, וועל איך אייך געוויס באזוכן, אויב אייך איז נאר אנגענעם.

— אָך מיטן גרעסטן פארגעניגן, מאכט דער רעוו. מיט אַ שמייכל אויף די ליפן. נאר איך'ל אייך בעטן אַ טובה, איר זאלט מיר ענטפערן אויף עטלעכע ווערטער — הגם עס האט גארניט צו טאן מיט מיר, נאר עס שאַדט ניט אז מען ווייסט, עס קען אמאל צוניטץ קומען, זאגט מיר איך בעט אייך; איז אייער קהילה צופרידן מיט אייער רעוורענדל, דער „זרעבעצל" ווי איר רופט אים?... און ווי רופט מען אים דארט? איז ער דאס אזא גרויסער חזן, „טיטשער" (מלמד) און שוחט, אז איר גיט אים אזא גרויסע געהאלט? כ'מיין, איך בין נישט חס וחלילה פון די מענטשן וואס זאל קריכן אויף יענעמס ברויט... און וויל אים חלילה ניט משיג גבול זיין, „יהי לו אשר לו"... נאר איך פרעג סתם אזוי... דאס מעג איך אייך זאגן: אז איך בין אַ בריה פון אַ שוחט, האב קבלה פון די גרעסטע שוחטים, און תוקפים פון די גרעסטע רבנים אין ליטע, איך האב נאך דארט אין דערהיים גע'שם'ט פאר אַן אומן־מומחה אויף אַ חלף. און אַ חזן בין איך, שוין איינמאל אַ חזן, איך האב נאך אין דערהיים, אין קאוונע, אין פאניוועז און אין אנדערע גרויסע שטעט, געדאוונט, און מען האט אנגעקוואלן פון מיין דאוונען, איר קענט אויף טשעקאוועס אַ פרעג טאָן ביי די היגע בעלי בתים, זיי לעקן פשוט די פינגער פון מיין דאוונען, איך האלט „אַ ספיטש" (אַרעדע) זייער גוט, און מיין לערנען „היברו" (עברי) מיט די קינדער, קלינגט אזש אין קייפטאַן.

איר זאלט מיר פארשטיין מיסטער מייקלזאָן, איך בין דאָ חלילה גארניט אויסן, נאר איך דערצייל עס אייך גלאט אזוי...

— אונדזער רבי׳לע איז נאך גאר אַ יונגער בחור, און דערפאר רופן מיר אים דארט „רעבעלע״ ווייל ער איז נאך גאר אַ יונגער, „אַ זרעבעצל״... זיין נאמען איז מיסטער כהן. ער איז אַ שיינער חברה־מאַן. די מיידלעך און אפילו די ווייבלעך פון אונדזער „קאָנ־גרעגיישאָן״ (קהילה) געפעלט ער שוין צו גוט... זיי ווערן פאר אים די כפרה... און דאַווגען, דאווגט ער אויך ניט שלעכט, מיר בעלי בתים, וואלטן אויך פון אים געוועגן צופרידן, אבער ער האט שוין דארטן עפעס אַ „סקראטשקע״ מחמת: ער איז דארט „אויסגעגאנגען״ מיטן גבאי׳ס טאכטער, און אַ יאר נאכאנאנד האט ער זיך מיט איר געליבט. ס׳האט געזאלט זיין דער „ענגיידזשמענט״ (תנאים) האט ער איר געלאזן שטיין, שמעקט שוין אפילו אין זייער הויז ניט אריין, מען זאגט אז ער זאל דארט האבן אינדערהיים אין די שטעטל פונוואנען ער קומט, איבערגעלאזן אַ כלה. וואס ער האלט ביים אראָפּברייינגען. הכלל איז שיין דער גבאי אויף אים אש להבה. און ס׳איז שוין דארט פאראן צוויי צדדים...

— אזוי? ! האט דער פאדאָקער רעווערענד אויפגעכאפט דעם לעצטנ׳ס ווערטער. האלט עס, אז מען האלט אים שוין דארטן — ביים אפזאגן? עס איז גאר קיין וואונדער ניט, אַ ליאַדע אינגל — ווי איר רופט אים אָן: „אַ זרעבבעצל״ ווי קומט טאקע אזוינער צו זיין רעווערענד אין אזא פיינער חשוב׳ע קהילה ווי אפטאָן? אין דער־אמת׳ן זאגנדיק, איז מיר די זאך גאר ניט נוגע, מעג יענער זיין, גארניט דער ערך קלענער פאר מיר, גלייך איך ניט צו קריכן אויף זיין קאפ... מסיג גבול זיין, דאס איז ניט מיין „ליין״... (גאנג) נאר פונדעסטוועגן, וואלט איך וועלן וויסן דעם נאמען פון אייער פרע־זעדענט, אייער גבאי מיין איך, טאָמער אַ קשיה אויף אַ מעשה, עס קען זיך דאך מאכן: אז אייער רעווערענד ווערט דארטן איינג... און קריגט אנאנדער שטעלע און נעמט און זאגט זיך אָפּ, דאן וועט ניט שאַטן אז איך זאל וויסן צו ווענדן זיך צו וועמען...

— אָך רבי! מיטן גרעסטן פארגעניגן, פארוואס זאל איך אייך עפעס ניט זאָגן? וואס האב איך דערביי צו פארלירן? אונדזער פרנס

הייסט, מיסטער ראזענבערג, נאר איך וואלט אייך „אדווייזן״ (ראטן) רבי, דערוויילע ניט צו שרייבן צו אים, מען האלט נאך דערווײלע דעם „זרעבעצל״ ניט ביים אָפזאָגן, ווייל אַ טייל בעלי בתים, און איבערהויפּט, די „ליידעס״ (פרויען) האלטן פאר אים שטאל־און־אייזן, ווי איך האב אייך פריער געזאגט: ער איז „וועלל לייקט בא די ליידיס״... (די ווייבער גלייכן אים) נאר דאס „פּראָמיס״ (פאר־שפרעך) איך אייך, רבי; אז ס׳וועט נאר האלטן בא עפּעס רעכטס, וועל איך אייך באלד „נאָטיפייען״ (מודיע זיין) איר מעגט „רעלייע־נען״ (זיך פארלאזן) אויף מיר, איך וועל אייך דארט טאָן אַ טובה ווי ווייט איך וועל נאר קענען, גוד באיי רבי! (זייט געזונד רבי!) זארגט ניט, גאט איז אַ פאטער, גאט אז ער וויל קאָן ער... גוד באַיי!

* * *

אז דער פאדאקער רעוו. איז אהיים געקומען, איז ער אריינ־געשפרונגען אין שטוב מיט אַ שמחה אַ גדולה, געפּאטשט און געריבן די הענט, און רופט אויס צו זיין ווייב: דו ווייסט ראָשקע! איך האב שוין אַ נייע, אויסגעצייכנטע שטעלע! פון פופצן פונט אַ חודש, פלייש און דירה פריי, חוץ זייטיקע הכנסות! דו בינסט דאך, מיין ווייב, געוויס אַ בעלן׳טע צו וויסן, ווו איך האב דאס אזוי גיך דער־טאפּט אזא גרויסארטיקע שטעלע? טא זיי מוחל, הער זיך צו, וועסטו וויסן פון אלץ מיט אנאנדער: איך האב אָט ערשט פאר אַ ווײלע צוריק, אנגעטראפן אין גאַס, אַ בעל הבית פון אפטאָן, אַ שטעטל אזא ערגעץ ווייט אין דער קייפ־קאלאניע. דערציילט ער מיר: אז ביי זיי אין דער קהילה, איז דאָ עפּעס אַ זרעבעצל, אַ יונגער רעווערענדל הייסט עס, די ווייבלעך און מיידלעך ווערן פאר אים די כפרה, ווייל ער שמייכלט זיך צו צו זיי, שפּילט מיט זיי גאנצענע נעכט אין קאָרטן... און בכלל, האלט ער זיך ניט פון זיי פונווייטן... זיינען זייערע מענער ווי עס ווייזט אויס „דזעליס״ (אויפּערזיכטיק) אויף אים... און ועל כולם, האט ער נאך אפּגעטאָן גאָר אַ פּאַסקודנע מעשה: ער האט זיך אַ לאנגע צייט ארומגעפירט מיט אַ מיידל פון זייער אַ חשוב׳ן בעל־הבית, טאָקע דעם גבאי׳ס טאָכטער, ס׳האט געהאלטן אז אט, אט, גייט ער שוין שטעלן מיט איר חופּה, צום סוף, דו הערסט, לאזט זיך אויס: אז ער האט געוואָרפן אַן אום־חן אויף די מיידל,

ווייל ער האט אינדערהיים אין ליטע, דארט געלאזן זיין כלה, וואס איר פאטער האט אים געגעבן די נדן אין פאראויס, האט ער דאס געהאט אויף הוצאות הדרך. און איצט האלט ער ביי׳ם אראפ־ברייננגען זיין ערשטע כלה. די גאנצע שטעטל איז שטארק אויפ־געבראכט אויף אים, און מען האלט אים — אזוי האט מיר דער פערדהענדלער געזאגט — ביים אפזאגן, האב איך ערשט אפגערעט מיט אים: היות, ווען ער וועט זען, אז די שיפל איז שוין גאר נאהענט צום ברעג... זאל ער מיר באלד מודיע זיין, און ער פון זיין זייט, האט מיר פארשפראכן, אז ער וועט טאן פאר מיר אלץ וואס ער קען — און דאס מעג איך דיר מיין ווייב זאגן; אז אויף דעם אידן קען מען זיך פארלאזן, ער איז אפילו אַ פערדהענדלער, אבער אַ דורכגעטריבענער, אַ פיקח. ער וועט שוין וויסן דארט ווי אַפּ צו דרייען די מיקע, אז דער וואגן איך מיין דער זרעבעצל, וועט שוין הייבן פיסלעך, און וועט שוין פון דארט לויפן...

האסטו פארשטאנען מיין ווייב, אדער ניט?

— אַוואַדע, האב איך פארשטאנען, ענטפערט ראשקע: פאר־וואס זאל איך עפעס ניט פארשטיין, פאר אזא בהמה האלסטו מיר? אבער! — —

— וואס אבערסטו מיין ווייב?! זאג וואס קוועטשט דיר?

— וואס הייסט, וואס קוועטשט מיר? איך קען דיר דאך שוין פאר אַ שלימעזאַלניק. איך האב שטארק מורא, טאמער וועט זיך אנאנדערער — אונטער דער צייט אונטערוקן — קנאפ רעוורענד׳ס זיינען אין אפריקע פאראן? און דו קענסט בלייבן אן אויסגע־שטעלטער... גיי, נעם שרייב קלאַפּ אוועק דארטן תיכף אַ טעלעג־ראַמע, איך זאג דיר משה, דו הערסט? פאלג אמאל מיר, אניט וועסטו חרטה האבן, און ס׳וועט חלילה זיין צו שפעט.

דער פאדאקער רעוו. האט ארייגעכאפט זיין קאפ צווישןביידע הענט זיך פארטראכט אַ ווײַלע, און אונטערגעברומט מיטן גמרא ניגון, פונקט ווי ער וואלט דאַ געדארפט דורכמאכן אַ שווערן מהר״ם שיף, מיט אמאל גיט ער זיך אַ הייב אוף, און לויפט צו מיט שמחה צו זיין ווייב; — דו ווייסט ראַשקע! מיר איז איצטער איינ־געפאלן אַ טייערער פלאן, ווילסטו וויסן, טא הער זיך צו:

אזוי ווי אריינשיקן דארטן „אַנאַפּליקיישאַן״ (אַ בקשה), איז פאַרשטייט זיך, אַ גרויסע ריזיקע, מחמת: די גבאים וועלן דארט אויף מיר קוקן ווי אויף אַ מסיג־גבול׳ניק, דאס הייסט; איך קריך אויף יענעמ׳ס קאָפּ... דער מת לעבט דאָך נאָך... דערווייל איז ער, — דער „זרעבעצל״ — נאָך דאָרטן... האב איך מיר מיישב געווען אז איך וועל בעסער מאכן אנאנדער קונץ: איך וועל דארטן אריינקלאפן אַ דאַ־פּעשע און וועל מיך אזוי תמ׳עוואטיק אנפרעגן, ניט ווי מיר קער זיך דאס אָן, הייסט עס; אויב די שטעלע איז דארט אפן, ניט פארנומען? זאלן זיי מיר לאזן וויסן: וויפל שכירות מיינען זיי צו צאלן, דעם ריכטיקן פאַסיקן רעוורענד? און פאר פרעגן ווי זאגט מען: קומט קיין פאטש ניט... און אז מען פרעגט בלאנדזעט מען ניט... נו, וואס זאגסטו איצטער ראשקע! איז עס אַ גוטער איינפאל, צו ניט?

— וואס זאל איך דיר זאגן, משה! — ענטפערט זיין ווייב מיט אַ שיינענדיקן פנים און פינקלדיקע אויגן פאר פרייד: עס איז אַ קונציקער איינפאל! — ווי זאגט די מאמע זאל געזונט זיין, „ווו ס׳איז דא תורה, דארט איז דא חכמה״! דער מזל אונדזערער זאל זיך שוין אזוי פארבעסערן, ווי דו האסט מיין מאן — תורה, מיט חכמה, טראכט גאר ניט, משה: נעם לויף און קלאַפּ האַסטיק אַ דאַפּעשע און דער זכות פון דיין זיידן און מיין זיידן זאלן דאָ אונדזביישטיין, אז דיין דאַפּעשע זאל זיין מיט הצלחה. וואס אמת איז אמת: משה, ס׳איז שוין צייט, אז „דער הענט אונגעוואשן״ זאל אויף אונדז רחמנות האבן, מיר זאלן זיך שוין אויפהערן מוטשענען אויף דער וועלט, און אונדזערע מזלות זאלן שוין אינגיכן אויפגע־ריכט ווערן.

דער פאדאקער רעוו. איז אוועק האַסטיק אין פאסט־קאנטאר, געכאַפּט אַ בלאַנק פון אַ טעלעגראמע און שרייבט אויף בזה הלטון: „כהן, היברו קאָנגערגיישאָן, אַפּטאָן, פּאָזישאָן איז אָפּען, סטייט סאַלערי.

זימאָן. *)

---

*) כהן. אידישע געמיינדע אפטאָן „פּאָזישאָן״ אַמט איז ״אָפּען״ אָפּן? „סטייט סאַללערי״ לאָזט וויסן וויפל געהאלט? זימאָן.

רעוו. זימאַן דער פאדאקער שוחט, האט דאָ פון גרויס היילעניש און שמחה, פארביטן די יוצרות און אדרעסירט די טעלעג־ראמע צום אפטאנער שוחט־חזן „כהן...״ אנשטאָט צום דארטיקן פּרעז. „ראזנבערג״ און אזוי ווי די טעלעגראמע האט געלויטעט „פּאָזישאָן איז אָפּען סטייט סאַלערי״ אָן פּראַגעצייכענס, און רעוו. כהן פון אפטאָן האט דידאָזיקע טעלעגראמע דערהאלטן, האט ער מיט גרויס שמחה געלייענט אַז די פאדאקער קהילה לאזט אים וויסן דורך זייער סעקרעטאר אדער פּרעז. „זימאַן״: אז ס׳איז באַ זיי אין פאדאק אפן דער „פּאָזישאָן״ פאר אַ חזן שוחט, און מען בעט אים: ער זאל זיך מטריח זיין און לאזן וויסן וויפל געהאלט ער פערלאנגט, האט רעוו. כהן געכאפּט הענדים, פענדים, אָן קלערעניש און אָן טראכטעניש און תיכף געענטפערט מיט אַ דאַפעשע בזה הלשון:

זימאַן, פאדאק היברו קאָנגערגיישאָן. טווענטי פּאָנדס פּער מאָנט מיט רעזידענטס פרי סטייט ווען סטאַרט. כהן.

דאס הייסט: ער וויל האבן צוואנציק פונט אַ חודש, פליישן פרייע וווינונג, און מען זאל אים לאזן וויסן; ווען ער דארף אנהייבן, כהן.

ווי רעוו. זימאַן האט דערהאלטן די טעלעגראמע פון אפטאָן, האט ער גענומען טאנצן פון שמחה. ער לויפט צו צו זיין ווייב און צוקושט זיך מיט איר פאר פרייד. דו זעסט מיין ווייב, נאַ קוק זיך איין: מען טעלעגראפירט מיר פון אפטאָן: זיי גיבן צוואנציק פונט אַ חודש, פלייש און דירה פריי, און דערביי פרעגן זיי מיר אָן: ווען איך קאָן אנפאנגען ארבעטן?! נו וואס זאגסטו ראַשקע, דארף מען זארגן! איך זע בעשיינפערלעך, אז דא האבן זיך טאקע אונדזערע זיידעס געמיט פאר אונדז. איך זאג דיר ראַשקע, ס׳איז וווּיל ווי די וועלט!

ער איז פלינק, — ווי פייל־פון־בויגן — צוגעלאפן צום פּאָטשט־קאָנטאָר און קלאַפּט צוריק אַ דאַפעשע:

כהן, אפטאן היברו קאָנגערגיישאָן. עקסעפּטעט טהיינקס סטאַרטינג פירסט דזשון, זימאַן.

דאס הייסט: ער נעמט אָן די שטעלע, מיט דאנק, אנהייבן זועט ער דעם ערשטן יוני. זימאָן.

ווי רעוו. כהן האט אין אפטאָן דערהאלטן די צווייטע טעלעגראמע, האט ער מיט שמחה געלייענט: „עקסעפּטעט" מען האט אים אין פאדאַק „אנגענומען" „טהיינקס" און מען באדאנקט אים נאך, „סטאַרט פירסט דזוני" זיי הייסן אים אנהייבן פון ערשטן יוני. האט ער געכאפּט און צוריק געשיקט אַ טעלעגראמע: „טהיינקס אַגריד, אַריינדזט", דאס הייסט אדאנק. צוגעשטימט ווי אפּגעמאכט, און באלד אנגעשריבן אַ נאָטיץ בריוו צו זיין אפּטאָנער קהילה, אז פון ערשטן יוני באפרייט ער זיך פון זיינע פליכטן צו דער קהילה, ער זאגט זיך אָפּ פון זיין שטעלע, הייסט עס.

ווי רעוו. זימאָן האט דערהאלטן די לעצטע טעלעגראמע פון אפטאָן; אז זיי שטימען איין לויטן אפמאך, האט ער תיכף געשריבן אַ נאָטיץ בריוו צו פאַדאָקער קהילה: אז ער זאגט זיך אָפּ פון ערשטן יוני פון זיין אמט.

אַ טאָג פארן ערשטן יוני האבן ביידע רעווערענדס פארפאַקט זייערע זאכן, און זיך געלאזן אין וועג אריין. ווען זיי זיינען אנגעקומען אין די־אַר, דאס איז דער מיטל־פונקט סטאַנציע פון אפטאָן און פאַדאָק, און דארט האבן זיי ביידע געמוזט בייטן דעם באָן. זיינען ביידע רעווערענדס ארויס אויפן פלאַט־פאָרמע, און ביידע שפּאַצירן זיך ארום אויפן וואָגזאַל, ווארטנדיק אויף די ביידע צוג'ן — וואס עס פירט — איינער צו פאַדאָק, און דער צווייטער צו אַפּטאָן.

ארום שפּאצירנדיק הין און צוריק, האבן ביידע רעווערענדס זיך אנגעגעגנט, זיי שטעקן אָפּ איינער דעם צווייטן אַ ברייטן שלום עליכם. און מען לאזט זיך באלד אריין אין אַ טיפּן שמועס.

— רעוו. כהן: איך דערקאָן אָן אייך ר' איד, אָן אייערע קליידער הייסט עס, אז איר זייט מיר פון די כלי קודש, אַ רעווערענד הייסט עס, האַ? וואס זאגט איר? געטראפן אדער ניט?

— רעוו. זימאָן: איר האט טאַקע דאס מאל געטראפן, איך בין אַ גרויסער חזן, אַ שוחט מיט קבלה און תוקפים פון די גרעסטע רבנים און שוחטים אין ליטע, און איר יונגער מאן, ווי איר קוקט

מיר אויס — אויב איך מאַך קיין טעות ניט זיינט געוויס פון אונדזער „טרייד" קאָמפּאַניע הייסט עס, אויך אַ רעווערענד ווי איך, מעג איך אייך פרעגן: ווו פאַרט אַ איד? געוויס אויף אַ ברית, אדער גאָר אויף אַ נייע שטעלע?

— רעוו. כ.: אַ פראַגע דאס איז, ווו אַ איד פאַרט? אט מען פאַרט גלאט אין דער וועלט אריין, צוריק ריידנדיק — וואס ארט אייך ווו איך פאָר? פרעג איך עפעס אייך ווו איר פאַרט?

— רעוו. ז.: וואס האט איר, יונגער מאן אזוי מורא? איר מעגט דאך אַ קאָלעגע זאגן ווו איר פאַרט, וואס מיינט איר איך בין אַ משיג גבולניק, איך וועל אייך חלילה וחס אויסכאַפּן? אויב איר פאַרט אויף אַ נייע שטעלע, זאל אייך דער אייבערשטער העלפן, איך פאַרגין אייך מיטן גאנצן הארצן, זעט איר, איך בין שוין גאר קיין „טרוס" ניט, איך האב קיין מורא ניט אייך צו זאגן וווּהין איך פאָר: איך בין איינגעלאדן אין אַפּטאָן צו פאַרטרעטן דארטן די שטעלע אלס רעווערענד, מיט אַ געהאַלט פון צוואנציק פונט אַ חודש דירה און פלייש פריי. — — — —

ווי רעוו. כהן האט דערהערט „אַפּטאָן" האט ער דערלאנגט אַ שפרונג ווי אַ שלאַנג וואלט אים דארט געביסן — וואס זאגט איר? אז איר פאַרט אין אַפּטאָן? און איר וועט דארטן קריגן צוואנ־ציק פונט אַ מאָנאט?! הערט ר' איד, איר מעגט דאס דערציילן די באָבען, אבער ניט מיר, קען איך גאר אפּטאָנער קהילה, הלואי וואלט איך זיי ניט געקענט, איך בין דארטן געוועזן צוויי יאר רעווו־רענד, און מיט אַ חודש צוריק, האב איך זיך אנטזאגט פון די שטעלע, ווייל איך האב געקראגן אַ בעסערע, און איצטער פאר איך דאס אויף מיין נייע שטעלע, איך קען אייך זאגן: איך גלויב גיכער, אז די לבנה איז געמאכט פון שווייצער קעז, ווי צו גלויבן, אז אפּטאָ־נער קהילה, וועט אייך צאלן צוואנציק פונט אַ חודש, פונוואנען איך בעט אייך, זאלן זיי דאס אייך נעמען? וואס, איך קען ניט אפּטאָנער בעלי בתים? הלואי צאלן זיי אייך צען פונט אַ חודש, וועט איר זיך קענען שטארק פרייען!

רעוו. ז.: איר מעגט מיר גלויבן, אז איך זאג אייך 20 איז 20! איך רעד ניט סתם פון ארבל ארויס, איר דארפט וויסן זיין, אז

איך בין דאס ווערט! איך האב קבלה פון די גרעסטע שוחטים און רבנים, און אויף מיר שרייבט מען הרב! וואס מיינט איר, איך פאר סתם אויפן ווינט? איך האב, איר הערט; טעלעגראמעס פון זיי! אז מען באַט מיר אן די שטעלע מיט אַ געהאלט פון צוואנציק פונט אַ חודש אַ חוץ פלייש און דירה פריי! איצטער יונגערמאן, אז איך האב אייך שוין אלץ מגלה געוועזן, טא זאגט מיר איך בעט אייך, ווו פארט איר?

— רעוו. כ.: איז געווארן בלייך ווי אַ טויטער, אַ שטארקער שרעק איז אים באפאלן, און גייט ארויס מיט לשון: —

— איך פאַר קיין פאדאַק פאַר איך! און ווי איך שטויס מיר אָן, פארט איר דאס איצטער פון פאַדאַק, איר האט מיר דערציילט, אז איר האט טעלעגראַמעס פון אפטאַן, און איך, דאַרפט איר וויסן, האב אויך טעלעגראמעס פון אייער פאַדאַק, נו קוקט זיך איצטער איין, וואס פאר אַ מישעניגע איר האט דאַ אנגעמאכט, קוקט זיך איין; וואס פאר אַ קאשע איר האט דאַ פארקאַכט...

הערט זיך צו: איין פרימארגן, קריג איך אַ טעלעגראמע פון פאדאַק, מען לאזט מיר וויסן: די שטעלע איז דארטן אָפן, און מען פרעגט מיר וויפל געהאלט איך פערלאנג? האב איך געענטפערט: אט וואס איר האט מיר אקארשט געזאגט: 20 פונט אַ חודש, דירה און פלייש פריי, — גלייכצייטיק פרעג איך זיי אָן; ווען איך דארף „סטאַרטן" (אנהייבן) נאט, אט קוקט זיך איין די טעלעגראמעס, און וויזט אהער אייערע טעלעגראמעס.

ווי זיי האבןביידע די טעלעגראמעס איבערגעלייענט, האבן זיי ביידע באלד אויסגעפונען אז זיי האבן זיך געשיקט איינער דעם אנדערן שלח מנות... און אין וואס פאר אַן אונגליק זיי זיינען ביידע אַריינגעשלעפט געווארן, זיי זיינען געבליבן שטיין ווי צוויי הענער, זייערע פנים׳ער זיינען צובד רויט געווארן, ווי די הענערשע קאמען, פונקען האבן ממש געשפריצט פון זייערע אויגן, און שנאַבל־צו־שנאַבל ס׳הייסט נאַז־צו־נאַז, איינער אנטקעגן אנדערן אנגעלאדן ווי זיי וואלטן באַלד איינער דעם צווייטן דורס זיין.

דער רעוו. כ. האט זיך ניט געקענט פון כעס באַהערשן און איז באַלד ארויס מיט לשון — גזלן! אונפארשעמטער גרינהאָרן!

קוקט זיך איין פאסקודנער איד! וואס איר האט דאָ אנגעמאכט! ווי קומט דאס אַ איד, וואס מען שרייבט אויף אים הרב, און האלט זיך אליין פאר אַ גאנצן מר־בר־רב־אשי, צו גיין און קלאפן אַ דאַפעשע און אָן פרעגן אין אפטאָן אויבע די שטעלע איז אפן; אין דער צייט ווען איר ווייסט אז דארטן איז פאראן אַ רעווערענד?! איר שרייבט דאך „כהן אידישע געמיינדע", האט איר דאך געוווסט, אז דארטן איז דא אַ רעווערענד מיטן נאמען כהן — פונוואנעט האב איך אַ שטייגער געקענט וויסן, אז „זימאָן" איז ניט דער „פרנס", אדער דער „סעקרעטאר" פון פאַדאָקער קהילה? איך האב די טעלעגראמע אייערע געלייענט בוכשטעבלעך און פשוט: „פאָזישן איז אָפען, סטייט סאַלערי" דאס הייסט: דער פאזיציאָן פאר אַ רעווערענד איז דארט אפן, און איך דארף ניט מער ווי לאזן וויסן וויפל געהאלט איך פערלאנג, האב איך געענטפערט: 20 פונט אַ מאָנאַט, דירה און פלייש פריי, זאל מיר איינפאלן, אז אין פאַדאָק זיצט אַ גרינהאָרן, און פארשטייט ענגליש פונקט ווי די ראַבע קאַץ... אז ער האט דאס די טעלעגראמע געשיקט, מחמת עס האט זיך אים פארוועלט צו קריכן אויף יענעמ׳ס קאָפּ. איצטער, האבן מירביידע פארלארן די שטעלעס, און מער ווי שרייען חי וקים, קענען מיר ביידע ניט. צוריק פארן קענען מיר ניט, מחמת מיר האבן זיך דאך אליין אָנטזאגט פון די שטעלעס, טאָ ווי ווען מיר אויסקוקן ביי זיי, פונקט ווי זעליג דער צודרייטער. און זיך בייטן מיט די שטעלעס, דאס האט דאך געוויס קיין זינען ניט, ווארום די שטעטלעך געהערן דאך ניט צו אונדז, די בעלי בתים וועלן אונדז שיקן צו גיין אהין פונוואַנען מיר זיינען געקומען, זעט איר כאטש גרינהארן; אין וואס פאר אַ בלאָטקן זומפּ איר האט אונדזביידן ארייגעפירט, און צוליב וואס? — מחמת אייך האט זיך פארוואלט צו־צו־נעמען יענעמ׳ס ברויט איצטער דארפן מיר ביידע נעמען צוויי פסח׳דיקע טאָרבעס און זיך אוועק לאזן איבער די הייזער.

— רעוו. זימאָן האט זיך געפונען שולדיק און האט ווי אַ פארברעכער אויסגעהערט כהן׳ס טענות, נאכדעם איז ער ארויס מיטן לשון: הערט זיך צו יונגערמאַן! לאזט זיך דינען, זייט רוהיק, און הערט מיר געלאסן אויס, איך וועל אייך זאגן דעם ריינעם אמת,

עס איז טאַקע מיין טעות, אבער שולדיק בין איך ניט, אין פּאַדאָק איז ניט לאַנג געקומען אייערער אַ מעמבער, אַ בעל הבית, און האט מיר דערציילט: אז איר האלט זיך דארטן אויף הינערשע פיסלעך, אייערע טעג זיינען דארטן געציילטע, די בעלי בתים מיינען אייך אפּצוזאגן פון די שטעלע הייסט עס. האב איך מיר באַזונען; איך וועל מיר מקדים זיין און אנפרעגן, כדי די אפּטאָנער קהילה זאל וויסן פון מיר. אום איך זאל זיין דער ערשטער אויף זייער פּראָגראַמע, איך האב חלילה ניט געמיינט צו קריכן אויף אייער קאָפּ, נאר ווי באלד אז מען האלט אייך סיי־ווי־סיי ביים אפּזאגן, טא וואס, איך בעט אייך, איז אייך די נפקא מינא ווער עס קומט אָן אויף אייער שטעלע? נאר איך האב געמאכט אַ מיאוסן טעות, אנשטאַט צו שרייבן צום פּרעזידענט, האב איך גאר געשריבן צו אייך, דאס הייסט: אז איך האָב פאַרביטן די יוצרות, אבער זאגט מיר וואס איך וועל אייך פרעגן; ווי איז דאס אַ מענטש אזוי אומוויסנט, אז מען זאל ניט קענען איבערלייענען עטלעכע ווערטער אין אַ טעלעגראַמע? איך האב דאך געשריבן: „פּאזישאָן איז אָפּען? סטייט סאַ־ללערי" אַ קינד פון וויג קען דאך פארשטיין אז איך פרעג אָן: אויב דער פּאָזישאָן איז ביי אייך אָפּן?... צום סוף רופט איר מיר נאך גרינהאָרן — אַ גרינהאָרן, איר הערט, זייט איר אליין! און רופט ניט, איך בעט אייך, אייער נאָמען אנאנדערן, „מום שבך, אל תאמר לחברך"... האט איר פארשטאנען צו ניט?!

ביידע רעוורענדס זיינען געקומען אין אויצהאָרן צו אַ דין תורה ביי דעם פארשטארבענעם רב רבי ברוך שלאם ז"ל.

אין דערפרי נאכן דאווענען איז אין בית מדרש געווען אַ גע־שריי, אַ געפילדער, ביידע רעווערענדס האבן געשריען געטענה'ט איינער דער פּאדאָקער רעוו. אַ הויכער מיט אַ ביסל אַ געבויגענעם רוקן מיט צוויי פייערדיקע שווארצע אויגן וואס האבן געשפּריצט מיט פונקען. דער אפּטאָנער רעוו. כהן: אַ בחור ניט גאר קיין הויכער, מיט אַ גלאַט ראזירטן יונגן פּנים'ל און רויטלעכע האָר, ער שרייט: גזלן! גרינהאָרן! משיג גבול'ניק! וואס האט איר געוואלט צו נעמען מיין ברויט?! און אז איר האט שוין יאָ געשיקט אַ טע־לעגראַמע, האט איר וועמען געדארפט בעטן; דער וואס פארשטייט

צו שרייבן ענגליש, וואלט איר דאך ניט אנגעמאכט אזא סומאַטאָכע, אזא פארמישעניש!

— רעוורענד זימאן רעדט מיט זיין גאנצן הויכן אַ ביסל גע־בויגענעם גוף, מיט די הענט און מיט די פיס, שאָקלט זיך לויפט ארום, און שרייט מער ווי ער רעדט; ער האט געטענה׳ט: אז דער אפּטאָנער איז אַ לוימענער גולם, וואס קען אַ קאַץ אַ נעק ניט פאר־בינדן; איך שרייב בפירוש, און איך קען נאך שרייבן ענגליש, נישקאָשע, שרייב איך ברחל בתך הקטנה.

פּאָזישאָן איז אָפּען? סטייט סאַללערי! טאָ ווער קען דאס ניט פארשטיין: אז איך פרעג אָן אויב דער פּאָזישאָן איז ביי זיי אפּען?... נעמט ער אָט דער גרינער וואס קען אַ ווארט איינגליש ניט, און פארמישט אזא קאַשע אז מיר וועלן דאסביידע האָבן צו געדיינקען אונדזער גאנצן לעבן. וואס זאגט איר רבי בין איך גערעכט צו ניט?!

דער רב האט מיר געפרעגט ווער פון זייביידן איז גערעכט? מאַך איך מיט אן ערנסטן פּנים — נאָך מיין שכל נאָך: איז דער פּאַ־דאָקער אונגערעכט, ווייסט ער ניט אז אין אַ טעלעגראַמע קומט ניט קיין פראגע צייכן „?" האט ער רעוו. זימאַן לחלוטין נישט געטאָן ריכ־טיק; ראשית האט ער לכתחילה ניט געטאָרט שיקן קיין טעלעגרא־מעס אין אַ שטעטל ווו ער האט געוווסט אז דארט איז פאראן אַ חזן שוחט, ס׳איז דאך ריכטיקע השגת גבול, און אויב ער האט שוין יאָ געשיקט זיין טעלעגראמע, האט ער פארגעסן איין קלייניקייט, וואס ער האט ניט מיט געשיקט דערמיט זיין גראָבן פינגער... ווען ער שיקט עס מיט מיט דער טעלעגראמע, וואלט זיך רעוו. כהן פון אפּטאָן געקענט לערנען פשט און אַ דריק טאָן מיטן גראָבן פינגער: און לייענען מיט אַ בתמיה: פּאָזישאָן איז אָפּען??! סטייט סאללערי, אבער אזוי אָן דעם דריק מיטן פינגער, האט ער געלייענט פשוט בניחותא: פּאָזישאָן איז אָפּן, סטייט סאַלערי! — — —

זאל דער קאַפיר צינדן חנוכה ליכט.

חנוכה־צייט איז אין אפריקע אין מיטן זומער ווען די טעג זיינען די לייגנסטע פון יאָר. איינמאָל אַ שבת־חנוכה, פארנאכט קרוב צו אכט אזייגער און די זון האט נאָך שטאַרק געשיינט, דער

רעווערענד אבער האט זיך זייער געהיילט געוואלט נאך פארכאפן די ערשטע זיך־פלעצער אין קינאָמאָ וואס פאנגט זיך אָן פונקט אכט, האט ער געהייסן דאווענען מעריב.

דאָרט אין שול האט זיך אבער געפונען אָ פרומער איד, אָ משולח, האט ער פראָטעסטירט וואס מען דאוונט מוצאי־שבת אזוי פרי מעריב. ס׳איז דאך נאך גרויסער טאג, האט ער געשריען. די זון שיינט דאך נאך? ס׳איז דאך נאך ריכטיק שבת! ס׳האט אבער ניט געהאלפן דעם משולח׳ס פראָטעסטן און געשרייען. אז דער חזן־רעווערענד דארף גיין אין קינעמאָ און אָ מאל האט ער נאך דארט אָ באגלייטערן (ער האלט פון כלל אז אָ תלמיד חכם לא יצא יחידי בלילה... און דערויף האלט ער זיך פאר גאר אָ גרויסן תלמיד חכם...) איז דאך נישט שייך, האָטן געדאוונט מעריב, ווען די זון האט ארייב־געשיינט אין שול אריין...

נאך שמנה־עשרה מען דארף צינדן חנוכה־ליכט און די זון שיינט נאך... וואס טוט מען? דא וועט דאך דער משולח גאר איינלייגן וועלטן, און ס׳קען נאך קומען פארן רעווערענד צו ערנסטעס... איז דער חזן־רעוו. געפאלן אויף אָ געניאלע המצאה. צוגעלאפן צום טיר און שרייט ארויס אין הויף: טשאַלי! טשאַלי! ווען דער עולם האט אים געפרעגט וואס ער דארף — איצט אין מיטן מעריב — דעם קאָפיר־בוי? (דער ניגער וואס רייניקט די שול).

— איך וויל אז דער ניגער טשאַלי זאל אנצינדן די חנוכה־ליכט און איך׳ל מאכן די ברכה... האט דער חזן־רעוו. געענטפערט. ער דער פרומאַק, דער משולח שרייט דאָך אז ס׳איז נאך פרי, נו טא זאל דער ניגער צינדן חנוכה ליכט!...

— ס׳איז שוין גאר ווי מען דערציילט אויף רבי לוי איטשע דעם באַרדיטשעווער, האט דער משולח שמייכלענדיק געזאגט:

ער, רבי לוי יצחק זכרונו לברכה, איז געווען אליין דער בעל תוקע. ווען ער פלעגט ארוף גיין אויפן בימה בלאָזן שופר איז ער געווען באַוואָפנט מיט אסך שופרות אנגעשטעקט אין גארטל.

איינמאל אָ ראש השנה צו תקיעות האט רבי לוי יצחק אויס־געפרובירט צו בלאָזן אויף אלע שופרות און ס׳איז ניט געגאנגען — מעשה שטן! דעם לעצטן שופר האט ער געפרווט און ס׳איז אלץ

ניט געגאנגען. האט ר׳ לוי יצחק אוועקגעלייגט דעם שופר און גע־זאגט: אויב איך רבש״ע בין ניט ראוי, טא רופט אריין סטופאַן דעם שבת־גוי זאל ער בלאָזן שופר!...

אין שלום אמר ה׳ לרשעים...

אַ שטאָטישער רעווערענד האט זיך געטראפן מיט זיינע קאָ־לעגן, אַ גרופע רעווערענדס פון דער פראָווינץ, וועלכע זיינען געקומען אין שטאט פארברייננגען זייער וואַקאציע. האט זיי דער גרויס־שטאָטישער רעווערענד באגריסט געגעבן שלום עליכם, און דער ביי באַמערקט; יאָ, איר קאָנטרע רעווערענדס קאנט זיך פארגינען צו נעמען וואָקאציעס, זיך אויס צו רוען און זיך דערהוילן. אבער ליידער, מיר דאָ אין דער גרויסער שטאָט דארפן ארבעטן כסדר, אָט ווי די פערד... אָן אן אפרוּ, אָן אַ וואקאציע, אט פונקט ווי אין פסוק שטייט: אין שלום אמר ה׳ לרשעים...

דאס איז נישט קיין נסך...

אַ יונגער רעווערענד האט חתונה געהאט, האט ער שבת נאכן דאווענען איינגעלאדן זיינע בעלי בתים פון שול צו זיך אהיים אויף קידוש. ווען דער עולם האט זיך ארומגעזעצט ארום טיש צו ברכה. האט דער חתן, דער רעווערענד אויסגעשריען צו זיין יונגע ווייבל די כלה: מאַטילדע! דערלאנג צום טיש „פיקאָקס ויין" וועלן מיר מאכן קידוש.

— דער עולם פארגאפט — וואס, פיקאָקס גויאישקע ויין פאר קידוש! ס׳איז דאך נסך?!

— די כלה וועלכע האט משמעות געשטאמט פון דערהיים פון פיינע אידישע עלטערן אַ בת תלמיד חכם, האט געוואלט אים „פאר ריידן די ציין" כדי ארויסנעמען איר באַלעבעסל פון דער מיאוסער לאגע וואס ער האט זיך דאָ אליין אריינגעבראכט — זאגט: אָ, דו מיינסט אוואדע מר. בערעלאָוויץ׳ס ויין וואס מיר האבן נעכטן פארנאכט אריינגעגאָסן אין פיקאָק׳ס אַ ויין פלעשל?!...

ניין, שרייט דער רעווערענד־חתן; דער תלמיד חכם... כ׳מיין די פלעשלעך ויין וואס מיר האבן נעכטן פארנאכט געקויפט אין מיסטער פיקאָק׳ס באָטל סטאָר! (ויין־געשעפט).

— דאָ האָבן שוין די אָרטאָדאָקסישע בעלי בתים ניט געקאנט זיך צוריק האַלטן און האָבן אויפגערעקט אויסגעשריען: איז דאָך דאָס ריכטיקער „יין נסך" טו ווי ווילט איר, אַז מיר זאָלן דערויף מאַכן קידוש?!

דער חתן־רעוורענד: ס'איז ניט קיין נסך, דער גוי האָט דאָס וויין ניט אנגעגאָסן — וואָס דאַן וואָלט עס געוועזן נסך־גע־גאָסן... — ער האָט אונדז פּאַרקויפט פאַרזיגלטע פלעשער...

אויב אזוי קען מען דאך טרינקען!...

אויף אַ חתונה, ווו רבי משה פרידמאַן ז"ל (יאָהאַנעסבורגער רב) איז געזעסן אין אַ מסיבה פון תלמידי חכמים, האָטן טראַקטירט שאַמפּאַניער וויין, האָט זיך אנטוויקלט אַ שמועס: מכח יין נסך בזמן הזה, אנדערע האָבן געוואָלט דרינגען: אזוי ווי די היינטיקע גוים זיינען דאָך ניט קיין ריכטיקע עובדי עבודה זרה, און קיין וויין זיינען זיי דאָך נישט מנסך. וואָלט אפשר געווען אַ סברה; מען זאָל מקיל זיין מיט שאַמפּאַניער וויין?

האָט רבי משה'ל דערויף געענטפערט. — אַז די גאַנצע גזרה אויף זייערע וויינען איז ניט אזוי מטעם נסך, ווי גזרו על יינם משום בנותיהם...

דאָ האָט איינער אַ רעוורענד אויסגערופן: אויב אזוי רבי, קען מען דאָך טרינקען! און פלינק אַ הייב געטאָן די גלאָז שאַמ־פּאַניער צום רב, לחיים רבי! און אריינגעקערט דאָס קעלעשיקל שאַמפּאַניער מיט איין שלונג...

דער רב איז אויפגעטרייסלט געוואָרן און זאָגט: סטייטש! וואָס איז דאָס? איך האָב ניט געזאָגט אַז מען קען און מען מעג עס טרינקען!

— יאָ, איך פאַרשטיי אייך רבי, — האָט דער רעוורענד אַ פאַרשעמטער זיך פאַרענטפערט: אבער איך האָב ניט מער וואָס חושש צו זיין — משום בנותיהם... ווייל ראשית, זיינען דאָ אויף דער חתונה פון די „בנותיהם" קיין דוך נישטאָ, און ווען יאָ, בין איך ב"ה אַ באַוווייבטער, און אַ באַיאָרנטער, וואָס ס'ליגט מיר שוין די־דאָזיקע נאַרישקייט ניט אין זינען...

ער מאַטערט זיך...

אַ איד אַ סוחר פון אַ פּראָווינצער שטאָט איז געקומען אין יאָהאַנעסבורג, האט באַ אים איינער נאכגעפרעגט אויפן רעווערענד פון זייער קהילה, וואס ער מאכט אין געזונט, און ווי גייט דאס אים דאָרטן?

— אזוי וואלט געווען מיט אים אלץ גוט — ענטפערט דער פּראָווינצער; ער נעמט דארט אַ גרויסע געהאלט, באוווינט אַ הויז אַ פּאַלאַץ, פליט ארום איבערן שטאָט אין אַ טייערע קאָסטבאַרע מאָטאָר־קאַר נאר דאך, ער מאַטערט זיך...

— וואס הייסט, וויבאלד ער האט אזא גרויסע געהאלט, ווי איר זאגט, אַ פיינע גרויסארטיקע הויז און נאך אַן אייגענע קאַר דערצו, טאָ וואס זשע מאַטערט ער זיך?!

— אָט דאָס איז דאָך טאַקי די צרה מיט אים — ענטפערט דער פּראווינצער — וואס ער „מתיר׳ט״ זיך צו פּרעסן אלצ־דינג, און זיך מתיר צו אבטאן כל דבר אסור... דערצו האלט ער זיך נאך אויף פאר אַ גאנצן „קאנטאר״ וואס דאס מיינט: ווי דער רעווערענד טייטשט עס אויס לויט זיינע מעשים און אויפ־פירונג — אז ער „קאן״ טאן וואס ער וויל... און „טאר״ טאן וואס נאר זיין הארץ געלוסט...

אויף וואס ער איז יאָ איבעראַשט...

אַ אידישער רעווערענד איז באמערקט געווארן ביים בופעט פון אַ באַן־סטאַנציע ווו ער איז געשטאַנען און געקייט מיט גרויס אפעטיט „אַ סענדוויטש״ (אַ כורך אזא, פון צוויי מייצקעס ברויט און „בשר קוויטש״ צווישן...)

אַ היבשע ווייל האט דער גייסטליכער באמערקט די רוגזא׳־דיקע דורכדרינגענדיקע בליקן וואס זיינען געווארפן געווארן אויף אים פון אַ שטריינג־אָרטאָדאָקסישן אידן, וועלכער איז דארט דערביי געשטאנען און געקוועטשט מיט די פּלייצעס...

ענדלעך ווען ער האט דאס שוין מערניט געקאנט פארטראגן; איז ער צוגעגאנגען צום פרומען אידן און געזאגט: איך דיינק אז איר זיינט דערשטוינט מיר צו זען עסנדיק אַ פליישיק סענדוויטש אויף אַ באַן־סטאַנציע?

ביין, אַ ברעקל אויך ניט, האט דער פרומער געענטפערט, וואס איך בין יאָ איבערראַשט איז; אז איר זאלט זיין אַ רעווערענד באַ אידן...

אין גן עדן נישט, און גיהנום יאָ...

אין אַ קליין שטעטל אין די טראַנסוואַל, האט זיך געפונען אַ איד אַ גביר, אַ גרויסער סוחר אַן עלטערער מענטש אין די זעכציקער און איז נאך געווען „אַ באטשלער" אַ בחור, האט זיך דער רעווערענד פון שטעטל מיישב געווען; אז מען דארף דעם אלטן בחור רעדן אַ שידוך, ראשית האט ער געקלערט; וועט ער דאך כאַפּן שדכנות־געלט, און והשנית; איז אַ סך בעסער פאר אים און פאר דער קהילה, אז דער אלטער גביר זאל חתונה האבן, וועט ער זיין מער איבער־געגעבן צו אופהאלטן די קהילה, דעם שוחט און חזן או. אז. וו.

איין טאג איז דער רעווערענד אריין צום אלטן „באטשלער" און אים געזאגט; אז ער איז אים געקומען רעדן אַ שידוך, רופט זיך אָפּ דער „בחור": זעט רעווערענד; לאזט מיר צופרידן, און דרייט מיר ניט די קאָפּ וועגן שידוכים, איך האב אבגעלעבט מיינע מערסטע יארן ניט קיין חתונה געהאטער, טא לאזט מיר שוין רואיק לעבן, די ביסל יארן וואס גאט וועט מיר שיינקען, וויל איך לעבן אין רואיקייט אן קאָפּדרייאיניש.

— דאָ איז דער רעווערענד ארויס מיט מוסר: ווי, איר מיינט טאַקי צו אויסלעבן אייערע יארן אט־אזוי־אָ? נישט קיין חתונה גע־האטער און איר וועט לאחר מאה ועשרים שנה אוועק פון דער וועלט נישט איבער צו לאזן קיין קדיש, מען וועט דאך אייך דארטן אויפן עולם האמת, אפילו אין גן עדן נישט ארייַנלאזן!

— איר ווייסט רעווערענד! — האט דער אלטער בחור אויס־גערופן — איר האט מיר דאָ איצט דערמאנט אַ מאדנעם חלום וואס האט זיך מיר דאָ פאר אַ פאר וואכן געחלום׳ט: ווען איך בין דאָ ליינגער עפעס ניט געזונט געווען, געהאט אַ פארקילונג, אַ מין אינפּולענציע, בין איך געלעגן אין היץ און איך בין אנשלאפן גע־ווארן, חלום׳ט זיך מיר; אז איך בין געשטארבן, און איך בין ארוף אויפן הימל, און גיי זיך פראַמאַ צום גן עדן, שטעלט מיר אָפּ דער

מלאך הדומה און פרעגט מיר: מה שמכם? האב איך אים געזאגט, פרעגט ער ווידער „עסקת בפריה ורביה?" ס'הייסט אויב איך בין אַ באַווייבטער? אויב איך האב דארט איבערגעלאזן אַ קדיש? — אזוי ווי דארט איז דאך דער עולם האמת און ס'גייט דארט נישט אַן קיין „בלאַף"... האב איך געזאגט דעם אמת; אז איך בין כל ימי געווען אַ בחור, נישט קיין חתונה געהאטער, רופט אויס דער מלאך הדומה: אויב אזוי, אויב דו האסט ניט נאכגעלאזן נישט קיין קינד, נישט קיין רינד, האסטו אין גן עדן קיין פלאץ נישט, און ער האט מיר פון דארט אוועק געטריבן, מילא, גיי איך אזוי פאראומערט, פלוצלונג איז פון דער העלער הויט אויסגעוואקסן אַ מלאך מיט קלוג־חיטרע־אויגלאך, שטעקט מיר אָפּ שלום עליכם און זאגט: — ר' איד וואס גייט איר עפעס אזוי דערשלאגן? געוויס האטן אייך אין גן עדן נישט אריינגעלאזן? מחמת איר האט קיינמאל נישט חתונה געהאט, נישט איבערגעלאזט קיין קדיש?

— יאָ זאג איך.

— רופט זיך אָן דער מלאך און זאגט: איך האב פאר אייך אַן עצה; אזוי ווי ס'איז געשטארבן אן אלטע בתולה פון איבער שלשים, און זי איז דאָ געקומען, לאזט מען איר אויך ניט אריין אין גן עדן, אויך די זעלבע מעשה; ווייל זי האט דארט אויך קיין קדיש נישט געלאזן, איז אום צו מתקן זיין אייערעביידנס נשמות, איר זאלט ביידע קענען אריין אין גן עדן, טא האט ביידע חתונה.

האב איך מיר אנגעכאפט: אט־טו־נו, אדרבה; „קאם עלאָנג" מיט די מויד! אומר ועושה: דער מלאך האט מיר דארט גלייך פון ערגעץ ארויסגעפירט אַן אלטע פארעלטערטע אידינע און שטעלט מיר פאר איר, איך האב שוין נישט געקוקט אויף איר עקלהאפטן אויסזען און איר גלייך אַ כאפ געטאן אונטערן ארעם, און מיר זיינען זאלבענאנד געלאפן, זיך געלאזן „דירעקט" צום טויער פון גן עדן. לאזט זיך אויס אז ווידעראמאל דער „מלאך הדומה" מיט זיין „חרב המתהפכת" דערלאנגט צו אונדז אַ געשריי: „סטאָפּ, האלט!" און פרעגט מיר: וואס האסטו געוואלט? צייג איך אים אויף מיין „פארטיי" די מויד און זאג: דו זעסט, אט, מיט אט־אַ־די־אַ, וויל איך דאס חתונה האבן, בין איך דאס אהער צום גן עדן געקומען, דו

רוף מיר נאר ארויס פון דארט אַ רעוורענד ער זאל אונדז געבן חופה און קידושין.

— וואס, רעוורענדס אין גן עדן! האט דער מלאך הדומה מיט געלעכטער אויסגערופן, אין גן עדן זיינען קיינמאל קיין רעוורענדס נישט געווען, גיי אהין אין גיהנום אריין, דארט וועסטו פון זיי גע־פינען „פלענטי" אין די הונדערטער!...

ס'זאל ניט פעלן קיין הענט.

ווען איך בין אויפגענומען געווארן אַלס רעוורענד אין אַ יאָהאַנעסבורגער פאָרשטאָט, און די קהילה האָט פאר מיר געמאכט אַ קבלת־פנים־אָוונט, האָבן מיר די בעלי בתים דערציילט: אז זיי האָבן אלע געשטימט פאר מיר און איך בין דערוויילט געווארן מיט קרוב צו הונדערט שטימען, דאַקעגן דער צווייטער קאַנדידאַט, האָט געהאט בלויז פינף שטימען, איז דאָס אויך געווען פון זיינע פאָר קרובים, און מיר האָבן אַלע געהייבן די הענט פאַר אייך, האָבן זיי זיך פאר מיר באַרימט.

האָב איך זיי געזאָגט פאָלגענדן דערקלערונג וואס איך האָב אַמאָל אין ירושלם געהערט פונעם פאַרשטאָרבענעם גאון רבי יעקב דוד סלוצקער, דער רידב"ז ז"ל. ער האָט געזאָגט: אַז ס'האָט אים אַלעמאל געארט און ער האט ניט פאַרשטאַנען וואָס מיר בעטן אין בענטשן „ונא אל תצריכנו לידי מתנת בשר ודם" אייגענטלעך איז דאָך דער וואָרט „לידי" איבעריק? וואָלט ניט גענוג געווען אַז מיר זאָלן זאָגן: מיר זאָלן ניט דאַרפן אָנקומען „למתנת בשר ודם" צו וואָס איז נאָך דער לידי, צו די הענט?

נאָר — האָט דער רידב"ז דערקלערט — אַז ער איז געקומען אין מלכות ענגלאַנד, דערנאָך אין אמעריקע: און געזען ווי ס'קומט דאָרט פאָר, דער אויפנעמען און דער אַראָפּוואַרפן, דער אפזאגן פון רבנים רעוורענד'ס און כלי קודש, ווי אלץ ווערט דאָ אָפּגעשטימט מיט „הייבן די הענט..." האָט ער דעמאלט איינגעזען; אז דער־דאזיקער וואָרט „לידי" איז נויטיג, אז די רבנים רעוורענד'ס און כלי קודש דאָרט, דאַרפן דאָס מדייק זיין און בעטן מיט גרויס כוונה, ראשית ביים אויפנעמען; זאָל ניט פעלן קיין הענט. און איבערהויפט

זאל ניט קומען דערצוביים אפזאגן, וואס ווי ס'מאכט זיך — זאל זיך אזוי ניט מאכן — וואס עטלעכע מעמבערס ווערן דארט ברוגז אויפן רעווערענד, רופן זיי גלייך א מיטינג אים אפצוזאגן, צוליב דעם: דארפן מיר כלי קודש תמיד בעטן מיט כונה אין בענטשן: „ואל תצריכנו לידי מתנת בשר ודם"... מיר זאלן נישט דארפן „אנ־קומען צו הענט" — אפשטימונג...

למה תכה רעך?

משה פרעגט: „למה תכה רעך? אמר ריש לקיש: המגביה יד על חברו אעפ"י שלא הכהו נקרא רשע". (מדרש) וואס שלאגסטו דיין חבר? האט ריש לקיש דערויף געזאגט: אז דער וואס הייבט בלויז א האנט אויף זיין חבר, חאטש ער האט אים נאך ניט געשלאגן, ווערט ער שוין אנגערופן א רשע!

לאמיר נעמען א חזן, א שמש, א רב, וואס זיינען אנגעשטעלט אין א שול, צוליב א סיבה, זאל איינער פון זיי ניט אפגעבן דעם גע־העריקן כבוד זיינעם א גבאי, ווערט ער באלד באשולדיקט אז ער איז פעלערהאפטיק אין „רעספעקט", מען רופט גלייך א מיטינג צו „משפטן" דעם „שולדיקן" מען שטימט צו; אז מען זאל דעם דאזיקן „באשולדיקטן" אפזאגן פון זיין שטעללע.

דער פרעזידענט נעמט אויף שטימען און הייסט „הייבן הענט" און מיט דעם „הייבן א האנט" שעדיקט ער זיין חבר'ס פרנסה, „כל המרים יד על חברו נקרא רשע!" דאכט זיך, וואס האט ער דא אזוינס געטאן? — ער גיט זיך ניט אפ קיין דין וחשבון, אז בלויז מיט „זיין הייבן די האנט" מאכט ער אז יענער — דער אומ־גליקלעכער קהילה בעאמטער — זאל זיין אויסגעזעצט צו שטארבן פאר הונגער, ער מיט זיין ווייב און קינדער און אויף דעם זאגט דער תלמוד: כל היורד לחיי חברו נקרא רשע! אז דער וואס פאר־לייגט זיך אויף זיין חבר'ס ברויט, זיין לעבן, דער יעניקער ווערט אנגערופן א רשע! (לויט הרב מ. וואסערמאן.)

צו וואס כלי קודש אין אפריקע, זיינען געגליכן?

די חז"ל זאגן: צו וואס איז דער תלמיד חכם — אין די אויגן פון עם הארץ — געגליכן? תחילת איז ער: — דער ת"ח ביי'ם עם הארץ —

ווי אַ כלי זהב, נאָכדעם ווי אַ כלי כסף, און צום סוף: איז ער שוין גאָר ווי אַ כלי חרס...

ווי מיר זעען אין דער פּראַקטיקע פונעם היגן קהלשן־לעבן: האַלט דאָ אויס דערדאָזיקער תּלמודישער כלל, אין אַלע זיינע פּרטים. וואָרום בשעת מען נעמט דאָ אויף אַ רב, אַ ראַבי, אדער אַ רעוורענד, איז אין די ערשטע „האָניג־מאָנאַטן" האַלטן אים און מען צאַצקעט זיך מיט אים; פּונקט ווי מיט אַ כלי זהב, אזוי ווי מיט אַ גאָלדערנע כלי באַנוצט מען זיך ניט אזוי אָפט, מען האַלט עס טייער, און עס שיינט ארויס פונעם גלעזערנעם בופעט, סיידן צו אַ גרויסאַרטיקן פייערליכן באַנקעט, פּינקלט עס אַרונטער פון געדעקטן דעקאָרירטן טיש, אזוי באַגייט מען זיך מיט'ן ניי־אויפ־גענומענעם רב, ראַבי אדער רעוורענד, מען פּראַוועט פאַר אים גרויסאַרטיקע קבלת־פּנים־באַנקעטן, ווו מיט גרויס פּאַראַד; הייבט מען אים, לויבט מען אים, און מען טאַנצט אַנטקעגן אים קדוש...

אזוי גיך אָבער ווי „די זיסע האָניג מאנאטן" מיט דער „ג אָ ל ד ע ר־נ ע פּ ע ר י אָ ד ע" גייט אריבער, הייבט ער שוין אָן צו פאַר רעכנט ווערן; פאַר אַ כלי כסף, מען פאַנגט שוין אָן ביסלעכווייז; זיך צו באַנוצן מיט אים, פּונקט ווי מיטן זילבערנעם בעכער צו יעדער קידוש און צו יעדער הבדלה... צו אַלע חתונות, בריתן און ווו נאָר אַ שמחה מוז ער „מיטמאַכן"... נו אַז מען מאַכט מיט... אַ מאָל אַ לחיים... אַ מאָל אַ וויץ... דערזעט דער „עמך" אין אים דעם פּשוטן בשר ודם... אַז ער איז: אוכל ושותה כבן אדם... ער רעדט: ווי אַ חי ומדבר... עס הייסט, גאָר פּראָסט פּשוט: ער איז „כאחד מאתנו..." אַ פּשוטער מענטשל; אַן הערנער... אַן פליגלען... מען דאַרף ניט שטיין פאַר אים: פּאַט קאָזשעראַק... און מען דאַרף ניט צוטרעטן צון אים; מיט קיין העגטשקעס... און „עמך" רעכנט זיך מיט אים; ווי מיט „אַ נאַש בראַט" און אזוי ביסלעכווייז: ווערט פנה זיוו... פנה הדרו... און ווערט פון גאַנצן עולם פאַר רעכנט: פאַר אַ כלי חרס... מען נוצט אים אויס צו אַלע גוססן, צו אַלע לויות, אַלע יאַטקעס, און להבדיל בין חיים למות; צו אַלע באַלן, קאָנצערטן און פונקציעס פונעם יוגנט און דערוואַקסענע, אומעטום מוז ער זיך געפינען און אַלץ „פּאַטראָ־נייזן..." מיט איין וואָרט: ער מוז זיין: „הוא הכל, והוא בכל והוא מחיה את הכל, ולית אתר דפנוי מיניה"... און אזוי ווי קיין כביכול איז ער דאָך נישט, און אפילו קיין מלאַך אויך נישט, ער איז נישט מער ווי אַ מענטש; און אויף אַלע יאָרידן קען ער ניט זיין, (ס'הייסט ווען; וואָלט ער ווען; אַלעמען צופרידן שטעלן און זיין אומעטום) הייבט קהל אָן ביסלעכווייז צו פּילן „עפּעס אַ לאַק, אין זיינע דיוטיס" מען פאַנגט אָן צו מורמלען און „גראַמבלען" מען זעצט אַ מיטינג און מען גיט אים די „סעק"... דאַן ווערט ער: משול כחרס הנשבר... כציץ נובל... כצל עובר... כאבק פורח... וכחלום יעוף...

ח.

די קהילה / אירע כלי קודש / שוחטים.

ווען אין גן עדן זיין, אַ שור הבור'כע אויך?

צו אַ שוחט אין אפריקע איז אמאל געקומען אַן אונגאַרישער איד, אַ משולח מיט אַ גאנץ לאנגן בארד און אַ צילענדער־הוט איני דערוואכן... דאס איז געווען אַ איד, אן עם הארץ, „אַ וצדקתך" וואס מער ווי גלאָצן פרום מיט די אויגן און רעדן תמיד מיט השי"ת; האט ער ניט געוווסט און ניט געקאנט... האט דערדאזיקער אויגנגלאצער געבעטן ביים שוחט (וואס איז געווען אַ באמת'דיקער ירא שמים און למדן מופלג) ער זאל אים מכניס אורח זיין אבער מיט איין באדינג; ער זאל עסן באַ אים בלויז מילכיגס, מחמת קיין פליישיקס עסט ער אין ערגעץ נישט, האט אים דער שוחט דערציילט דעם דאָזיקן אינטערעסאנטן אנעקדאט:

אין דער קליין שטעטל קרעמעניץ, וואלין. ווו דער גרויסער משכיל און שריפטשטעלער ר' יצחק בער לעווינזאן — דער ריב"ל, האט געוווינט, האט געדארפט אנקומען צו גאסט אַ חסידישער רבי, איז צו אים אריין דער בעל־הבית, דער חסיד, צו וועמען דער רבי האט געדארפט פארפארן און איינשטיין בא אים, און געבעטן ר' יצחק בערן: היות אזוי ווי ער איז דער איינציקער תלמיד חכם אין גאנצן געגנט ארום, בעט ער אים ער זאל זיך מטריח זיין, און אריינקומען צום קבלת פנים פון זייער רבין, הגם דער ריב"ל איז געווען אַ שטארקער מתנגד; פונדעסטוועגן האט ער איינגעשטימט אריינצוקומען זיך זען מיטן רבין.

אז דער רבי האט געדארפט אנקומען האבן זיך אלע חסידים אויסגעפוצט אין זייערע שבת'דיקע מלבושים, ארויס אים אנטקעגן און מיט גרויס פאראד אים אריינגעבראכט אין הויז פון זיין רייכן חסיד, ווי דער רבי איז נאר אריינגעקומען אין שטוב, האט ער גע־

זאגט צו זיינע חסידים: אט דאָ וועלן מיר ערשט האבן „מילכיקס״, פרישע גוטע מילכיקס. רופט זיך אפּ דער בעל־הבית: אבער הייליקער רבי: מיר האבן דאָ געלאזט שוחט׳ן און צוגעגרייט גענז, אינדיקעס, און אויך אַ פיינעם יונגן קאַלב, מיר ווילן — דאָ לכבוד דעם רבין — פראוועןַ אַ פיינע סעודה אַ סעודת־מצוה כדבעי, — זאגט דער רבי; ניין, איך דאנק אייך זייער, איך בין זיך תמיד נוהג נישט צו עסן קיין פליישיקס, בלויז פון מיין אייגענעם שוחט׳ס שחיטה, און אזוי ווי מיין שוחט איז דאָ מיט מיר נישט פאראן, וועל איך עסן בלויז מילכיקס.

ר׳ יצחק בער לעווינזאן וואס איז דערביי געווען האט ניט געקאנט פארטראגן דעם רבינ׳ס איבערגעטריבענע „יוהרא״ איז ער צוגעגאנגען צום רבין, זיך געמאכט ווי אַ פשוטער דארפישער חסיד אן עם הארץ, און פרעגט: זעט, געזונט זאלט איר זיין הייליקער רבי, וואס איך׳ל אייך פרעגן: איך האב געהערט: אז די הייליקע ספרים שרייבן: אז דארט אויף דער אמת׳ער וועלט אין גן עדן, וועלן די צדיקים וואס וועלן זוכה זיין צו עולם הבא, דארט עסן פלייש פון שור הבור, וואלט איך וועלן וויסן הייליקער רבי, אויב דארט אין גן עדן איז פאראן אַ שור הבור׳כע אויך?...

— פארוואס פרעגט איר דאס? פרעגט דער רבי אביסל תרעומת׳דיק.

— ווייל, איך טראכט — זאגט דער ריב״ל — ווי וועט זיין; אז דער רבי וועט חלילה נסתלק ווערן פאר זיין שוחט, און פון קיין אנדער שוחט׳ס שחיטה איז דאך דער רבי זיך נוהג — נישט צו עסן. באדארף דאך דארט אין גן עדן זיך געפינען אַ שור הבור׳כע כדי מען זאל דארט קענען געבן דעם רבין עסן מילכיקס...

אַ געשליפענער...

מען דערציילט; אז אין אַ געוויסע ליטווישע שטעטל, האבן חסידים זיך אבגעטיילט פון קהל, איינגעארדנט אַ בעזונדערע שחיטה, און געשטעלט זייערן אַ שוחט. גראד האט זיך צו יענער צייט געמאכט אז דער רבי פון די דארטיקע חסידים איז אהין געקומען צו גאסט. איז דער רב פון שטעטל און נאך עטלעכע בעלי בתים;

אריבערגעגאנגען צום רבין, איבער רעדן מיט אים: ער זאל משפיע זיין אויף זיינע חסידים, זיי זאלן אויסמיידן פון מחלוקת און ניט ברענגען די שטעטלשע קהילה צו אַ שפּאלטונג.

ווען דער רב און די בעיל־בתים האבן פארן רבין פארגעלייגט זייער בקשה, האט דער רבי געענטפערט: נו יאָ; ס'איז אלץ ריכטיק, מחלוקת אין אַ קליין קהילה ווי אייערע דארף צווישן אידן ניט זיין, אבער וואס זאלן מיר טאָן, אז מיר חסידים זיינען מהדר אז די חלפים ביים שוחט זאלן זיין געשליפענע, און אייער שוחט, דער מתנגד, איז זיך ניט אזוי נוהג.

דאָ האט איינער אַ בעל הבית אַ למדן און אַ גרויסער משכיל געפרעגט דעם רבין:

— אויב אזוי, וועט דאך דער רבי זאל לעבן, נישט קענען נהנה זיין פון די פלייש פון שור הבר, דארט אויפן עולם האמת, אין גן עדן? ווייל ווי די גמרא זאגט: אז, „עתיד הקב"ה לשחוט את שור הבר בזנבו של לויתן" מילא אַ חלף אַ געשליפענעם קען מען נאך צושטעלן, אבער ווו וועט איר דארט קריגן אַ זנב אַ געשליפענעם?!...

אויף וואס מען דארף אַ לויתן אויך.

צו רבי יהושע'לע קוטנער זיינען אמאל געקומען עטלעכע גערער חסידים פון אַ דערבייאיקע שטעטל מיט אַן אנקלאג אויף זייער שוחט, אויף וועלכן זיי האָבן אויסגערעדט כל דבר אסור, און האבן פערלאנגט אז רבי יהושע'לע זאל אסרן זיין שחיטה. דער קוטנער רב האט גענומען חוקר־ודורש זיין און איז דערגאנגען, אז די איינציקע סיבה פון זייער התנגדות צום שוחט איז בלויז; דאס ער געהערט ניט צו זייער חברותא און ער פארט צו אן אנדער רבין...

— איצט, רופט זיך אן צו זיי דער קוטנער רב: — איז מיר שוין פארשטענדלעך; פארוואס דער רבש"ע האט צוגעגרייט פאר די צדיקים לעתיד־לבוא; אַ שור־הבר און אַ לויתן, אינפלוג: וואס דארף מעןביידע זאכן? וואלט דען נישט געווען גענוג, לאמיר זאָגן: דער שור־הבר אליין? נאר דער תירוץ איז: דער רבש"ע כביכול האט מורא, טאמער וועלן למשל; די גערער חסידים נישט וועלן עסן

פון זיין שחיטה, ווייל ער — כביכול — איז ניט קיין גערער חסיד, האט ער דעריבער צוגעגרייט אויך אַ לויתן — זאלן זיי כאטש עסן אַ שטיקל פיש...

אַ פגימה אויף דער נשמה טייג ניט.

ווען הרב רבי יוסף כאהאנאמאן דער פּאַניוועזער רב, איז געווען פאר אַ באזוך אין אפריקע לטובת זיין פּאַניוועזער ישיבה. זיינען אין אַ שטאט געקומען עטלעכע בעלי בתים צו אים און זיך באקלאגט אויף זייערן אַ שוחט, — באשר בכן: מען זאל האבן געפונען עפעס אַ פגימה אויף זיין חלף.

דער פאניוועזער רב, האט דעם שוחט גוט קענען געלערנט אז ער איז אַן אמת׳ער ירא שמים און אַ שוחט מומחה, און פארשטאנען האט ער; אז זיי זוכן זיך גלאט פריטשינעס אויפן שוחט, האט ער זיי געענטפערט: איר בעלי בתים, דארפט ניט זוכן קיין פגימות אויף אַ חלף פון אַ שוחט, כל זמן ער האט ניט קיין פגימה אויף זיין נשמה...

אַ לא יוצלח...

אַ שוחט אין אַ קליין שטעטל האט זיך באקלאגט: אז זיין קהילה גיט אים זייער אַ מאגערע קליינע שכירות, ער קען דערמיט לחלוטין ניט אויסקומען. איז כדי צו־צושטוקעווען צו זיין פרנסה, ער זאל כאָטש האבן אויף חיונה, טוט ער אויך אַ ביסל זייגער־מאַכעריי און פאררעכט ביי זיינע בעלי בתים די זייגערס, איז אבער די צרה אז אויף אלץ, האבן זיי זיך צו באקלאגן:

אז מען נעמט אָפּ פון אים אזייגער, זאגן זיי; שטייט ער.
אז ער שלאכט פאר וועמען אַ מאל אַ האָן, קלאגן זיי; גייט ער.
און ער קען פון אזעלכע קלאָגן,
גארנישט פארמאגן,
און בלייבן פון זיי, אַ טויטער...

פאר אַן אָקס איז ער אַ שוחט.

אין אַ קליין אידישע קהילה פון אַ קליין שטעטל ערגעץ אין די פריי־שטעט, איז געווען אַ רעוורענד, וועלכער ווי דער שטייגער איז אין די אלע קליינע קהילות — האט געדינט אי אלס חזן, אי שוחט, אי מלמד, מוהל, מסדר קידושין און שמש, איטליכער אין דער קהילה האט דעם רעוורענד רעספעקטירט און אים גערופן: רבי, אויסער איינער אַ קאפריזנער איינגעשפארטער איד, וועלכער פלעגט אים רופן תמיד, ווי אויף־צו־להכעיס, מיטן נאמען — שוחט. באַטירלעך האט דאס דעם רעוורענד ניט געשמעקט, און דאס האט נאך ארויסגערופן פון בעל־הבית מער חשק און האט אים דוקא אויף צופוקעניש גערופן ניט אנדערש ווי — שוחט.

איין טאג נאכן דאוונען אין שול, האט דער צו־להכעיס׳ניק ציניש אַ פרעג געטאָן פון רעוורענד, בפני כל עם ועדה:

— אייגנטלעך, מיסטער שוחט, וואס איז אייער ריכטיקע עובדא. אייער ריכטיקע פראפעסיע און בארוף אין אונדזער קהילה? זיינט איר אַ שוחט, אַ מוהל, אַ מלמד אדער אַ חזן?

— צו מיינע תלמידים — האט דער רעוו. געענטפערט: בין איך אַ מלמד, צו די בעלי בתים בין איך אַ רבי, אַ רעוורענד, צו די בריתן בין איך אַ מוהל און פאר אַן אָקס, אַ בהמה, בין איך אַ שוחט!...

* * *

חזן רעוו. קאנטעראוויץ ז״ל האט אמאל צו זיינעם אַ בעל־הבית געזאגט: איר זאלט וויסן זיין ר׳ קרוב, אז אויסער וואס איך בין אַ חזן, בין איך אַ שוחט אויך...

— נו, איז וואס אז איר זיינט אַ שוחט?

דארפט איר קיין בהמה, קיין אקס ניט זיין...

אַ שוחט פון ערשטן גלגול...

רבי משה פראנקענטאל, ירושלימער שוחט, איז איינמאל אויף אים אנגעפאלן אַ איד און אים געזידלט, רבי משה איז אבער געווען זייער אַ צוריקגעהאַלטענער און געלאסענער מענטש, האט ער דעם אידן ניט צוריק געענטפערט, ביז דעם אידן האט ניט געשטילט זיין

כעס און ער האט אים ארייבגעזאגט: נישט אומזיסט זאגן די בעלי מקובלים אז אַ שוחט נאך זיין טויט, ווערט מגולגל זיין נשמה אין אַ הונט!...

— דאס זעען מיר איצט טאַקע אלע — האט רבי משה — גע־לאַסן געענטפערט: אז אין ערשטן גלגול זייבט איר באַשטימט געווען אַ שוחט...

קיין געפילטע מעגעלאך עסט ער נישט אום ראש השנה...

ראש השנה וואס איז געפאלן אום שבת האטן ביים שוחט צום טיש דערלאנגט געפילטע מעגעלאך — צום עסן. דארט ביים טיש האט זיך גראד געפונען אַ משולח, פון די פארפרומטע אויגן גלאַצער, וואס האבן אין זיך ניט קיין ריח תורה און האלטן זיך אבער פאר גרויסע למדנים, ווילן מען זאל זיי רופן נישט אנדערש ווי „ראַבי"... און זוכן אומעטום ארויסצווייזן זייער פרומקייט... ווי דערדאזיקער משולח האט דערזען די מעגעלאך שרייט ער אויס: וואס, געפילטע מעגעלאך אום ראש השנה. דאס איז על פי דין נישט רעכט צו עסן!

דער שוחט וואס איז געווען אַן אמת׳ער למדן פרעגט: ווו איז דאָס דער איסור? נעמט דער משולח אַ חיי אדם און ווייזט אז שטייט מפורש „לא ימלא אדם כרסו בראש השנה"... דאס מיינט: אז אַ מענטש דארף זיך ניט איבערעסן אנפילן זיין מאגן אום ראש השנה...

דער משולח האט געטייטשט: אז אַ מענטש טאר ניט פילן קיין מאגן, מעגעלאך פאר ראש השנה...

ט.

די קהילה / אירע כלי קודש / שמשים.

קרא לשמש ויזרח אור.

איינמאל פארנאכט, דער עולם איז צוזאמען געקומען דאווענען מעריב, און אין שול איז געווען פינצטער חושך, איז אַ בעל הבית צוגעגאנגען צום גבאי און האט פארגעהאלטן: וואס איז די מעשה, וואס ס׳איז נאך באַ אייך אזוי פינצטער?

דער גבאי האט אַ ווונק געטאן צום שמש, וועלכער איז גלייך ארויס אין פאליש און מאמענטאל איז געווארן ליכטיק, זאגט דער גבאי צום בעל הבית: זעט איר, קרא לשמש ויזרח אור...

ער האט מורא אז זיי וועלן יאָ...

בערע לייבע דער שמש איז איינגעלאדן געווארן צו זיצן אין געריכט־הויז צווישן די געשווירענע, האט ער מיט כל־המעגלעכ־קייטן זיך געזוכט ארויס צו דרייען דערפון, און האט דערקלערט: אז ער איז פארווארפן מיט כל־ערליי ארבעט און פארשיידענע פליכטן צו דערפילן פאר זיין קהילה, ער איז פארנומען דעם גאנצן טאָג און ער האט קיין צייט ניט צו זיצן אויסהערן פראצעסן אין געריכט־הויז.

— וואס איז די מעשה מיט אייך — האטן אים געפרעגט — האט איר מורא, אז אייער קהילה וועט ניט קענען זיך באגיין אָן אייך?

— הערט איר: האט בערע לייבע געענטפערט: אט דאס איז דאך טאקי די צרה, איך האב מורא אז זיי וועלן יאָ...

ס׳איז קיין שמעק טאבאק אויך ניט ווערט.

אַ בעל הבית האט אמאל געפרעגט דעם שמש: מילא דער „ראבי״ זאגט אונדז פיינע דרשות, האבן מיר הנאה פון זיין רעדן. זיין פרעדיקן... דער חזן גיט אונדז פיינע חזנות׳דיקע שטייגער. האבן מיר פון אים אויך צייטנווייז הנאה. אבער איר, וואס גיט איר אונדז, גארניט, וואס פאר הנאה האבן מיר פון אייך?

— ווי הייסט, זאגט דער שמש — איך פארטייל דאך אייך איטליכן אַ שמעק טאַבאַק און אלע „נזר הקודש״... האבן דערפון סטראַשנע הנאה...

— דער בעל־הבית: דאס איז ביי אייך אויך אַ נתינה? אז מען זאל אייך געבן ביי רח״ש אזא נתינה, אָהאָ, ווי איר וועט ניט וועלןליידן.

— דער שמש: איר מעגט מיר גלויבן, אז דעם „ראביס״ דרשה. און דעם חזן׳ס „שטיקלעך״ איז אמאל קיין שמעק־טאבאק אויך נישט ווערט...

דער שמש און דער ראַבי.

אין איינע פון די אפריקאַנער אידישע קהילות האָט געטראָפן — ווי ס׳טרעפט זיך זייער אָפט, אין די יאָהודישע־קהילות פון די ענגלישע מדינות — אז דער ראַבי איז געווען לא עלינו אַ בוכ־שטעבליכער עם הארץ, און געוווסט האָט ער פון די דינים און מנהגים, פונקט ווי דער בורישער גלח... דערפאר אבער דער שמש, איז געווען אַ איד אַ למדן, וואס איז געווען קלאָר אין שלחן ערוך און געוווסט אלע דינים און מנהגים פון מקור ארויס, ווען ס׳פלעגט זיך מאַכן אין שול אַ שאלה וועגן וואָסערן־ניט־איז דין, אדער מנהג פלעגט דער ראַבי אָפשיקן צום שמש ער זאל דאָס אנטשיידן.

האָט מען דערויף דערציילט אַ פאַסענדע מעשה: אַ רב פון אַ קליין שטעטל אין דער ליטע וואס האט געקראָגן זייער אַ מאָ־גערע שכירות וועלכע האָט ניט געסטייעט צומאָל אויף ברויט פאר אים און זיין ווייב און קינדער. האָט זיך דער רב אַ מאָל ארום פסח צייט, מיישב געווען, ער וועט ארויספארן אויף „קאַלענדע״ צו די ישובניקעס ארום אין די דערפער און וועט באַ זיי צונויף נעמען

עטלעכע רובל, אַ ביסל בולבעס, אייער און שאר ירקות פאַר פסח.

דער רב האָט געשיקט רופן חאַטצע בעל־עגלה און באַדונגען פאַר דער נסיעה, אויף מאָרגן פרי איז דער רב ארויס געפאָרן, און חאַטצע האָט אים געפירט; געקומען צום ערשטן ישובניק, איז דער רב ארויס פון פור, אריין צום ישובניק, זיך דאָרט פאַרזאַמט אַ שעה צייט און ארויסגעקומען צוריק צום פור.

אָבגעפאָרן אַ קורצע שטרעקע, פרעגט חאַטצע, נו רבי, וואס האָט איר דאָרטן באַ דעם רייכן בעל־הגוף געקראָגן?

— עט — מאַכט דער רב מיט אַ קרעכץ, ער האָט מיר דאָרט געגעבן אַ האַלבן לייף בולבעס און אַ ביסל אייער.

— נו. און קיין ממתקים, קליינגעלט מיין איך, האָט ער אייך גאָרניט געגעבן? — ניין — זאָגט חאַטצע, איר רבי, טייגט נאָר דאָרט אין אייערע שווארצע פינטעלעך, מיט אזא קאַלענדע רבי, וועט איר שיין אויסזען, אז יעדערער וועט אייך געבן אַ ביסל בול־בעס מיט עטלעכע אייער, טא מיט וואס וועט איר קומען אהיים? מיט וואס וועט איר מאַכן פסח? ווייסט איר וואס רבי, — לייגט חאַטצע פאָר אַ פּלאַן — טאָמער וואָלט געווען אַ סברה, אז מיר זאָלן זיך בייטן, איך׳ל זיין דער רב און איר וועט זיין מיין פורמאַן, וואס ווייסן זיי דאָרט די פראָסטע ישובניקעס, פאַר זיי בין איך אויך אַ רב, נישקאָשע פאַרלאָזט זיך אויף חאַטצען, רבי, איך וועל זיי שוין מאַכן, אז זיי וועלן שוין באַ מיר דערלאַנגען די מאַדניא די מטבע מיין איך.

דעם רב איז די עצה געפעלן געווארן, און זיי האָבן זיך געביטן מיט די יוצרות, דער רב האָט זיך ארויפגעצויגן חאַטשעס שעפסן־פעלצל, זיך פאַרגאַרטלט מיטן שטריק, ארייגעקראָכן אין זיינע שטיוואָלעס, גענומען דעם בייטש ארויפגעקראָכן אויפן קעלנע. און דער בעל עגלה האָט אָנגעטאָן דעם רב׳ס קליידער; זיין קאַפּאָטע, דעם גרויסן קאַפּעליוש אופן קאָפּ, דעם שטעקן אין האַנט, זיך צו־קאַמט זיין גרויסע באָרד און זיינען אזוי צוגעפאָרן צו אַ ישובניק.

געקומען צום ישוב איז דער פאַרמאַסקירטער רב — דער פורמאַן אריין אין שטוב, אבגעשטעקט דעם ישובניק שלום עליכם:

— איך בין דאס דער יאַמפּעלער רב; זאָגט חאַטצע; איך בין דאָס

געקומען צון אייך אויף „קאלענדע״ די שטעטל יאַמפעלע איז זייער ארעם; און איך, די רבצין און מיינע קינדער, גייען דאָרט אויס פשוט פאַר הונגער. וואָלט איך אייך בעטן ר׳ קרוב איר זאָלט זיך ארויסוואָרפן מיט אַ כאַף־הייער... דער ישובניק האָט דערהערט אַ כף־הייער, איז ער אַ פארצאַפּלטער געוואָרן; און זיך גענומען דיבגען, אָפּבעטן; אז ער קען ניט, ער האט ניט, חאַטשע אבער האָט אָוועק־געלייגט אַ מענה לשון: פארוואס קאָנט איר דאס עפעס ניט? איר זיצט אייך דאָ אויפן ישוב, ווייט פון אידן און עס קאָסט אייך גאָר ניט, מיר דאָרט אין יאַמפעלע דארפן אויסהאלטן אַ תלמוד תורה, אַ הקדש, אלמנות און יתומים, אלצדינג קאָסט, און איר זיינט זיך פריי פון דעם אלעם, און טאָמער קומט צו אייך איינמאָל אין אַ שמיטה דער יאַמפעלער רב בעטן אויף מעות חיטים, קאָנט איר ניט און האָט ניט, הכלל דער ישובניק האָט זיך שטאַרק געדונגען און חאטשע איז מושווה געוואָרן און צוגענומען פופצן רובל, דערצו האָט אים נאך דער ישובניק געגעבן בולבעס, אייער און שאר ירקות און אים ארויסבאַגלייט צום וואָגן, זיך צוזעגנט און חאַטשע איז ארייַנ־געקראָכן אין בויד.

אבגעפאָרן אַ שטיקל שטרעקע, פרעגט דער רב פון זיין קעלנע, נו חאַטשע; וואס האָסטו דאָרט געמאַכט מיט דעם ישובניק?

— איר פרעגט נאָך רבי; געבעטן האָב איך אַ גאַנצן כ״ה׳ער, קראַנק איז ער צו געבן, נאָר ער האט זיך אָפּגעבעטן אויף פופצן קאַרבן, און דאָ האָט איר רבי, די געלט. אזוי זיינען זיי אָנגעפאָרן צו נאָך עטלעכע ישובניקעס, ביז ס׳האָט זיך גענומען ארונטערלאזן דער טאָג, זאָגט דער רב פון קעלנע, חאַטשע; מען דארף ערגעץ אָנפאָרן צו אַ קרעטשמע און דאָרט דאַוונען מנחה. חאַטשע האָט געהייסן דעם רב זיך פארקירעווען מיטן פור צו לינקס פון שאָסיי, און אזוי זיינען זיי אָנגעפאָרן ביז צום קרעטשמע.

געקומען אין קרעטשמע איז חאַטשע ארײן אזוי ברייטלעך מעשה רב, און דערלאנגט אַ ברום, נו אידן לאָמיר דאַוונען מנחה. ער האט זיך אָוועקגעשטעלט אין מזרח וואַנט, מען האָט געדאוונט מנחה, געוואָרט אויפן „רבי״ מיט שמנה עשרה, און דער ריכטיקער

רב, דער פארמאסקירטער פורמאַן איז דאָרט זיך געשטאַנען אין אַ ווינקעלע און געדאוונט.

האָט זיך געמאַכט: אַז צוויי ישיבה־בחורים וואָס זיינען גע־גאַנגען פון איין ישיבה אין דער צווייטער, זיינען דאָרט געווען אין קרעטשמע, נאָך מנחה זיינען די צוויי בחורים צוגעגאַנגען צום „יאַמפּעלער רב" און אים דאָרט געפרעגט אַ שווערן תוספת. דער „יאַמפּעלער רב" האָט געקוקט אין דער גמרא ווי אַ האָן אין בני אדם... געקוקט אויף די בחורים און זאָגט: מיט אַ זעלכענע קשיות קומט איר צו מיר?! גייט קינדער צו מיין פורמאַן וועט ער אייך דאָ צורעכט מאַכן וואָס אייך אַארט... די בחורים האָבן מיט פאַרוווּנ־דערונג געקוקט אויפן יאַמפּעלער רב, זאָגט דער לעצטער צו זיי באַכאַמאַל, נו וואָס וואַרט איר קינדער? גייט, גייט צו צון אים שעמט זיך ניט; נישקאָשע ער וועט אייך שוין זאָגן. די בחורים זיינען צוגעגאַנגען צום קוטשער אים געוויזן דעם תוספת, און ער האָט זיי דאָרט מסביר געווען די גמרא דערנאָך דעם תוספת אַז זיי האָבן פּשוט די אויגן געעפנט. דערנאָך האָבן זיי איינער צום צווייטן געזאָגט מיט וווּנדער: אַז דעם יאַמפּאָלער רב׳ס קוטשער קען אַזוי גוט לערנען, הייסט ווייפל זשע קען שוין דער יאַמפּאָלער רב אליין...

אַז דער שמש איז אזא למדן, הייסט ווי איז שוין דער ראַבי??...

קיין שמייסער בין איך דאָך ניט...

אַ שמש, אַ איד אַ תלמיד חכם און דערצו אַ פּיקח, האָט גע־האַט אַ פּרנס וואָס איז געווען אַ בוכשטעבלעכער עם הארץ, און דערצו אַ בייזער, האַרטער מענטש, וואָס דער אָרעמער שמש האָט געהאַט פון אים אויסצושטיין כל־ערליי רדיפות און נגישות. איינמאָל: פאַר אַ חופּה וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין שול, איז דער פּרנס באַפּאַלן דעם שמש מיט כל־הזלזולים בפני כל עם ועדה, און געשריען אויף אים: אַז ער איז ניט קיין ריכטיקער שמש; און טייג לחלוטין ניט צו זיין אַ שמש!

נאָך דער חופּה, צום באַנקעט ביים טיש, ווו דער שמש איז געזעסן צווישן אַ מסיבה פון איידעלע אידן משכילים, און דאָרט גע־זאָגט תורה־ווערטלעך, איז דער פּרנס אויך דאָרט צוגעקומען און

זיך געזעצט צו הערן, משמעות אז דערזעענדיק ווי בעלי בתים הערן זיך אזוי צו און האָבן הנאה פונעם שמש׳ס תורה, האָט ער חרטה געקראָגן און ס׳האָט אים באַנק געטאָן: וואס ער האָט אין שול אזוי ברוטאַליש מבזה געווען דעם שמש, און רופט זיך אָפּ: מילא וואָס געווען איז געווען; לאָמיר איצט ביידע טרינקען אַ לחיים!

— איידער מירן נעמען דעם לחיים; זאָגט דער שמש: מוז איך אייך דערציילן אַ אינטערסאנטע מעשה, וואס האָט זיך געטראָפן מיטן גרויסן גאון רבי יאָשע דער בריסקער ז״ל, דערהערט אַ מעשה: האָבן אלע מסובים און דער פרנס בתוכם; אנגעשטעלט נאָז און אויערן צו הערן, און דער שמש האָט דערציילט:

אין די צייטן פון צאַר אלכסנדר דעם דריטן, ווען ס׳איז אין רוסלאַנד ארויס די גזרות; אז אידן מוזן פארקירצן זייערע בגדים און אונטערשניידן זייערע פיאות׳ן. האָט זיך דעמאָלט רבי יאָשע בער געפונען אין ווארשא, ווו ער האט דאָרט געהאט אַ קיבוץ פון ישיבה בחורים און געזאָגט פאר זיי דעם שיעור, זיין הכנסה איז געווען זייער בצמצום און געלעבט האָט ער דאָרט בדחקות, די גזרות האָבן ר׳ יאָשע בערן געבראכט אין גרויס פארלעגנהייט, און ס׳האָט אים זייער געערגערט, מחמת לויט די גמרא; אַז אויב ס׳איז אַ „גזירת המלכות” דארף מען אפילו אויף אַן „ערכסא דמסאני” (אַ שוך־בענדל משנה זיין) זיך אויך מוסר נפש זיין, און נישט עובר זיין, — היינט וואס זשע טוט מען דאָ? — האָט ר׳ יאשע בער מיט זאָרג און צער געטראכט, איז אים איינגעפאלן אַן המצאה: ער וועט ארייַנפאָרן אין בראָד, גאַליציע, ווו דאָרטן איז דער מנהג־המקום פון דאָס־רוב אידן צו טראָגן קורצע קליידער און פארקירצטע פיאותן, וועט ער דאָרט פארקירצן זיינע מלבושים לפי מנהג המקום, נאָכדעם וועט ער צוריק פאָרן קיין ווארשא, וועט עס הייסן: אז ער האָט דאָס ניט געטאָן מחמת גזירת המלכות, נאָר צוליב מנהג המדינה...

הכלל דאַרף ר׳ יאָשע בער פאָרן קיין בראָד, ער איז דאָך אבער צו יענער צייט געווען אַ גרויסער אביון, און ניט געהאט אויף הוצאות הדרך, האָט ער זיך מיישב געווען און איז ארויס דאָרט צום פלאַץ ווו די בעלי עגלות מיט זייערע פורן געפינען זיך און איז צוגעגאנגען צו אַ פורמאַן און פרעגט: וואס קאָסט צו צו פאָרן קיין

בראָד? האָט דער בעל עגלה געזאָגט זיין פּרייז, האָט אים ר׳ יאָשע בער ווידער געפרעגט מיט אַ בעטנדיקע שטימע: — נו און ווי איז אַז אַ איד דאַרף נויטיק ווי אין לעבן; זיין אין בראָד, און ער איז אַ עני ואביון, האָט נעבאַך ניט צו צאָלן קיין פור־געלט?

— אַז אַ איד איז אָרעם — ענטפערט דער פורמאַן: — און האָט ניט צו צאָלן קיין פור־געלט, בלייבט ער אין וואַרשאַ!

— נו און ווי איז — פרעגט ווייטער ר׳ יאָשע בער: אויב איך וועל מיר אונטערנעמען צו זיין — איבער דער נסיעה — אייער שמייסער, וועל אָנטרייבן די פערד, אין קרעטשמע זיי געבן די האָבער, און וועל אייך אונטערהעלפן; איר זאָלט דורך די לאַנגע פרירענדע טבת־נאַכט, קענען כאַפּן אַ דרעמל, וועט איר מיר מיט נעמען דערפאַר קיין בראָד?

דער בעל עגלה האָט באַטראַכט ר׳ יאָשע בערן פון קאָפּ־ביז־די־פיס, און טראַכט צו זיך: עפּעס זעט ער זיך אָן אַ איד אַ בטלן, עפּעס צו איידל צו זיין אַ שמייסער... ער האָט אָבער, עפּעס ווי רחמנות געקראָגן אויף אים, זיך אַ קראַץ געטאָן אין פּאַטילניצע און זאָגט: — קאָנט איר דען פירן אַ וואָגן מיט פערד? זיינט איר עפּעס אַ גוטער שמייסער?

— שייך זאָגן אַ שמייסער? — זאָגט ר׳ יאָשע בער: דעם אמת זאָגנדיק: בין איך קיין שמייסער קיינמאָל ניט געווען, אָבער דאָך, קיין גרויסע לומדות שטעקט דאָך ניט דערין, איך וועל אָנהאַלטן די לייטשעס אין איין האַנט און דעם בייטש אין דער אַנדער האַנט, און וועל אָנטרייבן די פערד, דער שאָסיי איז דאָך אַ גלייכער און דער וועג איז האַרט פאַרפרוירן און פאַרקוואַלן, איז דאָך גוט צו פאָרן, אַגב טאָמער מאַכט זיך חלילה וואָס ניט איז, זיינט איר דאָך פאַראַן לעם מיר אויפן קעלנע און מיט השי״ת הילף וועלן מיר קומען בשלום אין בראָד.

— אויב אַזוי, פעטער: זאָגט דער פורמאַן: נו, טאָ קריכט אַרויף!

ר׳ יאָשע בער איז אַרויפגעקראָכן זיך באַזעצט אויפן קעלנע, נאָך אים דער פורמאַן, און ווען די פּאַסאַזשירן האָבן זיך דאָרט איינגעזעצט אין בויד, האָט ר׳ יאָשע בער, דורך אַ ווונק פון בעל

עגלה, אַ צי געטאָן די לייטשעס און אַ קניאַק מיטן בייטש וויאָ! די פערד האָבן אַ שטאַרקן צי געטאָן און זיינען געלאָפן איבערן האַרטן פאַרקוואַלענעם שאָסיי.

די ערשטע פאַר מייל איז זיך די נסיעה געגאַנגען גאַנץ גלאַט, די פערדלאַך זיינען געלאָפן, די בויד האָט זיך געהייבן געטרייסלט און מען איז זיך געפאָרן. ווען מען איז אָבער אַריין טיף אונטער־וועגנס, האָט זיך ר׳ יאָשע בער עפּיס פאַרטראַכט אין אַ שווערן רמב״ם און פּלוצלונג — — פּוץ! די פערד האָבן זיך דאָרט דער־לאַנגט אַ ווילדן גליטש און אַריין אין „אַ טינטער״ מיטגעשלעפּט דאָס בויד און ס׳האָט דערלאַנגט אַזאַ שטאַרקן שליידער, אַז דער גאַנצער בויד מיט אַלע פּאַסיזשירן האָבן זיך אַזש באַלד איבער־געקערט, ר׳ יאָשע בער איז פון קעלנע אַרונטער געפאַלן, דער בעל עגלה האָט זיך אויפגעכאַפּט נישט טויט־ניט־לעבעדיק און גענומען ראשית אויסלאָזן כל חמתו צו ר׳ יאָשע בערן, אים געזידלט אויפן בעל העגל׳סקן שטייגער: — אָט אַזוי זיינט איר דאָס אַ שמייסער?! קומט אַ אידליק און גיט זיך אָן פאַר אַ שמייסער, גיט ער זיך אָן, ער וועט מיר העלפן אָנטרייבן די פערד, וועט ער מיר, נו אָט האָט ער מיר פאַרפירט אין אַ בלאָטע, האָט ער מיר! איר האָט דאָך מיר געקאָנט אוועק הרג׳נען די פּאַסיזשירן מיט די סוסים צוזאַמען, האָט איר דאָך! טאָ ווי נעמט זיך דאָס אַ איד אָנעט צו זיין אַ שמייסער, טאָ ווי?! ער האָט זיין כעס נישט געשטילט ביז ער האָט געכאַפּט דעם בייטש און זיך פאַרמאָסטן צו דערלאַנגען דעם אָרעמען ר׳ יאָשע בערן וואָס איז געשטאַנען און געציטערט ווי אַ בלאַט פון קעלט, שרעק און גרויס צער, די פּאַסיזשירן האָבן אָבער דעם אויפגערעגטן פורמאַן איינגענומען און האָבן אַלע אים געהאָלפן אַרויסשלעפּן דעם וואָגן מיט די פערד פון דער בלאָטע אויפן שאָסיי אַרויף.

ר׳ יאָשע בער האָט זיך נעבאַך געפונען שולדיק, האָט ער געוואָלט נעמען גיין צופוס, האָבן אָבער די פּאַסיזשירן אויף אים רחמנות געקראַגן, דערקאָנט אָן אים אַז ער איז אַ עני בן טובים און בן תורה, האָבן זיי זיך צוזאַמען געלייגט, באַצאָלט דעם בעל עגלה זיין־פור־געלט און אַריינגענומען ר׳ יאָשע בערן אין בויד און מען איז זיך ווייטער געפאָרן, געקומען מיטן באַגינען אין בראָד, האָט

דער בעל עגלה דאָרט אויסגעשפאַנט אין שטאַל. אין קרעטשמע, און ר׳ יאָשע בער איז זיך אַוועק אויף אַן אכסניה.

שבת פאַר מנחה האָט ר׳ שלמה קלוגער דער מגיד געזאָגט אַ דרשה. ר׳ יאָשע בער, וואָס איז דאָרט געווען אַן אורח, קיינער האָט אים ניט געקאָנט און ניט געוווּסט, איז צוגעגאַנגען צו ר׳ שלמה קלוגער און האָט אים געפרעגט אַ קשיה און דערמיט אָפּ־געפרעגט דעם גאַנצן פּלפּול וואָס ר׳ שלמה האָט דאָרט אויסגעבראַכט אין זיין דרשה. ר׳ שלמה און די אַלע „חכמי בראָד״ האָבן גלייך דערקאָנט: אַז דאָ שטייט פאַר זיי אַ גאון, איינער פון די גדולי ישראל, האָבן זיי אַלע זיך משתעשע געווען מיט אים אין תורה.

ערגעץ ווייט ביים טיר צווישן אייוון, איז דאָרט געשטאַנען דער בעל עגלה צווישן זיין „עמך״ בעלי עגלות און בעלי מלאכות. האָבן זיינע חברים אים געפרעגט: — הער נאָר בענצקע! ווער איז דאָס דער רב וואָס שטייט דאָרט און רעדט מיט אונדזערע רבנים אין תורה?! דו האָסט דאָך אים אהער געבראַכט פון וואַרשע, טאָ ווער איז ער? שיינט צו זיין איינער פון די גרויסע!

ווי בענצע בעל עגלה האָט דערזען; ווער דער איד „זיין שמייסער״ איז, איז אים באַפאַלן אַן אימה, און איז האַסטיק, ציטערנ־דיק צוגעפאַלן צו ר׳ יאָשע בערן און מיט טרערן אין די אויגן אים מחילה געבעטן. זעט רבי, האָט רחמנות אויף מיר און מיין ווייב און קינדער, און זייט מיר מוחל, איך האָב נישט געוווּסט רבי, ווער איר זיינט, פאַרוואָס האָט איר מיר נאָך גלייך אין וואַרשאַ ניט גע־זאָגט, אַז איר זיינט אַזאַ גרויסער רב, וואָלט איך דאָך אייך רבי, אומזיסט מיט כבוד גענומען אהער קיין בראָד?!

רבי יאָשע בער האָט מיט אַ פריינדליכן שמייכל איינגענומען דעם פורמאַן און געזאָגט: וואָס איך בעט אייך, האָט איר זיך דאָ אַזוי צעווייינט, ווארום וואָס האָט איר דא איצט אויסגעפונען; אַז איך בין אַ געניטער שמייסער, אַז איר בעט מיר דאָ אַזוי איך זאָל אייך מוחל זיין? איר האָט דאָך פולקאָם גערעכט געהאַט בשעת איר האָט מיר דאָרט אונטערוועגנס אַזוי געזידלט! איך האָב אייך נישט אויף וואָס מוחל צו זיין, אדרבה: זייט איר מיר מוחל, פאַר מיין

זיך אונטערנעמען, אָן עובדא וואס איך בין דערויף לגמרי ניט קיין מומחה!... — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער שמש האָט פארענדיקט זיין אינטערסאנטע מעשה מיט די ווערטער: יאָ, מיסטער פרעזידענט: איר זיינט גערעכט: איך בין טאַקי ניט קיין שמייסער, קיין שמש מיין איך... לחיים מר. פרנס! לחיים!...

צו שעכטן אַ אידן, נעמט ער ניט אָן קיין שליחות.

אין בריסק האָט מען געוואָלט אָבזאָגן דעם שמש, האָבן בעלי בתים געבעטן רבי יאָשע בערן; ער זאל זיי מיטהעלפן אויסצופירן זייער אַקציע אַנטקעגן שמש, האָט דער רב אויף דערויף געפרעגט: פארוואס ביים צוריקהאַלטן אברהם אבינו ער זאל ניט קוילענען זיין זון יצחקן, האָט ג׳ געשיקט אַ מלאך, און ביים אָנזאגן אברהם׳ען ער זאל נעמען זיין זון צו דער עקדה, אים צו קוילענען, האָט כביכול דער רבש״ע אליין, בכבודו ובעצמו, אים אנגעזאגט, פארוואס ניט דורך אַ מלאך?

— דאָס איז דערפאר — האָט רבי יאָשע בער געזאגט: ווייל צו קוילענען אַ אידן, האָט קיין מלאך זיך ניט געוואלט אָנעמען צו זיין אַ שליח. באר צו ראַטעווען אַ אידן פון דער שחיטה יאָ... ווען איר וואלט געוואלט דעם ארעמען שמש מוסיף זיין אויף זיינע שכירות, האָט דער בריסקער רב אויסגעפירט, וואָלט איך מיט פאר־געניגן זיך אונטערנומען זיך צו משתדל זיין פאר אים. אבער ניט אים — מיט זיין ווייב און קינדער — אָפצושעכטן!...

י.

די קהילה / אירע כלי קודש / חזנים·

ער וויל זען אַ חזן איידער ער האט געזינדיקט׳

אין אַ גרויסע שול אין אפריקע האט איינמאל צו אַ וואכדיקן מעריב געדאוונט אַ וווּנדער־קינד — אַ חזן, האט זיך דארט אין שול געפונען, אַ גאַסט אַ רב פון ליטע, איז צו אים צוגעגאנגען דער שול־חזן און אים געפרעגט: ווי איך ווייס גלייכט איר דאך קיין חזנות ניט, ווייל ימים נוראים אז מיר האבן אייך געוואלט געבן אַ בכבודיקן מזרח־שטאָט, האט איר ניט געוואלט נעמען, ווייל, האט איר דעמאלט געזאגט, איר גלייכט ניט קיין חזנות. טא פארוואס זיינט איר היינט יאָ געקומען הערן דעם יונגן חזן׳דל?

— איך וועל אייך זאגן דעם אמת; האט דער רב געענטפערט: קיין חזנות גלייך איך נאך אלץ נישט, נאר דאָ בין איך עס היינט געקומען, זען אַ חזן נאך איידער ער האט געזינדיקט...

ידם על התחתונה...

אין ירושלים איז אין יאר 1906 אנגעקומען דער ערשטער קאַר־חזן, געדאווונט האט ער אין די לעמל שולע, בין איך מיט ר׳ אברהם ליב מנקר ז״ל (וועלכער איז געווען אנאלטמאדישער בעל תפילה, געוועזן איז ער דער ש״ץ פון בית המדרש אין רבי ישעיה׳ס חצר) געגאנגען הערן דעם מאדערנעם קאנטאר.

קומענדיק אהין און דערזעענדיק ווי דער חזן שטייט אויפן בימה מיטן זיידענעם טלית אויף די פלייצעס, די הויכע סאַמעטענע מיטץ אויפן קאפּ, און זיינע הענט פארווארפן אויפן היינטן...

רופט זיך אפּ ר׳ אברהם לייב; אויב באַ די אַמאליקע חזנים איז געווען „ידם על העליונה״ (ווי באוווּסט פלעגן די פארצייטיקע חזנים האלטן מיט זייער רעכטער האנט אונטער־גע־

שפּאַרט אונטערן אויערביים געהיר...) איז ביי היינטיקע מאָדערנע חזנים ידם על התחתונה...

ער וויל בלייבן חזן...

אין ירושלים האָט אַמאָל אין אַ שבת מברכין געדאַוונט אַ באַרימטער וועלט־חזן, ווען ער איז אַרויף אויפן בימה, האָט ער גע־בעטן דעם שמש ער זאָל צומאַכן אַלע פענצטער.

נאָכן דאַוונען האָט אים דער גבאי זייער פיין באַדאַנקט און זאָגט: איר ווייסט חזן, איר זיינט גאַנץ גערעכט געווען וואָס איר האָט געהייסן צומאַכן אַלע פענצטער. ווייל מיר האָבן דאָך אַ קימאַ לן אַז „אוירה דארץ ישראל מחכים" האָט איר מורא געהאַט טאָמער דורך די אָפענע פענצטער וועט אַריינבלאָזן די ארץ ישראל לופט און אייך חלילה וחס קלוג מאַכן... און איר ווילט דאָך אויף שטענדיק בלייבן חזן...

אַ גמילות חסד דאַרף מען נישט צו לאַנג האַלטן.

אַ חזן האָט זייער מאריך געווען אין דאַוונען, האָט דער רב נאָכן דאַוונען געזאָגט צום חזן: אַזוי ווי איך אַלס רב, גיב דעם עולם „תורה" און איר חזן גיט דעם קהל „עבודה" און קהל טוט מיט אונדז ביידן „אַ גמילות־חסד" וואָס זיי זיצן געדולדיק אין שול און הערן אויס מיין „תורה" און אייער „עבודה" אָבער וויסן דאַרפט איר חזן, אַז אַ גמילות־חסד דאַרף מען ניט צו לאַנג אויפהאַלטן, און איר זיינט אַזוי מאריך אין אייער דאַוונען...

אויב אַזוי טאָ פירט מיר אַראָפּ צוריק.

שבת אינדערפרי פאַרן דאַוונען איז אין דרויסן אויפן בריקל פון דער שול „אנשי דאַלפּונישאָק" געשטאַנען דער חזן, רעוו. גאָרגלמאַן און געשמועסט מיט נאָך אַ אידן.

אַן אַלטער איד וואָס ער האָט זיך געשלעפּט, איז צו אים צו־געגאַנגען:

— „מיסטער, אפשר ווילט איר אַזוי גוט זיין, פאַרדינען אַ מצוה און מיר אַרויפפירן אויף די טרעפּ צום שול?"

— שור! האט אויסגערופן דער חזן, און גלייך זיך גענומען ארויפפירן דעם אלטיטשקן אויף די טרעפ צום שול. ווען ער האט שוין געהאלטן ביי׳ם קליאמקע פון טיר, גיט דער אלטער איד ווידער אַ פרעג: זאגט נאר מיסטער, איר ווייסט ניט, דאוונט היינט חזן גאָרגלמאן?

—שור! — האט ווידער אויסגערופן מיט שטאלץ דער חזן: היינט איז דאך שבת מברכין!

— אויב אזוי — זאגט דער אלטער איד: טו זייט אזוי גוט און פירט מיר אראפ צוריק, איך גלייך אים ניט...

ער האט זיך ניט פארוואס צו שרעקן.

אין אַ שטאט אין אפריקע איז אמאל געקומען צופארן „אַ פּאַכאָטנער חזן" וואס פלעגט ארומפארן איבערן גאנצן לאנד דאווגען און זינגען און מאכן פאר זיך געלט.

דער שטאטישער־חזן וואס אויסער זיינע חזנות איז אזוי אויך געווען פון די גרויסע חכמים... האט זיך פאר דעם פאכאָטנעם חזן זייער געשראקן, באשר בכן, ער האט זיך פאר אים בארימט אז ער האט „אַ שטאַרקע געמבע" און הכלל הכלל, זיין זינגען איז גאר מי יודע וואס... שטייט דער שטאט־חזן און בעט זיך ביי׳ם גבאי ע־זאל בשום אופן נישט דערלאזן דעם „פאכאטנעם" צו־צו גיין צום עמוד.

דער שמש פון שול וועלכער איז צו־דער־זעלבער־צייט געווען דער שמש פון חברה קדישא אויך, האט דעם חזן געטרייסט און גע־זאגט: וואס האט איר אזוי מורא צו האבן? דער עמוד איז דאך ביי אייך אין די הענט — אט למשל: אַ רב אדער אַ ראבי זאל אנקומען אין אונדזער שטאט, און זאל ביי אונדז אין שול וועלן זאגן אַ דרשה, איז דער דרך ארץ: אז דער היגער ראבי דארף אים מכבד זיין און איבערגעבן אים זיין „פּילפּעט" (בימה) אט בין איך דא דער חברה קדישא שמש, זאל נאר אהער קומען דער שמש, דער קברן, פון יאָהאַנעסבורג אדער פון קייפטאָן, און זאל וועלן באגראבן איינעם פון מיינע היגע בעלי בתים... וועל איך אים — מיינט איר — צו לאזן?... טא אויף וואס בין איך דא פאראן?...

אַ ווּנטש צום נייעם יאר.

דער חזן האט אבגעדאווּנט דעם ערשטן טאג ראש השנה, און דער עולם איז געווען סטראַשנע צופרידן מיט זיין דאווּנען, קומט צו אים צו אנאלטישקע אידענע און גיט אזאג צו אים: מיסטער חזן! אייער דאווּנען האט מיר זייער גערירט, וואס זאל איך אייך ווינטשן צום נייעם יאר? זאל אייך גב"ה העלפן, איר זאלט איבער אַ יאר זוכה זיין צו דאווּנען אין גן עדן...

— ניין, באבע, האט דער חזן געענטפערט: איך וויל בעסער איבער אַ יאר ווידער דאווּנען דאָ אין אונדזער שול...

את קולך שמעתי בגן.

קאַנטאָר בערעלי חגי, דער באַרימטער חזן, האָט געדאַרפט דאַווּנען אין אַ שול פון אַ פּראָווינץ שטאָט, פרעגט ער דעם דאָרטיקן שמש; ווי איז דאָ באַ אייך די מאָדע. דאַרף דער חזן טראָגן אַ גאָן? (ברייטן מאַנטל)

— גאַנץ געוויס, איר וועט דאָך ניט מאַכן אונדזער עולם עובר זיין אויפן מפורשן פסוק: את קולך שמעתי בגן... האָט דער שמש געענטפערט.

ער דאַוונט פאַר צוויי מנינים...

אַ בעל תפילה איז נאָך ימים נוראים געקומען צוריק פון קאַנטרע וווּ ער האָט דאָרט אין אַ שטעטל געדאַוונט אלס חזן. האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר זיינע בית מדרש אידן אין יאַהאַנעסבורג: אַז ס'איז אים דאָרט אויסגעקומען צו דאַוונען דאָס־רוב תפילות ביחידות פאַר ליידיקע ווענט...

— אַ איד פון דער זייט רופט זיך אָפּ: איר האָט דאָך דאָרט געדאַוונט פאַר צוויי מנינים!

— וואָסערע צוויי מנינים? יאָ, ס'איז דאָרט געווען דריי מנינים, זיינען זיי אבער ארויס און מיר געלאָזן אליין ביי חזרת־הש"ץ!

— זיי האָבן דאָך אייך באַצאָלט צוואַנציק פונט פאַרן דאַוונען, האָט איר דאָך אַלע תפילות געדאַוונט פאַר צוויי מנינים! וואָרום די צוויי צענדליק פונט וואָס איר האָט ביי זיי גענומען איז גאָר נישט?!

יא.

די קהילה / אירע כלי קודש / בעלי תפילה·

פון זיין חזן נעמט ער קיין געלט ניט.

אין די פריערדיקע יארן, איידער אין יאָהאַנעסבורג זיינען אנגעקומען די וועלט בארימטע חזנים, און שולן, בתי מדרשים זיינען נאך דאמאלסט אויך ניט געווען אזוי בנמצא ווי אין די לעצטע יארן. פלעגן חברות, סאָסייטיס, און פריוואַט אונטערנעמער אַראַנדזשירן מנינים פאר די ימים נוראים אין די גרויסע זאלן פון די פארשיידענע קווארטלען פון יאהאנעסבורג.

אין איינעם פון די זאלן־שולן האט געדאווענט אַ מנין, זייער שליח ציבור איז געווען; איינער פון די „סעקאָנדהענד רעוור־רענדס״, וואס אַ גאנץ יאר וואלגערן זיי זיך ארום אין די „טי־רומס״ שפילן טאג און נאכט אין קארטן, דרייען זיך ארום די „רייסעס״ און אז ס׳קומט די ימים נוראים, טוט מען זיך אן אין שווארצן, מיט אַ שווארצע שליאַפּע אויפן קאָפּ, און מען ווערט „די וועלט בארימטע חזנים״ ווי די גרויסע רעקלאמעס און פלאַקאַרטן וועלכע פלעגן זיך אנהייבן מיט גרויסע קידוש לבנה׳דיקע אותיות „לשמוע אל הרינה ואל התפילה״ האבן ארויסגעשריען פון אלע שניידערשע און רעס־טאָראַנען שוי־פענצטער אין אלע גאסן פון יאָהאַנעסבורג...

מאכט זיך יום־כיפור באנאכט צו כל נדרי, האט פלוצלונג אויסגעבראכן אַ שטורם, — אויפן אַפריקאנער שטייגער — אנגע־הייבן מיט קנאלנדיקע דונערן און בליצן וועלכע רייסן דורך די וואלקנס מיט זייערע עלעקטעריאישע פלאם־פייערדיקע שלאנגען. דערנאך מיט אַ שלאַקס־רעגן וואס האט געגאסן ווי מיט עמערס, פשוט אַ מבול.

נאכן דאוונען, מען דארף גיין אהיים, און עס גיסט, עס רעגנט, מילא דער עולם די מתפללים, האט זיך איטליכער אן עצה געגעבן.

די דערבייאיקע שכנים האבן זיך אריבערגעכאפט איטליכער צו זיך אהיים. די ווייטערדיקע, האבן זיך שוין אויך ווי עס איז אן עצה געגעבן... די טראַמווייען לויפן דאך... און אַ דראָנדזקע קען מען אויך קריגן... איז מיט זיי — די אפריקאנער יום כיפור אידן — קיין גרויסער זארג ניט... אבער דער חזן, דער שליח ציבור, וואס זאל ער נעבאך טאן? שטייט ער ביים טויער פון זאל ווי אין געהאקטע ווונדן... און קוקט ארויס אויפן גאס, אפשר וועט אויף אַ ווײַלע אַ ביסל אפלאזן... ס'מאכט זיך אמאל אַ וואלקן־ברוך וואס האלט אן בלויז פאר אַ שעה אנדערהאלבן און דערנאָך לויטערט זיך ווידער אויס — צו זיין אומגליק אבער, פארנעמט זיך דאס וואס ווייטער אלץ שטארקער, די דונערן און בליצן הערן גאר ניט אויף... דאס איז ניט קיין גוטער סימן... און עס גיסט, עס ליאפעט דעם נאז ניט ארויסצושטעקן, שלעכט; וואס טוט מען דאָ? — טראכט דער חזן — גיין צופוס, אזא מהלך, ער ווינט ערגעץ ווייט עטלעכע מיילן אוועק פון זאל, הינטער פארדסבורג, מייפיר ארום די „מיינס" ערגעץ, ער איז דערשוויצט פון דאוונען, ער וועט דורכגעווייקט ווערן, „כאפן אַ קאָלד" (זיך פארקילן) און מארגן וועט ער גארניט קענען דאוונען... האט ער אזוי אפגעווארט ביז שפעט אין דער נאכט, געזען אז דער רעגן הערט ניט אויף, האט ער זיך מיישב געווען: איצט אזוי שפעט כל־נדרי־נאכט, אין אזא אומוועטער, איז דאך קיינער פון די יאָהאַנעסבורגער אידן געוויס אויפן גאס ניטאָ... אלע אהיים. שלאפן שוין לאנג... איז ער אין איין אימפעט ארויס אויפן גאַס, האַסטיק צוגעלאפן צו אַ פור וואס איז געשטאַנען אונטער די בוימער אין שטן פון אַ זייטיק געסל, אַרייַנגעשפרונגען, זיך פארוקט דארט טיף אין ווינקל פון פור און ארויס געשריען צום קוטשער — דעם אדרעס פון זיין הויז, אים געהייסן; דורך זייטיק געסלעך אים פירן אהיים.

ווען דער וואגן איז געקומען נאהענט צו זיין הויז, האט דער שליח־ציבור געהייסן דעם קוטשער זיך אפשטעלן, ער איז האסטיג ארויס געשפרונגען פון פור, ער שטעקט אריין די האנט אין הייזן־קעשענע נעמט ארויס זיין טייסטער און שרייט ארויף צום קוטשער:

אַיי סיי דרייווער: וואָט איז יואָר פיער?! — (הער נאר! קוטשער, וויפל איז די פור־געלט?!...)

— גאר ניט! האט דער קוטשער געענטפערט.

— וואס הייסט, גאר ניט? איר האט דאך מיר געפירט, דארף איך אייך באַצאָלן!

— נאָו סער! ענטפערט דער קוטשער און ענדיקט אויף ריין מאַמע־לשון: פון מיין חזן, און נאך יום כיפור דערצו. נעם איך קיין געלט נישט!...

איר ווייסט חזן, אייערע „יעלות" היינט באַנאַכט; איז געווען „טיפּ־טאָפּ!" אוי, אַ כאַלעריע! ווי גוט דאס איז געווען! גוד באַי חזן! האט אויסגעגעבעטן אַ גוט יאָר!...

ער האט געשמירט איז עס געוואָרן.

אין יאָהאַנעסבורג האט זיך ארומגעדרייט אַ איד אַ טרייער, בערע די ציג האָט מען אים גערופן. געהאט האט ער אַ ציגענע שטימע און געהאלטן האט ער זיך פארן גרעסטן חזן פון גאנץ אפריקע. ווען חברה יונגע לייט האבן אים געוואלט אנציען און אים אַ פרעג געטאָן; פארוואס ער דאוונט ניט אַ מאָל אין די גרויסע שול? האט בערע געענטפערט, זיי די בעלי בתים וואלטן ווען איך זאל דאוונען, נאר איך טאָר דאס ניט טאָן, באַ אונדז חזנים גייט עס ניט אזוי... מיר קריכן ניט איינער דעם אנדערן אויפן לאָנקע...

איינמאָל אין חודש אלול אין סאַמע חזנים סעזאָן, איז בערע אריינגעקומען אין אַ ספרים־געשעפט, ווו דאָרט איז געווען די בערזע און יאַריד פון בעלי תפילות און כדומה כלי קודש פאר די ימים נוראים, דאָרט זיך צו דערקונדיקן; אויב ס'איז ערגעץ דאָ אַ קהילה, אדער אַ שטעטל אויף קאָנטרע, וואס נויטיגט זיך אין אַ בעל תפילה. גראד איז דארט געווען אַ איד פון קאָנטרע וועלכער איז עקסטרע אריינגעפארן אין שטאט צו קריגן אַ בעל תפילה.

דער מוכר ספרים האט פארגעשטעלט בערע די ציג פארן קאָנטרע אידן, דער לעצטער האט בערען געזאגט: איר זאלט וויסן פאָראויס: אז באַ אונדז איז קיינער ניטאָ ווער ס'זאל צוהעלפן מיטן

דאַוונען און מען דאַרף דאָרט דורכדאַוונען אַלץ; אי שחרית, אי מוסף, אי בלאָזן, אי לייענען.

— לייבע האָט זיך באַרימט אַז ער איז אַ כל־יכול און נעמט זיך אָן צו דאַוונען, צו לייענען, צו בלאָזן און צו דרש׳ענען הכל, בכל, מכל, כל...

זאָגט דער איד: מיר וואָלטן וועלן אַז צו דעם אַלעם זאָלט איר אויך פאַרשטיין „פירש המילות” וויסן וואָס איר דאַוונט, פאַר־שטייט איר עפּעס אין די שוואַרצע פּינטעלעך?...

— אַ האַ — ענטפערט בערע מיט גאוה, פרעגט שוין גאָר ניט, איך פאַרשטיי שוין גאָר גוט אויף די עברי!... אדרבה פרעגט מיר אויף טשיקאַוועס, וואָסער שטעל איר ווילט אין מחזור, וועל איך אייך זאָגן.

— דער איד פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און פרעגט: ווי פאַר־טייטשט איר למשל: „הוא שח ויהי?”

— ווער ווייס עס נישט! זאָגט בערע: הוא שח: ער האָט געשמירט, ויהי: איז עס געוואָרן!... וואָרום ווי זאָגן דאָרט די בעלי עגלות: אַז מען שמירט פאָרט מען...

שני שמידים כהלכתם...

עטלעכע וואָכן פאַר ראש השנה זיינען זיך די אידן פון אַ קליין שטעטל אין באַטאַל, צוזאַמען געקומען צו אַראַנדזשירן אַ מנין פאַר ימים נוראים. דאָרט האָט זיך געפונען אַ איד, אַ שמיד, וואָס אין די פריערדיקע יאָרן, ווען ער איז נאָך געווען אַ גרינער און נאָך אַבגעהיט שבת און יום טוב, פלעגט ער פאַר זיי דאַוונען אַלס בעל תפילה. איצט אָבער ווען דער שמיד האָט געאַרבעט אין זיין קוזשנע אום שבת, האָט קהל געוואָלט ברייננגען אַן ערלעכן אידן אַלס בעל תפילה.

דערדאָזיקער שמיד, האָט זיך דערוווּסט פון מיטינג איז ער אַהין געקומען און איינגעלייגט וועלטן, אַז ניט אַנדערש, מען זאָל אים לאָזן דאַוונען, ער האָט אַ חזקה און ער וועט די ברעטל בשום אופן נישט איינלאָזן; שחרית וועט דאַוונען זיין ברודער, אויך אַ

שמיד, — און מוספים וועט ער אליין דאַוונען, און מען דאַרף ניט אויסברייַנגען קיין געלט פאַר פרעמדע בעלי תפילות.

די בעלי בתים האָבן אים אָפּן דערקלערט: אז ער אלס מחלל שבת טאָר ניט און עס פּאַסט ניט, ער זאל זיין זייער שליח ציבור אום ימים נוראים.

דער שמיד האט זיך אָבער אַ שטעל געטאָן און אויסגעשריען: אז ער קען זיי איבערצייַגן דעם דין אין מחזור: אז נאָר ער מיט זיין ברודער מוזן דאַוונען פאַרן עמוד! און נעמט אַ מחזור מישט אויף מוסף פון יום כיפור, און ווייזט, אַט שטייט מפורש: „ושני שמידים כהלכתם!"... די צווייַ שמידין ווי זייער דין... טאָ ווער זייַנען דאס די צווייַ שמידין, אויב ניט ער מיט זיין ברודער?...

פאַרן דאַוונען נעמט ער קיין געלט ניט.

אידן אין אַ קליין שטעטל אין טראַנסוואַל האָבן פאַר די ימים נוראים אראָפּגעבראַכט אַ בעל תפילה פון יאָהאַנעסבורג. שבת פאַר ראש השנה, האט ער געדאַוונט אויף פראָבע און האט ניט אויסגענומען, האָבן זיי אים געוואָלט צוריק שיקן. דער בעל תפילה האט זיי אבער געזאָגט: אז וויבאלד ער איז שוין דאָ און ס'איז שוין נאָהנט צו יום טוב, וועט ער פאַרן דאַוונען קיין געלט ניט נעמען און זיי זאלן אים לאָזן דאַוונען.

דער איד האט אָבגעדאַוונט די ימים נוראים און באַ זיי געבעטן, אז זיי זאלן אים באַצאָלן.

— סטייטש, האָבן די גבאים געשריען: איר האט דאָך אליין געזאָגט; אז פאַרן דאַוונען וועט איר קיין געלט ניט נעמען, טאָ וואס זשע בעט איר איצט מען זאל אייך באַצאָלן?!

— יאָ, פאַרן דאַוונען האב איך אייך געזאָגט, וועל איך קיין געלט ניט נעמען, אָבער איצטער איז דאך שוין נאָכן דאַוונען; וויל איך איר זאלט מיר באַצאָלן...

יב.

די קהילה / אירע כלי קודש / משולחים·

די פאטקעווע ווערט אויך געטראטן פון פערד...

אַ משולח איז אריין צו אַ רייכן אידן בעטן אַ נדבה; פאר זיין ישיבה פון וועלכע ער איז געשיקט געווארן, האט ער גענומען אויפ־ווייזן דעם גביר מיט מאמרים פון דער גמרא: אז ווען מען שטיצט די תורה און מען גיט אַ פיינע נדבה אויף אַ ישיבה, ברייננגט דאס גרויס גליק און מזל אין ביזנעס, ווי עס שטייט „ותומכיה מאושר".

דאַ רופט זיך אָן דער גביר: אויב אז בלויז פאַרן שטיצן די תורה ברייננגט עס גליק, טאַ פארוואס זשע זיינען די תלמידי־חכמים אליין, די וואס לערנען די תורה, אזוי אומגליקלעך?... אַט האָבן מיר דאָ ביי אונדז אין שטאָט, אַ אידן אַ תלמיד חכם, אַ געוועזנער ישיבה־בחור און לערנט נאָך היינט תורה בהתמדה. דער שמש און שוחט אונדזערער און ווערט אויסגעריסן, מאַכט אַ קנאַפן לעבן, דערצו ווערט ער נאך גערודפ'ט פון די וואס האבן קיינמאָל די תורה נישט געלערנט, ער ווערט פון זיי געטראטן?...

— פון דעם איז קיין ראיה ניט — ענטפערט דער משולח; אַט איז די „פערדישע פאַטקעווע" וואס איז איבער אייער טיר, וואס איר און אלע ציוויליזירטע גוים... גלויבן, אז דאס ברייננגט מזל, און פונדעסטוועגן; זעט איר דאָך, אז די ארעמע פאַטקעווע אליין ווערט אויך נעבאַך געטראטן פון אלע פערד...

צוויי רבנים און 498 מבינים.

אַ אידישער זשורנאַליסט האט אמאל געפרעגט דעם פאר־שטאָרבענעם — הרב שפירא, ראש ישיבה פון ישיבת חכמי לובלין — אווו רבי, און פונוואנען וועט איר נעמען פינף־הונדערט שטעט פאר

די פינף־הונדערט תלמידי הישיבה, כדי צו באזעצן זיי דאָרט אלס רבנים?

דערויף האָט הרב שפירא ז״ל געענטפערט: בלויז צוויי פון זיי וועל איך מאַכן פאר רבנים, און די איבעריקע פיר־הונדערט־אַכט־אין־נייַנציק וועלן זיין מבינים אויף רבנים...

דער ליובאַוויטשער רבי פלעגט זאגן: מיין ישיבה איז ניט אזוי געגרינדעט געווארן, כדי ארויסצוגעבן רבנים, ווי צו־צו־שטעלן אידן תלמידי־חכמים פארן מאַרק, פארן קליין און גרויס האַנדל...

וואס קריגט די ישיבה פון מיר...

אמאל מיט יארן צוריק איז אין אפריקע ארומגעפארן אַ משולח וואס פלעגט קלייבן נדבות פאר די מירער ישיבה. האט אים אמאל איינער אַ פרעג געטאָן: זאגט נאר מיסטער משולח: וויפל אשטייגער קאָמיסיאָן קריגט איר פון דער מירער ישיבה?

— איר פרעגט שלעכט — האט דער משולח געענטפערט: איר דארפט פרעגן: וויפל קריגט די ישיבה פון מיר?...

זיין געשעפט באַשטייט אויפן ניעמען...

אַ משולח האט זיך אַמאָל בארימט אז אין דערהיים, אין קאָוונער גובערניע איז ער געווען אַ האָלץ־סוחר און זיין געשעפט איז געגאנגען אויפן ניעמען וואס אויף דעם טייך פלעגן שווימען זיינע פליטן האָלץ פון גראָדנער גובערניע. ביז צו קאָוונער גובערניע.

דאָ האט איינער אזייטיקער צוהערער באַמערקט: און אזוי מיסטער משולח, איז טאַקי געבליבן אייער באַשעפטיקונג עד היום הזה, איר האנדלט נאך איצט אויך מיט פלעקער... און אייער עסק באַשטייט נאך אלץ אויפן נעמען...

זיין נדבה דארף זיין אין צייטונג.

אַ משולח איז אריין צו אַ אידן אַ גרויסן סוחר און אַן עושר אין זיין געשעפט אים געבעטן אַ נדבה. האט ער אים געגעבן בלויז איין שילינג, נעמט דער משולח דעם מאָרגן־צייטונג וואס איז דארט געלעגן אויפן טאָמבאַנק און וויקלט אין דעם איין דעם שילינג. —

— פארוואָס וויקלט איר עפעס איין מיין נדבה אין צייטונג? פרעגט דער גביר. — ווייל — האט דער משולח געענטפערט, אזא גרויסע נדבה, פון אזא חשובן סוחר ווי איר זיינט, דארף זיין אין צייטונג...

מה ענין שמיטה אצל הר סיני?

אַ משולח פון אַ ישיבה איז געקומען צו אַ אידן בעטן זיין יערליכע נדבה. זאגט דער איד: האט איר ניט געהערט אז איך בין באַנקראָט?

— נו אם כן: — זאגט דער משולח — מה ענין שמיטה, אצל הר סיני?!...

אַ משולח האט געזאגט: אמאל פלעגט מען קושן די תורה מיטן מויל, און געבן צדקה מיט די הענט, היינט איז פארקערט; מען קושט די תורה מיט די הענט, און צדקה זאגט מען בלויז צו מיטן מויל... (עיין ראה״ש ו.)

אויף דערויף בין איך דאס געקומען צון אייך...

אַ איד אַ סוחר, אַ למדן און אַן עושר. אבער דערצו אַ גרויסער קאַרגער. איז אַמאָל צו אים אריין אַ בכבודיקער משולח: רופט זיך אָפ דער סוחר: וואס האט איר זיך גענומען אזא פרנסה, איר ווייסט דאך די גמרא: „פשוט נבלתא בשוק ואל תאמר גברא רבא אנא...״

— יאָ, ענטפערט דער משולח: אויף דעם בין איך דאס טאַקי געקומען צו אייך; כדי מקיים צו זיין די גמרא...

רבי לא שנה, חייא מנין?

אַ משולח וואס פלעגט קומען אלע יאָר צו זאמלען די יאָרליכע נדבות פארן בית היתומים אין ירושלים, האט זיך איין יאָר מקדים געווען און געקומען צו אַ אידן אַ למדן עטלעכע חדשים פארן יאָר.

פרעגט אים דער איד סטייטש, וואס איז די מעשה מיט אייך; ס׳איז דאך נאך ניטא קיין פולער יאָר זינט איר זיינט דאָ לעצטנס געוועזן?

— זאגט דער משולח: איר פרעגט מיר רבי, לא שנה? רבי,

ס'איז דאך נאך קיין יאר ניטאָ? פרעג איך אייך, צוריק — נו, חייא מנין? פונוואנען וועלן דארט אין ירושלים די ארעמע יתומים לעבן?...

וועט שוין זיין קאָפּ זיין אָפּגעדרייט...

ר' בצלאל צאַדיקאָוו דער באַרימטער חובב־ציון מטיף, איז אמאל געוועז אין שאַוול לטובת ישוב ארץ הקודש. האט ער באזוכט זיינעם אַ יוגנט־פריינט און אים געבעטן ער זאל זיך פארשרייבן זיין נדבה.

— האט אים זיין אַ מאַליקער חבר געענטפערט: אַז איצט זיינען ביי אים די געשעפטן פארדרייט, און צוליב דעם איז אים די קאָפּ אויך פארדרייט; קען ער זיך היינט ניט פארשרייבן, אם־ירצה־השם איבער אַיאָר אז מיר וועלן דערלעבן — — — —

— נו, טא וואס וועט זיין דאַמאָלסט — האט אים דער מטיף צאַדיקאָוו אונטערבראָכן — וועט שוין זיין דיין קאָפּ אָפּגעדרייט?...

דאָ מעג ער טרינקען מיט מילך.

אַ משולח האט זיך אמאל ארומגעדרייט אַ גאנצן טאָג איבער אַ שטעטל, און האט גאר ניט געמאכט, ס'האט אויסגעזען ווי די אידן פון שטעטל; וואלטן זיך אפגערעט און געמאכט יד־אחת, אז זיי זאלן איינמאל פאר אלע מאָל אויפהערן צו געבן צדקה, און אַ סוף.

ווען דער משולח, אַ פארמאטערטער צובראכענער און פול מיט עגמת־נפש, איז פארנאכט צו זיין קוואַטיר געקומען, האט אים די „מיסעס" (באַלעבאָסטע) אנגעבאָטן „אַ קאָפּי"־טיי און פרעגט אים: אויב ער'ט טרינקען די טיי מיט מילך?

— יאָ, ענטפערט דער משולח מיט סאַרקאַזם — דאָ אין דער־דאָזיקער סדום'ער שטעטל, מעג איך שוין טרינקען מיט מילך...

— פארוואס עפעס, דאָ יאָ? פרעגט די באַלעבאָסטע.

— „ווייל", ענטפערט דער משולח מיט אַ איראָניע — פאר־וואס האבן דאס אונדזערע חכמים גע'אַסר'ט גויאישקע מילך? ווייל זיי האבן חושש געווען טאָמער וועלן די ערלים ארייננמישן מילך פון אַ בהמה טמאה, און איך האב דאָ ניט וואס חושש צו זיין, ווייל די היגע בהמות טמאות, די דברים אחרים לאָזן זיך סיי ווי נישט מעלקן...

דבר אחר ביד חזקה שתים.

אַ משולח האָט אמאל געפרווט זיין מזל אין זיין פייאיקייט אין „הלכות שנאָרעריי״ און איז אריין — צו אַ אידן אַ גביר אדיר, אבער אַ גרויסער קאַמאַץ — אַ צווייטן מאל, אפשר וועט ער באַ אים פארט פועלן; ער זאל „טשיינזן זיין מיינד״ (ענדערן זיין באַ־שלוס) און אים געבן אַ נדבה פאר די ישיבה?

ווי דער משולח האט אריבערגעטראטן דעם גביר׳ס שוועל, האט זיך דער קמצן געגומען בייזערן: סטייטש, איר זיינט שוין ווידער דאָ? איך האב אייך דאָך שוין איינמאָל אפגעזאגט, וואס זיינט איר דער „דבר אחר״ פון דער הגדה וואס איר קומט שתים, צוויי מאָל?

—ענטשולדיקט מיין ליבער איד, איר האָט אַ טעות אין פשט פון דער הגדה, דארט שטייט: „דבר אחר, ביד חזקה שתים״ וואס דאס מיינט: אז באַ אַ דבר אחר דארף מען גיין און נעמען ביד חזקה שתים...

אין שוטה מרגיש.

אַ משולח איז פרייטיק־צו־נאַכט געזעסן ביי׳ם שוחט און זיך פאַסמאַקעוועט מיטן פיש, פלוצלונג רופט ער אויס מיט התפעלות: איר ווייסט רעוורענד, ווי איך זע, איז אייער ווייב גאָר קיין נאַר ניט!...

— איך דאנק אייך זייער פאַרן קאָמפלימענט, — זאגט די רעוורענדיכע — פונוואנען האָט איר דאָס אָבער גראָד איצט דער־גאנגען?

— אין אייערע געשמאַקפולע געפילטע פיש! — זאגט דער משולח מיט אַ שמייכל — ווייל די גמרא זאָגט: „אין שוטה מרגיש״ אז אַ שוטה פילט נישט גוט. און איר האט די פיש גוט געפילט...

ער דארף זיך ניט שרעקן.

אַ שוחט האָט געגעבן זיין עופות חלף צו אַ משולח וואס איז ביי אים איינגעשטאנען ער זאל עס איבערזען. דערנאָך ; לויט די אָנמערקונגען וואס דער משולח האט אים געגעבן ; האט ער פאר־

שטאַנען אז דער משולח איז אליין אַ שוחט. רופט זיך אָפּ דער שוחט — אויב איר זיינט יאָ אַ שוחט, וואָלט איך אייך מיטנעמען אין שלאַכט־הויז, איר זאלט זען ווי איך שלאַכט גסות. נאר איך האב אַ ביסל מורא, איך ווייס? טאָמער זיינט איר אַ גרעסערער בריה און מער מהדר פאר מיר.

— איר דאַרפט זיך פאר מיר ניט שרעקן — זאגט דער משולח: ווייל אויף אָקסן האָב איך קיין קבלה ניט...

עס מוז טראָגן צוויי חותמות.

אַ קצב וואס האָט זיך געהאלטן פאר אַ למדן, האָט אמאל אָבגעשטעלט אַ משולח וואס איז פארביי געגאנגען זיין יאַטקע און זאגט צו אים מיט כעס:

— וואס זאגט איר ניט צו דעם גראָבן יונג, דער בור און עם הארץ, דער משולח פלוני, ער איז אריינגעקומען באַ מיר נעמען אַ שטיקל פלייש, ערשט איך זע ווי ער טאַפּט, קערט און זוכט אויף די פלייש, פרעג איך אים: פעטער, וואס זוכט איר דאַרטן נעכטיקן טאָג?... זאָגט ער: אז ער זוכט אַ חותם פון משגיח, אָדער פון שוחט, נו וואס זאגט איר נישט צו דעם צבועק, צו דעם עם הארץ?! באַ מיר קומט ער זוכן חותמות!...

— געוויס, ענטפערט דער משולח שמייכלענדיק — איז ער אַן עם הארץ וואס ער האט ביי אייך געזוכט אַ חותם! וואָרום, וואלט ער געוווּסט יורה דעה אויף ריכטיק, וואָלט ער באַ אזא תכשיט ווי איר זיינט, געדאַרפט זוכן צוויי חותמות זיך איבער צו צייגן אז ס׳איז ריכטיק כשר!... וואָרום אזוי ווערט געפסקנט אין דין: אז ביי אַ גוי איז „בשר שנתעלם״ געענוג מיט איין חותם. אבער באַ אַ אידן אַ חשוד וואס ער איז מומר לאותו דבר... דארפן טאַקי האָבן צוויי חותמות!...

יג.

די קהילה / אירע כלי קודש / מגידים און רעדנער.

אַ ראַבי, אַ פּרעדיקער און אַ מגיד.

ווען אַ ראַבי שטעלט זיך אַוועק אויפן „פּילפּעט״ (בימה) און האלט „אַ סוירמאַן״ „אַ פּרעדיק״ וואס איז גלאַט, אַבגעטאַקט מיט אַ סדר און פּלאַן קען זי אפשר געפעלן דעם פּארגויאישטן, אזוי צו זאגן: ציוויליזירטן (אַפריקאַנעזירטן־אנגלאַזירטן) אידן, אַ מגיד אין זיין דרשה האָט תמיד צונויפגעמישט פארשיידענע שטאָפן; תורה מיט חקירה, משל מיט רייזע באשרייבונגען, וויץ מיט מוסר, פרומען עקסטאַזיע און געוויין, מיט פערזענלעך־לאָקאַלע אַנשפּיג־לונגען, אזא מגיד איז געווען דער ריכטיקער פאָלקס־מענטש אויף דער אידישער בימה. אזא האט דעם עולם דערנומען ביז צו ספּאַזמעזדיקע יללות, אדער היסטערישן געלעכטער און דאס איז געווען דער אידעאַלער מגיד...*)

ער טוט ווי גאָט...

אַ דרשן האט געזאגט אַ דרשה אין שול, ווען ער האט גע־בעטן ביי׳ם גבאי מען זאל אים באַצאָלן פאר דער דרשה. זאגט צו אים דער גבאי: רבי, ווי קומט עס איר זאלט פארלאנגען געלט פארן זאָגן תורה? „מה אני בחינם, אף אתם בחינם״ האט דאך גאט גע־זאָגט?

— אמת, האט דער דרשן געענטפערט: פאר תורה לערנען טאָר מען טאַקי ניט נעמען קיין געלט, איך האב אבער דעם עולם געשטראפט און גאָט שטראפט אויך קיינעם נישט אומזיסט...

*) נאָך י. ענטין איבער מענדעלי מו״ס אין מינענקע׳ס פסח־בלאַט.

אַ מגיד און אַ דאָקטער.

אין ירושלים איז געווען אַ מעד׳ציין דאָקטער בופלעס, האט ער אמאל געטראָפן דעם פּאַראָשלער מגיד, פרעגט אים דער דאָק־טער: — רבי, וואס איז דער חילוק פון אַ דאָקטער צו אַ מגיד? האט דער מגיד אויפן אָרט ניט געוווסט צו ענטפערן, האט דער דאָקטער געזאגט:

—דער חילוק איז אין דעם: אז אַ מגיד זאָגט אָפּ, פרייט זיך דער עולם. און מען איז צופרידן... אַ דאָקטער אבער אז ער זאגט אָפּ; וויינט מען און מען קלאָגט...

אין צייט...

דער חילוק פון אַ רעדנער און אַ קרימינאַלער פארברעכער באַשטייט אין דעם:

דער רעדנער ווען ער שטייט פאר זיין פובליקום וואָלט ווען מען זאל אים געבן וואס מערער צייט. און דער פארברעכער ווען ער שטייט פארן ריכטער, וואלט ווען וואס ווייניקער...

ס׳איז אָבער פאַראַן אַ קאַלענדאר...

אַ לעקטשורער האט אין מיטן פון זיין לעקציע ארומגעקוקט אויף די ווענט פון זאַל און באַמערקט: גוט וואס איך האב קיין זייגער ניט באזיך, און איך זע קיין זייגער ניט אין גאנצן זאַל, ווער איך אלזוי קענען פארלייגערן מיין לעקציע און רעדן אויספירלעך אומגעשטערט, דאָ האט אַ צוהערער פון עולם אויסגעשריען:

— דערלויבט מיר צו ציען אייער אויפמערקזאמקייט: דארט הינטער אייער פלייצע אויפן וואַנט הייגגט אַ טאָג־קאַלענדאַר!...

ער וועט שוין אייך ניודען...

מר מאָריס סאמועל פון אמעריקע רעדנדיק אויף אַ מאסן פארזאמלונג אין יאָהאַנעסבורג האט דערציילט:

אויף אַ גרויסן פערזאמלונג אין ניו־יאָרק, ווו ער האט גע־דארפט געבן אַ לעקציע, האט זיך דער פארזיצער אויפגעהייבן און פארגעשטעלט דעם רעדנער בזה הלשון: איך האָב דעם פארגעניגן

אייך פאר צו שטעלן איינעם פון די בארימסטע אידישע רעדנער: וועלכער איז מפורסם איבער גאנץ אמעריקע, און אזוי ווי איך בין ליידער פון די קליינע ניודניקעס, רעדנער הייסט עס, וועל איך אייך ניט צופיל ניודען, אויפהאלטן הייסט עס, און וועל לאָזן דעם געערטן ניודניק, רעדנער הייסט עס, ער זאל אייך ניודען...

איר ווייסט נאָכניט וואס פאר אַ ניודניק איך בין.

דר. ראבי שלמה גאָלדמאַן פון אמעריקע האט אויף אַ ציוניס־טישע מאַסן־פערזאמלונג אין יאָהאַנעסבורג געזאגט:

פאר מיין ארויפגיין אויפן פלאַטפאָרמע, האב איך געפרעגט מיינע בעקאנטע: ווי לאנג איך זאל רעדן, האט מען מיר געענט־פערט: אזוי לאנג ווי איך וויל, דאס דערמאָנט מיר אין ביאַליק׳ס אַ מעשה׳לע: אַ איד איז געקומען צו אַ דאקטער און האט זיך באַ־קלאגט פאר אים: אז ער ליידט אויף אַ משונה׳דיקע קראנקהייט — ער רעדט צו זיך. דער דאקטער האט אים בארואיקט און געזאגט: אז דאס איז גארניט אזא שרעקלעכע מחלה. יעטווידער מענטש רעדט אַ ביסל צו זיך, דאן האט אים דער פאַציענט געענטפערט: יאָ הער דאָקטער, ס׳איז אייך גוט צו זאגן, איר ווייסט אבער נישט וואס פאר אַ ניודניק איך בין... און ווי איר האט מיר געזאגט — האט דר. גאָלדמאַן אויסגעפירט — אז איך קען רעדן ווי לאנג איך וויל, מוז איך אייך פריינט, זאגן; אז איר ווייסט נאָך גאָרניט וואס פאר אַ ניודניק אַן אמעריקאנער אידישער רעדנער קען זיין...

ווער איז דאס מיסטער טאַנאַק?...

אַ רב האָט געזאגט אַ דרשה אין אַ שול, און ווי דער שטייגער איז, האט ער ציטירט און געבראכט פסוקים פון תנ״ך, נאכדעם ווי דער רב האט געענדיקט זיין דרשה, און דער עולם איז צוגעגאנגען אים אָפּגעבן יישר־כח, האָט זיך אַן ענגלישער איד אָבגערופן צום רב בזה הלשון: „סעי ראַבי! הו וואָז דעטה בלאָק, מיסטער טאַנאַק, יו קעפּט אָן קוואָיטינג הים, אין יואָר סוירמאָן? הי סימס טו בי אַ קלעווער פעללאָו!״...

(איך בעט אייך רבי! ווער איז דאָס דער קערל מיסטער טאַנאַק (תנ"ך)... פון וועמען איר האט אין אייער דרשה אלץ געציטירט פון אים? ער שיינט צו זיין אַ קלוגער יונג!...)

ער האט ניט געקאנט שלאפן...

פרייטיק־צו־נאכט פון שבת־תשובה, האט דער רב געהאלטן אַ פייערדיקע מוסר־דרשה, און געוועקט דעם עולם צו תשובה. אויף מארגן שבת אינדערפרי נאכן דאַווענען, ווען דער עולם איז צוגעגאנגען צו באגריסן דעם רב: גוט שבת, האט אַ בעלי־בית זיך באַקלאגט פארן רב, אז צוליב זיין בעכטיקע דרשה, האט ער די גאנצע נאכט מיט אן אויג ניט צוגעמאכט, ניט געקאנט שלאָפן.

— אזוי האָט דאָס אייך מיין דרשה צענומען — האט דער רב מיט גאוה געזאגט; נו האט איר בכן באַקומען די ריכטיקע התעוררות צו תשובה.

— ניין, האט דער איד געענטפערט: די דרשה, ניט אזוי ווי די דרשה, נאר איך האב, דעם אמת זאגענדיק רבי, מיר גוט אויסגעשלאפן בשעת הדרשה, האב איך דערפאר די גאנצע נאכט ניט געקאָנט איינשלאָפן...

אַ בלבול...

דער לעקטשורער האט אונטערבראכן זיין לעקציע און אַ געשריי געטאָן צו איינעם פון די צוהערער: — זעט איך בעט אייך, הערט אויף צו רעדן בשעת איך לעקטשער!

— איך האב גערעדט?! — האט געענטפערט דער צוהערער: איר האט אַ טעות, איך רעד קיינמאָל ניט פון שלאף...

ער דארף עס האָבן אויפן קאָפּ...

אַ יונגערמאַן וואס האָט זיך געהאלטן פאר אַ גרויסן למדן אַ חריף און בקי, פלעגט מבטל זיין די בעסטע דרשנים און רעדנער, קריטיקירן זייערע דרשות, און אלץ זאגן; אז דעם מגיד'ס פשטל האט ער שוין געזען געדרוקט אין דעם אדער יענעם דרוש־ספר. איז איינמאל אַ דרשן נאך זיין דרשה צוגעגאנגען צו דעם דאָזיקן קריטי־

קער און געזאגט: איך הער אז איר רימט מיט אייער גוטן קאָפּ און שאַרפן מח, און איר זיינט אַ גרויסער בקי, באהאוונט אין אלע ספרים איבערהויפּט פון דער הגדה. וועל איך אייך פרעגן: — זאָגט — האַסטיק נישט געקלערט — ווי הייסט די פינפטע מכה פון די „עשר־מכות״?

— דער יונגערמאַן האט גענומען ציילן אויף די פינגער — דם, איינס, צפרדע, צוויי. — דער דרשן האָט אים אבער איבער־געשלאגן און געזאגט: — אז אזא אייזערנעם קאָפּ ווי איר פארמאגט, האָט איר שוין ניט געדארפט ציילן — אזא גרינגע זאַך, וואס אַ יעדער קינד ווייסט — אויף די פינגער, נאר איר האָט שוין געדארפט האָבן די מכות אויפן קאָפּ!...

אַ מכה אשר לא כתובה...

אנאנדער דרשן וואָס אזא ווי דער אויבנדערמאָנטער קריטי־קער, האט אים פארגעהאלטן: אז זיין גאַנצע דרשה האט ער ערגעץ געזען שוין געדרוקט אין אַ דרוש ספר.

האט אים דער דרשן געענטפערט: נו, אויב די דרשה מיינע איז שוין געשריבן ערגעץ אין אַ ספר. טאָ קומט זייט אזוי גוט, צו מיין צווייטע דרשה וועל איך אייך שוין געבן אַ מכה אשר לא כתובה בספר...

ארייגעזאגט.

אַ יונגערמאַן אַ משכיל איז איבערדריסק געווארן דאס זאגן פון אַ מגיד, נעמט ער ארויס זיין זייגער און ווייזט עס דעם רעדנער, ער זאל אויפהערן, קוקט דער רעדנער אויפן זייגער און זאגט:

— דער זייגער איז שוין גאָר אַ גוטער, אבער דער ווייזער טויג נישט...

יד.

ציוניסטישע עפיזאדן.

זאָל דער רמב״ם קומען, מיר וועלן אים שוין אָבפּיקסן...

אנפאנג 1935 ווען די גאנצע אידישע וועלט האט געפייערט דעם אַכט־הונדערט יאריקן געבורטס־טאָג פון דעם רמב״ם, איז מען ערגעץ אין אַ שטאָט פון די פריישטעט צוזאמען געקומען אויף אַ פארברייטונגס־זיצונג, צו פאַראיינשטאַלטן אַן אָוונט לכבוד דעם אנדיינק פון רמב״ם.

ווען מען האָט שוין געהאט אויסגעטיילט די ראָלען פון די רעדנער און לעקטשורער און די מוזיקאַלישע אבטיילונג פון דער פראָגראַמע, האט זיך דער פאַרזיצער געווענדעט צו מר. טיקבוים דער גביר פון שטאט און געזאגט: —

היות זיי ווען האבן געוויסע הוצאות פארן דינגען דעם זאַל, פאר כיבוד און כדומה, וואָלט ער בעטן מר. טיקבוים, אז ער זאל זיי לאזן וויסן מיט וויפל ער וועט זיך באַטייליקן און ביישטייערן צו דעם צוועק?

מר. טיקבוים אַ פעטער־פעסטגעזעצטער איד: האט זיך אויפ־געהייבן, זיך אַ ביסל אויסגעהוסט און זאָגט: —

מיסטער טשערמאן, ליידעס און דזשענטלמען! [1] מיט מיין גרעסטן רעספּעקט וואס איך האב פארן פילאזאף און דאקטער מיי, מיי, מונעדעס, דאַך מוז איך פרעגן מיטן הגדה־לשון: „מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות״? מיר האבן דאָ באַ אונדז אין סויט אפריקע געהאַט געסט, און גאר גרויסע געסט: זייאָניסטישע, און ניט זייאָניסטישע, ס׳איז געווען פון זיי דאָקטיירים, אָט אַשטייגער ווי: דאָקטער לעווין, דאָקטער גאָלדשטיין, דאָקטער אָלשוואַנגער,

---

1) הער פאָרזיצער, דאַמען און הערן!

דאָקטער הערץ, דאָקטער דער, דאָקטער יענער... ווער געדיינקט זיי דאָרט, אייערע דאָקטיירים, גוטער יאָר ווייסט זיי... היינט פילאָזאָפן, פראָפעסאָרן און ראַביים, ווי למשל באָרעדעצקי, סאָקאָלאָוו ווייצמאַן, גאָלדמאַן און מאָריס סעמואל, ווער געדיינקט זיי דאָרט אלעמען. אַ ביסל געדיינק איך זיי, ווייל זיי האָבן מיר אלע געקאָסט געלט... און אויב איר ווילט וויסן, טאַקי גראָב געלט... מילא טרוקן האָבן זיי קיינער פון מיר ניט אבגעשניטן... איצט דערוואַרטעט איר, ווי איר רופט אים: דאָקטער מיי, מיי, מונעדעס. פרעג איך אייך: מיט וואס איז ער דאס אנדערש פון אלע אנדערע גדולים אונדזערע, האַ? זיי זיינען אויך דארט אייך געווען: דאָקטיירים, פראָפעסאָרן, ראַביים און פילאָזאָפן, און פאר זיי האָט מען זיך פריער, פאר זייער אנקומען, גאָר ניט גע׳עוסק׳ט, נישט צוזאמענגעקומען, נישט געהאט קיין „פרעפערעישאַן־מיטינג׳ס״ [2]) זיי זיינען זיך געקומען, און דאס ווייסט איר אלע, אז זיי זיינען פון אונדזער שטאָט, מיט ליידיקן נישט ארויס... ווי האט זיך דארט איינער פון דידאָזיקע געשליפענע צינגע־לעך אייערע, אויסגעדריקט: אז ער טוט ווי דער רוימישער גענע־ראַל: — געקומען, געזען און איינגענומען... אזוי אויך דער דאָקטער מיי, מיי, מונעדעס, אדער ווי מיין פריינד פון דער זייט הייסט מיר אים רופן: דער רמב״ם אייערער, זאל ער אפריער קומען, דאָס קען איך אייך פארזיכערן אז מיט ליידיקן וועלן מיר אים נישט ארויס־לאָזן... און „אבאוט מי פערסענעלי״ [3]) וועל איך אייך בעטן: ווען דער רמב״ם קומט, שיקט אים אריבער צו מיר אין אָפיס, נישקאָשע איר ווייסט גאנץ גוט מיין אַדרעס... און איך וועל אייער רמב״ם שוין גוט אָבפיקסן...

ווי דר. הערצל האָט זיך געענדערט.

אַ שליח פון קרן היסוד דערציילט: —

באַזוכנדיק איינע פון די קלענערע שטעטלעך אין דרום אפריקע, האט מיר דער פרעזעדענט פון דערדארטיקער ציוניסטישע

---

2) פאַרברייטונג׳ס זיצונגען.

3) — ווענן מיר פערזענלעך.

סאָסייטי; זייער פיין אויפגענומען און איך בין געווען זיין גאַסט, ביי אים איינגעשטאַנען, האָט דער פרעז. אַ גאַנצן אָוונט דערציילט און זיך באַרימט פאַר מיר, אַז ער האָט דעם דר. הערצל זייער גוט געקאַנט. ווייל אויף איינעם פון די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן איז ער געווען פאַרטראַטן אַלס דעלעגאַט פון ד. אַפריקע, איז אים דאָרט ניט איין מאָל אויסגעקומען צו רעדן מיטן פירער, דר. הערצל.

אויף מאָרגן נאָכן מאַסן־פאַרזאַמלונג ווען מיר זיינען ביידע, איך מיטן פרעז. אַרויס איבערן שטעטל זאַמלען געלט, זיינען מיר צום ערשטן אריין צום בעסטן ציוניסט און דער חשוב׳סטער בעל הבית אין שטעטל. איז אין זאַל אויף אַ פּראָמענענטן פּלאַץ געהאַנגען דר. הערצל׳ס בילד אין גרויסן פאָרמאַט, דער פרעז. דערזעענדיק דאָס דאָזיקע בילד הערצל׳ס, איז פאַרגאַפט געוואָרן, און רופט זיך אָפּ צום בעל־הבית: אַה, דאָס איז אַ שיינער פּאַטריאַכלישער פּאָט־רעט! זעט, זאָגט מיר נאָר, ווער איז דער מאַן; איז עס אייער פאָטער אָדער אייער שווער?!...

אַז דער בעל־הבית האָט אים דערקלערט: אַז דאָס איז דער בילד פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם פירער דר. הערצל, האָט זיך דער פרעז. (דער געוועזענער קאָנגרעס־דעלעגאַט, וואָס האָט דר. הערצלען אַזוי גוט געקענט...) אַ ביסל פאַרשעמט און קוקנדיק אויפן בילד האָט ער געזאָגט: אָ וואָ! ווי דר. הערצל האָט זיך פון דאַ־מאָלסט אָן, אַזוי געענדערט!...

ניט דזשענעראַל הערצאָג אויך ניט דר. הערץ, נאָר דר. הערצל...

אין אַ קליין שטעטל אין נאַטאַל, האָבן די ציוניסטן אַראַנדזשירט אַן הזכרה אָוונט צו דר. הערצל׳ס יאָרצייט, דר. גאָרדאָן האָט געריידט פאַר אַ שעה צייט וועגן די גרויסקייט און וויכטיקייט פון דר. הערצל פאַר דעם גרינדונג און אויפלעבונג פון דעם פּאָליטישן ציוניזום.

נאָך דער רעדע, האָט דער פאָרזיצער געבעטן אַ אידיש־ענגלישע פרוי „אַ לֵיידי" זי זאָל אויסדריקן אַ דאַנק צום רעדנער.

די „ליידי" נאָכדעם ווי זי האָט פאָרמאַלנע באַדאַנקט דעם רעדנער און אויסגעלויבט זיין אַראַטאָרישן טאַלאַנט האָט זי גע־מאכט פאָלגענדן באַמערקונג:

— כאטש איך בעלאנג נישט צו קיין פּאָליטישע סעקציע, אדער פראקציע פון די דרום אפריקאנישע פאליטישע פארטייען, דאָך מוז מען איינשטימען מיטן געערטן רעדנער: אז דער איצטיקער פריים (העכסטער) מיניסטער אונדזערער: גענעראל הערצאָג, איז איינער פון די גרעסטע וועלט־דזשעניען פון אונדזער צייט!...

דער פּאָרזיצער האט איר אונטערבראכן און איר גערופן צום אָרדענונג: דער רעדנער האט דאָ גערעדט: בלויז וועגן אונדזער פירער דר. הערצל!

די פרוי אבער האט ניט איינגעגעבן איר טעות און שרייט אויס: „פארדן מי, מר. טשערמאַן!"[1]) דעם טשיף ראַבי דר. הערץ, קאָן איך אויך זייער גוט, ער האט מיר חתונה געמאכט צו מיין ערשטן מאַן ע"ה. ווען ער איז נאך געווען „מיניסטער"[2]) אין דער פּרעזידענט סטריט שול אין יאהאנעסבורג. יאָ, ער איז אויך אַ גרויסער „לידער"[3]) אין ישראל!

דעם פּאָרזיצער האָט גענומען שיינע עטלעכע מינוט, ארויס־צופּלאָנטערן די „ליידי"[4]) און דערוויזן איר, איר טעות. אז דאָ האט זיך ניט גערעדט; נישט וועגן גענעראַל הערצאג, אויך נישט וועגן דעם טשיף ראַבי דר. הערץ, נאָר וועגן אומפאַרשטאָרבענעם גרויסן פירער און גרינדער פונעם פאָליטישן ציוניזם — דר. הערצל.

אַ פוינט אָוו אָרדער.

גלייך נאך די וועלט מלחמה ווען די בשורה פון די באַרימטע „באלפור דעקלעראציע" איז אנגעקומען אין דרום אפריקע, האט די אַרטיקע ציוניסטישע פעדעראציע; אנגעפירט דעם ערשטן „קעמפיין" פאר דעם דאַמאלסדיקן „קרן הגאולה" אדער ווי מען האט דאס אין אפריקע גערופן „דער רעקאנסטרוקציע פאָנד" האָב איך מיר דע־

---

1) ענטשולדיקט מיר, הער פאָרזיצער.

2) גייסטליכער, ראַבינער. 3) פירער. 4) די פרוי.

מאַלט פּרייוויליק אַנגעשלאָסן אַלס פּראָפּעגאַנדיסט פאַר דעמדאָזיקן פאָנד.

איך, און רעוו. כהן פון בולעוואַייאָ, זייַנען באַנאַנד אַרומ־געפאָרן איבער גאַנץ טראַנסוואַאַל. אין אַלע גרעסערע און קלענערע שטעט און דערפער. האָבן מיר אויפגעטראָטן אויף מאַסן פערזאַמ־לונגען, געהאַלטן רעדעס, און מעורר געווען דעם עולם; מען זאָל זיך אָפּרופן מיט גרויסע נדבות פאַרן „צוריקבוי פאָנד".

איינמאָל איז אונדז אויסגעקומען צו זיין אין אַ קליין שטעטל אין טראַנסוואַאַל, אויף אַ מאַסן פערזאַמלונג; וואָס איז אָבגעהאַלטן געוואָרן אין שול, דאָרט זייַנען צונויף געקומען אַלע די אידן פון שטעטל גופא, און פון די דערפער און אַלע ישובים אַרום, זיי מיט זייערע ווייבער און יוגנט, אַז די שול איז געווען געפּאַקט.

רעוו. כהן האָט דער ערשטער גערעדט אין „קינג'ס ענגליש" און אין אַ גלענצענדע מייסטערהאַפטע רעדע, האָט ער דערקלערט די לאַגע פון אידן אין די גלות לענדער, און די וויכטיגקייט און נויטווענדיקייט: פון דעם צוריק בוי און אויפלעבונג פון אונדזער נאַציאָנאַלע היים — ארץ ישראל.

נאָכדעם ווי דער רעדנער האָט געענדיקט זיין רעדע, און איז וואַרם אַפּלאָדירט געוואָרן פון עולם. הייבט זיך אויף אַ טיפּישער ליטווישער איד, מיט אַ שוואַרץ־שפּיציק בערדל, „אַ קאַפּעראַיט־ניק"[1]) און זאָגט: — „ברודער צערמאַן ליידיש ענד זענטלמאַן"![2]) אַ פּוינט אָוו אָרדער!"[3])

— דער פאָרזיצער קלאַפּענדיק מיטן העמערל: — אָרדער! שאַט שטיל! מר. בערקאָוויץ! לאָזט אונדז אַנגיין מיטן מיטינג, ראשית האָבן מיר דאָך נאָך אַ רעדנער; ווען דער, וועט ענדיקן זיין רעדע, און מען וועט איינלאָדן פון עולם פראַגן, וועט איר דאַמאָלסט צייט האָבן צו געבן אייער „פּוינט אָוו אָרדער!"

1) אַ איד וואָס האַלט אָן „אַ קאַפּעראַיטע אַ גאַרקיך, אָדער רעסטאָ־ראַנט; פאַר די שוואַרצע ניגער'ס „די קאַפירס" וואָס אַרבעטן אין די גאָלד־גרובן און אַנדערע שוואַרצע אַרבעט. 2) פאָרזיצענדער, דאַמען און הערן. 3) אַ פּונקט, אַ בעמערקונג צום סדר היום.

דער איד האט אבער נישט נאכגעלאזן, שטייט און קלאפט מיט זיין שטעקן אין דער פּאַדלאָגע — ניין, ניין! נישט אנדערש ער מוז געבן — אַט שוין, ניט שפּעטער — זיין פוינט און ארדער!

אין שול איז געווארן אַ טומל, קולות האבן זיך געטראגן פון אלע זייטן: זעצט אייך אנידער, מר. בערקאָוויץ! טומלט ניט! אנדערע האָבן ווידער געשריען: אז אַ איד וויל רעדן, דארפן אים געבן „אַ טשאַנז"! האבן מיר ביידע, איך און רעוו. כהן, זיך צוגעבויגן צום פּארזיצער און געזאגט: איר זעט דאך, דער איד איז איינגעע־עקשנ'ט, ס'וועט ניט העלפן, איר וועט אים ניט צוריקהאלטן, טא לאזט אים שוין דארט זאגן זיין „פּוינט אוו אָרדער".

דער פּארזיצער האט דעם אידן דערלויבט צו געבן זיין „פּוינט אָוו אָרדער", בתנאי אבער; ער זאל ניט מאריך זיין, ווייל מיר דארפן אנגיין מיטן מיטינג.

— מר. בערקאוויץ: האט זיך אַ ביסל אויסגעהוסט און הייבט אָן מיט אַ פּאַטאָס, אינדערהויך אויף זיינע אייבערשטע כלים: „מישטער צערמאַן, ליידיש ענד זענטלמאַן!" מיר האבן דאָ אלע אויסגעהערט דעם רעדנער'ס פיינע „איינגליסע דרשה'קע"... ער האט אפילו פיין געדרשנ'ט! אבער איך זאג אייך: אז מיר דארפן אים ניט „האָרכן" און מיר דארפן ניט געבן אפילו אַ פּענע אויף זיין „פּאַנדל". מחמת די לעצטע צייט קומען זיי צו אונדז, — אט די פּאנדן קלייבער — איינער נאכן אנדערן, און שלעפּן פון אונדז געלט פאר אלערלייאיקע „פּאַנדן" זייערע, נאר גיב זיי געלט, און געלט, און ווייטער געלט! גאר אָן אַ ברעג און אָן אַ סוף! איך פרעג אייך — „ליידעש ענד זענטלמאַן"; וואס ווערט פון די אלע געלטן אונדזערע, מען נעמט צונויף פון אונדז די שווער־פּאַרהאָרוועטע בלוטיקע פונטן; און מען שיקט עס אוועק אהין, אין גיהנום אריין... אין רוס־לאנד...[4]) דארט קומען די כאַלוגאַנעס, די רוצחים פאגראמטשעקעס,

---

4) בימים ההם. אין יענע פינצטערע טעג: איז פאָרגעקומען אין אוקריינע די גרויסע קאַלאַסאַלע שחיטות, ווען אידן זיינען דאָרט נעבאַך געשוחט'ן, געמארדערט, און געהרג'עט געווארן אין די צענדליקער טויזנטער. האָט מען אין אַפריקע געגרינדעט ספּעציעלע „פּאָנדן" צו העלפן די אונגליק־לעכע און זיי ארויסצוראַטעווען פון גיהנום. —

פון פעטלוראָ׳ס, לאַכמאַנאָוו׳ס און דעניקינ׳ס — רויבער־באַנדעס, מערדערן דארט אוועק אונדזערע אחינו בני ישראל, זיי, מיט זייערע ווייבער און קינדער און ראַבעווען אוועק פון זיי, אונדזערע בלוטיקע מיט שווייס־פאַרהאַרעוועטע פונטן, וואָס מיר שיקן אַהין דורך די דאַזיקע „פאָנדן״ און ס׳איז: ווי אַ לעכערדיקער זאַק, ווי אַ טון אָן אַ דנאָ, שיט מעל, גיס וואַסער, מיר שיקן; און די אוקריינער גזלנים רויבן אוועק, אשר על כן רבותי! איז דאָס אַלץ וואָס דער רעוורענד מיט זיין פאַרקערטן קראַגעלע... האָט דאָ גערעדט און אייך געבעטן געלט אויף זיין „פאָנד״... איז ווערט, בעט אייך מחילה, אַ ציבעלע!... איך וואָלט פאַרשלאָגן: און דאָס איז: מיין —„פוינט אָוו אָרדער!... אַז מיר זאָלן יאָ זאַמלען געלט, און איטליכער פון אונדז זאָל אריינשטעקן די הענט טיף־טיף אין קעשענע און מיר זאָלן געבן וויפל מיר קאָנען, און מערער ווי מיר קאָנען, און די אַלע געלט ליבערשט אַוועקשיקן אין ארץ ישראל! מיר, דער אי־דישער פאָלק, האָט איצט געקראָגן: די גאולה־דעקלעראַציע פון ענגלאַנד דורך דעם לאָרד באלפור, מיר האָבן איצט געקראָגן דעם דערלויבעניש צוגעשטימט פון אַלע מעכטיקע פעלקער פון דער גאָרער וועלט, אַז מיר קענען, מיר מעגן, און מיר דאַרפן צוריק בויען אונדזער אַלט־נייע־היים — ארץ ישראל. טאַ גיט רבותי, אייערע געלט, אייערע צירונג, אייערע גאָלד און זילבער צו בויען אונדזער נאַציאָנאַלער היים! פאַר אונדז, פאַר אונדזערע קינדער און פאַר די מיליאָנען אידן וואָס לעכטשן קרעכטשן אונטערן יאָך פון גלות אין דער גאָרער וועלט! אָט וואָס עס איז „מיין פוינט אָוו אָרדער!״...

דער עולם האָט שטורמיש אַפּלאָדירט מר. בערקאָוויץ׳ן, און אפילו דער רעדנער רעוו. כהן האָט זיך אויך פון אידן׳ס קריטיק... ניט געפונען באַליידיקט, און האָט אים אויך וואַרם אַפּלאָדירט און פון פלאַטפאָרמע אַראָפּגעשריען צו מר. בערקאָוויץ׳ן אַ האַרציקן — יישר כח!...

ווען איך האָב מיר געשטעלט רעדן; מיין רעדע אין אידיש, האָב איך אַלס הקדמה געזאָגט: אַז איצט איז מיר רעכט געוואָרן אַ גרויסע קשיה: פאַרוואָס האָט עפּעס גאָט אויסגעקליבן דעם כבד־

פה משה׳ן וואס איז געווען אַ שטאַמלער, ווי ער האט אליין געזאגט: „לא איש דברים אנכי וכו׳ כי כבד פה וכבד לשון אנכי״ — דוקא ער זאל גיין צו פרעה׳ן רעדן וועגן באפרייען דאס פאלק ישראל, און נישט אהרן; וואס ער איז לויט די תורה, יאָ געווען אַ גוטער רעד־נער? נאר ווען אַ טאַלאַנטפולער אָראַטאָר וואלט זיך געשטעלט רעדן פאר פרעה׳ן אינעם נאָמען פון די בני ישראל, וואלט ער זיך געוויס פאַרנומען מיט אַ לאנגע אויספירנדיקע רעדע, און דערקלערט ראשית פרעה׳ן אַ פרק אין „הלכות סאָציאלאגיע״, דערנאך איבער „פראדוקט און ארבעט״ און די גאנצע פארפלאָנטערטע פראגע פון „פלאָריטאַריער און קאַפּיטאַליסט״ „עקספלאָטאַציע״ „עוואלוציע און רעוואלוציע״ און כדומה קאָמבענירטע פראבלעמעס אן אַ שיעור און אָן אַ סוף; ביז צום עיקר וואלט דער אראטארישער דעלעגאַט נישט געקומען, און דער אלטער פרעה וואלט אלע די הויכע אידעאלן און „די תורת הסאציאלאגיע״ ניט פערשטאנען, האט דערפאר דער אויבערשטער געשיקט משה׳ן וואס זיין צונג איז אים ניט געווען אזוי געשליפן, האט ער צו פרעה׳ן גערעדט קורץ און שארף, און אין אַ פערשטענדליכע שפראך האט משה אים געגעבן זיין — „פוינט אָוו אָרדער״... — שלח עמי! באַפריי מיין פאלק!

— איך גלויב — האב איך געזאגט — אז מר. בערקאוויטשעס פשוט׳ע — אבער באהערצטע — דיבורים „דברים היוצאים מן הלב״ האט בעסער געווירקט און האבן טיפער אריינגעדרונגען אין די הערצער — „נכנסים ללב״ מערער ווי די רעדעס פון די גרעסטע טאַלאַנטפולע רעדנער און אראטארס.

נאר בנוגע זיין קריטיק אויף רעוו. כהן׳ס ענגלישע רעדע, וואס דער קריטיקער הער בערקאוויץ; האט — זאל ער מיר מוחל זיין — קיין ווארט ניט פארשטאנען, האב איך זיי דערציילט פאָל־גענדן אינטערעסאַנטן אנעקדאט.

אין ענגלאנד דערציילט מען: ווען דער ענגלישער אינזשיניר און געלערטער: ראָבערט סטיוווינזאָן; האט אין יאר 1830 דערפונען דעם דאמף־קראפט, און דער פלאן זיינער צו אויסלייגן אייזן־באַנען איבער גאנץ ענגלאנד, איז שוין געווארן אנגענומען אין ענגלישן פארלאמענט און אין די „אויבער־הויז פון לארדן״, האט דער דער־

פינדער, סטיווינסאָן אנאָנסירט אין אלע צייטונגען: אז ער איז בערייט צו קומען אויף פערזאמלונגען וואס זאל צונויף גערופן ווערן פון די מאַסן, ווו ער וועט דערקלערן אין אַ פּאָפּולערע שפּראַך, דעם שכל פון זיין דערפינדונג: די דאמף־קראפט, דער לאָקאָמאָטיוו און ווי די צוגן וועלן לויפן איבער די אייזן־באַן־רעלצן.

אויף אזא מאסן פערזאמלונג פון די קוילן־גרעבער, האט סטיווינזאָן גערעדט פאר אנדערהאלבן שעה, און דורך אַ מיניאַטור לאקאמאטיוול וואס ער האט אויפן טיש, פאר זייערע אויגן, געלאזט לויפן אויף קליינע רעלצלאך, און זיי דערקלערט אויפן איינפאכסטן פּאפּולערסטן אופן, ווי זיין אייזן־באן פלאן וועט ארבעטן. האט דערנאך — דער פארזיצער — אין נאמען פון לעקטשורער — איינ־געלאדן פראגן פון דער מאַסע, און זיי געבעטן: אז קיינער זאל זיך ניט שעמען, די מינדסטע פראגע צו פרעגן; דער לעקטשורער וועט אויף אלץ ענטפערן און דערקלערן.

נאך אַ קורצע ווילע שטיל־שווייגן, הייבט זיך אוף איינער, אַ קויל־מיינער און זאגט: — איך באדאנק ראשית דעם געערטן לעקטשורער, אין נאמען פון אלע מיינע קאָלעגן די איינוועזנדע, פאר זיין געלונגענע באלערנטע לעקציע, וואס ער האט אונדז גע־געבן צו פארשטיין זיין געניאלע דערפינדונג. אבער איין קליינע פראגע וואלט איך וועלן פרעגן דעם געערטן דערפינדער; ער זאל אונדז געבן צו פארשטיין — ווערליק ער האט דאָ דערמאנט: וועגן זעכציק פערדן קראפט, הונדערט־און־צוואנציק פערדן קראפט, וואלטן מיר וועלן וויסן: ווו וועלן די אלע פערד שטיין פון פאָרנט פון דעם לאָקאָמאָטיוו, אדער פון הינטן?... וועלן די פערד שלעפן, אדער, וועלן זיי שטופן?...

פון אַ קאַרגן איז אַ מצוה צו נעמען אין טאָפּל...

אדוואקאט מאָריס איז געווען דער פּרעזידענט פונעם „קרן היסוד" אקציע אין דרום אפריקע, אין די יאָרן 1933־34. דערציילט ער פון אַן אינטערעסאנטן עפּיזאָד וואס האט פּאסירט ווען ער איז געגאנגען אין יאָהאַנעסבורג זאמלען נדבות פאר דעם אויבנדער־מאנטן פאנד.

ער איז געקומען צו אַ יאָהאַנעסבורגער סוחר, אַ גרויסער גביר און דערצו אַ גרויסער קמצן.

— איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האַלט ניט פון אייערע ציוניסטישע פאָנדן, און איך בין זיך פון תמיד נוהג ניט צו געבן, היינט צו וואָס זיינט איר געקומען צו מיר, אומזיסט אייער טרחה, האָט דער גביר שטרײַנג אָפּגעזאָגט.

— אויף דעם הערכה ליסט — האָט אים אַדוואָקאַט מאָריס געענטפערט — האָט איך געשריבן הונדערט פונט.

— איך וועל אייך געבן בלויז פופציק פונט — האָט ער זיך גענומען דינגען.

— מילא, איך זע דאָך אַז איך וועל מיט אייך גאָרניט מאַכן, וועל איך נעמען פינף־און־זיבעציק פונט.

אַ טשעק אויף דידאָזיקע סומע, איז גלייך אויסגעשריבן געוואָרן און דערלאַנגענדיק זיין נדבה, האָט דער נדבן באַמערקט: איר ווייסט, איר זיינט גאָרניט קיין געניטער געלד־זאַמלער, ווען איר וואָלט געוואָלט זיין באַ זיך, אַ ביסל פעסטער, וואָלט איך אייך געגעבן אַ גאַנצן הונדערטער, איר זעט, איך שטעל די נדבה — סיי־ווי־סיי — צו אויף מיין שותף׳ס חשבון...

— „דאָס איז אָללרייט" — האָט אים דער אַדוואָקאַט מאָריס געענטפערט, איך האָב ערשט נישט לאַנג געקראָגן פון אייער שותף אַ נדבה אויף צוויי הונדערט פונט, און ער וועט שוין אויף געוויס צושטעלן אַ העלפט אויף אייער חשבון...

בעטן געלט קען דאָך דער פויער אויך.

ווען דר. שמריהו לעווין ז"ל איז געווען אין דרום אפריקע לטובת דעם קרן היסוד, האָט ער אין זיינע גלענצענדע באַגייסטערטע רעדעס וויניק־וואָס דערמאָנט, אַז דער עולם זאָל געבן געלט. האָט אים איינער פון די ציוניסטישע פירער אויסגערעט: הלמאי, ער איז נישט מעורר דעם עולם צו געבן געלט, האָט אים דר. לעווין דער־ציילט פאָלגענדן עפּיזאָד:

אַ מילנער אין אַ קליין ליטוויש שטעטל, האָט אויסגעמאָלן צען זעק מעל פאַר אַ סוחר אין שטאָט, ווען ער האָט געדאַרפט דורך

זיין פויער די מעל אפשיקן צום סוחר, האט דער מילנער געבעטן זיין געראָטענעם איידים, דעם משכיל און ווילקענער, ער זאל אָנ־שרייבן אַ פיינעם קנאַקעדיקן מליצה־בריוו צום סוחר, אים ווייזן וואס פאר אַן אַנטיק פון אַן איידים ער האט זיך איינגעהאנדלט.

דער איידים האט אנגעשריבן זייער אַ פיינעם צאַצקאָוונעם העברייאישן בריוו, און דערלאנגט דאס זיין שווער — דעם מילנער — ער זאל עס איבערלייענען, ווען דער שווער האט דורכגעלייענט זיין איידימס פיינעם בריוו, האט ער זיך געשמאָלצן פון נחת, און רופט זיך אָפּ צו זיין איידים דעם משכיל: הער זונינקע, דער בריוו איז אויסגעצייכנט גוט, און דער לשון איז גינגאָלד, אבער פארוואס האסטו אים גארניט דערמאנט ער זאל באַצאָלן דעם ערל די געלט פארן מאָלן זיינע קאָרן?

— אבער שווער לעבן, איר האָט דאָך דעם סוחר נאר געוואלט ווייזן וואס פאר אַ ספרא רבא איך בין, און געלט בעטן, קען דאך דער פויער אויך...

דער „אודך" שטייט נאָך...

אַ געוויסע לאַנדסמאַנשאפט סאָסייטי אין יאהאנעסבורג, האט אויסגעקליבן דריי פון אירע פירער זאָלן אריבערגיין צום גאַסט, דר. שמריהו לעווין און פארפירן מיט אים אַ שמועס מכח ציוניסטישע און ארץ ישראל'דיקע ענינים, ער זאל דערקלערן געוויסע פראַגעס און פראָבלעמען; אויף וועלכע ס'איז געווען אין פעראיין חלוקי דיעות.

דר. לעווין האט די דעלעגאציע זייער פיין אויפגענומען, און געבעטן מען זאל ארויס קומען מיט לשון:

דער ערשטער דעלעגאט, אַ העברייער; האט גערעדט אין עברית און פארגעלייגט אלע טענות און תביעות וואס זיי האבן צו דער ציוניסטישער עקזוקאטיווע און זייערע פארטרעטער, דער דאָ־מאלסדיקער „ועד הצירים" אין ארץ ישראל.

דר. לעווין, נאכדעם ווי ער האט אויסגעהערט אלצדינג וואס דער דעלעגירטער האט געפרעגט און אלע פראבלעמען וואס ער

האט באַרירט. האט ער — אויך אין העברייאיש —: געגעבן אַן אויספירליכן דערקלערונג. און אויסגעפירט האט ער: אז באַ אונדז אידן פעלט דיסציפלין און צוטרוי צו אונדזערע פירער. איר ציוניסטן אין אלע לאגרן און קיבוצים פון גאר דער וועלט — האט דר. ל. געזאגט — דארפט זיך האלטן אין דיסציפלין פונקט ווי סאָלדאטן אין דער ארמיי, און איר מוזט האבן פולן צוטרוי צו די „גענעראלן", די „קאַפּיטאַנען", די פירער אונדזערע, אנדערש וועלן מיר אונדזער אידעאלן־ענד־ציל נישט דערגרייכן.

דערנאָך האט דער צווייטער דעלעגאט גערעדט אין ענגליש, און געפרעגט האט ער, כמעט די זעלבע פראגן וואס דער ערשטער, נאָר אביסל בנוסח אחר, ער האט דאך עפעס גערעדט אין „קעניגס־ענגליש" האט דאך שוין ממילא געמוזט זיין אַ ביסל אנדערש...

דר. ל. האט זיך נישט געפוילט און האט, אַ ביסל אין ענגליש, אַ ביסל אין אידיש, ווידער־אמאָל איבערגערעדט און דערקלערט אלץ וואס ער האט אקארשט גערעדט אין העברייאיש, איז דאך שוין — דאכטצעך — גענוג. ניין, ס'איז דאך אבער געווען אַ דריטער דעלעגאט, און דער איז געווען אַ הייסער אידישיסט, האט ער ווידער־אמאל, אין אידיש, איבערגעפרעגט דאס זעלבע וואס די ערשטע צוויי דעלעגירטע האבן גערעדט.

דאָ האט זיך דר. ל. אבגערופן: איר ווייסט אין וואס איר דערמאנט מיר, דאס איז פונקט ווי יענער עפיזאד וואס מען דער־ציילט אין ניו־יארק — אמעריקע; איינער אַ דייטשישער יאַהודי איז געשטאַנען אמאל אין אַ יום טוב אין שול געזאגט הלל, ווען ס'איז געקומען צום פסוק: „אודך כי עניתני" געפינט דער יאהודי געדרוקט אין קליינע פעטיט אותיות „ווידערהאָל אודך" האט ער איבערגעזאגט נאכאַמאל: אודך וכו'. זעט ער אבער אז עס שטייט „ווידערהאָל אודך" ווידערהאלט ער נאָכאמאל, אַ דריטן מאָל, אַ פערטן מאל, ביז ער איז אין כעס געווארן און דערלאנגט אַ שליידער דעם מחזור מיט אַ בייזער: „דאָנער וועטער"! איך האב שוין ווידער־האָלט דעם אודך אזוי פיל מאָל; און דאס קליינער — אודך שטייט נאָך!...

דער פאַסנסטער נאָמען...

דר. לעווין אין איינע פון זיינע רעדעס האט געזאגט: מען זאגט אז מיין נאמען פאסט מיר זייער גוט; „שמריהו" מיינט געהיט פון גאָט, און דער רבש"ע האט מיר טאַקי אויסגעהיט פון אַסטראגן, תפיסות, פאגראָמען און אלע פגעים רעים, איך זאג אָבער; אז מיר וואלט בעסער געפאסט דער נאמען „שנריהו" ווארום, האט איר ווען געזען אין אייער לעבן אזא „שנאָרער" ווי איך בין? מיינט איר אפשר אז די דאזיקע שווערע ארבעט ווערט מיר איבערדריסיק, ניין, לחלוטין נישט! שנאָרן איז אויך אַ קונסט, וואס ניט אַ יעדער איינער איז זוכה דערצו, אדרבה, פרובירט ווער פון אייך, צו עפענען דאס פארשלאָסן הארץ פון אַ אידן, און זיין פארשלאסן פאַקעט צוזאמען!

„וקבצנו יחד" — האט דער דר. ל. אויסגעפירט — דער אמת איז: אז מיר זיינען אלע קבצנים, און מיר האבן זיך נישט וואס צו שעמען, איינער בעט און דער צווייטער גיט, און עס מאכט זיך פארקערט; דער צווייטער בעט, און דער ערשטער גיט... אט אזוי דרייט זיך דאס בא אונדז דער רעדל... ווי אונדזערע חז"ל האבן געזאגט: „ס'איז אַ גלגל החוזר בעולם..."

אַ פליג האט אים געראטעוועט.

דר. לעווין דערציילט: איינמאל ווען ער האט גערעדט פאר אַ גרויסן מאסן־מיטינג, איז דארט אים אנטקעגן אויפן ערשטן באַנק געזעסן אַ דיקער איד, מיט אַ פעטן בויך, אין מיטן דער רעדע: איז דער איד אנטשלאָפן געווארן, און ער האט ארויסגעלאזן אַ גריל־צענדיקן, פייפענדיקן כראָפּען וואס האט דעם רעדנער זייער אויפ־גערעקט, די דערביי־זיצער; האבן זיך געשעמט און ניט געוואלט דעם „כראפער" אויפוועקן. מחמת דאס איז געווען איינער פון די „געלד־זעק" און דערצו אַ גרויסער נדבן.

— ווייסט איר וואס איך האב געטאן — דערציילט דר. ל. אין געלעכטער, איך האב אויפגעהייבן מיין שטימע און געגומען דונערן מיט קולי־קולות און צו טופען מיט די פיס: אידן! ביז וואַנען וועט

איר שלאָפן?! עס איז שוין געקומען די צייט צו טאָן וואס פאר אונדזער פאלק, פאר אונדזער לאנד!

דער איד האט אבער זיך געשמאַק געשלאָפן, דערווייל האט זיך פון ערגעץ באוויזן אין דער לופט אַ פליג; וואס האט געזשימעט אָן אן אויפהער, ס׳איז געווארן אַ מין „קאָנצערט״ דער איד כראָפּעט און פייפט אויפן קול, דאס פליג שזומעט און גרילצט, האב איך מיר שוין נישט געקאנט באַהערשן, האב איך אויסגעשריען אין אַ היס־טערישן קול: אידן, גענוג שוין אייך צו שלאָפן! שטייט אויף און דערוואכט פון אייער צוויי טויזנט יעריקן ליטעראַנישן שלאָף!

דאסמאל האט מיין שרייען אויפגעוועקט דעם אידן. ער האט פארנאנדער געעפנט זיין מויל און גענומען גענעצן אויפן קול, איז דער זשימעדיקער פליג אריינגעפלויגן גלייך אין זיין אפענעם מויל, דער איד האט גענומען הוסטן און שפייען און פארלאזן זיין פלאץ — אַט אזוי בין איך פטור געווארן פון איד און די פליג צוזאמען...

פונוואנען און וווהין?

מען האט אַ מאָל געפרעגט שמריהו לעווין: פונוואנען קומט איר? האט ער געענטפערט: איך שעם זיך אויסצוזאגן.

— און צו וואס זיינט איר אהער געקומען?

— איך האב אַ וועקסל אויף הונדערט טויזנט פונט, און איך האב ניט ווער ס׳זאל עס דיסקאָנטן (אויסצאָלן)... איך בין אבער זיכער אז צווישן אונדזערע אידן דאָ, וועל איך געוויס געפינען איי־נעם אַ באַנקיר וואס זאל טאָן מיין פארלאנג...

— הונדערט טויזנט פונט! האבן די בייוועזענדע פארוואונדערט אויסגעשריען. — פון וועמען איז עס דער וועקסל, און פאר וועמען?

— האט דר. לעווין געענטפערט תמימות׳דיק; דער וועקסל איז פון ארץ ישראל, געצויגן איז ער אויף אונדזער פאלק ישראל, און ס׳איז פאר אייך עס צו דעקן...

אַ פריילן און טשואינג גאַם...

איינמאל האט שמריהו לעווין גערעדט פאר אַ מאַסן־פער־זאמלונג אין שיקאגא, ווען ער איז געקומען אין עקסטאַזיע און זיין התלהבות האט דערגרייכט דעם העכסטן פונקט, האט ער באַמערקט ווי אַ פריילן זיצט אים אנטקעגן, קוקט אים גלייך אין די אויגן קייט „טשואינג גאַם" סמאַטשקעט מיט די ליפן און האלט אין איין קייען, דאס האט אים זייער אויפגערעגט, און ער האט פרובירט צו ווענדן זיינע בליקן אין אַנאנדער זייט, די מיידל אבער האט זיך אויפגע־הייבן פון איר פלאַץ און זיך געזעצט נאָך נעהעטער צום רעדנער, קוקט אים אין די אויגן און נאך מיט מער אפעטיט זיך ארייגעלאזן אין איר קייען דעם „גאַם" דאָ האט שוין זיין געדולד געפלאצט, און ער האט אויסגעשריען אויפן קול: רבש"ע! ביז ווי לאנג נאך וועלן דיינע זין און טעכטער האלטן אין איין קייען און מעלה גרה זיין אין פרעמדע פעלדער?! איינס פון די צוויי, אדער זיי זאלן דאס געשווינט אין איין אטעם ארונטערשליגגען, אדער זיי זאלן דאס סוף־כל־סוף ארויסשפייען... די פריילן האט ווי עס שיינט פארשטאנען דעם ווונק און אויפגעהערט קייען.

עם ישראל חי!

דר. שמריהו לעווין אין איינע פון זיינע גלענצענדע רעדעס, האט גערעדט מכח דעם; וואס ערשט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק האבן דאס־רוב פון די אומות העולם, ווי אויך דער גרעסטער טייל פון אונדזערע אסימילאטארן און רעפארמער — אונדז פארעכנט; אז אלס אַ פאלק, זיינען מיר שוין לאנג געשטאָרבן, און פאר דער גרויסער וועלט, זיינען מיר שוין אזוי גוט ווי טויט... אנדערע האָבן אונדז געוואלט ברייגגען צו קבר ישראל, און אויפשטעלן אַ גרויסע מצבה פון חכמת ישראל... ס'האט אבער קיין זאך נישט געהאלפן, ס'איז געקומען דער רענעסאנס אונדזערער, און מיר זיינען ארויף ווידער אויף דער וועלט ארענאַ און האבן פראקלאמירט גלוי לכל העמים; אז ע ם י ש ר א ל ח י! מיר זיינען קיינמאל נישט גע־שטארבן, און מיר לעבן נאך! און אלס אזעלכע, וועלן מיר צוריק אויפלעבן, בויען און אויפבליהען אונדזער צוויי טויזנט יעריקע

פארוויסט היימלאנד ארץ ישראל! און דר. ל. האט דערציילט פאַל־גענדן אינטערעסאנטן עפּיזאָד:

אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער קריג; האט פּאַסירט אויפן שלאכט־פעלד דערדאזיקער קאָמי־טראַגישער פאל: אין אַ באַראַק וווּ מען האט צוזאמען געווארפן אלע טויטע קערפּער פון די געפאַלענע סאָלדאַטן האט זיך געפונען אַ אידישער סאָלדאַט, וואס איז געפאלן נישט פון די קוילן פונעם שונא, נאר פון שטארקן פראסט; איז ער פארפרארן געווארן און געפאלן אין אונמאכט, דארט אונטערן דרוק פון דעם בארג טויטע קערפּערס מיט זייערע דיקע שינעללן, וואס מען האט אויף אים אנגעווארפן, האט זיך דער אידישער סאָלדאַט דערוואַרעמט, דער פראָסט האט נאכגעלאזן און ער איז ביסלעך־ווייז געקומען צו זיך, איז ער ארויסגעקראָכן פון אונטער די טויטע קערפּער, זיך אנידער געשטעלט צופאַכעט אַ ביסל מיט די הענט און זיך געשפּירט לעבעדיק. איז ער צוגעגאנגען צום אפיציר וואס איז דארט ביים טיר געזעסן איבער׳ן לייסטער בוך. דער אפיציר דערזעענדיק דעם „טויטן" סאָלדאַט גייענדיק צון אים, איז אַ צושראָקענער אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי: טשאָרט פּאָוואָרי! שטאָ עטאָ? (צום טייוול, וואס איז דאס?!)

דער אידישער סאלדאַט האט זיך אבער קאלט־בלוטיק אַ שטעל געטאָן אנטקעגן דעם צושראָקענעם אפיציר, „פּאָט קאָזשעראָק", און אים געבעטן, ער זאל אים לאזן ארויסגיין פונעם טויטן־באראק, אַ ביסל כאַפּן פרישן לופט, זיך צו טשוכען און אַ ביסל זיך אַטכאַייען.

דער אפיציר אבער מיט אַ בייזן אנגעצייגענעם מיליטערשן פנים, האט אויסגעשריען, ניין! איך וועל דיר פאר קיין פאל נישט דערלויבן ארויסצוגיין, גיי לייג זיך צוריק צווישן די טויטע, דו בינסט שוין דאָ אין לייסטער־בוך פארשריבן, אלס אַ טויט־געפאלענער סאלדאט!...

דער איד האט זיך גענומען קלאַגן און בעטן, זע, האב אויף מיר רחמנות, קוק אויף מיר, באטראכט מיר, איך לעב דאָך, איך בין נישט געשטארבן, איך פיל אויף אלע מיינע אברים און חושים, אט גיי איך, אט מארשיר איך, איך בין נאר אַ ביסל פארפרארן געווארן

פון קעלט אויף דרויסן אויפן פעלד, איך האב מיר אבער דער־וואַרמט; בין איך שוין צוריק לעבעדיק און שטאַרק, זע לאז מיר ארויס!

דער טשינאָווניק האט אבער אויסגעשריען ניט מיט זיינע קולות: וואס מיינסטו, דו דזשיד! אז איך זאל צוליב דיר אויסרייסן אַ גאנצן בלאַט פונעם טויטן־בוך?! נאַ זע, דיין נומער צווישן די טויטע, איז העט אויבן, נאָך דיר קומען צענדליקע נומערן פון טויט־געפאלענע סאלדאטן, איך קאן דאס נישט טאָן, און טאָר דאס נישט טאָן! גיי לייג זיך צוריק צווישן די טויטע, דו בינסט אַ טויט־גע־פאלענער סאָלדאַט!...

פונקט אזוי זיינען מיר, איצט נאָך אכטצן הונדערט יאָר גלות, ארויס געקראָכן פון אונטערן באַרג פגרים־מתים, וועלכע זיינען טויט געפאלן איבער אונדזערע קעפּ, און פאר אונדזערע אויגן: אַט די אַלע פארצייטיקע מעכטיקע פעלקער, וועלכע האָבן צו זייער צייט געלעבט און געשפּילט גרויסע ראָלעס אין דער וועלט געשיכטע; ווי די מצריים, די כנענים, עמלקים, מדינים, עמונים, מואבים, כשדים, פרסים, גריכן און די רוימער, זיי זיינען אלע טויט און פארשוואונדן, מיר אבער פּראָקלאַמירן פאר דער גאָרער וועלט: שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה! מיר לעבן, מיר עקזיסטירן! און מיר האָבן אלע סימני־חיים פון אַ לעבעדיקעס ענערגישעס פאָלק! מיר האָבן לשון... אונדזער נאַציאָנאַלע העברייאישע שפּראַך! מיר פאַרמאָגן אַ רייכע קולטורע, פון דעם ספר־הספרים — דעם תנ״ך, ביז צו די נייע מאָ־דערנע העברייאישע ליטעראטור, און מיר האָבן אַ לאנד ארץ ישראל!

די אנטיסימיטן אָבער, מיט זיי, אונדזערע אייגענע שוטים, די אַסימילאַטאָרן, ווערן צוריסן שרייענדיק און ווילן איינרעדן די וועלט: אז אלס אַ פאָלק זיינען מיר שוין פון לאנג פארשריבן גע־ווארן אין טויטן לייסטער. מיר וועלן זיי אבער, אלעמען אריבער־לעבן; פונקט ווי מיר האָבן אריבערגעלעבט די אלע המן׳ס פון אלע צייטן!

מיט דעם ווידער אויפלעבונג פון אונדזער פאָלק, שפּראַך,

קולטור און לאנד, וועלן מיר איבערצייגן די וועלט אז עם ישראל חי!

ס'איז געווען אין 21טן יאָר גלייך נאָך די ערשטע אומרוהען און איבערפאַלן פון די אראבער אין ארץ ישראל, די שטימונג צווישן די אידן אין יאָהאַנעסבורג און איבערן גאַנצן לאַנד, איז געווען זייער אַ געדריקטע און אַ מיואש'דיקע. האָט דעמאָלט דר. לעווין אין וואַנדערער'ס האָל, פאַר אַ מאַסן פערזאמלונג פון טויזנטער אידן און קריסטן, געזאגט פאָלגענדן פאַסענדן מדרש:

וואָס איז דער משל, צו וואָס די אידישע צרות זיינען צו־געגליכן? פרעגט דער מדרש: צו אַ פאָטער מיט אַ זון וואָס זיינען געגאַנגען צו פוס אויף אַ לאנגן, לאַנגן וועג, ווען דער יונגער זון איז שטאַרק מיד געווארן פון גיין, זאָגט ער צום פאָטער: טאַטע! ווו איז פארט די מדינה? (וווהין מיר גייען) זאָגט דער פאָטער צום קינד; זון מיינער, דעם סימן זאָלסטו האָבן: אז דו וועסט זען אַ בית הקברות פאר דיר, זאָלסטו וויסן אז די מדינה איז זייער נאָהנט... אזוי זאגט דער נביא צו ישראל: אז איר וועט זען אַז די צרות נעמען אייך ארום פון אלע זייטן... און באדעקן אייך... (זאָלט איר וויסן) אַז גלייך וועט איר דערלייזט ווערן, און ס'וועט קומען די גאולה השלמה...

אָט דער גרויסער בית הקברות! — האָט דר. ל. אין עקסטאַזיע אויסגעשריען; וואָס מיר האָבן פריער מיט פופציק יאָר צוריק אויס־געלייגט מיט קברים פון די ערשטע מאַלאַריע־פיבער און כל המחלות, און איצט די קרבנות פון אונדזערע חלוצים וועלכע פאַלן אויף קידוש השם, העם והארץ, דורך די ברוטאַלע ווילדע בעסטיעס — די אַראַבער. דאָס צייגט אונדז, אז מיר זיינען נאָהנט צו אונדזער מדינה!...

יאָ, אזוי גייט עס באַ אונדז אידן, פארקערט ווי באַ די אומות העולם, באַ די לעצטע; פאַנגט זיך פריער אָן די שטאָט, די מדינה און נאָכדעם לאָזט זיך אויס מיט אַ בית הקברות... און באַ אונדז איז פריער טאָקי דער בית הקברות, אבער גלייך נאָכדעם קומט דער ישוב... די אידישע מדינה!...

אוירה דארץ ישראל מחכים.

ווען נחום סאקאלאוו ז״ל איז געווען אין אפריקע אין די אינטערעסן פונעם ציוניזם און לטובת דעם קרן היסוד. האט אַ ראַבי אויף אַ קבלת־פּנים באַנקעט, אין זיין באגריסונג רעדע, גע־בעטן דעם חשובן גאַסט, ער זאל זיך משתדל זיין פאר אים (פארן ראַבי) פאר זיין קאַמיטע; אז זיי זאלן אויף קהל׳ס רעכענונג אים (דעם ראַבי) שיקן נאך ארץ ישראל, כדי ער (דער ראַבי) זאל זיך דארט אָנזאַפּן מיט דעם „אוירה דארץ ישראל״ וואס איז „מחכים״ און אז ער וועט צוריק קומען, וועלן זיי האבן אן עכט קלוגן „ראַבי״...

דערויף האט ה. סאקאלאוו דערציילט פאלגענדן עפּיזאָד:

אין ווארשא איז אַ חסידישער איד אַן עושר; אריינגעפאלן מיט אן איידים אַ טיפּש, וואס האט צו קיין זאך זיך ניט געטייגט, איז דער חסיד אריבער געגאנגען צו זיין רבין, זיך שואל עצה זיין: וואס ער זאל טאָן מיט זיין איידים, ער זאל ווערן אַ קאַפּיטשקע קליגער?

דער רבי האט דעם חסיד זיינעם געראטן: אזוי ווי די גמרא זאָגט אז: „אוירה דארץ ישראל מחכים״ זאל ער זיין איידים אוועק־שיקן אין ארץ ישראל, וועט ער דארטן קלוג ווערן.

דער חסיד האט זיין רבין געפאלגט, דער יונגערמאן איז אהין אוועק געפארן, איז כל זמן ער האט נאך געהאט זיין שווער׳ס עטלעכע רובל, איז ער דארט געווען, ווי ער האט אבער דערזען אז דאס געלט קאנטשעט זיך, האט די ארץ ישראל לופט אויף אים אזוי ווייט געווירקט — קלוג צו מאכן, וואס ער האט זיך תיכף אויפ־געהייבן און איז האסטיק צוריק געפארן צו זיין רייכן שווער אין ווארשא...

ווען דער איידים איז צוריק געקומען, האט דער שווער צום באַדויערונג איינגעזען: אז דער איידים זיינער איז נאך אלץ טעמפּ און נאריש, איז דער חסיד אוועק מיט תרעומות צו זיין רבין און אים געפרעגט: סטייטש רבי: איר האט דאך מיר געזאגט אַ סגולה פון דער הייליקער גמרא, אז די לופט פון דער הייליקער לאנד וועט אים קלוג מאכן: און אט איז ער צוריק געקומען דער „גן־איידים״ מיינער, דער זעלביקער ווי געווען?!

— האט דער רבי געענטפערט: וואס מיינסטו צוליב דיין אײדים, דער שוטה; וועט השי״ת משנה הטבע זיין? די הייליקע גמרא בלייבט גמרא, און די הייליקע לאנד ארץ ישראל, בלייבט — ארץ ישראל, און טיפש, בלייבט — טיפש!...

לא לחנם הלך הזרזיר וכו׳.

דר. אַלשוואַנגער דערציילט:

דאס האט פאסירט נאך גאר אין די ערשטע יארן פון זיין ארומרייזן, איז אים אויסגעקומען צו זיין אין אַ שטאט פון יענע זוניקע לאנד: דרום אפריקע, ווו די זון גליט און די לופט בריט, אין דער זעלבער צייט, ווען פון אנדער זייט ים שניידט עס און ס׳איז פראַסטיק... ווו די אידן דארט זיינען, אָן עין הרע, רייך און אויך קלוג. פקחים וואס פארשטייען אן עסק, [„אַ ביזנעס״ הייסט עס בא זיי.] און זיי זיינען אידן, וואס נישט נאר זיי זיינען איבערפילט מיט בלויז התלהבות, נאר צאלן פאר זייערע אידעאלן מיט גוטע געלט; תבין ותקילין.

ווי דער שטייגער איז: האטן פאר דר. אל. אראנזשירט אַ מיטינג פון יענע אויסגעצייכענטע מיטינגס, אין אַ גרויסן בעקוועמען זאַל, וואס איז געווען גוט באַלויכטן און ווונדערשיין דעקאַרירט.

צום פערזאמלונג זיינען געקומען אלע אידן פון שטאט, ווי אויך אַ סך אַנגעזעענע קריסטן, און ער האט דארט געהאלטן אַ רעדע, און דוקא ניט שלעכט גערעדט, די אידן האבן אים גוט אויסגעהערט און פייערדיק אפלאַדירט, און דער עיקר; ס׳איז מאַמענטאל צו־זאמענגעלייגט געווארן גלייך אויפן טיש, אַ באדייטענדע סומע געלט.

נאכדעם האט זיך דארט איינער אויפגעשטעלט, און אין נאמען פון אלע פערזאמלטע, האט ער אויסגעדריקט אַ דאנק צום רעדנער, דאס איז געווען אַ איד וואס גאר אמאל, מיט אַסך, אַסך יארן צוריק, האט ער זיך געהאלטן פאר אַ בר אוריין, און וועלנדיק ווייזן אז ער איז נאך ביז היינטיקן טאָג: אַ למדן, האט ער געזאגט בזה הלשון:

— נאך מיט אַ לאנגע צייט צוריק, איידער אונדזער חשוב׳ער גאסט איז געקומען צו אונדז, האבן מיר שוין געהערט און געוווסט

וועגן אים. אבער היינט זיינען מיר ערשט דערגאנגען ווי „אימ־פארטנט" ער איז. און ס'איז גאר קיין וואונדער ניט, מחמת, דער ציוניזם גופא איז דאָך געוויס אַ „אימפּאָרטנט" אינטערעס, און אונדזער גאסט, איז אויך אַן „אימפּאָרטנט" מאַן, איז שוין ממילא מובן: אז „אַן אימפּארטנט" מאַן, קלויבט זיך אויס „אַן אימפּאָרטנט" ביזנעס... ווי אונדזערע חז"ל האבן געזאגט:

— „לא לחינם הלך הזרזיר אצל העורב אלא מפני שהוא מינו"... [נישט אומזיסט איז געגאנגען דער פלעדער מויז צום ראָב, נאר ווייל ער איז פון זיין מין...]

במקום הרשע שם המשפט...

עגלעכס דערציילט דר. אָלשוואַנגער:

נאכדעם ווי ער איז ארומגעפארן שיינע עטלעכע חדשים, און ער האט גענומען ציהען אויף צוריק צו זיין היים, און פון יענעם פונקט, וווּ ער איז געוועזן ביז צו די שטאָט וווּ ער האט געוואוינט, האט ער נאך געדארפט רייזן גאנצע דריי מעת־לעת, אויפן וועג האט ער געדארפט פארביי פארן אַ שטעטל וווּ דער צוג פארהאלט זיך דארטן פאר אַ שעה צייט, האט ער טעלעגראפירט צו חברים פון יענע שטעטל, אז זיי זאלן ארויסקומען אויפן וואַגזאל, כדי דארט צו כאפן אַ שמועס מיט זיי, און אַ ביסל דארט פארברייגגען באַ אַ גלעזל טיי.

ווען דער צוג איז אנגעקומען צו יענער סטאַנציע, האט ער שוין דארט געפונען דעם פרעזידענט פון די ציוניסטן.

— שלום עליכם, וואס מאכט מען? — אַ דאנק זייער גוט, און וואס מאכט איר? א. אזוי וו. — רופט זיך אָפּ דר. אל. צום פרעז.: „הערט נאר גוטער פריינד, איצט פאָר איך אהיים, און אין דריי וואָכן ארום, וויל איך קומען צו אייך, וואלט איך אייך בעטן; אז אין פערלויף פון דער צייט, זאלט איר אזוי גוט זיין, דערוויייל מיר צוגרייטן אַ מיטינג — „כיד המלך".

און אָט וואס דער פרעז. האט דעם דאָקטער געענטפערט: — איר ווייסט דאָך גאנץ גוט, הער דאָקטער! אז אזוי לאנג ווי איר זיינט נישטא אויפן פלאַץ, קען מען קיין זאך נישט טאָן, איז דער־

פאר די בעסטע זאך; מען זאל עס איבערלאזן ביז איר וועט אליין קומען. און אז איר׳ט קומען ווייסט איר דאך: ווי זאָגט דארט דער פסוק: „במקום הרשע, שם המשפט״...

דער פּאָפּולערסטער ציון פירער.

ווען דר. עמנואל אלשוואַנגער האט שוין שיינע עטלעכע יאר געהאט ארומגעפארן אין דרום אפריקע, אין די אינטערעסן פון ציוניזום. און איז שוין געווען גוט מפורסם און באוווסט איבערן גאנצן לאַנד. איז ער אַ מאל אויף אַ מאסן פערזאמלונג פארגעשטעלט געווארן פון דעם פארזיצער מיט די ווערטער:

אין מיין גורל איז געפאלן צו פארשטעלן פאר אייך; דעם שוין גוט באוווסטן און פּאָפּולערסטן ציון פירער, וואס איר קענט אים אלע, סיי דורך די פרעסע און סיי דורך ווארט, אַ סך פון אייך האבן געוויס שוין געהאט די גליקלעכע געלעגנהייט אים צו הערן. איך גלויב קוים אויב ס׳איז נייטיק פאר מיר אים אייך פארשטעלן.

איך בין זיכער אז ער וועט אונדז אלעמען באצויבערן מיט זיין טאַלאַנטפולן רעדנס־קראפט. אלזוי איך האב דעם כבוד אייך פארצושטעלן אונדזער באליבטן גאַסט — — — — דאָ האט זיך דער פארזיצער צוגעבויגן צום רעדנער און פרעגט אים: זיין נאמען, ווי ער הייסט...

ער צווייפלט אין לאָרד באלפור׳ס ענגלישקייט...

איינמאל, ווען דעם דר. אלשוואנגער איז אויסגעקומען צו זיין אין די שיינע שטאָט דורבאַן [פּאָרט נאַטאַל], און דאס דארפט איר וויסן, אז דורבאן איז כמעט די איינציקסטע ענגלישע שטאָט אין ד. אפ. וואס איז באוווינט כמעט דורכאויס פון ענגלאנדער. האט זיך אים דארט געמאכט צו רעדן מיט אַ באַיאָרנטן אידן, דער איד איז געווען אליין אַ געבוירענער אין איינע פון די „גרויסע כרך׳ן״ אין ליטע; ער (דער דאקטער) געדיינקט ניט צו אין יאַשווען, יאַנשיק אדער גאר זשאַגער, ווי די מעשה איז, דער איד איז אריבער־געקומען אין אפריקע מיט אַ פערציק יאָר צוריק, און רעדט שוין

קיין אנדער שפּראַך ניט אַ חוץ ענגליש, מיט איין וואָרט: ער איז „אַ פאַרבריטענער בריטישער" הונדערט פּראָצענט ענגלישמאַן...

דאָקטאָר אַלשוואַנגער האָט צום אידן גערעדט און גערעדט, און דער איד האָט זיך געהאַלטן בא דאָס זייניקע. „אַקאָרדינג מיי נאַשיאָנאַליטי", בין איך אַ בריטישער [1]), קען איך פּרינציפּיעל ניט געבן און ניט שטיצן קיין אַנדער נאַציאָנאַלע באַוועגונג.

— מילא בכן — זאָגט דר. אל. אַט איז דאָך דער לאָרד באַלפור אויך אַן ענגלישמאַן. פונדעסטוועגן, איז ער זייער פאַראינטערעסירט אין דער אידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג?!

אויף דעם האָט דער ליטוויש־אידישער־ענגלישמאַן גע־ענטפערט:

— איך ווייס? מען זאָגט טאַקי, אַז לאָרד באַלפור איז נישט קיין „פּיור ענגלישמאַן" [2]) לויט זיין אָפּשטאַם, זאָל ער זיין אַ פראַנצויז...

דער סקעפּטיקער.

אין דער צייט פון דער גרויסער וועלט מלחמה, האָב איך געהאַט אין יאָהאַנעסבורג אַ בעקאַנטן, וואָס געווען איז ער: אַ שאַרפער למדן, אַ חריף, אַ משכיל און געווען גוט באַהאַוונט אין די מאָדערנע העברעאיש־אידישע ליטעראַטורן, דערצו איז ער אָבער געווען אַ גרויסער פּעסימיסט, אַ צווייפלער, „אַ סקעפּטיקער" און בכלל אַן „איפכא מסתברא'ניק". אין אַלץ האָט ער געצווייפלט, קיין זאַך און קיינעם נישט געגלויבט: „אַלץ וואָס די טעגלעכע צייטונגען שרייבן: — האָט ער געזאָגט — איז כיזב ושקר", „בלאָף־מיט־בלאָף" קיין וואָר וואָרט איז דאָרטן נישט פאַראַן... ווי עס לוינט זיך זיי צום פּאָליטיק; אַזוי שרייבן זיי.

געווען איז ער גראַד אויפן דייטשנ'ס צד... שטענדיק זיך געשפּאַרט און געאַמפּערט; אַז דער ענגלאַנדער וועט בשום אופן ניט איינעמען ארץ ישראל, ער פלעגט פאַרבאַנדער עפּענען זיין האַנט און ווייזן פאַרן עולם: איר זעט; ווען אַט־אָ־דאָ וועט וואַקסן

1) לויט מיין נאַציאָנאַליטעט. 2) אַ ריינער ענגלאַנדער.

האָר, ווען דער גענעראַל אַלענבי אַריינמאַרשירן מיט זיינע חיילות אין ירושלים...

איך געדיינק נאָך יענעם היימלעכן פרימאָרגן אין בית המדרש, ווען דער עולם האָט זיך דערוווּסט דורך די מאָרגן־צייטונגען אַז אַלענביי מיט זיינע אַרמייען האָבן אַריינגעמאַרשירט אין די טויערן פון ירושלים, די שמחה פון די מתפללים איז געווען זייער גרויס, מען האָט זיך אָבגעגעבן מזל־טוב איינער דעם צווייטן און ס׳איז נאָך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהייסן זאָגן הלל... איז דעמאָלט מיין פריינד, דער סקעפּטיקער אַרומגעגאַנגען צווישן עולם, אַ ברוגז׳ער, אַנגעבלאָזן און געוואָרפן זיינע ביטל־בליקן אויף אַלעמען...

בין איך צו אים צוגעגאַנגען און אים געבעטן, ער זאָל מיר אָקאָרשט ווייזן זיין האַנט, אויב ס׳איז נישט דאָרט אַנגעוואַקסן קיין האָר... און דער עולם האָט זיך צולאַכט. האָט ער מיט גאַל, מיט ביטערן סאַרקאַזם אויסגעשריען:

— טפשים וואָס איר זיינט! לשמחה מה זו עושה?! וואָס פרייט איר זיך אומזיסט? איך זאָג אייך אַז אַלע ידיעות, אַלע טעלעגראַמעס, וואָס אייערע ענגלישע צייטונגען שרייבן אייך, איז כזב ושקר, בלאָף שבבלאָף!... אַלענביי איז מיר אַזוי אַריין אין ירושלים, פּונקט ווי איך בין אַריין אין פּעקינג!...

ביים סוף פון 1917, ווען ס׳איז אין אַפריקע דערהאַלטן געוואָרן די גוטע בשורה פון לאָרד באַלפורס דעקלעראַציע, און די אידן פון יאָהאַנעסבורג און פון גאַנצן „ראַנד” (אומגעגנט) האָבן פייערליך געפייערט די גוטע בשורה, אין אַ מאַסן־פערזאַמלונג אין גרויסן שטאָט־זאַל, ווו די פירער פונעם ציוניזם, גרויסע רעגירונג׳ס פּערזענלעכקייטן, רבנים, און אַנדערע רעדנער האָבן דאָרטן גערעדט, און אידן האָבן זיך פון גרויס שמחה אַרויפגעשטעלט אויף זייערע שטולן און האָבן מיט גרויס התלהבות געמאַכט די ברכה — שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה!

דערנאָך ווען דער קאָלאָסאַלער מיטינג האָט זיך געשלאָסן און דער טויזנטער־קעפּיגער עולם, איז אַרויס פון זאַל, אין העכסטן בעגייסטערונג, דערזע איך ערגעץ אין אַ ווינקל פון קאָרידאָר,

ערשט עס שטייט דארט מיין בעקאנטער, דער סקעפטיקער, און ארום אים אַ קרייז מיט אידן, שטייען פאר אים געבויגן די קעפּ, מיואש׳דיק פארצווייפלט ,און ער שטייט און דרש׳עט שפריצט מיט פייערדיקן סקעפּטישן־גיפט, און די ווערטער פליען ווי פיילן פון זיין מויל און דרינגען אריין אין די הערצער פון זיינע צוהערער. גערעדט האט ער מיט זיין געוויינטלעכן ביטל־שטייגער אומגעפער אַט וואס:

— כיזב ושקר! בלאָף שבבלאָף! ניט ענגלאנד האט געגעבן אזא דעקלעראציע, און נישט לארד „בלאָפער" האט געשריבן צו ראטהשילדן, אַ נעכטיקער טאָג! ס׳איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן! „לא דובים, ולא יער"... דאס איז בלויז אַ היגע פאַברי־קאציע אַ פיקציע אזא, וואס די היגע ציוניסטלעך האבן אייך אַט־אָ־דאָ אין יאהאנעסבורג גופא — אבגעדרוקט אַ טעלעגראמע, און איר בידנע אידעלעך; פרייט זיך מיט דער „דודע"... נאר ניט דאס גאר, זיינען אייערע ציוניסטלעך אויסן; דער עיקר איז — — — דאָ האט דער סקעפּטיקער געוויזן מיט זיינע צוויי פינגער ווי מען ציילט געלט... יאָ, יאָ ברידער אידעלעך, די מטבע, די מאַדניאָ!... אַט וואס זיי זיינען אויסן. באלד, באלד וועט איר ברייט פארנאנדער עפענען אייערע „פאקעטס" אייערע טייסטערס, און אייערע טשעק־ביכלעך און איר וועט דאס דערלאנגען אייערע „ממתקים" ר׳ יעקב משלם, איר וועט שוין, צו איר ווילט, צו איר ווילט נישט, געבן געלט — און גראב געלט... יאָ כ׳לעבן ס׳איז געווען אַ חיטרע המצאה פון זייער זייט; אבצודרוקן אזא דעקלעראציע אַט־אָ־דאָ אין יאָהאַנעסבורג, דאס וועט זיי שוין גוט באַצאָלן!...

ווען די פארצווייפלטע צושטרייטע אידן האבן מיר דערזען, האבן זיי זיך אלע מיט איין קול געווענדעט צו מיר: — נו וואס זאגט איר? — האבן זיי מיר געפרעגט — איז עס טאקי אמת וואס דער איד זאגט: אז די טעלעגראמע איז געדרוקט און פאברעצירט געווארן פון די היגע ציוניסטן, טאַקי דאָ גופא; אין יאהאנעסבורג?!

איך האב פון די אידן צושלאגן דעם נעבל פון צווייפל וואס דער סקעפּטיקער האט אויף זיי אנגעווארפן מיט דעם דאָזיקן עפּיזאָד.

— ויהי היום, און אַ ישיבה־בחור אין קלויז; האט אנגעהייבן צו לערנען אַ נייע מסכת׳ע, עפענט ער די גמרא און פאנגט אָן צו

לערנען פון סאַמע „שער־בלאַט" — „וואס הייסט" — האט דער בטלן געטראַכט: ס׳איז דאָך אַן עמוד פון דער הייליקער גמרא, גע־דרוקט מיט גרויסע, קלענערע און גאר קליינע אותיות באַדאַרף מען דאָס נישט דורכלאָזן...

הכלל לערנט דער בחור, דער בטלן דעם „שער־בלאַט", צו־שאָקלט זיך און הויך אויפן קול מיטן בעקאַנטן גמרא־ניגון צווינגט ער זיך: — „מסכת בבא בתרא" דאָס איז פשוט: היות אזוי ווי ס׳איז דאָך פאראן דריי „בבות" דריי חלקים הייסט עס, איז דידאזיקע מסכת׳ע: „בבא בתרא" דער לעצטער חלק. — עם פירש רש״י, תוספות, מהרשא״ה און אנדערע מפרשים, — פשיטא: פארשטייט זיך; אַז אַן רש״י און די אלע מפרשים מיט זייער פשטים און פשעט־לעך וואלטן דאָך דעם עצם הגמרא נישט פארשטאנען. — נו ווייטער: „נדפס בווילנא" — האָ? דאָ דארפן צו לייגן קאָפּ... וואס מיינט ער דאָ, אין פלוג, מיט דעם וואס ער זאגט: אז ס׳איז געדרוקט געווארן אין ווילנא? זאל איך זאגן אז דער תנא פון שער־בלאַט האט געמיינט אונדז צו לאזן הערן — גאר פשוט: אז דידאזיקע גמרא זאל האבן ווערן געדרוקט טאַקי אין ווילנא, דאס לאזט זיך עפעס ניט שיקן... מוזן מיר „דארומעדי" זאָגן: אז די גמרא איז באמת געדרוקט געווארן — אין ווארשאַ, און ניט אין ווילנא, ווארום זאל דאָס אנדערש זיין, אז וואס? אז ס׳איז טאַקי באמת געדרוקט געווארן אין ווילנא, הײנט מאי קאָ משמע לן? טא וואס לאזט ער מיר, דאָ צו הערן? אלא מוזן מיר דערפון דרינגען, אז דער תנא פון שער־בלאַט שטעלט מיר מיט אַ כיוון — נדפס בווילנא, כדי איך זאל זיך אליין אנשטייסן און פארשטיין; אז די גמרא איז געדרוקט געווארן — טאַקי אין ווארשא!...

די אקארשט פארצווייפלטע אידן וואס די שטימונג צווישן זיי איז ערשט מיט אַ פּאָר מינוט צוריק געווען אזוי געדריקט, אזוי דערשלאָגן, און אזוי מיואש׳דיק, האבן איצט אויסגעשאָסן מיט אַ גוטמוטיקן געלעכטער, און האָבן געלאָזן דעם סקעפּטיקער שטיין, מיט אַן אָפן מויל און מיט אַן אנגעברוגז׳טן פראגע־צייכן אויף זיין פארזויערטן פנים, און מען איז זיך פארנאנדער געגאנגען.

ער זאָל ליבערשט שפּילן...

אויף אַ חנוכה־באַל האָט זיך איינער פון קאָמיטעט אַוועק־געשטעלט רעדן דערקלערן דעם יוגנט די היסטאָרישע באַטייטונג פון דעם מאַקאַבייען יום טוב. דער עולם איז אבער געווען אונגעדולדיק און אנטוישט פון זיין רעדן, אנשטאט צו הערן עפּעס רעכטס האט ער דארט געצייגערט און געניודעט, גערעדט נישט צו דער זאך פארקראכן אין בייבעריק... און דאָ דער יוגנט וויל טאַנצן. פונדעסטוועגן צוליב זיין רייכקייט און מחמת ער איז געווען אַ גרויסער נדבן צו די צדקה פאָנדן, האט מען אים ניט געשטערט.

— פלוצלונג, גיט איינער פון יוגנט אַ קלאַפּ, און שרייט אויס: זאל דער ווערטער רעדנער ליבערשט עפּעס אויפשפּילן אויפן פידל!...

— פידל שפּילן קען איך נישט! האט דער רעדנער געזאגט.

— און רעדן קענט איר דען יאָ?... פרעגט יענער.

דעם „קאַפּיטאַל״ בידים איבערגעפירט...

אויף אַ ציוניסטישן מיטינג, זיינען געקומען אַ גרופּע לינקע סאָציאַליסטן און געפּרווט שטערן דעם רעדנער און אַרויסגעשריען מיט צווישנרופן; עקספּלאָטאַטאר! פּאַראַזיטישער קאַפּיטאַליסט! א. ד. גל.

— דער רעדנער ווענדנדיק זיך צו דער גרופּע האָט צו זיי אויסגעשריען: — שלעפּערשע סאָציאַליסטן! וואס ווייסט איר פון קאַפּיטאַל! צי האט איר ווען פארמאגט וואָסערן קאַפּיטאַל?! טאָמער האט איר שוין יאָ געהאַט „קאַרל׳ס קאַפּיטאַל״ האָט איר ניט געוווסט ווי דאס אויסצונוצן... און איר האט עס בידים איבערגעפירט...

ווער איז ר׳ מענדעלי אוסישקין?...

פאָרנדיק אויפן שיף צו ארץ ישראל, האָבן די דרום אפריקאַנער טוריסטן גרופּע; געזאמלט פון די פּאסיזשירן נדבות — פארן קרן קיימת לישראל.

די צוויי יונגעלייט, די זאַמלער, האָבן געזאגט צו די מנדבים; אז עס פּאַסט זיך פאר אונדז אפריקאנער ציוניסטן; ווען מיר וועלן באַזוכן די הויפּט ביורא פונעם קרן קיימת, אין ירושלים, איבער־צו־געבן ה׳ מענדל אוסישקין אַ בעדייטענדע סומע געלט פארן פאָנד.

איינער פון די טוריסטן אַ פּשוטער אפריקאַנער איד: איז צו מיר צוגעגאנגען און געפרעגט; וואס זאגט איר? איז ר׳ מענדעלע אוסישקין אין ירושלים, טאַקי אזא אָרעמער מאַן, אַזאַ נצרך, איז עס נויטיק פאר מיר; איך זאָל געבן אַ נדבה פאַר אים?...

ער איז אַ דאַמסקער שניידער.

ווען איזראעל זאַנגוויל איז געווען אין לאָנדאָן דער אנפירער פון זיין „טעריטאָריאַליסטן" ארגאניזאציע, איז ער דעמאלט איינגעלאדן געװארן צו עפענען אַ נייע שולכל, וואס איז געבויט געווארן פון שניידערשן פאַרבאַנד, פאַר זייער חברה.

אַז זאַנגוויל איז געקומען צום חנוכת־הבית, און דער גבאי פון שניידערשן קלויז, איז אים אנטקעגן געקומען, אים מקבל פנים צו זיין, פרעגט זאַנגוויל דעם גבאי: צו וועלכע ארגאניזאציע בעלאנגט איר: צו די ציוניסטישע, אדער צו די טעריטאָריאַליסטישע?

— איך; זאגט דער גבאי מיט שטאָלץ — באלאנג צו די „קלאָוק מייקער אַסאָסיאיישאָן" *) און אליין בין איך אַ דאַמסקער שניידער!...

דער אנטיסימיטיזמוס און אַ קאַמאַרע...

נאָך דעם דריטן ציוניסטישן קאָנגרעס ווו דר. מאַקס נאָרדוי האָט געשילדערט די שוידערליכקייט פונעם מאָדערנעם אנטיסימיטיזום, האָט זיך נאָרדוי צוזאַמען געטראָפן מיט אַ גרופע געלערנטע שריפטשטעלער באַ אַ גלעזל טיי. אין דער מסיבה האָט זיך געפונען דער דייטשישער געלערטער פראָפעסאר סומבארט, וועלכער איז געווען אנטיסעמיטיש געשטימט, פרעגט דער לעצטער פון דר. נאָרדוי: ווי איר האָט ארויס געבראַכט פון אייער קאָנגרעס־רעדע, איז דער אנטיסעמיטיזום געווען דער טרייב קראַפט און דערוועקט די מעריב־אייראָפייאישע אידן און די אידן פון דער גאַנצער וועלט, זיי זאָלן זיך פאראייניגן אונטערן פאָן פונעם פאָליטישן ציוניזם, אויב אזוי; האָט דאָך דער אנטיסעמיטיזום פיל גוטעס געבראַכט פאר אייער פאָלק, האָט עס דאָך ממילא אַ רעכט צו עקזיסטירן?

אַלס ענטפער, האָט דר. מאַקס נאָרדוי דערציילט פאָלגענדע אַראַבישע מעשה'לע: איינמאָל האָט אַ מואַזין (דער מאַהמעדאַנישער מאַשייך־רופער און חזן וועלכער שטייט אין דערהויך אויף'ן שפיץ טורעם פון מאַשיי, און בעט צו אַללאַ) זיך פארשפעטיגט אין אַ מסיבה פון שעכעס און איז שפעט אין דער נאכט געגאנגען זיך לייגן שלאָפן, האָט ער מורא געהאַט ער זאָל ניט פאַרשלאָפן צו אויפשטיין פינף אַזייגער פארטאָג, צו וועקן זיינע גלויבנס' גענאָסן, די מאַהמעדאַנער, צו די ערשטע באַגינענדיקע תפילה. האָט ער דערפאר געגעבן אַ תפלה צו אַללאַ און שטאַרק געבעטן, ער זאָל אים שיקן דעם ריכטיקן שליח אים אויפצוּוועקן אין דער ריכטיקער צייט.

דער מואַזין איז זיך רואיק געשלאָפן, ווען ס'איז געקומען ארום פינף פאַרטאָג, האָט זיך אים אַוועקגעזעצט אַ קאַמאַרע אויפן שטערן און

---

*) „שניידערשן פערבאַנד".

אים געביסן און געשטאָכן ביז ער האָט זיך דערוואַכט. האָט ער געגעבן אַ שבח צו אַללאַ, פאַר זיין שליח וואָס האָט אים אויפגעוועקט אין דער ריכטיקער צייט. ער איז ארויף אין דערהויך אויפן גאַניקל פון שפּיץ טורעם פון דער מאָשיי און גערופן, געוועקט די גלויביקע מאַחמעדאַנער, ווען די לעצטע האָבן דערוואַכט און זיך צונויף געקליבן אין זייער געבעט־הויז, און דער מואַזין דרייט זיך דאָרט איבן און פּראַוועט זיינע תפילות, איז ווידער געקומען אַ קאַמאַרע און האָט געשטערט זיין דאַוונען, אים געביסן און געפּיקט. דאַ האָט דער מואַזין געזאָגט: מילא פריער ווען די קאַמאַרע איז מיר געקומען וועקן, און אלס שליח פון אַללאַ, האָב איך פון עס געמוזט ליידן, דאָס האָט געביסן געזויגן מיין בלוט, ביז איך בין אויפגעשטאַנען אָבער איצט, ווען איך בין שוין דערוואַכט און אלע די גלויביקע זיינען דערוואַכטע צוזאַמען געקומען, צו וואָס דאַרף מען דיר איצט, דו בלוט־דאָרשטיקע קאַמאַרע? און דער מואַזין האָט די קאַמאַרע צוריבן...

בעת סיר הערבערט סאַמועל איז פון דער ענגלישער רעגירונג באַ־שטימט געוואָרן אַלס העכסטער קאָמיסאַר איבער ארץ ישראל, האָט מאַקס נאָרדוי זיך אויסגעדריקט אויף זיין פּאַראַדאָקסאַלן אופן: — איך האָף אז דער אידישער נציב וועט באַהאַנדלען די אידן אין אר״י מיט גערעכטיגקייט, אויך דאַן ווען די גערעכטיגקייט וועט זיין אויף זייער זייט...

וואָס איז טעמפאָ? *)

אַן ענליכער אַנעקדאָט ווערט דערציילט אין סאָוויעטשן־רויטן־פער־באַנד, רוסלאַנד. וועלכער כאַראַקטעריזירט גלייכצייטיק דעם שווערן גע־דריקטן לעבן דאָרט.

אַ פויער פון אַ דאָרף, איז געקומען אין אַ גרויסער שטאָט, אַלס דע־לעגאַט אויף אַ סאָוויעטישן קאָנפערענץ, האָט ער זיך זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די רעדעס פון די „פירער...״

ס׳איז דעם פויער ניט אזוי לייכט אָנגעקומען צו פארשטיין אלץ וואָס די רעדנער האָבן דאָרט געזאָגט. ער האָט אָבער דאָך איינגעזאַפּט דעם עיקר, איין וואָרט בלויז האָט אים אָבער געשטערט און ער האָט ניט געקענט זיין איינגאַנצן זיכער, צו ער פארשטייט טאַקע גרונטיק צו ניין, און דאָס איז געווען דאָס וואָרט „טעמפּ״ (טעמפאָ) און ווי אויף צו־להכעיס האָט איטלי־כער רעדנער אויף דער פּלאַטפאָרמע אַן אַ שיעור מאָל אָט דאָס־דאָזיקן

---

*) פאָלגענדעס געהערט צום אַנעקדאָט „אַ פוינט אָוו אָרדער״ זייט. 178.

וואָרט איבער געחזר׳ט „שנעלער טעמפּ״, „ביסטרער טעמפּ״, „אַמעריקאַנער טעמפּ״, „האַסטיקער טעמפּ״, אַלץ; טעמפּ און טעמפּ...!

דער פויער האָט געטראַכט: אַז דאָס מוז געוויס זיין זייער אַ וויכטיק וואָרט, איז ער נאָך דער זיצונג צוגעגאַנגען צו איינעם פון די פירער און האָט אים געבעטן; ער זאָל אים געבן צו פאַרשטיין וואָס דאָס איז אַזוינס „טעמפּאָ״?

— איך מוז דאָס וויסן, חבר; האָט דער פויער נאַאיוויש געזאָגט: ווען איד׳ל קומען צוריק אין דאָרף, וועל איך דאָך אויך דאַרפן ריידן דערפון, איך בין דאָך אַ דעלעגאַט, און איך וועל דאַרפן אָפּגעבן אַ בעריכט.

דער פירער האָט געוואָלט זיין זיכער, אַז דער פויער וועט אים פאַרשטיין, האָט ער גערייגקט אַז די בעסטע זאַך איז אַזאַ פאַל וועט זיין צו געבן אַ לעבעדיקן ביישפּיל, האָט ער דערפאַר דעם פויער צוגעפירט צום פענצטער, און אים אָנווייזנדיק אויף אַ גרויסע פאַבריק האָט ער געזאָגט: — דו זעסט, חבר, אָט די פאַבריק? אַ יאָ אַ גרויסע האַ? פון די קוימענס זעצט אַ רויך, אינעווייניק אַרבעטן עטלעכע טויזנט מענטשן באַ טאָג און באַנאַכט, אויסבויען אַזאַ פאַבריק אונטער אַן אנדער אָרדנונג, וואָלט געדאַרפט געדויערן אַ צען יאָר אויף געוויס, אונטער אַ קאָמוניסטישער אָרדנונג אָבער; איז — א י י ן יאָר און די פאַבריק איז אויסגעבויט! און דאָס הייסט „טעמפּ״! פאַרשטאַנען?

נאָך דער קאָנפערענץ, איז דער פויער אוועקגעפאָרן צוריק אהיים, און אויף דער פערזאַמלונג פון פויערים וואָס ער האָט צונויפגערופן אין דאָרף, האָט ער שוין געהאַלטן אין איין רעדן וועגן „טעמפּ״ האָבן די פויערים ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז אַזוינס, נאָכדעם ווי ער האָט זיין רעדע געענדיקט, זיינען עטלעכע פויערים צוגעגאַנגען און האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיי געבן צו פאַרשטיין וואָס אַזוינס עס מיינט „טעמפּ״?

דעמאָלט האָט דער דאָרפישער פויער נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל פונעם פירער אין שטאָט, ער האָט די נאַאיווע, פשוטע מענטשן צוגעפירט צום פענצטער, זוכנדיק מיט די אויגן אַ פאַבריק אויף וואָס אָנצווייזן, אבער אין דאָרף איז דאָך קיין פאַבריק נישט געווען, איז דער פויער דעריבער געבליבן שטיין אין גרויס פאַרלעגנהייט, וואַרפנדיק די אויגן און אלע זייטן, און מיט אַמאָל האָט ער פונדערווייטנס דערזען דעם בית עולם, און ער האָט זיך דערפרייט.

— איר זעט חברים, אָט דעם בית עולם? — האָט ער געזאָגט — אַ יאָ אַ גרויסער בית עולם? מען זעט קוים אַן דעם פאַרקן ביים סוף, אַנפילן אַזאַ בית עולם; אונטער אַן אַנדער אָרדנונג, וואָלט געדאַרפט געדויערן אַ צען יאָר אויף געוויס, אונטער אַ קאָמוניסטישער אָרדנונג אָבער: — איז א י י ן יאָר און דער גאַנצער בית עולם איז שוין פול... און דאָס הייסט „טעמפּ״! פאַרשטאַנען?

טו.

שארפזיניקע תשובות.
געענטפערט מיניה וביה.

ער גלויבט אין טאַטן...

אַ אידישער שמויסער (לאַנד קרעמער) איז אמאל אין אַ רעגנדיקע נאכט אנגעפארן אויף אַ פארמע אין די פריישטעט, איז ער אריין אין הויז און ארויסגערופן דעם אלטן בור און אים געבעטן ער זאל אים לאָזן דאָרט איבערנעכטיקן, דער אלטער האָט דעם אידן זייער פיין אויפגענומען, געהייסן די קאָפער־יונגען האָבן זיי אויס־געשפאנט די פערד, זיי אריינגעפירט אין שטאַל און זיי געגעבן עסן, און פאר זיין אורח האט ער אבגעגעבן אַ פיינעם צימער און אים אריינגעבעטן אין שטוב עפעס צובייסן פאר אוונט ברויט.

ווי דער איד מר. גוטקאַן איז אריין אין עס־צימער, הייבט זיך אויף דער יונגער פויער און פרעגט מיט כעס פונעם אידן: סטייטש, פארוואס האט ער דאס אים ניט געבעטן, אז ער זאל אים מכניס אורח זיין?! מיין טאַטע; האט דער בור געשריען — איז שוין אלט, עובר בטל און אויסגעוועבט, און ער טוט שוין גאר ניט, ער לעבט נאָר אויף מיין פראַצע, און איך בין דאָ היינט דער ריכטי־קער בעל הבית איבערן גאנצן פאַרם! (גוט) האָט איר מיר געדארפט פרעגן, ניט אים!

דער איד האט געלאסן געענטפערט: דו ווייסט דאָך, כערט! אז איך בין אַ איד, האלט איך און גלייב אין טאַטן און בלויז פון טאַטן!...

דער יונגער בורע האָט זיך גוט צו לאכט, און זאגט יאָ, יע איז דאָרום רעך!... (איר זיינט פארט גערעכט!...)

טוב שבגוים הרוג...

אין יאָהאַנעסבורג האט זיך געפונען אַ מיסיאָנער אַ משומד, געהייסן האט ער רעווערענד כהן, די אידן האָבן אים גערופן פשוט: „כהן׳קע דער משומד" — פלעגט זיך דערדאזיקער מיסיאָנער שטעלן אלע זונטיק פארנאכט אויפן ליידיקן מאַרק־פּלאַץ און פלעגט דאָרט האלטן זיינע מיסיאָנערסקע רעדעס.

זיינע צוהערער זיינען באַשטאַנען פון פּראָסטן פאָלק: בורעס, יעקלס, און אזוי גאַסן־יונגען, אידן פלעגן ווייניק־וואס זיך אומקוקן וועגן אים, און זיינע נאַרישע פּלוידערייען, נאר ווען־ניט־ווען פלעגן אויך אידן; — אזוי פון ווייטן — זיך אפשטעלן אויף טשיקאַוועס הערן, וואָס ער האָקט דאָרט זיינע פּויערים אַ טשייניק, איינמאָל האט ער דאָרט פארדרייט און אויפן מיסיאָנערסקן שטייגער; אויס־געטייטשט פאַלש אַ פסוק פון תנ״ך. האט אַ איד וואס ער האט דאס געהערט און ס׳האט אים געעקלט, אויסגעשריען: דו פויער, דו ווייסט דאָך צומאָל נישט אבצוטייטשן אַ פסוק כצורתו! און דער איד האט זיך דאָרט געהאָלפן מיט אַ ציטאַט פון תלמוד, אַ מאמר חז״ל. — ווי דער משומד האָט דערהערט דערמאָנענדיק דעם תלמוד, איז ער געווארן אַן אַן געצונדענער, און גלייך גענומען ווארפן מיט זלזולים און גידופים אויפן תלמוד, גערעדט האט דער משומד אין ענגליש — ס׳האט אין אים ניט געשטילט זיין טריפה בלוט, ביז ער האט אין פאַטאָס אויסגעשריען: דעם תלמוד האָטן שוין לאנג געדארפט פאַרברענען, אדער פארשטעקן ערגעץ אין אַן ארכיוו. אָט וואס דער תלמוד האט געזאגט: „טוב שבגוים הרוג"!...

— האט אים דער איד געענטפערט: אויך אין אַ געשליפענעם ענגליש: — דו פאַסקודנער משומד! דו ווייסט דאָך צומאָל נישט דעם ריכטיקן טייטש און פשט פון דעמדאָזיקן תלמודישן זאַץ! וואס די חז״ל האָבן געמיינט מיט דעם צו זאגן איז אָט וואס:

די איבערצייגונג האט זיי געלערנט: אז אויב אַ גוי איז זיך מגייר און נעמט אָן דעם אידישן גלויבן, קען מען זען, אז ער טוט דאס אויס איבערצייגונג און מיינט עס ערנסט. ווארום זעענדיק וואס פאר אַ פינצטערע מערכה די אידן האבן צווישן די גוים. ווי מען איז זיי רודף, מען יאָגט זיי און מען טרייבט זיי, און דערצו

איז דער „מגייר־זיין זיך" אליין, פארבונדן מיט ווייטאָקן פון ברית א. אז. וו. — און טראָץ דאס אלץ: איז ער זיך מגייר, קען מען זען, אז ער מיינט דאס מיט אַן אמת. אבער אויב אַ שלעכטער איד אנטלייפט פון אידישן געפלאָגט־פאלק און נעמט און שמד זיך אוועק, זעהען אלע: סיי אידן, סיי קריסטן: אז ער איז אַ פיינלינג, אַ באַ־טריגער און האט דאס געטאָן, בלויז צוליב די שמוציקע־מאַטאַל די געלט; וואס ער קריגט פון זיינע מיסיאָנערן... פאראן אבער גוים, פארביסינע אנטיסעמיטן, און ווי אויך תמימות׳דיקע, נאַאיווע קריסטן; פון די נשמה־פאנגער, וועלענדיק ווייזן אז ס׳האט זיי גע־לונגען אריין צו כאַפן אַ אידישע נשמה, צאַצקען זיי זיך מיטן משומד און האלטן אים פאר „אַ טוב!"... אָט דאָס האָבן די חז״ל געזאגט „טוב שבגוים" — דער יעניקער משומד וואס איז פאַרעכנט ביי די גוים פאר „אַ טוב"... איז הרוגו!... איז ווערט נישט מער ווי דעם טוידט...

אַ מאַן עסט וואס ער איזט, אונד איזט וואס ער עסט...

אין יאר 1928 בין איך געפארן פאר אַ באזוך נאך ארץ ישראל, זייענדיק אויף די דייטשישע שיף „וואַטוסי" האב איך, די דרייסיק טעג פון דער רייזע, געגעסן מיינע אייגענע כשרה מאכלים. אנטקעגן מיר,ביי׳ם טיש; איז געזעסן אַ דיקער פעטער דייטש. האט ער איינמאל צוגערוקט צו מיר דעם טעלער שווייגען־פלייש און מיר אנגעבאָטן איך זאל עס פארזוכן... „דאס ריכט זייער גוט!"... האט דער דייטש מיר געגעבן חשק. האב איך דעם טעלער צוריק גערוקט צון אים באַמערקנדיק: אז איך האב מיינע אייגענע פרישע שפייז, און איך דאַנק אים פאר זיין גוט הארץ... אבער מיר יודן — זאג איך אים: זיינען פארבאָטן דאס שוויינען־פלייש צו עסן.

דאָ ווערט דער דיקער דייטש אויפגעבראכט און מיט אויפ־געגרעקטע טענער, דונערט ער איבער מיר: — ווארום עסן נישט די יודן קיינע שוויינען־פלייש?! וויר דויטשן עסן אונד וויר זיינען געזונד, און דער יודע, דער עסט נישט, ווארום איז דאָס?!

— דאָס איז דערפאר: — האב איך אים קאַלטבלוטיק גע־

ענטפערט: ווייל אַ מאַן עסט וואס ער איזט, און איזט וואס ער עסט!...

צוויי דייטשן וועלכע האבן געעהרט מיין ענטפער: זיינען ארויס מיט אַ קייכ׳קן געלעכטער: דאס האט משמעות דעם פעטן דייטש נאך מער אויפגערעקט; און דערלאנגט אַ קנאַק מיט זיין גאָפּל אין טיש און שרייט אויס: וואס איז דען דער אונטערשייד פון אַ יודע ביז אַ שוויין?! — : ד ע ר ט י ש!... האָב איך סאַרקאַסטיש מיניה וביה געענטפערט.

זיי האָבן זיך איינער דעם אנדערן געבלאָפט...

פאָרנדיק אין באַן אויף מיינע רייזן איבער דרום אפריקע, איז מיר אמאל אויסגעקומען צו זיצן אין איין קאַבינע; מיט אַן אינטע־ליגענטן ענגלישן קריסטליכן יונגנמאן אַ זשורנאליסט, האב איך אים דערציילט דעם אידיש־פאָלקלאריסטישן אנעקדאָט וואס מען דער־ציילט אויף משה מענדלסאָן. (אגב: איך האב דעמדאָזיקן אנעקדאָט געהערט דערציילנדיק פון אַ ליטווישן אידן אויף אַ ליטווישן רב. און צווישן די ענגלישע אידן, דערציילט מען עס: אויפן טשיף ראַבי דר. אדלער ז״ל).

די מעשה׳לע ווערט דערציילט אזוי:

— משה מענדלסאָן איז אמאל געזעסן אויף אַ קעניגליכן באַנקעט אין בערלין, האָט מענדלסאָן געגעסן בלויז פון די סאַרדינען, סאַלאַטן, גרינסן, אייער, פרוכט וכדומה פון די מאכלים וואס ער האט געמעגט טועם זיין.

דער צווייטער צו מענדלסאָן איז געזעסן אַ קאַטוילישער גלח, האט ער עס ניט געקענט פארטראגן; ווי מענדלסאָן איז אזוי נזהר, ניט צו עסן די קעניגליכע מאכלים. רופט ער זיך אָן: — הער מענדלסאָן; אויף אייך האָב איך מיר ניט גערעכנט: אזא הויך געלערטער און מאָדערנער דענקער און שריפטשטעלער ווי איר; זאלט נאך אנהאלטן אין די אלט־פארצייטיקע אבערגלויבישע זאכן! פארוואס געניסט איר ניט פון די שפייזן?! אָט דאס וואס האָט אייך געמאכט, איר זאלט פארשטייסן ווערן אין די געטעס און לעבן גאנץ בעזונדער פון אייערע שכנים די נישט־אידן...

— „מיט דעם אייבערשטנס הילף" — האט מענדלסאָן גע־ענטפערט; אויף אייער חתונה, וועל איך שוין עסן פון אלץ..

ווען איך האב געענדיקט דערציילן די מעשה׳לע צום ענגלישן זשורנאליסט, האט ער זיך צוגעבויגן און מיר — שמייכלנדיק — אריינגערוימט אין אויער:

— און איך וועל אייך מגלה זיין אַ סוד; אז דער קאַטויִ־לישער פריסט און דער אידישער פיליזאָף—מענ־דלסאָן; האָבן זיך איינער דעם אנדערן געבלאָפט...

ער וועט האָבן מער מאַרך אין קעשענע, ווי אין קאָפּ.

שאול סאַלאמאן, וועלכער איז געווען דער ערשטער אידישער מיטגליד אין דעם קייפ־פּראָווינץ־פּארלעמענט, פון יאר 1854 ביז 1875, דעמאלט בעקאנט געווען מיטן נאָמען דער „דיזראעלי פון דער קאָפּ". געווען איז ער אבער אנדערש פון בנימין דיזראעלי (לאָרד ביקאָנספילד) מיט דעם וואס דער לעצטער האט אינגאנצן איבערגעריסן זיין פארבינדונג מיטן אידישן פאָלק... האָט זיך אבער דער, — סאלאמאן — ניט געטויפט, כאָטש אפציעל איז ער ניט בעקאנט געווען אלס איד, מחמת דעמאלט איז נאך אין גאנץ דרום אפריקע, בכלל קיין אידישע שול נישט געווען.

דערדאזיקער אדוואָקאט שאול סאלאמאן, איז געווען נישט נאר דער גרעסטער פארלעמענטאַריער און פאליטיקער אין דרום אפריקע, נאר אויך דער גרעסטער פיקח, עס גייען וועגן אים אום פיל אנעקדאָטן, און אָט איז איינער פון זיי;

עס איז אמאל פארגעקומען אין פארלעמענט זייער אַ הייסע דעבאַטע ווו שאול סאלאמאן האט זייער שארף קריטיקירט אַן ענגלישן לאָרד.

דער לעצטער איז געווען איבער זעקס פוס הויך און פעסט ווי אַ ריז, און סאלאמאן ווידער, איז געווען אַ נידעריקער, אַ קאַרליק. אין קאָרידאר ביי׳ם ארויסגיין; איז דער לאָרד צוגעגאנגען צו סאלאמאנען און געזאגט: — הער סאלאמאן; איר האט אזא גרויסן מויל, אינגאנצן זייט איר דאָך אַ קליינינקער מענטשעלע, איך קאָן דאָך אייך ארייַנלייגן אין מיין קעשענע...

דערויף האָט סאלאמאן געענטפערט: — מיין לאָרד! ווען איר וועט מיר אין אייער קעשענע אריינלייגן, וועט איר האבן אין אייער קעשענע מער מארך ווי אין אייער קאָפּ...

ביי אונדז פון דרויסן, ביי זיי פון אינעווייניק...

ווען פאול קרוגער איז געווען דער פרעזידענט פונעם טראַנס־וואַלער בורן־רעפובליק, איז דער ראַט־הויז און רעגירונגס־רעזידענץ געווען אין אַ באַשיידענעם איינפאַכן בנין, אויפן מאַרק־פּלאַץ פון די הויפּט־שטאָט פּריטאָריע, אויפן ברייטן אפענעם מארק־פּלאַץ, ארום דעם ראַט־הויז, איז דעמאלט געווען דער צענטראַלער „אויטספאַן" פאַר גאַנץ טראַנסוואַל. דאָרט פלעגן צוזאמענפארן די בורישע פערמער, פויערים וואס פלעגן זיך אהין ציען אין זייערע לאַנגע ברייטע מיט בוידן־איבערצויגענע וועגענער, מיט זייערע גאַנץ לאַנגע אָקסן־אדער־מיול־אייזלען געשפאנען, דארט אויפן אפענעם פלאַץ פלעגן זיי אויסשפּאַנען און מאכן דארט זייער לאַגער, אויס־געזען האט עס ווי די „מחנה בני ישראל אין דער מדבר". אין מיטן דער „משכן" און ארום דער לאַגער...

אַן ענגלישער טוריסט וואס איז געווען אין פּריטאָריע, האט דאסדאָזיקע איינפאַכע, האַלב־פרימיטיווע בילד געצויגן זיין אויפ־מערקזאמקייט, האט ער אנגעשטעלט זיין אַפּעראַט און פאָטע־גראפירט דעם בורישן ראַט־הויז מיט די סטאַדעס אָקסן, אייזלען, מיולן, און פערד ארום, און האט דאס בילד אבגעשיקט צו זיין היים אין ענגלאנד.

ווען די מלחמה צווישן די בורן מיט די ענגלאַנדער איז אויס־געבראכן; האט איינער פון די גרעסטע צייטונג׳ס ארויסגעבער אין לאנדאָן, זיך באנוצט מיט דעם דערמאנטן בילד און עס אבגעדרוקט פאר אַ קאַריקאַטור אין זיין צייטונג, און אונטערן צילד צוגעדרוקט פאָלגענדן סאַרקאַסטישן אויפשריפט: „דער בורישער פּאַרלעמענט פון פאול קרוגער, מיט זיינע יועצים (די אקסן מיט די פערד) ארום...

ווען מען האט געוויזן דאס דאזיקע בילד מיטן סאַרקאַסטישן אויפשריפט צום אלטן פאול קרוגער, האט דער אלטער מיט אַ שמייכל באמערקט: נו יאָ, אויב באַ אונדז זיינען די אקסן די פערד

און אייזלען פון דרויסן פון אונדזער ראַט־הויז, זיינען אבער דאָרט, אין לאנדאן, די דאזיקע בהמות לפני ולפנים פון זייער פארלעמענט און לארדן הויז...

פאַרוואס אויף אָטאמאבילן.

אַ בורישער פארלעמענטאריער, אַ נאַצי און פארביסענער אנטיסעמיט, האט אמאל אין קייפטאָן אבגעשטעלט זיינעם אַ בעקאנטן אידישן סוחר, וועלכער איז געזעסן אין זיין אטאמאביל, און פרעגט אים מיט אַ פאָרוואורף: —

— איך קען ניט פארשטיין אייערע אידן: איר באַריימט זיך אלץ אז איר זיינט די „רעכטאָך איזראעלייטס" (די ריכטיקע בני ישראל) און איר שטאמט אָפּ פון אברהם, יצחק און יעקב, טא פאר־וואס גייט איר אלץ אוועק פון אייער טראדיציע?! מיר לייענען אין דער ביבל: אז די פארצייטיקע העברייער האבן דורכגעמאכט אלע זייערע נסיעות: אויף אייזלען קעמלען, דערנאָך שפעטער, אין שלמה המלך׳ס צייטן ווען זיי האבן שוין געהאט רייטוועגן, האבן זיי זיך באַנוצט אויך מיט פערד, און אפילו אייער משיח, דערווארטעט איר, זאל קומען צופארן רייטנדיק אויף אַן אייזל, און איר פארט ארום אין די טייערסטע שענסטע אטאמאבילן?!...

— דערויף האט דער איד געענטפערט: אויף אייך אלס אַ מיטגליד פון פארלעמענט וואונדערט מיר; אז איר זאלט ניט וויסן די סיבה דערפון! דאס איז דערפאר: ווייל די אייזלען, די קעמלען און די פערד זיינען צום „עלעקשן" גלעאפן... ביז זיי האבן פארלאפן דעם פארלעמענט... טא וואס זאלן מיר אידן טאָן? מוזן מיר זיך דעריבער באנוצן מיט אטאמאבילן!...

מען דערציילט ענליכעס האט פאסירט מיטן גרויסן גאון רבי יונתן אייבשיץ פראגער רב: אַ מיניסטער, אַ שונא ישראל, האט אמאל געפרעגט פון רבי יונת׳ל פרעגער: אויב משיח אייערער וועט קומען צו רייטן אויף אַן אייזל, און אייערע אור־עלטערן האָבן אויך געריטן אויף אייזלען, טא פארוואס רייטן ארום אייערע היינטיקע אידן אויף פערד?

— מיר האָבן קיין ברירה ניט — האָט אים רבי יונתן'ל צוריק געענטפערט; מיט אַ שטאָך — פונוואַנען אדוני פּריץ זאָלן מיר היינט נעמען אייזלען, אַז די אייזלען זיינען היינטיקע צייטן געוואָרן מיניסטאָרן...

דער איד טרינקט צרות.

אין יאָר 1915 אין רעכטן ברען פון דער גרויסער וועלט מלחמה, האָב איך באַרייזט געוויסע געגנטן אין אַפריקע: אין די אינטערעסן פון „דעם פאָנד צו העלפן די אידישע מלחמה ליידענדע פון מזרח אייראָפּע און ארץ ישראל". איינמאָל פאָר איך אין באַן פון רודיסיא נאָך טראַנסוואַל. זיינען מיר געווען זעקס פּאַסאַזשירן אין קאַבינע; וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט זעקס בעזונדערע נאַציאָנאַליטעטן: אַן ענגלאַנדער, אַ בור, אַ בעלגישער־פראַנצויז, אַ דייטש פון לאָרעין, (וואָס ווי מיר האָט זיך אַפּגעדוכט; איז ער גאָר געווען אַ בעהאַלטענער „יאַהודי"), אַ איטאַליענער און איך; אַן אויסגעשפּראָכענער איד...

עטלעכע טעג האָבן מיר זיך געשלעפּט אין באַן, מחמת ס'איז דעמאָלט געווען פאַרנומען די וועגן מיט מיליטערישע צוגן.

ווי געוויינטלעך האָבן מיר פּאַסאַזשירן צווישן זיך געשמועסט. די „עספּעראַנטאָ" אונדזערע; עס הייסט; די שפּראַך אין וועלכע מיר האָבן זיך אַלע צוזאַמען גערעדט; איז געווען — „אַפריקאַנס" דאָס איז די שפּראַך פון די אַפריקאַנער בורן, אַ מין זשאַרגאָן וואָס איז צוזאַמען געמישט פון האָלאַנדיש־דאָטש, ענגליש, אַביסל פראַנצויזיש און קאַפעריש.

איינמאָל האָט זיך צווישן די פּאַסאַזשירן אַנטוויקלט אַ שמועס מכח די נאַציאָנאַלע... משקאות, עס הייסט: וואָסערע משקה איז דאָס די ליבסטע וואָס אַ יעדער פון די זעקס אומות טרינקט עס אַמייסטנס?

— דער ענגלאַנדער: מיר ענגלאַנדער „גלייכן" — „אַ סקאָטש וויסקי אין סאָדע" איבער דעם־דאָזיקן „דרינק" איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ, דער דייטש פון לאָרעין, (דער פאַרשטעלטער „יאַהודי") זאָגט: מיר דויטשן „ליבן" אַמבעסטנס — פּילזנער ביר!

דאָס קרעפּטיקט; און דאָס איז דאָס בעסטע, און קיין בעסערער געטראַנק גיבט עס נישט! דער בעלגישער־פראַנצויז; און מיט אים האָט געהאַלטן דער איטאַליענער; האָבן געזאָגט — אַז ווײַן, שאַמ־פּאַניער איז דאָס בעסטע געטראַנק — פּרימאַ דיפּרימאַ! דער בור האָט געזאָגט אַז — זייער נאַציאָנאַל געטראַנק; וואָס דאָס אַפריקאַ־נישע פאָלק טרינקט אַמערסטנס און אַמבעסטנס איז — קאַפּיי, פּשוט׳ע שוואַרצע קאַווע. נאָכדעם איז געפאַלן אין מיין גורל צו ענטפערן, אַלס איד, אויף די דאַזיקע „שאַרפע נאַציאָנאַלע פראַגע״... אַז זיי האָבן זיך צו מיר געווענדעט און געפרעגט: וואָס אַ שטייגער איז די משקה, דער געטראַנק; וואָס אידן טרינקען אַמייסטנס?

— צרות!... האָב איך זיי קורץ און שאַרף געענטפערט.

— צרות?! — וואָס איז דאָס פאַר אַ מין געטראַנק? — האָבן זיי מיר אַלע געפרעגט; און יעדערער נאָך זיין שטייגער נאָך: — דער ענגלאַנדער האָט גלייך געפרעגט: „צרות? האַו דו יו ספּעל איט?״ (ווי לייגסטו אויס דאָס וואָרט צרות?) און איטאַליכער האָט מיר באַשאָטן מיט פראַגעס: איז „צרות״ אַ מין „קאָקטייל״, אַ מין געמישעכץ? ווי מאַכט מען דאָס? ווי פּאַפּראַוועט מען דאָס? איז עס שאַרף, שטאַרק?! א. אז. וו.

— „צרות״ — האָב איך זיי דערקלערט, איז אַזאַ מין משקה, וואָס צייט מיר האָבן פאַרלאָרן אונדזער לאַנד, אונדזער זעלבסט־שטענדיקייט און מיר זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות, האַלטן מיר אין איין טרינקען פון דערדאַזיקער משקה... מיר אידן אַליין מאַכן ניט דעם געטראַנק; און מיר פּאַפּראַוועט עס ניט... נאָר די אומות צווישן וועלכע מיר געפינען זיך, זיי מאַכן עס פאַר אונדז... און זיי פּאַפּראַוועט עס און טיילן עס און אונדז צו... וועלכע אומה עס טיילט דאָס אונדז צו אין אַ גרויסע מאָס... און וועלכע אין אַ קלענערע... וועלכע אומה עס מאַכט און פּאַפּראַוועט עס פאַר אונדז; אין אַ שאַרפע שטאַרקע דאָזע... און וועלכע אין אַ שוואַכערע — מילדערע... דער טעם פון דעם איז: ביטערלאַך, ביטער און אַפּטמאָל זייער ביטער... דאָס פאַרדרייט זייער שטאַרק די קאָפּ און עס נעמט אָפּ הענט און פיס... און די אומה וואָס טרינקט זיך אָן מיט דעם, ווייס

ניט צומאל אויף וואסער וועלט עס געפינט זיך... און שלאנדערט ארום וואנקלענדיק איבערן עולם התוהו...

—„ביז די איצטיקע מלחמה״ — האָב איך זיי פארענדיקט מיין לעקציע, איבער אונדזער אידיש־נאציאנאלע געטראנק — זיינען מיר אידן געווען כמעט די איינציקע אומה אויף דער גארער וועלט; וועלכע האט געהאלטן אין איין טרינקען פון דעם דאזיקן ביטרן־טראָפן; וואס מען רופט „צרות״, נאר איצט מיט דער גרויסער וועלט מלחמה, וועט איר אומות העולם, איטליכער בעזונדער; אויך פארזוכן צו ביסלאך פון דערדאזיקער ספעציוויש־אידישער געטראנק — צרות!...

איך גלויב אין איינס...

אין אפריל 1928 האב איך מיר געפונען אויף די דייטשישע שיף „אוסוקומא״ צוריק פון מיין רייזע צו באזוכן ארץ ישראל. האָבן זיך דאָרט אויפן שיף געפונען עטלעכע ענגלישע און פראנצויזישע גלחים און צוויי זיינען מיר געווען אידישע גייסטליכע.

צוויי אוונטן אַ וואָך פלעגן מיר זיך צוזאמען קומען אין אַ פריוואַט־לאדזשע פון ערשטן קלאַס, ווו מיר פלעגן האבן „ביבל־שטודיעס״.

איינמאָל שפעט אין דער באכט, ווען מיר האָבן געענדיקט אונדזער „שטודיע״ און מיר האבן שוין געהאלטן ביי׳ם פארנאנדער גיין, איטליכער צו זיין קאַבינע, האט איינער אַ יונגער ענגלישער גייסטליכער אונדז אנגעבאָטן און געזאגט: וואָט איז עבאַוט א ראַנד דרינק, פאר א נייט קעפ?... (וואס איז וועגן מאַכן אלע צוזאמען אַ לחיים, אַ טרונק פארן שלאף?) און תיכף, איידער מיר האָבן גע־ענטפערט, האט ער דורך אַ וווּנק צום קעלנער, באַשטעלט די „דרינקס״ און דער האט גלייך צוגעבראכט אַ טאַץ מיט גלעזלעך־וויסקי, און אַ פּאָר פלעשלאַך סאָדע־וואסער, און מיר האָבן אלע געטרונקען לחיים, נאָכדעם רופט זיך אָן אַ צווייטער גייסטליכער און פרעגט איטליכן פון אונדז: — וואס איז וועגן נאך איינס? האבן זיך די קריסטלעכע גייסטלעכע נישט געלאזן בעטן און צוגעשאָקלט מיט די קעפ — יעס פליז: איך האב זייער שיין אים באדאנקט און גע־

זאגט: אז איך אלס ארטאָדאָקסישער גלויביקער איד, קען ניט האָבן מער ווי איינס...

— נו איז וואס, אז איר זיינט אַ איד? — פרעגט דער גייסט־ליכער פארוואונדערט — דעריבער; טאָרט איר ניט האבן נאך איינס? מיר ווייסן דאך אז איר אידן זיינט ניט קיין „טיטאטלער" (נזירים פון משקה) און באַ אייך איז נישט פארבאָטן צו נעמען אמאל אַ ביסל משקה?

— איך קען ניט האבן נאך איינס, ווייל: מיר אידן גלויבן אין איינס, און בלויז אין איינס!...

ערשט דאן האבן מיר די גלחים פארשטאנען, און האבן זיך הארציק צולאכט.

פלאי פלאים, הינט זאלן נאָכלאָזן ביינער!...

דער אידיש־ענגלישער שריפטשטעלער ישראל זאנגוויל; איז אמאל געלאדן געווארן פון אַ קריסטלעכע יוגנט פעראיין צו קומען, אויף זייערן אַ באַנקעט, זאנגוויל האט דעם איינלאדונג אנגענומען, ער האט אבער זיי מודיע געווען; אז ער וועט זיך שפעטיקן, ווייל ער האט אַ פריערדיקן באַשטעלונג אויף אַ מיטינג.

דער באנקעט איז דארט אנגעגאנגען, ווען עטלעכע יונגע קריסטן זיינען שוין געווען אַ ביסל בגילופנדיק, האט איינער באַ־מערקט דעם ליידיקן פלאץ; מיט די קאַרטע אויפן טעלער! — „איזראעל זאַנגוויל". האָבן חברה אנטיסעמיטן געוואלט אָפטאן דעם „דזשו" (אידן) אַ שטוקע. האָבן זיי צונויף גענומען די איבער־געבליבענע ביינדלעך פון זייערע טעלער און עס צוזאמען געלייגט אין זאַנגוויל'ס טעלער, אריבערגעדעקט עס מיטן סערוויעט, און געווארט וואס פאר אַ מינע זאַנגוויל וועט מאַכן ווען ער'ט אפדעקן דעם טעלער און געפינען די ביינער...

זאנגוויל איז געקומען, דער קעלנער האט אים צוגעפירט צו זיין פלאץ און מיט קעלנערשע געשיקטקייט ארויסגעצויגן דעם שטול, זיך פארנייגט און זאַנגוויל האט זיך געזעצט; דערזענדיק דעם צוגעדעקטן טעלער און די שמייכלענדע בליקן פון די יונגע

האלב־פארשיכורטע קריסטן: איז אים געווארן אַ ביסל אויפּפאַלנט: האָט ער לאנגזאם אראפגענומען דעם סערוויעט און פארוואונדערט אויסגעשריען: „וואַנדערפול, וואַנדערפול, די דאגס העוו לעפט די באָנס בעהיינד!...״ (פלאי פלאים די הינט האָבן נאָכגעלאָזן די ביינער!)

נעמט מיר מיט, וועט איר דאָרט געפינען ביידע באַשעפינישן...

אַן ענגלישער רייזנדער, וואס איז צוריק געקומען פון אן עקספּעדיציע אויף ווייטע פארווארפענע אינזלען. האט אויפן באַנ־קעט וואָס זיינע חברים פון קלוב האָבן אַראַנדזשירט פאר אים: אַ קבלת־פנים, — דערציילט: — אויפן אינזל: האט ער געפונען אלערליי צמחים, גרינסן, בוימער און פארשידענע מינעראלן, אפילו חיות אויך, נאר צוויי באַשעפינישן וואס אויפן גאנצן ערד־קוגל, אין אלע פארווארפענע ווינקעלעך און אינזלען פון אונדזער וועלט געפינט מען זיי, בלויז דאָרט האט ער זיי ניט געפונען; און דאס זיינען די צוויי —: אַ הונט און אַ אידן!...

איזראעל זאנגוויל: ווען ער האט געהאלטן זיין „טאָסט״ און באגריסט דעם רייזנדער עקספּאָדיטאָר, האט געזאגט: ער וואלט געראטן דעם חשוב׳ן רייזנדער: אז ביי זיין צווייטע רייזע צו יענעם אינזל; זאל ער אים (דעם רעדנער) אויך מיט נעמען, איז אזוי גיך ווי ער וועט פון שיפל ארויף טרעטן אויפן באָדן פון דעם אינזל, וועט ער דאָרט גלייך געפינען די צוויי באַשעפענישן: דעם הונט מיט אַ אידן!...

ער מוז לויפן...

אַ משולח איז אַ מאָל אָבגעשטעלט געווארן פון אַ גרופּע יונגע לייט וועלכע האָבן אים געפרעגט ער זאל זיי דערקלערן די כוונה פון געוויסע תלמודישע אגדות. ווען ער האט זיי געגומען דערקלערן, האָט ער אָן זיי דערקאָנט; אז זיי מיינען ניט, טאַקי באמת צו פאר־שטיין דעם זין פון די אויסטערלישע וווּנדער־מעשיות אין די אגדות־התלמוד, נור זיי פרעגן בלויז לקנטר, עס הייסט; אָפּצוחוזקן און צו

קריטיקירן דעם תלמוד, האָט ער זיי דערציילט פאָלגענדן עפּיזאָד וואס ס'האָט מיט אים אליין פּאסירט:

— איינמאָל, — דערציילט דער משולח — בין איך געגאנגען קלייבן נדבות פון די „קאָנצעסניקעס״ די אידישע סוחרים און קרעמער פון ארום די „מיינס״ (די גאָלדגרובן) דערזע איך פון דערווייטן אַ „וואַרענדע״, (אַ לאנגער גאַניק אין פאָרנט פון אַ הויז) און דאס האָב איך אַ כלל: אז ווו אַ וואַרענדע איז אַ שאָפּ, (קראָם) און אַז אַ שאָפּ, איז דאָרט געוויס פאראן אַ איד, אַ שאָפּקיפּער (קרעמער) באַדאַרף מען צו גיין אהין, צום וואַרענדע, צום שאָפּ, צום אידן הייסט עס, קריגן פון אים עטלעכע שילינג. איז מיינער ניט פויל, און לאָז מיר גיין אהין, ערשט ווי איך בין דאָרט אַ ביסל נעהענטער געקומען, לאָזט זיך אויס אַז ס'איז גאָר אַ פויערשע הייזקע עפּעס אַ בורישע חאַטע, און פּלוצלונג איז דאָרט פון הויף ארויסגעשפּרונגען אַ באַנדע בייזע הינט, אָט ווי די בערן, און זיינען מיר באפאלן, זיי האָבן רייסן פשוט די ערד, און איך שטיי אַ צושראקענער און פאָכע מיט מיין שירעם, שריי מיט אלע מיינע כוחות: וואָן! פאַשאָל! טרייב זיי, יאָג זיי, און זיי הערן מיר פונקט ווי המן דעם גראַגער... אז די אפריקאנישע הינטישע שפּראַך קען איך ניט. פארשטייען זיי מיר ניט און שפּרינגען אויף מיר און האַלטן אין איין האַווקען... וואס קען מען דאָ טאָן? —

דאָ האָט זיך איינער פון די יונגע לייט אריינגעמישט און זאָגט: — אבער מיסטער משולח: איר האָט דאָך געקאָנט טאָן די סגולה פון דער גמרא: אז בשעת יעקב אבינו האָט דערזען אזוי פיל אלופים, אזוי פיל הינט ארום זיך, האָט ער מקיים געווען „וישב יעקב״ און האָט זיך אנידער געזעצט, האָט איר דאָך אויך געקאָנט זיך אַוועק זעצן?!

— „נו יאָ״ — האָט דער משולח שמייכלענדיק געענטפערט: די סגולה פון אונדזער גמרא, וואָלט אפשר געווען זייער גוט, אבער וואס טוט מען צו די אפריקאַנער הינט אז זיי גלויבן ניט, און האַלטן ניט פון דער גמרא?... האָב איך געמוזט אנטלייפן, אזוי מוז איך איצטערט אויך לייפן... און דער משולח האָט זיך האַסטיג אָבגעטראָגן...

קיין משומד בינסטו דאָך ניט...

ווען ר׳ זלמן דער חסיד, איז אנגעקומען אין אפריקע, איז ער געגאנגען באזוכן זיינעם אַ יוגנט־פריינט, דוד איטשען דעם שפּאָנדעלער, דאָ אין אפריקע איז ער איינער פון די גרויסע סוחרים, אַ גרויסער גביר, און שפּילט אַ גרויסע ראָלע.

מר. ד. דזייקאָבס (ווי מען רופט דוד איטשען אין אפריקע) האָט זיין לאנדסמאַן ר׳ זלמן׳ען זייער פיין אויפגענומען, אים געוויזן זיין רייך געמעבלירטעס הויז, אלע צימערן, און דעם פּראַכטפולן גאָרטן, דערנאָך זיך ארייגעזעצט מיט אים אין זיין קאַר און צוגעפארן אין שטאָט, אים געוויזן זיין גרויסן געשעפט, נאָכדעם ווי זיין חבר ר׳ זלמן האָט דאָס אלעס באטראכט און באַוואונדערט, האָט ער פרום אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און געזאגט —: נו, געלויבט און געדאנקט השי״ת, וואס ער האט דיר געהאלפן און האט דיר דאָ אין אפריקע אויפגעריכט, געדיינקסטו כאָטש ווי דו מיט דיין סימייסטעוועלע האָבן זיך דארט געפּלאגט אין אונדזער היימיש שטעטל?

— אָך דערמאָן עס גאר ניט זלמן; און דאס וואס דו זאגסט אז מען דאַרף אויף אלץ לויבן און דאנקען דעם אויבערשטן, קען איך דיר זאגן: אז דאָ אין דער פרייער מדינה אפריקע, מעגסטו זיך שוין ארויסשלאגן די נאַרישקייטן פון קאָפּ... דאָ אז מען „טרייט״ ניט אליין, האָט מען ניט... דער אויבערשטער ווארפט ניט ארונטער פון הימל... עס גייט דאָ ארום אַ קלוג ווערטל: „העלפּ יואר סעלף״ העלף זיך אליין... און אז מען איז אַ גרינער, מען פארלאזט זיך אויף ניסים און מען העלפט זיך ניט אליין, קען מען דאָ אויסזען ווי זעליק... ווען איך וואלט, די ערשטע צייט, ניט געטרייט, ניט געהאָרעוועט, ניט געדרייט, וואָלט איך נאָך עד היום געבליבן דער זעלבער קבצן ווי אין דער אלטער היים. דער אויבערשטער העלפט בלויז דעם יעניקן, וועלכער העלפט זיך אליין, און אז מיר זאָלן זיך אינגאנצן פארלאזן אויף אים, וואָלטן מיר פיין אויסגעזען...

דער חסידישער איד ר׳ זלמן, איז געוואָרן אויפגעטרייסלט פון זיין אמאָליקן חבר׳ס אפיקורסישע רייד און געפרווט אים דערווייזן: אז אלץ נאָגט אין השגחת הבורא, דער מסבב כל הסיבות,

אים דארפן מיר לויבן און דאנקען, פאר זיינע חסדים וואס ער טוט מיט אונדז „בכל יום תמיד״ און האָבן אין אים בטחון אז ער וועט ווייטער העלפן.

דער אפריקאנער גביר האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו זיין חבר, צו זיך געזעגענען, און האָט ארייַנגעקוקט, מיט זיינע חיטרע סוחרישע אויגן, אין זיין לאַנדסמאַנס און געזאָגט שמייכלענדיק: — הער זלמן; זיי קיין גרינער ניט! און פארלאָז זיך ניט אויף קיין פוסטע גליקן... נעם גיי ארויס און טרייַ ביזנעס, האַנדל, וואַנדל דריי, דאַן וועסטו זיין „לאַקי״ (מזלדיק) דו וועסט זיך גיך ארויפארבעטן און דו וועסט זיין אלרייט אין דער קאַנטרע. — — — —

אין אַ פּאָר יאָר ארום האָט ר׳ זלמן געהערט אז זיין רייכער לאַנדסמאַן איז אין „טראָבל״ (אין אַ צרה) זיינס אַ טאָכטער איז דאָרט דורכגעפאלן און האט געבוירן אַן אונלעגאַלן קינד, איז ר׳ זלמן אריבער געגאנגען אים טרייסטן, און אפשר — האָט ער געטראכט — וועט אים געלינגען, איצט אין אַן עת צרה, זיין חבר מחזר למוטב זיין. ער זאל תשובה טאָן.

אז ר׳ זלמן איז ארײַן אין הויז האָט ער געפונען זיין יוגנטפריינט ארום לויפנדיק איבער זיין הויז אַ צוטראָגענער, ברעכט מיט די הענט און וויינט. און זאָגט — נו וואס זאגסטו זלמן צו אזא קלאָג? וואס טוט מען דאָ, ווו זאל איך אנטלויפן צו באַגראָבן מיין חרפה? אָט דאָס איז אַ שטראָף פון דעם אויבערשטן, דאָס איז אַן אנשיקעניש פון גאָט!

דערויף האָט זיך ר׳ זלמן אָנגערופן —: הער דוד איטשע, איצט פארשטיי איך דיר שוין גאָר ניט; געדיינקסטו האָטש דיינע אַפּיקורסישע רייד פון פאר אַ פּאָר יאָרן, ווען איך האָב דיר געזאָגט אז אלץ וואס דו פארמאגסט איז פון גאט און דו דארפסט אים לויבן און דאנקען דאַפיר, האָסטו אלץ געטענה׳ט אַז „כחי ועצם ידי עשו את החיל הזה״ אז דו האָלסט פון „העלפ יואר סעלף״ און דו אליין האָסט דאָס אלץ דערגרייכט און זיך ארויפגעארבעט. איצט גראַדע דאָס דאָזיקע אומגליק פון דיין טאָכטער נעבאַך, שרייבסטו צו צו גאָט!... מילא אַן אפיקורס בינסטו, אבער קיין משומד בינסטו דאָך נאָך דערווייַלע ניט. טאָ ווי קומט צו דיר אַ זעלכענע ווערטער?...

לאָמיר זיךביידע האָסטיק אָפּטראָגן...

אַ איד איז אין בערלין געגאַנגען מיט זיינעם אַ בעקאַנטן קריסט שפּאַצירן, זיינען זיי געקומען ביזן טויער פון שטאָט־גאָרטן ציינגט דער קריסט דעם אידן שמייכלענדיק: — איר זעט דעם דאָזיקן איפשריפט: „וואָרנונג: אידן און הינט זיינען נישט דערלויבט דאָ אַריינצוקומען"...

— נו רופט זיך אָפּ דער איד, לאָמיר ביידע זיך האָסטיק אָפּטראָגן פון דאַנען...

שנים שעשוה פטורים...

איך געדייינק אַלס קינד זייענדיק, האָבן מיר געוווינט אין נחלת־שבעה, (אַ פאָרשטעטל אין ירושלים) איינמאָל אַ שבת ווען מיר זיינען געגאַנגען מיט מיין פאָטער ז"ל פון דאַוונען, האָט אונדז אויף יאַפּער־וועג אַנגעגעגנט דער ירושלימער משומד רייטנדיק אויף זיין ווייסן פערד. דער לעצטער האָט נאָך געהאַט די חוצפה צו באַגריסן מיין פאָטער מיט אַ ברייטן — גוט שבת!

מיין פאָטער האָט אים גוט אויסגעזידלט פאַר זיין משומד'סקע חוצפה. רופט ער זיך אָן: שאַט; בייזערט זיך ניט אַזוי! די גמרא אין שבת צ"ג, זאָגט דאָך דאָרט „שנים שעשוה פטורים! און אָט, איר זעט דאָך; איך האָב דאָ מיין „פודל" מיט מיר אויפן שויס...

דערויף האָט מיין פאָטער אים מיניה וביה געענטפערט: יאָ, איך זע טאַקי אַז ס'איז „לא ראי זה, כראי זה, הצד השוה שבכם ששניכם כלבים!...

אַ גוטער קדיש.

אַ יונגערמאַן וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אויפגעקלערטן, אַן אפיקורס גייט אין גאַס מיט זיין הינטל. באַגעגנט אים דער רב: — ווער איז דער כלב? גיט אים דער רב אַ פרעג.

— רבי, איר ווייסט ניט, דאָס איז דאָך מיין קדיש!...

— כ'לעבן: — זאָגט דער רב — דו האָסט דאָך אַ בעסערן און פיינערן קדיש; ווי דיין טאַטע...

שלא עשני גוי

אַ בורישער גלח, זאָגט צו אַ אידישן רעוורענד: אַט זעען מיר דאָך אַז אידן האָבן פיינט גוים, אַז איר מאַכט דאָך אַלע טאָג אַ ברכה: „שלא עשני גוי"...

— עס הייבט זיך גאָרניט אָן — ענטפערט דער אידישער גייסטליכער בתמימות: — אַט מאַכן מיר אַלע טאָג אַ ברכה: „שלא עשני אשה" האָבן מיר דען פיינט די פרויען?...

טז.

געניאלע עם הארצות.

„והשב את „האבדה" לדביר ביתך"

ווען איך בין געווען רעוורענד אין מ. בין איך איינמאל אין אַ פרימארגן געקומען פון שול און האב צוגעביסן מיין אנבייסן, ערשט איך הער מען קלאַפּט, גיי איך צו עפן די טיר, זע איך דעם אלטן מר. קאַרעלניק: — גוט מארגן רבי! — זאגט ער — נאָט איך האב אייך אָפּגעבראכט אייער שירעם, וואס איר האט פארגעסן אין שול, איך האב דאס מיר גענומען די מצוה פון „השבת אבדה" און האב עס אייך אפגעבראכט.

— איך בעדאנק אייך זייער מר. קאַרעלניק, — זאג איך צון אים: אבער צו וואס האט איר זיך געדארפט מטריח זיין? איך גיי דאך באלד נאך מיטאג סיי ווי אין חדר, לערנען מיט די תלמיד־תורה־קינדער, וואלט איך פארנאכט עס מיטגענומען?

— דאָ האט דער אלטער געפונען זיין געלעגנהייט צו ארויס ווייזן זיין לומדות... אז ער האט בכח ארייַנצושיסן מיט אַ פסוק און טרעפן פונקט אין פינטל אריין... און זאגט: וואס פארגינט איר מיר ניט רבי; די מצוה? אז איך וויל מקיים זיין פונקט ווי ס'שטייט געשריבן: שטייט דאך מפורש: „והשב את „האבדה" לדביר ביתך"... דארפן דאך די אבדה אומקערן צו יענעם גלייך אין שטוב אריין!...

בלי „רייסעס" בלי תכלית...

מען האט אמאל געפרעגט אַן ארטאָדאָקסישן אידן: פארוואס ער האט זיך אזוי ארייַנגעלאזן אין די „רייסעס־שפיל" — ווי פאסט דאס פאר אייך? — האָטן אים אויסגערעט — אַ פרומער איד ווי

איר; זאלט פארשווענדן אלע אייערע געלט אויף די פערדלאַך? איר זאגט דאך אלע טאָג: „שקר הסוס לתשועה״ און „אלה ברכב ואלה בסוסים ואנחנו בשם השם אלקינו נזכיר!״

— האט דער איד געענטפערט: וואס זאל איך טאָן, איך האב שוין דאָ אין אפריקע איבערגעטאָן אלצדינג וואס אַ מויל קען באַר ארויסרעדן, און צו וואס איך נעם זיך, גייט מיר אלץ מיט די פוטער אראָפּ... און פון אלע מסחרים קען איך אלץ צו קיין תכלית ניט קומען, האב איך איינגעזען; אז אזוי לאנג ווי מען נעמט זיך ניט צו פּרווון דעם מזל מיט די „רייסעס״ וועט מען קיינמאל ניט דער־גרייכן דעם תכלית, אַט ווי מיר זאגן אלע טאָג אין דאַוונען: „בלי רייסעס בלי תכלית״...

הלילה הזה כלנו מסובין.

איך בין איינמאל אַ שבת־הגדול פארנאכט אריין אין אַ בית המדרש אין יאָהאנעסבורג געפין איך; ווי אַ איד אַ בעל דרש׳ער... אן עם הארץ; זיצט פאר אן עולם אידן און טייטשט איין די פיר קשיות אז דאס גייט אויף די פיר גלות׳ן... „אין גלות מצרים״ האט דער בעל דרש׳ער זיך צוזונגען, האָבן מיר געגעסן מרור. ווי ס׳שטייט: „וימררו את חייבו״! אין גלות פרס און מדי; האָבן מיר זיך אנגעטרונקען מיט צרות... ווי עס שטייט: „והשתיה כדת...״ אין גלות בבל האבן מיר דארט: די ערד געקייט... ווי די גמרא זאגט אין שבת „כל האוכל מעפר בבל, כאלו אוכל מבשר אבותיו״ דער וואס עסט פון די ערד אין בבל, פילט דעם טעם ווי ער וואלט עסן די פלייש פון זיינע עלטערן... און איצט „הלילה הזה״ אין היינטיקן גלות איז „כלנו מסובין״ עסן מיר אלע קלייען!...

נאכדעם האט ער זיך מיט זיין הייזעריקן קול צוזונגען מיט פסוקים פון שיר השירים: „שמוני נוטרה את הכרמים״ איי! אז זיי האבן מיר געמאכט פאר אַ װארטערקע אויף פרעמדע וויינ־גערטענער! דארט ווו מען שלינגט „אייז קרים״ און מען בריקעוועט אין די „באַלן״ „כרמי שלי״, מיין וויינגארטן, דעם בית מדרש אבער,

מיט דער תורה „לא נטרתי״ האב איך ניט געהיט! איי! טאָ וואס זשע זאלן מיר נעבאַך טריבע אידעלעך טאָן? אז: — „בכרמי עין גדי״ אז אין אונדזער אידישן ווייַנגארטן, איז נעבאַך קיין מזל ניטאָ!... און דערפאר קבור־רען זיך דאָרטן אלע דברים אחרים!...

מה יעשה הבן שלא יחטא?...

פארלאזנדיק דרום אפריקע צו פארן נאך ארץ ישראל האב איך מיר דארט געזעגנט מיט אַ אידן, מייַנער אַ בעקאַנטער. זאָגט ער צו מיר: איר ווייסט איך בין אייך מקנא, איך וואלט אויך וועלן פארן נאך ארץ ישראל, נאר די „ביזנעס״ און מייַנע „פּראָפּעטעס״ (הייזער) לאָזן ניט, נאר איך האב אבער מיין האָפענונג ניט אנגע־וואָרן, ווי זאגט דארטן דער חכם: „מה יעשה הבן שלא יחטא?...״ בישקאָשע מיר וועלן זיך נאך דאָרטן טרעפן!...

ער האט געוואָלט זאגן: „מה שיעשה הזמן, לא יעשה השכל״...

זכר ליציאת מצרים...

דער בארבער (שערער) צו וועמען איך פלעג אריינגיין זיך ארומשערן, איז געווען — ווי דער שטייגער איז פון אלע באַרבערס — אַ באַרעדוודיקער איד. און רעדן פלעגט ער צו איטליכן קלינט זייַנעם, אין יענע פאליטישע פארטייאישע ענינים, אין וועלכע דער וואס זיצט. אדער ליגט אויפן שטול אונטער זיין שער, אדער ראַזיר־מעסער, איז, — מער אדער ווייניקער, — פאר אינטערעסירט; מיט אַ ציוניסט למשל; וועגן דעם מצב אין ארץ ישראל, אדער מכח די פאליטיקע אין ענגלישן פארלעמענט לגבי די ציוניסטישע זאך... מיט אַ באָלשעוויק; וועגן סטאַלינען; און זיין פינף־מאָל־פינף־יאָריקן־פלאַן... און מיט סתם אַ אידן: מכח די צרות, רדיפות נגישות וואס אידן שטייען אויס אין דער גארער וועלט, (און דאָסדאָזיקע אָנגע־ווייטיקטע טעמע ווי ידוע; שעפט זיך דאך לײדער קיינמאל ניט אויס...) ווען איך פלעג זיך געפינען אונטער זייַנע הענט, פלעגט דער באַרבער ריידן מיט יראת הכבוד, מיטן לשון — רבי! און

אריינבראָקן „לאָקשן־קודשדיקע״ ווערטער... ער פלעגט זיך אלץ באַרימען פאר מיר: אז ער שטאַמט פון „אַ דור הפלגה״... (אַ דור מופלגים, האט ער געוואלט זאָגן...) זיין זיידע „זכר ליציאת מצרים״ (זכר צדיק לברכה; האָט ער געמיינט צו זאָגן...) איז געווען „אַ חשוכי בנים״... (אַ מטופל מיט בנים) זיינען אלע געווען „בני מרי הרעה״... (מורי הוראה...) און ער אליין, דער זיידע הייסט עס, זאל ער דאָרט האָבן אַ ליכטיקן „גן־איידים״ (גן עדן...) איז געווען אַ נר תמיד!... (אַ מתמיד...) געזעסן „על אַ טוירע ועבירה״... (על התורה ועל העבודה...) מען האט גערעדט באַ אונדז אין שטעטל; אז ער האט געהאט „קילע עלהאַנעווע״... אַ צייט האב איך ניט געקאנט דערגרונטעווען וואס דער באַרבער מיינט מיט זיינע לעצטע ווער־טער: וואס זאל דאָרט די שטעטל האבן גערעדט: אז זיין זיידע האט דאָרט געהאט?... „קילע עלהאַנעווע? וואס איז דאס פאר אַ מין קריינק?...

ביז אין אַ שיינעם טאָג, איז דאָרט באַ אים אין באַרבער־שאָפּ גראד געזעסן, הינטער מיינע פלייצעס, אַ איד און געווארט אויף זיין „נעקסט״ און דער באַרבער האט מיר ווידער דערציילט דעם הונדערטן און איין מאָל, וועגן זיין זיידן מיט זיין גאַנצן יחוס און אויסגעפירט: — ווי זיין שטייגער איז אלעמאל צו פארענדיקן זיין זיידישע מעשה: — מיט „וואס די שטעטל האָט גערעדט, וואס זיין זיידע האָט געהאט״... פרעג איך דעם אידן, הינטער מיינע פלייצעס, ער זאל מיר דערקלערן; וואס אזוינס מיינט דער באַרבער מיט „קילע עלהאַנעווע?״...

זאגט דער איד: איר ווייסט גאר ניט; וואס און ווער „עלהאַנעווע״ איז?! פאר אים גיסן מיר דאָך אָן פסח צו די סדרים דעם כוס וויין!...

ערשט דעמאלט האב איך מיר געכאפט וואס דער באַרבער מיינט: אז „עלהאַנעווע״ מיינט: „אליהו הנביא״ איז שוין גרינג צו פארשטיין אז „קילע״, מיינט „גלוי״ אינאיינעם מיינט עס אזוי: אז די שטעטל זאל דאָרט האָבן גערעדט: אז זיין זיידע האט געהאט: „גלוי אליהו הנביא״...

אָנשטאָט „אַ שאמעך, אַ סין״...

אין יאָהאַנעסבורג האָט זיך געפונען אַן עלטערער איד וואס האָט זיך אפגעגעבן כל ימיו מיט זאַמלען געלט פאר אלע ווילטעטיקע צוועקן, פאר חברה קדישא, תומכי יד, תלמוד תורה וכדומה. יאָשע האָט מען אים גערופן.

אין די טעג פון די גרויסע וועלט מלחמה, איז דער אלטער ר׳ יאָשע געווען זייער טעטיק אין קלייבן געלט פאר די מלחמה־ליידענדע אין אייראָפּע און ארץ ישראל. יום ולילה האָטן אים געזען ארומגייענדיק מיט זיין שטעקן און פושקע טאַבאַק, אויף אלע שמחות, אויף חתונות ברית׳ן וכדומה אזעלכע פונקציעס, פלעגט ר׳ יאָשע אויסוואקסן מיט אַ טעלער אין האנט; און פלעגט „קאָלעקטן״. די אלע געלטער פלעגט ער אַוועקטראָגן אין צענטראַלן ביורא פון „וואר וויקטמס פאָנד״ אדער „רעליף פאָנד״ ווי מען האָט דעמדאָזיקן „פאָנד״ דאַמאלסט גערופן. און דערנאָך פלעגט ער אריבערגיין אין דרוקאַרנע ווו ס׳האָט זיך דעמאלט געדרוקט דער וועכנטליכער אי־דישער צייטונג „דער אפריקאַנער״ דאָרט צו אבדרוקן די רשימות, די ליסטן פון די מנדבים מיט זייערע נדבות.

קיין גרויסער „ספרא רבא״ איז ר׳ יאָשע ניט געווען און זיין „כתב״, זיין האַנדשריפט, איז נישט געווען קיין מהודר׳דיקע, מען האט דאס קוים געקאנט איבערלייענען. דער בחור־הזעצער, האט שטענדיק געשוויצט איבער ר׳ יאָשעס רשימות, ניט געקאנט בשום אופן אויסמאכן די ווערטער. איינמאל איז ר׳ יאָשע געקומען אין דרוק, אין דער בחור־הזעצער צו אים גלייך צוגעלאפן מיט זיינע אַ רשימה און ווייזט אים דאָרט אַ צוזאמען געדרייטן וואָרט, וואס האָט פארנומען די לייַנג פון אַ גאנצע שורה און מען קען ניט איבערלייענען וואס דאָס מיינט.

— דאס, זאגט ר׳ יאָשע: דאס מאכט „אָפישערסמעש־סיגאַרערטס־פראָנטץ״ דאָ זיינען שיידלעך פון „אפיסערס־מעס״ סיגארעטן. מען האט דאָס אים געגעבן אַ נדבה וואס איינער האָט אנגעקליבן די שיידעלעך און מען פלעגט פארן גרעסטן צאָל קריגן אַ פיינעם „פרעמיום״ פון דער ציגארעטן פירמא אויס רעקלאמע צוועקן. נאָכדעם ווי ר׳ יאָשע האָט דערקלערט — דעם בחור־הזעצער,

זיין לאנג־פארדרייט ווארט, זאגט ער: אַ בחור אַ זעצער וואס ארבעט אין אַ דרוק, דארף פארשטיין אלע סאָרטן כתב־ידן, האַנד־שריפטן הייסט עס, און ניט נאר דאָס; ער דארף אפילו וויסן אלעמענס „מישטייקס״ (טעותים און גרייזן) און דארף וויסן זיי צו פאריכטן, — אָט למשל — פירט אויס ר׳ יאָשע; איך הייס „י ו ש ע ף״ נו, אז איך זאל מיט „אַ מישטייק״ (על־פי־טעות) שרייבן „י ו ש ע ף״ מיט „אַ ש אַ מ ע ד״ למשל — אָט אזוי: י ו ס ף, נו, דארף אַ בחור־הזעצער זיין קלוג גענוג און מען ווארפט ארויס דעם „ש אַ־מ ע ד״ און מען שטעלט אריין אַ ס י ן...

„די צוויי שפרים...״

אַ גבאי וואָס האָט זיך געהאלטן פאַר אַ גאַנצן חזן, און געדאַוונט ימים נוראים דווקא — „מושפים״, געווען איז ער נעבאַך געשלאָגן אויף די עברי, געהאָט לא עלינו „המכה בעיברתו...״ האָט ער דאָרט — איבער די פיוטים און תפילות — געמאַכט אַ ריכטיקן פאָגראָם, פלעגט צוקיילן און צובײלן די ווערטער, קיין איין־אייִנציק וואָרט; איז פון זיין מויל ניט ארויסגעקומען קיין לעבעדיקער... זיי פשוט צוגע׳ממית׳ט און אוועק ג׳הרג׳עט, אנשטאט „כפר לנו״ פלעגט ער אויסשרייען: — „קאַפער לנו!״ (איינער האָט דערויף באַמערקט: ס׳איז נאָך גוט וואָס ער פערבייט דעם פ פאַר אַ פ. ווארום ווען ער זאָל עס האָבן פאַרביטן פאַר אַ ק. וואָלט עס געקלונגען נאָך מיאוס׳ער...) פלעגט זיך צוזינגען: „נ ש י ם מול ארון הקיידעס, ב ה מ ה!...״ (אנשטאָט: ג ש י ם מול ארון הקודש ב א י מ ה) אנשטאָט: לכן התגאה: „לכן ה י ס־ג ו י ע...״ אנשטאָט: מלפניך משפטי יצא, עיניך תחזינה מישרים: „מלפניך מספטי! יוצא עי, נ, נ, ווע, ווע, ך!...״ וכדומה אזעלכע גרייזן, מיט אזעלכע מיני זעצעריי...

איינמאָל ראש השנה פאר תקיעות, האָט זיך אים פארגלוסט צו ווייזן דעם עולם: אז ער איז נאָך אַ געוואָלדיקער בעל דרש׳ער אויך, איז ער ארוף אויפן בימה און זיך הויך אויפן קול צודרש׳עט, בזה הלשון: — רבותי! דער רבש״ע האָט אונדז „געפרעזענטירט״ (אַ מתנה געגעבן) צוויי טייערע „שפרים״!... איין „שפר״ צו לערנען פון אים!... און דאָס איז: ד ע ר „ש ו פ ר״ די תורה הקדייסע, הייסט עס, און דעם אנדער „שפר״ צו בלאָזן פון אים... דאָרומעך: אז מירן גוט לערנען פון ערשטן „שפר״ און פון אנדערן גוט בלאָזן... וועט אונדז דערפאר דער רבש״ע פארשרייבן אין זיין „שפר״ פון די לעבעדיקע, אַ כתיבה און אַ „סחימה״ טובה, פאַר אַ גוטן „שוקשעשפול״ (הצלחה׳דיקן) נייעם יאָר אמן!...

יז.

די אידישע גאס אין אפריקע.

דעם חזרשן יעקיל וויל זי ניט געבן קיין אָרדער...

מר. בערמאַן, אַ סוחר פון אַ גרויסן מאַנעפאַקטור־געשעפט, האט געדארפט צו גיין צום באנק, האט ער געלאזן זיין פרוי אַ גרינע, וואס איז נאָרוואָס געקומען פון ליטע, זי זאל אכטונג געבן אויפן געשעפט ביז ער וועט צוריק קומען, און זאגט איר אָן: „אז ס'וועט קומען דער טראַוולער[1]) זאָלסטו אים געבן דעם ארדער[2]) וואס ליגט דאַ אנגעגרייט פאר אים אין אָפיס[3]) אויפן שרייבטיש".

אין אַ קורצע צייט נאָך מר. בערמאַן'ס אוועק גיין, איז אריינ־געקומען מר. ראָזנבערג דער טראַוולער און האט פארפירט אַ שמועס מיט די פרוי בערמאַן; אין דער ענגלישער שפראַך, זי ניט פאר־שטייענדיק אַ ווארט וואס ער רעדט, און וועלנדיק ניט ארויסווייזן איר גרינקייט, האט זי צוגעבאמקעט: יעס, יעס, נאָכדעם אז דער טראַוולער האט זיך שוין אנגערעדט ווי אַ פויק, פרעגט ער: — „מיסעס בערמאַן: וואָט עבאוט אן ארדער?"[4]) ענטפערט זי אין אַ געבראכענעם ענגליש: „מי דאָנט נאָו, מיין האָזבענד קאָם, גיוו יו ארדער"[5]).

נאָכדעם ווי דער אידישער טראַוולער איז אוועק, איז אריינ־געקומען אַ טראַוולער אַ קריסט, אן ענגלישמאַן, דער האט גערעדט אַ פליסיקן־זאַנפטיקן־ליטווישן אידיש, האט דער גוי פארפירט אַ אינטימען אידישן שמועס מיט פרוי בערמאַן; געפרעגט: — ווי איז

---

1) רייזנדער־אַגענט. 2) באַשטעלונג. 3) ביוראָ.

4) וואס איז, מכח אַ באַשטעלונג?

5) איך ווייס ניט מיין מאַן וועט קומען, וועט ער אייך געבן דעם באַשטעלינג.

איצט דער מצב פון אונדזערע אידן אין ליטע? ארומגערעט וועגן די צרות, נגישות און רדיפות וואס אידן שטייען איצט אויס אין דער גאנצער וועלט, און נאָכדעם ווי ער האט זיך געמיטלעך דורכגעשמועסט מיט דער פרוי בערמאַן פרעגט ער: נו, וואס איז מכח אן אָרדער? — איז זי גלייך אריין אין אפיס און ברייננט אים ארויס דעם אָרדער, דער גוי׳אישער טראַוולער האט אלץ פארשריבן, איר זייער העפלעך באַדאַנקט און איז אוועק.

אין אַ האלבע שעה שפּעטער קומט מר. בערמאַן פון גאס און נאָך אים, דער אידישער טראוולער ראָזנבערג. פרעגט מר. בערמאַן:

— הער נאר שרה; איך האָב דיר דאָ דאָך געלאזן דעם אָרדער, פארוואָס האסטו דאס ניט געגעבן צום טראַוולער?

„ווייסיך וואס" — זאגט פרוי בערמאַן — „קומט צו מיר אַ חזירשער יעקיל[6]) פארהאקט מיר אַ קאָפּ מיט זיין ענגלישע שפראַך, פרעג מיר בחרם וואס ער האט דארט גערעדט, אסור אויב איך האב איין ווארט פארשטאנען, דערפאַר אבער; איז דאָ אָקערשט געווען אַ אידישער טראַוולער, און מיר האבן זיך פיין און געמיטלעך דורכגעשמועסט אין ריין מאַמע־לשון. האב איך אים דעם ארדער אוועקגעגעבן".

ער שאַנעוועט דעם סוחר׳ס געלט.

אַ קאַנטרע קרעמער, (פון צולאנד) וואס האט געהאלטן ביי׳ם באַנקראָטירן, איז מיט זיין זון אריינגעפאָרן אין יאָהאַנעסבורג זיך איינהאַנדלען סחורה.

אין דער גרויסער פירמא ווו דער סוחר האט אים געוויזן פארשיידענע סאָרטן סחורות, האט דער קאַנטרע־קרעמער זיך זייער שטאַרק געדונגען און זיך באַמיט עס זאל אלץ קאָסטן וואס ביליגער.

ארויסגייענדיק פון געשעפט, פרעגט אים זיין זון: זע טאַטע, איך פארשטיי דיר ניט, דו האַלטסט דאָך שוין סיי־ווי־סיי שמאַל, אָט אָט צום באַנקראָטירן, ווּעסטו דאָך דעם סוחר סיי־ווי־סיי ניט צאָלן פאר זיינע סחורה, היינט צו וואס איז געווען דער דינגען זיך?

---

6) אַ קריסט אַן ענגלאַנדער.

„פארשטייסטו מיר זונינקע" — האט דער פאָטער גע־ענטפערט — איך שאַנעווע דעם סוחר׳ס געלט, אז איך וועל אים ווייניקער קומען, וועל איך דאָך אים ווייניקער אנזעצן...

זאָג, אז דו האָסט אַ הויז אַ ווייב און קדחת...

ווען לייבע רויטמאַן׳ס ברודער חייקל; האָט געדאַרפט אָנ־קומען מיט׳ן 5 אזייגער אוונט־צוג, האט לייבע איינגעשפאַנט זיין „טרעפקע" (פערד און וועגל) און איז צוגעפאָרן אים אָבוואַרטן אויפן „סטיישן" (וואגזאל).

ווען דער באַן איז אנגעקומען און חייקיל איז ארויסגעקראכן פון וואַגאָן: האט לייבע זיך צוקושט מיטן „גרינעם" ברודער, אים באזעצט אין זיין וועגל און געפארן מיט אים אהיים. קומענדיק נעהענטער צו דערהיים, ווייזט אָן לייבע מיטן בייטש צו אַ הויז פונדערווייטנס אויף אַ בארג — און זאגט: זעסט חייקל; אַט־אָ־די „פראָפּעטקע" דאס איז מיינע אָן אייגענע!

— חייקל: פארוונדערט; וואס אזוינס איז דאס „פראָ־פּעטקע?!"

— לייבע: מיט גאוה: איי דו בינסט נאָך „אַ גרינער" חייקל! — „פראָפּעטקע" איז אויף ענגליש; אַ שטוב, אַ הויז, מיין אימיענע!

ארויפקומענדיק אין הויז; זאגט לייבע: — איך בין זייער „סאָרי" חייקל, וואס מיין „מיסעס" איז ניטא אהיים, זי איז נעבאָך „סיק" אויף די „דינגע־פיווער" איז זי אין „אַ נערסינג האָום" אין דערבן.

דאָ האָט זיך שוין חייקל אינגאנצן פארלאָרן: און פרעגט: וואס דבר׳סטו דאָרטן?! איך פארשטיי בישט אַ ווארט וואס דו רעדסט, וואס אזעלכעס איז עס: מישעס, שיק, פיווער, האָם?!

האט אים לייבע דערקלערט: „מיסעס": — דאס איז די פלונית׳טע מיינע, טשיפע רחל, הייסט עס, זי איז נעבאָך „סיק": — קראַנק מיין איך; אויף „דינגע־פיווער": — דאס איז אזא מין קדחת אין אפריקע. איז זי דאס אין „אַ האָום" — אַ שפיטאָל אַ זעלכער אין דערבן.

דאָ האט זיך חייקל ניט געקאנט צוריק האַלטן, און רופט זיך אָפּ: לייבע! וואס מאכסטו דאָ דיינע אפריקאנער מינעס, און דו רעדסט צו מיר דיינע נאָלע ענגליש, דו ווייסט דאָך אז איך בין אָקערשט אנגעקומען, און קען נאָכניט אַ ווארט קיין ענגליש; טאָ רעד צו מיר ווי אַ איד און זאג אויף פּראָסט מאַמע־לשון: אז דו האָסט אַ הויז, אַ ווייב און קדחת...

לאָזט אים בלאָפן...

ווען הרב ר׳ פלוני איז אנגעקומען אין דרום אפריקע, און איז אויפגענומען געווארן אלס רב און מורה הוראה אין איינע פון די חשובע קהלות: איז פאר אים פאָרגעקומען די ערשטע דין תורה: צווישן צוויי „טרייערס" וואס האבן דארט צווישן זיך געהאט אַ סכסוך אין געלט־זאַכן.

דער רב האט געפרעגט: ווער פון אייך איז דער תובע און ווער דער נתבע; ווער מאָנט באַ וועמען? האָבן זיי אים געזאגט; אז מר. זאַקס מאָנט פון מר. כהן — אַ געוויסע סומע געלט.

— זאגט דער רב: אויב איר מר. זאַקס זיינט דער תובע, טאָ לייגט איר ראשית פאר אייערע טענות און תביעות, דערנאָך וועלן מיר הערן וואס מר. כהן האָט צו זאגן.

דער תובע — מר. זאַקס — האט געטענה׳ט און פארגעלייגט פארן רב דעם גאנצן „געשעפט־פּארקער" וואס זיי האָבן צווישן זיך געהאט.

דער נתבע מר. כהן, הערנדיק זיין בעל־דין׳ס טענות, איז געווארן זייער אויפגערעקט, און שפּרינגט אוף פון זיין שטול, דער־לאנגט אַ קלאַפּ אין טיש און שרייט אויס: רבי: איך קען דאָס שוין מער ניט הערן, ער בלאָפט און בלאָפט, לאָזט מיר רבי, רעדן וועט איר הערן!

דער רב זייענדיק אַ גרינער און הערענדיק ווי די אפריקאַ־נער אידן מישן אלץ אריין ענגלישע ווערטער אין זייער שפּראַך, האט געוואלט תופס זיין די ענגלישע ווערטער און זיך אויך באנוצן מיט זיי, כדי צו ווערן וואס גיכער „אויסגעגרינט" האט דער רב גע־מיינט אַז „בלאָפן" מיינט „טענה׳ען" רופט ער זיך אָפּ:

— מר. כהן, זייט דאָך געדולדיק, און לאזט אַ פריער מר. זאַקסן — אָ פּ ב לאָ פ ן, דערנאָך וועט איר ב לאָ פ ן. און אז איר וועט ביידע אָ פּ ב לאָ פ ן, וועל איך זען, וואס איך האב דערויף צו ב לאָ פ ן...

אַ וועקסעלע קענען זיי אויך פערדייען.

אין יאָהאַנעסבורג האט זיך ארומגעדרייט אַ קליין געוויקסיק פוילישער אידל, איין אויג איז באַ אים געווען איינגאַנצן אַ בלינדע, דאָס צווייטע קוים אַ שפּעלטעלע, אין וועלכע ס'האָט זיך ארומגעוואָרפן אַ כיטרעס שוואַרצאַפּל. הערשל דער בלינדער האָטן אים גערופן, ער איז געווען זייער אַ באַרעדוועדיקער, פלעגט דערציילן שיינע מעשיות פון „די ערלי דייעס"[1]) און פון די „בורן קריג" און אָט איז איינע פון זיינע מעשיות: וואס האט זיך מיט אים אליין געטראפן; ווי ער האט דאס אליין דערציילט.

— אליין בין איך, ווי איר קוקט מיר אָן, אלע מיינע יאָרן געווען: אַ בעקער. אין גאַנץ אפריקע האָט געשם'ט מיינע חלות, קיטקעס המן־טאַשן און פלאָדן, איבערהויפּט האָבן די אידן פון יאָהאַנעסבורג און פון גאַנצן „ראַנד"[2]) „געגליכן" מיינע ברוינע, שווארצע, ראזעווע ברויט און בייגל. אלע זונטיק אינדערפרי, איז באַ מיין „בעקערי"[3]) געווען אַ באַפאַל, קאָפּ־אויף־קאָפּ, דאס זיינען

---

1) די אכציקער און נייַנציקער יאָרן פון לעצטן יאָר הונדערט, עס הייסט די ערשטע פעריאדע, וואס אידן האָבן אנגעהייבן צו אימיגרירן אין גרעסערע מאָסן צו ד. אפריקע. די אלטע אפריקאַנער רופן יענע פעריאדע „די ערלי דייעס" דאס איז אַ מין אויסדרוק ווי: „בימים ההם" — אין אונדזער פריערדיקע ליטעראַטור.

2) דער גאנצער שטח פון די שטאָט יאָהאַנעסבורג און די שטעטלאָך און דערפער ארום, פון ספרינגס ביז ראַנדפאַנטיין, ווערט אנגערופן די „וויטוואַטערסראַנד". פארקירצט — די „ראַנד" אדער: — דער „ריף", עס הייסט: דער צענטראלער פונקט פון די גאָלד־גרובן. „ריף" דאס איז דער „גאָלדערנער אדער" פונוואנען מען גראָבט ארויס דאָס גאָלד־מאַטאַל.

3) אַ בעקאַרנע.

די קאָנטרע־אידן: — „קאַפּריטניקעס״[4]) און „קאָנצעסניקעס,״[5]) פון גאנצן ראַנד צוזאמען געקומען; צו מיין בעקערי אין „פּערײ־

---

4) ארום די גאָלד־גרובן האלטן אידן אַ זעלכע „גאָרקיכן״ ווו די קאַפירס, די ניגערס וואס אַרבעטן אין די „מיינס״ (גרובן), קריגן דאָרט צו עסן. „קאַפּעראיטניקעס״ זיינען די וואס גיבן צו „עסן״ (א י ט י נ ג; אין ענגליש) די „קאַפירס״ אין זייערע „קאַפּעראיטעס״ ס׳הייסט הייזער אדער קיכן — רעסטאראנען ווו „קאַפירס״־ניגערס „עסן״.

5) „קאָנצעסניקעס״ זיינען די וועלכע קריגן „קאָנצעסיעס״ פון די קאָמפּאניעס צו ווען עס געהער די גאָלד־גרובן; צו אנהאלטן גרויסע געוועלבן אינעם שטח פון די „מיינס״ (מינען), ווו די קאַפירס, די טויזנטער מינען־ארבעטער און גאָלד־גרעבער קויפן זיך איין אלץ וואס זיי באַדאַרפן.

אין די דאָזיקע גרויסע קאָנצעסיע־געוועלבער — וועלכע ווערן אָנ־געפירט פון אידן „קאָנצעס׳ניקעס״ — ארבעטן די הונדערטער אידישע בחורים נארוואס געקומענע, פון זיי זיינען פאראן אסך הויך געבילדעטע, גע־וועזענע גימינאַזיסטן, ישיבה־בחורים מיט סמיכות אויף רבנות... וועלכע „סערווען״ באַדינען די קויטיקע קאַפירס, די גאָלד גרעבער, דערלאנגען זיי די שיסעלעך „טשו״ געקעכטס, פארקויפן זיי: „בליינקעטס״ קאָלדרעס צימבלעך, פּאַטשערקעס, קאָרעלן. בלעכענע קעסטלאַך, וכדומה. זיי, די אינטעליגענטע אידישע בחורים, ארבעטן אזוי לאנג אלס „סיילס־מען״ — פארקויפער און „הענד־מען״ צום האנט־מענטשן, ביז זיי „ארבעטן זיך ארויף״ און ווערן אליין קאָנצעסן׳ניקעס, קאַפּעראיטניקעס.

יאָ, ניט איין דזשעני און שריפטשטעלערישער טאַלאַנט איז „פאַר־גרעבט״ געווארן, דאָרט ביי די זוימען און ברעגן פון די גאָלד־גרובן... אין די „קאָנצעסן סטאָרס״ און אין די „קאַפּעראיטעס״...

סעסל ראָהדעס האָט אַמאל געזאגט: „אז דרום אפריקע און ספּעציעל־טראַנסוואַל; איז דער אַלוועלטליכער „סעמעטערי״ — בית־הקברות פאר די אייראפּייאישע טאַלאַנטן...

דעם שרייבער פון די ציילן איז אויסגעקומען נישט איינמאָל — דאָרט צווישן די „מיינס״ פון טראַנסוואַל — צו לייענען מ צ ב ו ת פון די איידעלע געזיכט־צוגן, און טרוימערישע עכט אידישע אויגן... פון יענע אינטעליגענטע אידישע בחורים פון וועלכע ס׳האָט ארויסגעשיינט מיט בולט׳ע אותיות — די ווערטער:

פה נקבר: אָט דאָ איז באַגראָבן געוואָרן: אַ געניאַלער אידי־שער טאַלאַנט, וואס האָט געזאָלט זיין אַ לייכטנדיקער שטערן... אַ פּאָעט... אַ שריפטשטעלער, אַ אידישער דייבקער און היסטאָריע־פאָרשער, און ס׳איז געגאנגען לאיבוד, פאַר זיין צייט...

נאָר נישט דאס בין איך אויסן...

רע״[6]) איינקויפן זיך, מיינע אידישע געבעקס. מחמת ; ווער קען עס אין מויל אריינעמען די יעקלשע „סענוויטש־ברויטן״[7]) זיי זיינען דאָך, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, „קוואַטש״ ביט אויסגעבאַקן, ריי ווי שטיקער טייג. און די „בורע־ברויט״ די זיינען דאָך גאָר שטיינדלעך, געשמירט מיט חזיר־פעטס, און אַ אידישער מאָגן קען זיי בשום אופן ניט פאַרדייען. דעריבער טאַקי ; זיינען דאָס אַלע אידן געקומען צו לויפן צו מיר, פונקט ווי מען לויפט צו אַ גוטן אידן. דאָ האבן זיי געוווסט אז זיי וועלן קריגן עכט־אידיש־היימישע געבעקס. מיינט איר אפשר אז בלויז אונדזערע אידעלעך האבן „געגליכן״ מיינע געבעקס, מאכט איר מחילה אַ טעות.

אז עס פלעגן אנקומען די קריסטלעכע חגאות. דער „קריסמוס־סעזאָן״ און די ניי־יאָר „האָלידייס״[8]) פלעג איך באַקן „קריסמוס־קייקס״[9]) אז די „קירבעס״[10]) און די „יעקלס״[11]) פלעגן פאַר מיינע געבעקס אזש ווערן די כפרה.

מאכט זיך אמאל, דאס איז געווען שוין מיט אַ סך יאָרן צוריק, באַך אין די „ערלי דייעס״[12]) ווען גאָלד האָט זיך נאָך פשוט גע־וואַלגערט אין די יאָהאַנעסבורגער גאַסן, קומט צו גיין צו מיר אין בעקערי אַ יעקל, „אַ מיינער״[13]), אַ סקאָטשמאַן איז ער געווען, גע־קומען אהער פון סקאָטלאנד, און זאגט צו מיר : היות אזוי ווי ער האָט דאָרטן פון אנדערן זייט ים, אין זיין אלטער־היים אין אַבערדין

---

6) „פערײרע״ דער אידישער קוואַרטל אין יאָהאַנעסבורג.

7) לאַנג־שמאָלע־פירעקיגע לאַבנס־ברויט, צו שניידן פעניצעס פאַר „סענוויטשעס״ דאס איז אַ מין „כורך״ פון צווי מייצקעס ברויט באשמירט מיט פוטער און צווישן : סאַרדינען, קעז, איילבערטן, און האַרטע געשניטענע אויער.

8) די גויאישע חגאות.

9) טאָרטן פאַר די קריסטליכע חאָגע — ווייַנאַכט.

10) די בורן, די אפריקאַנער פויערים און ערד ארבעטער, אונדזערע אידן האָבן דידאָזיקע בורן געגבן אַ צונאָמען — „קירבעס״ מחמת זייער הויפט מאכל באַשטייט אין געקאָכטע — „קירבעס״. קאָוועגעס אזעלכע.

11) ענגלאנדער. איינער : יאָק, אדער יעקל. מערער : יעקלס.

12) זע איבן באַמערקונג 1).

13) אַ מינען־גרעבער, אדער אַן ארבעטער פון די גאָלד־גרובן.

ערגעץ, אַן אלטישקע מוטער, ברידער און שוועסטער, האָט ער דאָרטן, וואָלט ער וועלן; פאַרן קומענדיקן קריסמוס זיי מאַכן אַ סופּרייז, פאַרלאַנגט ער פון מיר: איך זאָל פאַר זיי אויסבאַקן אַ גראַנדיעזן קייק, און דערלאַנגט מיר פינף גאָלדערנע פּאָול־קרוגער׳ס פונטן, איך זאָל זיי אַריינבאַקן אינעם קייק, כדי — זאָגט ער — אַז ס׳וועט אָנקומען דאָרטן אום קריסמוס און די אַלטע מאַמע וועט דעם קייק דאָרט צושניידן, און זי וועט געפינען דעם אוצר, וועט דאָס זיין פאַר זיי אַ סופּרייז, טאַקי פון סופּרייזנלאַנד! און מיר, האָט דער יעקל צוגעזאָגט, וועט ער גוט באַצאָלן פאַרן קייק.

ווי קלערט איר: האָב איך פאַר דעם דאָזיקן „יאָק" אויסגעבאַקן אַ קייק, אַז דאָס איז געווען אַ וווּנדער קייק! איך זאָג אייך; אַז זינט קייקן האָבן זיך געקייקט, האָבן זיי אַזאַ מין קייק נאָך קיינמאָל נישט אויסגעקייקט, פּשוט, צו שטעלן עס אויפן ווישטאַווקע.

איר פרעגט: וואָס האָב איך געטאָן מיט די פינף גאָלדערנע פּאָול־קרוגער׳ס פונטן? ווי מיינט איר, האָב איך דאָס טאַקי געזאָלט באַגראָבן אינעם קייק, ווי אין דאָס פויערשע קאָפּ פובעם נאַרישן סקאָטלאַנדישן „יאָק" איז דאָרט איינגעפאַלן? אויף אַזוי ווייט בין איך נאָכניט משוגע געוואָרן. ניין, איך האָב דאָס ניט געקאָנט טאָן, און פאַר געוויסע „ריזן׳ס"[14]; האָב איך דאָס פשוט ניט געטאָרט טאָן. ראשית: האָט זיך דאָך דאָרט געקאָנט טרעפן דער גרעסטער „עקסידענט"[15] די אַלטיטשקע מוטער זיינע, אָדער ווער פון זיינע שוועסטער און ברידער, וואָלטן; ניט ווויסנדיק וואָס דאָרט ליגט באַגראָבן — געגעסן דעם קייק, און וואָלטן דאָרט; אָדער גלייך אויף אַן אָרט דערוואָרגן געוואָרן, אָדער אין בעסטן פאַל: — איינשלינגען, ווער אַ פונט, ווער צוויי, און ווען אַ גאָלדערנע האַרטע מטבע ליגט דאָרטן טיף אין די געדערים, קען דאָס קיין גוטס ניט ברענגען... זאָגט איך בעט אייך: האָט איר שוין ווען געפּרוּווט איינשלינגען אַ האַרטן גאָלדערנעם פונט, און עס זאָל האָבן געבליבן שטעקן דאָרט

---

14) טעמים, סיבות אורזאַכן, איינצאָל: „ריזן" — טעם, סיבה, אורזאַך.

15) אונגליקספאַל, אַ מאַלער.

אין אייערע קישקעס ?... דערפאר זאגט מען דאך: אז די גרעסטע גבירים; אפילו „לואיס און מאַרקס" האָבן אויך קיין גאָלד ניט געשלונגען... ווייסט איר פארוואס? ווייל גאָלדערנע מטבעות זייבען זייער פלאַץ אין טייסטער אין קעשענע, און ניט אין די קישקעס!... האָט איר אייך: איין „ריזין".

והשנית: ווער ווייסט אויבע דער קייק מיט די גאָלדערנע פּונטן, וואָלט גאָר דערלעבט צו גרייכן זיין פלאַץ? אויב דאס וואלט גאָר איינגאנצן אנגעקומען אהין אין אַבערדין, הייסט עס, מחמת געשיקט האט דער יעקל זיין קייק — דארפט איר ניט פאַר־געסן — דורך פּאָסט. און אויף פּאָסט; האָבן מיר דאך אַ קימא לן; אז עס איז פאַראן אַ וואָרנונג; אַז מען טאר קיין מזומן געלט נישט אריינלייגן, פארוואס? ווייל עס קען נאָך אונטערוועגנס ווער עס איז זיך מרחם זיין אויפן קייק מיטן געלט צוזאמען, עס „אָוועקלאָטכענען" און טאַקי האבן דערפאר „אַ העפּי קריסמוס"[16]) און די אלטיטשקע מוטער זיינע, מיט זיינע ברידער און שוועסטער; וואָלטן דאָרטן גע־קראָגן אַ פייג אונטערן דעכעלע: און נישט קיין קייק, האט איר אייך אַ צווייטן „ריזן": און והשלישית: און דאס זאלט איר וויסן, איז דער עיקר:

איך אליין בין דעמאלט געווען זייער געדריקט, איך האָב זיך אזוי געבויטיקט אין „אַ פייווער"[17]) אָט פונקט ווי אַ לעבעדיקער מענטש בויטיקט זיך אין לעבן, מחמת ס'איז דעמאָלט געלאפן אַ „גרויסער רייס"[18]) די גרעסטע „רייס" פון יאָר, און איך האָב גראָד דאַמאָלסט געקראָגן אַ „טיפּ"[19]) פון מיינעם אַ גוט־בעקאַנטן יעקל, „אַ טריינער"[20]) וואס „טריינט" פערד צו די רייסעס, און

---

16) אַ פריילעכן יום־טוב־קריסמוס, ווייגאכט.

17) אַ פינפערל, פינף־פונט־שטיק.

18) אַ קאָנקורס־געלאַף פון פערד. וואס ס'זענען דאָ „בוקיס" אַגענטן, וועלכע נעמען אָן געוועטאַכטס, אַ פונט צו הונדערט און העכערע סומען געלט, וואס דער „וועטער" צאָלט איין אויף אַ נאָמען פון אַ געוויסן פערד. און אויב דער פערד לויפט אריין דער ערשטער אויפן קאָנקורס־געלאַף, געווינט דער וועטער.

19) — 20) „אַ טיפּ פון אַ טריינער" — פאר די פערד וואס דאַרפן

דאָס דאַרפט איר וויסן: אז די חברה „טריינערס", אז זיי רעדן, וויסן זיי וואָס זיי רעדן... וואָרום ניט פאַר אלעמען ריידן זיי, זיי זאָגן ניט אויס, די ממזרים... ווייל פאַר זיי איז: אסור לדבר... באַר דערדאָזיקער „טריינער" איז געווען מיינס „אַ פעל"[21]) און ער האָט טאַקי מיר געגעבן דעם ריכטיקן מזלדיקן „טיפ" אויף דעם ריכטיקן סוס, ער האט מיר פארזיכערט אז ס'וועט „שור" אריין דער ערשטער, און געווינען דעם רייס, הכלל וואס זאָל איך אייך פיל ברייען, האָב איך טאַקי צוליב די אלע „ריזן'ס" מיך מיישב געווען, און די פינף גאָלדערנע פאול־קרוגער פונטן האָב איך אריינגעבאַקן צו זיך אין קעשינע... עס אָוועקגעגעבן צום „בוקי" וואס נעמט אָן די „בעטס" געוועטאָכץ־געלט, הייסט דאָס, און דער פערדל איז טאַקי אין אַ מזלדיקע שעה אריין, און איך האָב פאַר די פינף גאָלדערנע פאול קרוגערס פונטן; טאַקי געוווּנען גאנצע פינף הונדערטער!

איר פרעגט וואס איז געוואָרן מיט די אלטיטשקע גויה און איר סופרייז? נישקאָשע זי האט אויך אפגעלעקט אַ ביינדל און געבליבן לעבן... איך האב גלייך געלאזט אויסשטעלן אַ וועקסל אויף דעם פויער'ס מוטער'ס נאָמען: „מיסעס מאַקנעב" אַבערדין; אויף די סומע פון 25 פונט, אונטער געשריבן דאס וועקסל, כתוב וחתום און עס דערנאך אריינגעבאַקן אין דעם „קריסמוס קייק" ווי מיינט איר, נישקאָשע די גויה, די „סקאָטשליידי"[22]) מיט אירע זין און טעכטער האבן דאָרט אין אַבערדין געקענט פערדייען מיינעם אַ וועקסעלע!...

לויפן אין דעם „קאָנקורס־געלאף" האלט מען אַזעלכע „שטאָל־יונגען" „טריינער" וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט די פערד און „איבן" זיי צום־געלאף. — דידאָזיקע „טריינער"; אדער „איב־יונגען" זיינען זייער געניט, און וויסן די געשיקטקייט, גרינגקייט, פלינקייט פון איטליכס פערד וואָס דאַרף לויפן אין דעם קומענדיקן „רייס"; קאָנקורס־געלאָף. מיט איין וואָרט: זיי זיינען דאס די עקספערטן אויף די רייסעס־פערד. און פון זיי באַמיט מען זיך דאָס ארויסצוקריגן „אַ טיפ" — אַן אונטערזאָגונג, אויף וועלכן פערד מען זאָל לייגן געוועט־געלט.

21) אַ חבר.

22) אַ סקאָטלאַנדישע פרוי.

ער וויל נישט קאָנקורירן מיט די באַנק.

אין איינע פון די צענטראלע גאסן פון יאָהאַנעסבורג, לעם די סטאַנדערט באַנק, איז דאָרט אויפן ווינקל געשטאנען אַ איד אַ הויכער, מיט אַ שווארץ־צושויבערט־קאַלטעוואַטע באָרד, באַהאַנגען מיט אַ קעסטל ציגארעטלאַך שוועבעלעך און שיך־בענדלעך. מיט זיין הייזעריקע שטימע פלעגט ער פון צייט־צו־צייט, מיט אויס־געצייגענע טענער אויסשרייען. סי—גאַ—רעטס! סי—גאַרר—רעטס! און די פארבייגייער פלעגן אים געבן צו לייזן.

אזוי איז זיך דער איד אבגעשטאנען יאָרן ביי דער באַנק און געצויגן זיין חיונה פון זיינע פאפיראָסן און שוועבעלעך. ביז אין אַ פערלויף פון יאָרן האט זיך דער ארעמער „סיגאַרעטניק” אָפגע־שפאָרט עטלעכע הונדערט פונט, האָט זיך דאס איינער אַ סוחר, זיינער אַ לאנדסמאַן דערוווסט דערפון; איז ער צון אים צוגעגאנגען און געזאגט: — איך הער: אז דו האסט דאָרט עטלעכע פונט אין פאָסט־אָפיס. וואס טראגט דיר דאָרטן? גאָר אַ קליינעם פראָצענט מסתמה, וואָלט ניט געווען אַ סברה, אז דו זאָלסט מיר באָרגן דיינע עטלעכע פונט, וועל איך מיר קענען דורכדרייען אין מיין „ביזנעס” און דיין קאַפּיטאל וועט וואַקסן, איך׳ל דיר צאָלן גוטע פראָצענטן, הויכע ציגזן.

— „ניין, גוטער ברודער, — האָט דער „סיגארעטניק” גע־ענטפערט: איך טאר דאס נישט טאָן. ווארום זייט יאָרן, זינט איך האָב מיר דאָ לעם באַנק אוועקגעשטעלט, האָב איך מיט זיי, אַ שטילן קאָנטראַקט געשלאָסן. אז מיר זאלן זיך איינער דעם אנדערן נישט קאָנקורירן. און מיר זאלן זיך נישט מישן איינער אין דעם אנדערנס „ביזנעס”. הייגט אז איך׳ל אנהייבן צו אויסלייהען געלט, וועלן זיי דאָך אלע מיט זייערע „מענעדזוערס און קלאַרקס” זיך אַוועקשטעלן מיט קעסטלאך „סיגארעטס” טא ווי וועל איך אויסזען?... אשר על כן, אויב דו דאַרפסט געלט, גיי — זיי מוחל — אריין אין באנק, און באַ מיר קענסטו קריגן גוטע סיגארעטס אַ סיקספענס אַ פעקל, נאָך מיט אַ באַקסל שוועבלעך פאר „אַ פאַנסעלאַ”... (אַ צוגאָב).

בשר כסר...

אַ גרינער איד וואס איז נאָרוואָס געקומען פון ליטא, האט געשפּאַצירט מיט זיינעם אַלאַנדסמאַן „אַ געלן" וועלכער איז שוין פון יארן אין אפריקע, ווען זיי זיינען פאַרביי געגאנגען אַ אידישע יאַטקע, האט זיך דעם „גרינעם" געוואָרפן אין די אויגן אַ משונה־דיקער אויפשריפט: אויפן שויב פון פענצטער איז געווען אויפ־געשריבן מיט גרויסע קדוש לבנה אותיות: — „בשר כסר"... דער „געלער" דערזעענדיק ווי זיין גרינער לאַנדסמאַן שטייט און קוועטשט מיט די פּלייצעס און וואונדערט זיך אזוי, פרעגט ער אים: וואס איז דאָ אזוי דער בייזער וואונדער?!

— סטייטש: זאגט דער גרינער, אזוי משונה'דיק, גרייזיק איז אייער אויסלייגאַכץ, דאָ אין דער גאָלדערנער מדינה? בשר „כסר" מיט אַ סאַמעך?! וואס פאר אַן עם־הארצות!

— ניין, זאגט דער געלער, — דער „סאַמעך" איז דוקא ריכטיק, דער טעות שטעקט דאָ אין „כּאַף": ס'האָט געדאַרפט זיין אנשטאט דאס, אַן אַלף, וואלט דאָס באַטייטן ריכטיק „בשר אסור"...

צו שפּעט זיך אַרומגעזען.

מר. ברוידע איז צוגעגאנגען אויפן וואַגזאַל צום קאַסע, דער־לאַנגט אַ פינף פונטיג נאָטע און געבעטן אַ בולעט צו בלומפאַנטיין. דער בעאַמטער האָט אים דערלאנגט דעם בולעט מיט די רעשטע.

דערנאך ווען מר. ברוידע איז אוועק, האָט ער זיך ערשט ארומגעזען אז די רעשטע איז ניט ריכטיק. איז ער צוריק צו צום קאַסע און זאָגט דעם בעאַמטן: אז ער האט אים געגעבן די רעשטע ניט ריכטיק.

— איר האט זיך צושפּעט ארומגעזען — האָט דער בעאַמטער אים געענטפערט: דאָ איבערן פענצטערל איז פאַראַן אַ וואָרנונג צו פאַסיזשירן: זיי זאָלן אבשטימען זייער רעשטע אָט־אָ־דאָ אויפן פלאַץ, קוים גייט מען אַוועק איז פאַרפאַלן.

— אויב אזוי דאַנק איך אייך הער בעאַמטער, די רעשטע איז געווען ניט ריכטיק — מיט דעם: וואס איר האָט מיר איבער־געגעבן צען שילינג: און האָט זיך האַסטיג אַבגעטראָגן.

יח.

באָרדינג הייזער און רעסטאָראַנטס.

דאָס בילד איז געוויס כשר.

אַן אָרטאָדאָקסישער איד איז אַריין אין אַ כשרן רעסטאָראַנט עפּעס עסן, דערזעענדיק אָבער דעם רעסטאָראַטער, איז אים לויט זיין מגושם׳דיקן מהות, אַריינגעפאַלן אַ ספק; אויב דאָ איז טאַקי באמת כשר? גייט ער צו צום אים און זאָגט; איר זאָלט אויף מיר קיין פאַריבל ניט האָבן וואָס איך וועל אייך פרעגן; אַזוי ווי איך בין אַ איד וואָס היט מיר אָפּ שטענדיק — אונטער אַלע אומשטענדן — צו עסן שטרייַנג כשר׳ע מאכלים, וואָלט איך וועלן; אויב איר קענט מיט וואָס־ניט־איז מיר איבערצייגן, אַז נישט בלויז אויף אייער שילד און פענצטער איז כשר, נאָר טאַקי אין קיך. אין עס־צימער און די מאכלים גופא זיינען כשר?...

דער רעסטאָראַטער ווייזט אָן דעם אידן אויפן בילד פון רבי יצחק אלחנן און זאָגט: איר זעט ווער עס הייננגט דאָ אין מיין עס־צימער אויפן וואַנט? דאָס איז דאָך דער גרויסער גאון פון קאָוונע, רבי יצחק אלחנן זכר צדיק לברכה! נו דאַרפט איר שוין עפּעס צווייפלען אויב דאָ איז כשר?!

— ניין, זאָגט דער איד: אַז דאָס בילד איז כשר, און אַז רבי יצחק אלחנן איז געווען אַ גרויסער צדיק און גאון, אין דעם צווייפל איך גאָרניט, וואָרום ווען רבי יצחק אלחנן אַליין וואָלט זיך דאָ געפונען אַ לעבעדיקער, און אייער טויטן־בילד וואָלט אויפן וואַנט געהאנגען, וואָלט אַן קיין שום ספק אַלצדינג דאָ געווען כשר, ס׳איז דאָך אָבער ליידער פאַרקערט, ווייס איך ניט אויב אַן ערלעכער־כשר׳ער איד מעג דאָ עסן... און איז אַוועק.

שלאָפן מעג ער דארט.

אַן אָרטאָדאָקסישער איד איז אָנגעקומען אין קייפטאָן און פּאַרפאַרן אין אַ אידישן האָטעל, דער אינהאָבער פון האָטעל האט זיך פאר אים באַרימט: אז ער פירט דעם האָטעל שטרייננ כשר, און ער קען זיך נאָך פרעגן באַ דעם דאָרטיגן רב.

אויף מאָרגן נאָכן דאַוונען אין בית מדרש. איז דער איד צוגעגאנגען צום רב און אים געפרעגט אויפן האָטעל: אויב ער פירט זיך טאַקי באמת כשר? יאָ, ענטפערט דער רב, שלאָפן קענט איר דאָרטן — לכל הדיעות — אָן קיין שום חשש...

זי שלאגט זיך מיט דער דעה...

אין קייפטאָן אין אַ „באָרדינג־הויז" האָט אַ באָרדער געפרעגט די „מיסעס": וואס האט איר עפעס היינט פאַרקאָכט פאר „דינער"? (מיטאָג).

— קרעפלאַך, האט די „מיסעס" געענטפערט.

— וואס עפעס היינט אין מיטן מיטוואָך קרעפלאַך? האט דער באָרדער געפרעגט: מיר האָבן דאָך אַ קיימא לן; אז ווען מען שלאגט (פורים; המן'ען. ערב יום כיפור; כפרות און הושענא רבה; הושענות) עסט מען קרעפלאַך. וואס איז היינט געוועז פאר אַ שלאָגן?

— וואס הייסט; ענטפערט די „מיסעס": פרנסה איז „געשלאגן" אידן אין דער וועלט „שלאגט" מען, און איך מיט מיין דעה האָב מיך אויך „געשלאגן"... היינט פרי שטיי איך אוו קלער; וואס זאל איך טאָן מיט די נעכטיקע אלטע פלייש? האָב איך מיר מיט דער דעה געשלאגן: צו זאל איך עס געבן עסן דעם קאַפיר, צו זאל איך עס ארויסוואַרפן? איז באַ מיר געבליבן איך זאל גאָר דערפון מאַכן קרעפלאַך...

עפר אני בחיי, קל וחומר במיתתי...

איין לאנדסמאן טרעפט דעם אנדער לאנדסמאן, זיינעם אַ חבר פון דערהיים, פרעגט ער; נו חיים; ווי גייט דאָס דיר דאָ מיט

דיין מאָגן, פאַליובעט דיר עפּעס די עסן וואס דו קריגסט פון די „מיסעס" אין באַרדינג הויז?

— אוי יונה, פרעג שוין גאָרניט; דו ווייסט דאָך ווי איך האָב געליטן אין דערהיים פון מיין חייה׳ן מיט אירע געריכטן; וואס זי פלעגט מיר קאָרמענען, איז דאָ ביי מיין „מיסעס" באַ וועלכע איך שטיי, טויג שוין גאָר אויף כפרות, זי מאכט מיר פשוט קראַנק מיט אירע האַמעטנע „מאַכולעס" אויף מיר איז יאָ מקוים געוואָרן: עפר אני בחיי, אויב באַ מיין חייה׳ן בין איך געלעגן צען קלאַפטער אין דרערד... היינט קל וחומר במיתתי... ווי דערגייט מיר שוין די יאָרן מיין מיסעס!...

ער קראַצט זיך, ווו ס׳בייסט אים...

אין עס־זאַל פון אַ גרויסן האָטעל, איז געזעסן אַ גרינער איד ביים טיש צווישן די געסט און האָט זיך געקראַצט. איז צו צו אים דער קעלנער און אים העפליך געזאָגט: אַז דאָ עסט מען, אויב ער וויל זיך קראַצן זאָל ער אריין אין זיין שלאָף־צימער און זיך דאָרט גוט אויסקראַצן.

—ווי געפעלט ער אייך! — האָט דער איד אויסגעשריען, מיר בייסט דאָ, און ער שיקט מיר גאָר קראַצן דאָרטן...

ניט מיט פלעזשור, נאָר מיט לאָקשן.

דער קעלנער פאַרנייגט זיך צו אַ גאַסט מיטן מעניו אין האַנט און פרעגט: וואס זאָל איך אייך ברייגגען, מיין הער?

— דער גאַסט אַ גרינער: וואס צייגסטו מיר די מעניו, איך פאַרשטיי עס נישט צו לעזן; ברייגג אַ טעלער זופּ.

— דער קעלנער מיט אַ חניפיש שמייכעלע: יאָ מיין הער, איך ברייגג אייך תיכף, מיט פלעזשור.

— ניין; — שרייט אים נאָך דער גאַסט — איך וויל ניט מיט פלעזשור, ברייגג זופּ מיט לאָקשן!...

ער וועט דאָס צו מויל ניט וועלן נעמען.

דער גאַסט צום קעלנער: העי! רוף מיר נאָר אהער דעם רעסטאָ־ראַטאָר, זאָל ער פאַרזוכן וואס פאַר אַ שעדליכע שפייז מען גיט דאָ!

דער קעלנער: ניין, מיין הער, דער „באָס" וועט דאָס צו זיין מויל ניט וועלן נעמען...

פאַרפעלט אַ קוף...

איינער פון די געסט שרייט אויס: העי ווייטער; וואָס האָט איר עפּעס פאַרפעלט אַ קוף פון מיין פּאָרציע פליייש?!

— קעלנער: וואָס מיינט איר דערמיט?

— גאַסט: גאָר פּשוט; איך האָב אייך געבעטן קאַלטע פליייש, און איר האָט, ווי עס ווייזט אויס, פאַרהערט דעם קוף און מיר געגעבן אַלטע פליייש...

אַ באָרדער וואָס גראַמבלט...

אין אַ יאָהאַנעסבורגער רעסטאָראַנט האָט אַ באָרדער זיך באַשטעלט אַ טעלער באָרשט מיט אַ מאַרך ביין. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן באָרשט, האָט ער זיך גענומען צום ביין. ערשט ער זעט אַז דער ביין איז אַ טרוקענער. רופט ער מיט כעס צום ווייטער: (קעלנער)

— איי סעי ווייטער! וואָס איז דאָס פאַר אַ ביין וואָס דו האסט מיר געגעבן? ס'איז דאָך טרוקן אָן אַ פּיצל שכל... דאָס האָט דאָך צום מאָל קיין שום מאַרך נישט?!

— דער קעלנער: איך ווייס אסור נישט וואָס איר ווילט, איר האלט בלויז אין איין „גראַמבלען" אָט האָבן צוויי באָרדערס פריער פאַר אייך; געהאַט דעם דאָזיקן ביין און זיי האָבן זיך מיט דאָס פּשוט פּאַסמאַ־קעוועט, און באַ אייך איז דער מאַרך געוואָרן אויסגעטריקנט!...

ער ווייס ווי צוצושניידן אַ פּאַדעשווע...

דער בעל אכסניה — זעענדיק ווי זיין אורח קען זיך קיין עצה ניט געבן, מאַטערט זיך מיטן מעסער איבער זיין סטייק (בראָטן־פליייש) — זאָגט:

— זעט, קען איך אייך אפשר העלפן צו צושניידן אייער סטייק?

— אורח: אַ דאַנק, ס'איז נישט נויטיק, ווייל אין מיינע בחור'שע יאָרן, האָטן מיר אבגעגעבן צו לערנען זיך די מלאכה באַ אַ שוסטער, די ערשטע זאַך וואָס איך האָב מיר אויסגעלערנט איז געווען; ווי צו־צושניידן אַ פּאַדעשווע...

יט.

אין געריכט.

ניין, ניין, איך האָב אים געקוקט אין די ציינער...

אַ אידישער ליטווישער יונגערמאַן, אַ גרינער, וואס ער איז נאָרוואס אריבער געקומען אין אפריקע. האט זיך געשפּאַצירט אין די קייפּטאָנער גאַסן. איז ער אַטאַקירט געוואָרן פון עטלעכע בורע־שקצים גאַסן־יונגען. תחילת האָבן זיי אים נאָכגעשריען מיט שימפּ־ווערטער, האָט ער זיך ניט געמאַכט הערענדיק און געטראַכט האָט ער צו זיך: „אזוי ווי איך פארשטיי ניט; אזוי וועט מיר ניט שאַטן״... און זיך געגאַנגען זיין וועג.

די בורע־שקצים האָבן אים אָבער ניט צורו געלאָזן, און האָבן אים נאָכגעוואָרפן שטיינדלעך, איז ער צוריקגעגאַנגען צו זיי, — קיין שוואַכער אינגל; איז דער גרינער יונגערמאַן ניט געווען — און ער האָט איינעם געכאַפּט און אים גוט צובראָכן די ביינער.

נאָכדעם איז דער יונגערמאַן אָנגעקלאָגט געוואָרן פון צו־שלאָגענעם בורע־שייגעץ, אין געריכט הויז. האָטן געשטעלט פאר דעם יונגענמאַן אַ אידישן איבערזעצער, פרעגט דער לעצטער — אין נאָמען פונעם ריכטער: בשעת דער בורע־שייגעץ האָט אייך נאָכגעוואָרפן די שטיינער, האָט איר אים נאָכדעם געשלאָגן?

— ענטפערט דער אידישער יונגערמאַן: — ניין, ניין, איך האָב אים געקוקט אין די ציינער!...

אז מען האָט צום ריכטער איבערגעגעבן — אויף ענגליש — דעם גרינעם׳ס ווערטער: האָט דער ריכטער געפרעגט: — איז דער יונגער מאַן; אַ צאָן דאָקטער? צו האט ער אַ דערלויבעניש פון דער היגער רעגירונג צו פראַקטיצירן אַלס דענטיסט?!...

זיך טיילן מיט די פאַרדינסטן...

צוויי אידן וועלכע האָבן אָבגעקויפט אַ גרויסן מאַניפאַקטור געשעפט, זיינען אריין צו אַ נאַטאַרני, ער זאל פאר זיי אָנשרייבן דעם שותפות־קאָנטראַקט.

די צוויי שותפים האָבן פארנומען גאנצע צוויי שעה פאר די צענדליקער פונקטן און קאָנדיציאָנען וואס זיי האָבן אלץ דערמאָנט דעם נאַטאָרני ארייננצושרייבן, ביז וואַנען דער נאַטאָרני האָט פאר־לאָרן זיין געדולד און האָט זיי פארזיכערט: אז ער האט זיי גוט פארשטאנען; און וועט אריינשרייבן אלצדינג, אלע פונקטן און תנאים לויט זייער ווונטש און פערלאנג.

דער נאַטאָרני האָט זיך גענומען צו אויספילן דעם דאָקומענט, און די צוויי שותפים האָבן ענדלעך פארלאזן זיין ביורא זייער צו־פרידענע.

ס׳האָט אבער נישט גענומען קיין מינוט, ווען איינער פון די שותפים שטעקט אריין זיין קאָפּ דורך די אָפענע טיר און שרייט אריין: הערט איר מיסטער סאָליסיטאָר, עיקר שכחתי; איך וואָלט וועלן איר זאלט צושרייבן נאָך איין וויכטיקן פונקט אינעם „אגרימענט״ (קאָנטראַקט).

— גאנץ געוויס, זאָגט דער נאַטאָרני, וואס איז דאָס?

— שטעלט, זייט אזוי גוט, אריין — זאָגט דער קליענט — אין פאַל אויב מירן מירצעשעם אָפברענען... אָדער גיין מכולה, כ׳מיין באַנקראָטירן... זאָלן מיר מיט די רוחים, די פארדינסטן הייסט עס, זיך טיילן גלייך אויף גלייך... פאַרשטאַנען?

ער׳ט ליבערשט גיין נאָך ארץ ישראל.

אַ איד וועלכער איז געווען פארמישט אין אַ שווערן קרימי־נאַלן פראָצעס און האט אין דער פריטאָריער הויך־געריכט פארלארן, איז ער געשטאַנען אין קאָרידאָר פון געריכט־הויז זייער דערשלאגן און באַזאָרגט, זיין אדוואָקאט פארביי־גייענדיק האָט אים געזען שטייענדיק אזוי באַטריבט, האָט ער אים געטרייסט און געמוטיקט און זאגט צון אים: עס מאכט ניט: זייט ניט אזוי פארצווייפלט, מירן

נאָך גיין אין בלומפאַנטיין... (דאָרט איז דאס העכסטע געריכט־הויז)
— דער אונגליקלעכער איד האָט אויפגעהייבן זיינע פאַר־וויינטע אויגן און זאגט: — אין בלומפאַנטיין מיסטער אַדוואָקאַט; ווערט איר גיין, איך וועל ליבערשט גיין נאָך ארץ ישראל.

אויף זיין ווייב׳ס נאָמען.

מר. הירשקאָוויץ אַ איד אַ גביר און אַ גרויסער סוחר, איז געוועזן זייער אַן אויסגערעכנטער מענטש, ער האָט זיך אין אלצדינג פאָראויס פאָרהיט און באַוואָרנט, ווי דער תלמוד זאגט: „איזהו חכם הרואה את הנולד״ — אַ מענטש קען קיינמאָל נישט זיין זיכער מיט זיין צוקונפט, — פלעגט מר. הירשקאָוויץ זאָגן — און ווי רייך מען זאל ביט זיין, קען זיך פלוצלונג חלילה; אדריי טאָן דאָס רעדל, און מען ווערט אַ יורד: אויס קאַפּעלוש מאַכער...

אויף ווי ווייט זיין פארהיטן זיך און באַוואָרינעש איז גע־גאַנגען, קען מען זען פון דעמדאָזיקן פאַקט: אין זיין גרויסע רייך־געמעבלטע הויז, האָט מר. הירשקאָוויץ געהאט אין זאַל הייגען, זייער אַ טייערן קאָסטבאַרן אַנטיק, דאָס איז באַשטאַנען פון אַן אָרגענעלע האַנט־צייכנונג, אַ קונסט־בילד, געצייכנט און געמאָלן פונעם בערימטן האָלאַנדישן קינסטלער — רובענס. פאר וועלכע מר. הירשקאָוויץ האָט באַצאָלט זייער אַ הויכן פרייז.

איינמאָל האָט ער צו זיך איינגעלאַדן אַ געוויסן קינסטלער וואס איז געוועזן אַ גרויסער קונסט־קריטיקער ער זאל זען, באַ־טראַכטן און אָבשאַצן דידאָזיקע מאָלונג, ווי אַנטציקט און איבעראַשט איז דער קונסט־קריטיקער געווארן — ווען ער האט, באַטראַכטנדיק דאָס בילד, דערזען אויף אַ ווינקל פון בילד אויסגעקריצט דער נאָמען „רחל הירשקאָוויץ...״ רופט זיך אָפּ דער מאָלער: זעט, איך בעט אייך, וואס איז דאס פאר אַן איינפאַל? ווו איז דער נאָמען פונעם צייכענער, רובענס? „עה הע״ — ענטפערט מר. הירשקאָוויץ — ווינקענדיק כיטרע מיטן אויג און מיט אַ סוחריש קלוגער מינע — זאָגט ער; איך האָב מיר אויסגערעכנט און האב עס געפונען פאר זיכערער: האָב איך עס דערפאר פארשריבן אויף מיין ווייבס נאָמען...

מה נשתנה הלילה הזה?

דער ריכטער אַ איד: צו אַן אַנגעקלאָגטן אידן וואס איז גע־וואָרן פאַרמישט אין אַ געשלעג אין אַ באַר (אַ שענק) — איר זאגט אַז אלע פאַרנאַכט קומט איר אריין אין שענק, נעמען אַ טרונק בראַנפן. און דעם אָוונט ווען דער געשלעג איז פאָרגעקומען: זיינט איר דארטן נישט געווען, מעג איך אייך פרעגן: — מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות?!...

דער אנגעקלאָגטער: — ווייל אין יענעם פאַרנאַכט האָט מיר מיין באַלעבאָס געגעבן אַ מתנה: אַ פלעשל בראַנפן, האָב איך גע־האָט צו מקיים זיין: הלילה הזה שתי פעמים...

וואס ער וועט קריגן ...

נאָכדעם ווי אַן אגענט פון פייער־פאַרזיכערונג האָט געפועלט באַ אַ אידן און אים פאַרזיכערט זיין הויז און געשעפט, האָט דער אָקערשט פאַרזיכערטער געפרעגט פון אַגענט: נו, וואס זאגט איר מיסטער אגענט; איצט אַז איך האָב מיר שוין פאַרזיכערט מיין הויז און געשעפט, און האָב שוין איינגעצאָלט מיין ערשטן איינצאָל, ווי אַז מיין הויז און געשעפט זאָל נעמען און טאָן אַ ברען אָפּ, כ׳מיין ס׳זאל אוועק מיטן פייער, אָט טאָקי היינט דורך נאַכט, וואס וועל איך קריגן פאַר דעם?

איך ווייס ניט פאַר געוויס, אבער מיר דוכט אַז איר וועט קריגן צען יאָר תפיסה פאַר דעם...

מר. גאָד אויסגעשלאָסן פון די געשוואָרענע.

צווישן די געשוואָרענע וועלכע האָבן זיך געזעצט אין יאָ־האַנעסבורגער הויך־געריכט, אויסהערן אַ קרימענאַלן מערדער פראָ־צעס פון צוויי „פאַנדאס" (קאַפיר־שעפס) איז געווען אַ איד מיט אַ לאַנגן באָרד, מר. גאָד האָט ער געהייסן.

ווען מען האָט געפרעגט די אנגעקלאָגטע קאַפירס; אויב זיי האָבן וואס אויסצוזעצן קעגן עמיצן פון די געשוואָרענע?

האָט איינער פון די קאַפירס געפרעגט: „ווער איז דאָס דער מאַן מיטן לאנגן באָרד?"

— „דאס איז מר. גאָד״ האָט דער איבערזעצער געענטפערט.

— אויב אזוי ווייל איך מען זאָל אים אויסשליסן פון די גע־שוואָרענע — האָט דער ארעסטאַנט געזאגט — ווייל פאַר „גאָד״ (גאָט) וועל איך ערשט פאַרקומען גע׳משפט צו ווערן נאָך מיין טויט, און דערווייל לעב איך נאָך...

דערפאר איז מר. גאָד גלייך אויסגעשלאָסן געוואָרן פון די געשוואָרענע...

איך שיכור און שיכור און ס׳איז נאָך אלץ ווייניק...

אין יאָהאַנעסבורג איז געווען אַ איד אַ מויערער, ער איז גע־ווען זייער אַ געשיקטער ציגל־לייגער. אַן עקספערט. פארדינען פלעגט ער זייער גוט, האָט ער זיך אָבער אריינגעלאָזן אין טרינקען און פלעגט פאר׳שיכור׳ן אלע זיינע פארדינסטן, זיין משפחה׳לע די ווייב און קינדער, וואס ער האָט נאָכגעלאָזן אין דערהיים, ערגעץ אין אַ קליין שטעטל פון ליטע, פלעגט ער גארניט שיקן און זיי זיינען דאָרט אויסגעגאַנגען פון הונגער.

איינמאָל האָט אים אַ אידישער נאָטארני איינגעלאַדן און האט אים איבערגעגעבן: אז זיינע לאַנדסלייט ווילן אים ברענגען פארן געריכט, איז בעסער: ער זאָל אַ ביסל ווייניקער טרינקען, און שיקן זיין ווייב און קינדער צום לעבן — רופט זיך אָפּ דער מויערער: איך ווייס ניט וואָס מיינע לאַנדסלייט ווילן פון מיין לעבן האָבן?!

איך שיכור און שיכור און ס׳איז זיי נאָך אלץ ווייניק!...*)

דאָס איז זיין ביזנעס...

פּראָקוראָר: זיינט איר אַ שווערער טרינקער?

אנגעקלאָגטער: דאָס איז מיין ביזנעס...

פּראָקוראָר: יאָ, דאָס האָב איך אליין געטראכט, אָבער אַ חוץ דעם, האָט איר וואס אנדערע ביזנעס?!

---

*) דאָס איז אַ געלונגענער ווארטשפּיל וואס קלינגט ווי ער וואלט זאָגן: איך שיק־איר און שיק־איר און ס׳איז זיי נאָך אלץ ווייניק...

כ.

דאקטיירים אין אפריקע.

ער באַצאָלט אים פאַרן וויזיט.

אַ יאָהאַנעסבורגער אידישער דאָקטער דערציילט:

איינמאָל אין מיטן דער נאַכט, ווען איך בין געקומען פון מיינע פּאַציענטן, און נאָרוואָס אריין אין מיין סטודיא אַוועק־צו־לייגן מיינע קלאָפּער־געצייג, און זיך גיין לייגן אויסרוהען מיינע מידע ביינער פון גאנצן טאָג ארבעט, ערשט אַהאַ, דער גאַסטיר־גלעקל קלינגט, און מיט אַ ליאַרם אַן אַן אויפהער, איך לויף צו צום טיר, אַ איד שטייט אַ דורכגעווייקטער פון רעגן, ס'איז געווען אַ שטורמ־דיקע נאַכט, ס'האָט געגאָסן גערעגנט, דער איד בעט זיך בא מיר רחמים: זעט הער דאָקטאר; האָט רחמנות ראַטעוועט! און קומט מיט מיר תיכף...

— וואָס ווילט איר פון מיר, איך בין מיד און צובראָכן, ס'איז דאָך דאָ נאָך דאָקטיירים אין שטאָט, האָב איך מיר געבעטן פונעם אידן.

— ראשית, האָט דער איד געזאָגט: — האָב איך באַמערקט אַז באַ אייך איז נאָך ליכטיק, זיינט איר דאָך נאָך אוף, והשנית: איז פריער גאָט און דערנאָך איר, הער דאָקטאָר, קאָנט מיר העלפן. ס'איז זייער דרינגענד, איר קאָנט דאָך זען הער דאָקטאָר, ווען ס'וואָלט נישט געווען אזוי דרינגענד, וואלט איך דאָך נישט געקומען צון אייך אין מיטן דער נאַכט, אין אזא שלאַק־רעגן.

מילא, וואָס האָב איך געקאָנט טאָן, האָב איך געכאַפּט און זיך אריינגעזעצט מיטן אידן אין מיין אָטאָמאָביל און געגומען פליהען אהין, לויטן אדרעס ווי דער איד האָט מיר אנגעגעבן, ארויס־פאָרנדיק ארום אַ צוואַנציק מייל הינטער יאָהאַנעסבורג, אין גוס־רעגן, ערגעץ ווייט אויפן „ריף" לעם די „מיינסן" הייסט דער איד

מיר אָפּשטעלן די קאַר, און גיט מיר אַ פרעג: — זאָגט נאָר הער דאָקטאָר, וויפל וועט איר מיר רעכענען פאַר דעמדאָזיקן וויזיט?

— וועגן וואָס פרעגט איר; איר מוזט דאָס וויסן אין פאָראויס?

— יעס, הער דאָקטאָר; — איך בין אַ איד „אַ ביזנעס מאַן" און פאַר אלץ וואס איך דאַרף צאָלן, מוז איך וויסן פאָראויס, זאָגט דער איד און קוקט מיר אריין מיט זיינע חיטרע סוחר'ישע אויגן, גלייך אין פנים אריין.

— נו, אז איך וועל אייך רעכענען אַ גינע פאַרן וויזיט, וועט עס זיין פון מיר ארענטלעך?

— אלץ הייסט ארענטלעך; — זאָגט דער איד; און שפרינגט האַסטיג ארויס פון קאַר; און שטופּט מיר אריין אַ גינע אין האַנט און זאָגט: איצט הער דאָקטאַר; קאָנט איר פאָרן צוריק אהיים זיך אויסרוען. איך דאַנק אייך זייער הער דאָקטאָר, איר האָט מיר פאַר־שפּאָרט אַ פונט, איך בין געזעסן שפּעט אויף אונדזער אַ „סאָסייטי מיטינג" און די אנדערע „טעקסי טרייבער" האָבן מיר געבעטן צוויי און דריי פונט; מיר אפּצופירן אהיים, און איר האָט דאָס געמאַכט בלויז פאַר איין גינע... איך דאַנק אייך, אַ גוטע נאַכט הער דאָקטאָר!...

דער דאָקטאר הייסט אים זיך לאָזן ארויסנעמען די ציינער

אין אפריקע די דאָקטוירים הייגעגן אָן אַז דאָס־רוב קראַנק־הייטן קומען פון שלעכטע ציינער, וואס פאר אַ חולה עס זאל צו זיי נישט קומען און אויף וואָסער מיחוש ער זאל זיך ניט באַקלאָגן איז „גלייך די ציינער ארויסנעמען" און דערפאר טאַקי זיינען אין אפריקע רובא־דרובא, פולע ניינציק פראָצענט פון דער באַפעל־קערונג, סיי יונגע, סיי אַלטע — אלע מיט פאַלשע ציינער.

איינמאָל מאַכט זיך; אַ איד וואס האָט שטאַרק געליטן אויפן מאָגן, געהאַט האַרץ־ברענעניש, או. אז. וו. איז ער אריין צו אַ בערימטן אידישן דאָקטאר אין יאָהאַנעסבורג, און דערציילט אים פון זיינע מיחושים; ווי ער ליידט אויפן מאָגן, האָט דער דאָקטאר האַסטיג אים אריינגעקוקט אין מויל, אים באטראכט אַ ביסל, אויס־געטאַפּט אויסגעהערט: — רופט זיך אָפּ צון אים דער דאָקטאר: —

איר מוזט שוין תיכף גיין צו אַ דענטיסט ער זאָל אייך וואָס־צום־גיכסטן ארויסציהען די ציינער.

— דער איד האָט דערהערט ציינער, האָט ער זיך מיטביידע הענט אַ כאַפּ געטאָן צום מויל ווי ער וואָלט זיך געוואָלט ווערן; און שרייט אויס: ניין, הער דאָקטאר, דאָס נישט, מיינע ציינער וועל איך — בשום אופן — זיך ניט לאָזן ארויסנעמען, איך לייד לגמרי נישט אויף מיינע ציינער, איך עס און טרינק אלצדינג און לייד ב"ה קיינמאָל נישט קיינע צאָן־שמערצן. איך בעט אייך הער דאָקטאר: זעט באַטראַכט מיר נאָכאַמאָל און זעט אפשר וועט איר אויסגעפינען אַן אנדער סיבה פון מיין מאגן־קאַטאַר.

— דער דאָקטאר: — דאָס וואָס איר ליידט נישט קיין צאָן־שמערצן איז נאָך אלץ גארנישט, אייער מאָגן וואָס איז נישט אין אָרדענונג און די האַרץ־ברענעניש קומט נאָר פון אייערע פארדאָר־בענע ציינער, איך זאָג אייך; גייט שוין צום דענטיסט און זאָל ער אייך ארויסנעמען אלע אייערע ציינער, און נאָכדעם קומט צו מיר, וועל איך אייך געבן מעדיצין און אייך קורירן אייער מאָגן.

דאָ האָט דער איד געזאָגט: אויב אייער חכמת־הדאָקטאָריע זאגט: אז ס'איז קיין אנדער סיבה נישטאָ, אַ חוץ די ציינער, מוז איך דאָך אלזוי זיי ארויסנעמען, היינט צו וואס דער דענטיסט? און דער פאַציענט האָט פאַרנאַנדער געעפנט זיין מויל און מיט זיין האַנט האָט ער ארויס גענומען ביידע ציילן ציינער, זיי אַוועק גע־לייגט אויפן טיש און זאָגט: נו, הער דאָקטאר; וואָס זאָגט איר איצט איז ד אָ ס ד י ס י ב ה פון מיין מאָגן קאַטאַר?...

דער ציגאַרעטל אַ טאָג, מאַטערט אים.

אַ פאַציענט מיט אַ שטאַרקן פאַרקילונג איז געקומען צום דאָקטאר. נאָכדעם ווי דער לעצטער האָט אים גוט באַזיכטיקט, און פארשרייבט אים דעם רעצעפּט, זאָגט ער צום חולה: איך ווייס אז ס'וועט אייך פאַלן שווער, אָבער דאָך; איין ציגאַרעטל אַ טאָג מוזט איר רויכערן, נאָכדעם אַז ס'וועט אייך אַ ביסל גרינגער ווערן, דער הוסט וועט אייך נאָכלאָזן, וועלן מיר זען.

אין אַ פּאָר טעג ארום, ווען דער חולה איז ווידער־אמאל גע־קומען צום דאָקטאר, און דער לעצטער האָט אים געפרעגט נו, ווי גייט עס אייך, איז אייך אַ ביסל גרינגער?

— יאָ, הער דאָקטאר — האָט דער פּאציענט געענטפערט — ס׳איז מיר אַ פּולע לייכטער, און איך שפּיר מיר שוין כמעט ווי געזונט, אבער דער ציגאַרעטל אַ טאָג, דאָס מאַטערט מיר.

— נו אויב אזוי — זאָגט דער דאָקטער — וועל איך אייך דערלויבן אַז איר מעגט שוין רויכערן ארום פינף ביז זעקס פּאַ־פּיראָסן אַ טאָג.

— אָבער הער דאָקטאר: האָט דער פּאציענט זיך געבעטן, איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט גערויכערט, איך קען אפילו דעם רויך פון ציגאַרעטן נישט פארטראָגן, אָט דערפאר האָט דאָס מיר אזוי געמאַטערט דער ציגאַרעטל אַ טאָג, וואָס איר הער דאָק־טאר, האָט מיר געהייסן רויכערן...

פילאָזאָפיע, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין קריינק?

אַ אידענע וועלכע איז ארויפגעצייגן געווארן אויפן זעקסטן שטאָק פון אַ הויכן בנין, אין יאָהאַנעסבורג, ווו אלע סאָרטן דאָקטוי־רים געפינען זיך דאָרטן, געדארפט האָט זי צו אַ ספּעציאַליסט דאָקטער־מעדיצין, איז זי בטעות אריין צו אַ דאָקטאר פון פילאָזאָפיע און גלייך אים גענומען דערציילן וועגן אירע מיחושים, איר קראַנק־הייט.

— באָבינקע, זאָגט דער דאָקטאר, איר האָט אַ טעות געהאַט, איך בין בלויז אַ דאָקטאר פאר פילאָזאָפיע.

— אזוי גאָר! האָט די אידענע אויסגערופן; איר זיינט בלויז אַ ספּעציאַליסט אויף פילאָזאָפיע?! ניין, גאָט־צו־דאַנקען אויף דער דאָזיקער קראַנקהייט לייד איך נישט, זאָגט נאָר הער דאָקטער; וואָס איך האָב אייך געוואָלט פרעגן, יאָ, וואָס פאַר אַ מין חולאת רחמנא ליצלן, איז דאָס, אָט די פילאָזאָפיע, ווי איר רופט דאָס, מען זאָל ניט וויסן דערפון, אָבער ס׳איז גוט צו וויסן, טאָמערליידט ווער אויף דאָס, וועל איך אים שיקן צון אייך...

איך וויל אויך לעבן...

מעני: באַגעגענענדיק זיין פריינט נאָך אַ לאַנגע צייט וואָס ער האָט אים ניט געזען — האַללאָו בעני! וואָס מאַכסטו, איך האָב געהערט אַז דו בינסט ניט געזונט געווען, וועלכער דאָקטער האָט דיר קורירט?

— בעני: יאָ איך בין געווען גוט קראַנק, נאָר דו ווייסט דאָך ווי איך האַלט פון די דאָקטיירים, נאָר וואָס האָב איך געקאָנט טאָן, נאָכדעם ווי מיין ווייב און קינדער האָבן זיך אָן מיר אָנגעזעצט: אַז נישט אַנדערש: איך מוז רופן אַ דאָקטער, האָב איך מיר מיישב געווען: נו, אַ דאָקטער דאַרף דאָך אויך לעבן, האָב איך געלאָזט רופן אַ דאָקטער, ער האָט מיר באַזיכטיקט און דאָרט אנגעשריבן אַ רעצעפּט איך האָב אים פּיין באַצאָלט פאַרן וויזיט, און טאַקי גלייך געשיקט אין אפּטייק צו מאַכן די רפואות. וואָרום ווי זאָגט מיין ווייב, דער אַפּטייקער דאַרף דאָך אויך לעבן. געבראַכט די מעדיצין האָב איך שטילערהייד גענומען און דאָס דורכן פענצטער אויפן גאַס אַרויס געגאָסן...

— מעני, פאַרוואונדערט: פאַרוואָס האָסטו ניט איינגענומען די מעדיצין?

— ווייל, האָט בעני געענטפערט; אויב דער דאָקטער און דער אַפּטייקער דאַרפן לעבן, וויל איך נאָך אויך לעבן...

אַן ענליכער נס...

מיר זיינען געזעסן אויף אַ באַנקעט פון אַ ברית־מילה. רופט זיך אָפּ איינער פון די געסט צום הויז־דאָקטער; וואָס זאָגט איר הער דאָקטער; איז עס ניט אַ נס מיט דאָס נייגעבאָרן קינד, דער רך הנימול? אָט איז שוין פאַרלאָפן צוועלף קיילעכדיקע יאָר זינט זיינע עלטערן האָבן חתונה געהאַט און זיי האָבן קיינע קינדער ניט געבוירן, מענטשן, צינגער האָבן שוין גערעדט: באשר בכן, אַז איר הער דאָקטער זאָלט האָבן געזאָגט: אַז דער בעל ברית אונדזערער; זאָל גאָר זיין אַ קראַנקער, וואָס קען קיין קינדער ניט האָבן... איצט זעט: וואָס פאַר אַ וואונדערליכע פיינעם זונאַלע זיי האָבן געבוירן!

דער דאָקטער האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט; וואס דאַרפט איר דאס; איך וועל אייך דערציילן פון אַן ענלעכן גרעסערן נס, וואס האָט דאָ ניט לאנג פאסירט: אַ יעגער איז ארויסגעריטן אויף יאַכט אין די אפריקאַנער סטעפּן, געקומען צום „דזשאַנגל" איז ער ארונטער פון זיין פערד, און אים אנגעבונדן צו אַ בוים, איז פּלוצלונג פון אַ דערבייאיקן וועלדל, ארויס געשפּרונגען אַ ווילדער לעמפּערט און זיך גענומען ווארפן אויף אים, האָט דער צושראקענער יעגער אַ כאַפּ געטאָן זיין געלאָדענעם ביקס און גענומען שיסן, פון צו־שראָקנקייט האָט ער אלע זעקס קוילן פון זיין ביקס אויסגעשאָסן און אים ניט געטראפן, ווען די צעיושיטע ווילדע חיה האָט זיך אַ הייב געטאן מיט אירע פאָדערשטע לאַפּעס, זיך ארויף צו ווארפן אויף איר קרבן, ערשט דאַן איז ארויס אַ קויל און געטראפן דעם לעמפּערט פונקט אין שטערן, און די חיה איז טויט געפאלן. איז עס ניט אַ גרויסער נס! דער קויל אָבער, — האָט דער דאָקטער שמייכלענדיק געענדיקט זיין מעשה — איז ארויס ניט פון יעגערס ביקס, נאָר פון זיינעם אַ חבר'ס, וואָס איז אונטערגעלאָפן און גע־שאָסן פון הינטער זיינע פּלייצעס...

ער קען אים נאָך פון פאר דער חתונה.

איך בין אמאל געגאנגען מיט מיינעם אַ בעקאַנטן רעווערענד אין אַ טראַנסוואַלער שטעטל. זיינען מיר פאַרביי געגאנגען אַ הויז ווו אַ קליין אידישער אינגעלע פון אַ יאָר זיבן, איז דאָרט געזעסן אויפן בריקל און זיך געשפּילט, ווי ער האָט אונדז דערזען פאַרביי־גייענדיק; האָט דער אינגעלע אויסגעשריען: האַלאָו רעווערענד! גוד מאָרנינג סער!

ווען איך האָב דעם רעווערענד געפרעגט: קען ער אייך דער אינגעלע? לערנט ער באַ אייך אין חדר?

— ניין, האָט דער רעווערענד געענטפערט; ער גייט נאָכניט באַ מיר אין חדר, נאָר ער קען מיר נאָך פון איידער ער איז געבוירן געווארן, ווייל ער האָט אונטער געהערט די דרשה וואָס איך האָב געזאגט צו זיין פאָטער און מוטער אונטער זייער חופּה...

ער איז אַ נביא, גיט אים אַ וויזע.

ווען האָפמייער איז געווען דער אויסערן־מיניסטער פון ד. אפ. האָט צו אים צוגעשריבן אַ משולח — אַ בקשה: ער זאל אים פארלייגערן די וויזע, אום ער זאל קענען זיך אופהאַלטן אין אפריקע פאר אַ לייגערע צייט. אין זיין בקשה שרייבט דער משולח אין אידיש: אזוי ווי ער איז אַ גרויסער אביון און דארף מפרנס זיין אַ ווייב מיט קינדער, אלזוי אַפעלירט ער; צו די פאָ־טערליכע געפילן פון מיניסטער האָפמייער, ער, אַלס פאָטער פון קינדער; זאָל רחמנות האָבן אויף אים און באַשטעטיקן זיין וויזע צוליב זיינע קליינע קינדער׳ס וועגן.

ווען מען האָט פאַרן מיניסטער איבערגעלייענט און איבער־זעצט אין ענגליש דעם משולח׳ס בקשה, האָט מר. האָפמייער זיך גוט צו לאַכט און זאגט צו זיין סעקרעטאַר, שרייב גלייך צו די אמיגראציאָנ׳ס בעאמטע מען זאל דעם אידן פארלייגערן זיין וויזע, וויל דער איד איז אַ פראָפעט, אַ נביא און ער איז אַ יודע נסתרות...*)

ער קומט באַהעפטן זיין טעלעפאָן.

אַ יונגער דאָקטער איז דעם ערשטן מאָל אריין אין זיין נייעם קליניק, וואָס ער האָט זיך נאָרוואָס איינגעארדנט, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט ביי זיין שרייב־טיש, געקוקט דורכן פענצטער אויפן גאַס ארויס, ער האָט אויסגעקוקט און געוואַרט פאר פאַציענטן, ערשט ער זעט ווי איינער אַ יונגערמאַן, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן גאַס לעם זיין טיר און איבערגעלייענט זיין שילד און נעמט אריינגיין צו אים.

האָט דער דאָקטער זיך אַ כאַפּ געטאָן צו זיין טעליפאָן־טרובקע און קוקנדיק אין זיין נאָטיץ־ביכל רעדט ער דארט אַריין: — ניין אום עלף־אור איז אונמעגלעך פאר מיר צו קומען, וויל איך

---

*) דער אויסערן מיניסטער האָפמייער איז נאָך צו יענער צייט בישט געווען פארהייראַט...

בין פארנומען מיט פאַציענטן דעם גאַנצן פאַר מיטאָג. פאַרנאַכט; וועל איך צו קומען צו אייך! איז עס אָלרייט?!

— יעס, יעס, איך וועל קומען, פאר זיכער אום פינף אור נ. מ.! און לייגט אַוועק די טרובקע, און פרעגט דעם יונגענמאַן, וואָס איז געשטאַנען און געוואַרט: יעס, יונגערמאַן וואָס פעלט אייך? דער־ציילט וואָס קען איך טאָן פאַר אייך?

— מיר פעלט חלילה קיין זאַך ניט, הער דאָקטאָר; איך בין געשיקט פון דער טעלעפאָן־אָבטיילונג פון די שטאָט־פערוואַלטונג, צו באַהעפטן אייער נייעם טעלעפאָן...

אַ שלאָף מיטל.

דאָקטאָר צום חולה׳ס ווייב: אייער מאַן מוז האָבן רו, ער מוז זיך פולשטענדיק אויסרוען, וועט אים בעסער ווערן, זיינע נערוון, איך פארשרייב דאָ אַ פראָשיק צום שלאָפן.

— די פרוי: — ווען זאָל איך אים דעם שלאָף־פראָשיק איינגעבן?

— דער דאָקטאָר: איר פארשטייט מיר ניט מאַדאַם: דעם שלאָף־פראָשיק פארשרייב איך ניט פאר אים, נאָר פאר אייך איר זאָלט דאָס איינעמען...

דאָס איז דאָך זיין ברויט.

באַ קאָפּל דעם שמש איז קראַנק געוואָרן אַ קינד. איז דער דאָקטאָר געקומען און באזיכטיקט דאָס קראַנקע קינד.

קומט ארויס די מוטער פון שלאָף־צימער און פרעגט איר מאַן: — וואָס זאגסטו קאָפּל, דער דאָקטאָר וויל זען אונדזער פּישעלע׳ס ווינדעלעך, אָדער דעם טעפּל, און איך שעם מיך אים עס צו ווייזן, ער איז דאָך עפּעס אַ גרויסער מאַן, אַ דאָקטער, פּאַסט עס צו ווייזן?

— מאַשע, זע זיי ניט קיין בהמה! האָט קאָפּל זיך צושריען — שעם זיך ניט, און ווייז אים, וואָרום דאָס איז דאָך זיין ברויט!...

כא.

עזרת נשים.

מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן.

די גמרא זאגט ערגעץ אז: „בזכות נשים צדקניות נגאלו ישראל ממצרים" אין זכות פון די „נשים צדקניות" זיינען די בני ישראל אויס־געלייזט געווארן פון מצרים. וואס איז דער חשבון? נאָר ווייל פרעה האָט געהאט צו משה'ן אַ טענה: — סטייטש; ס'איז דאָך נאָך נישט פאר־פולט געווארן די 400 יאָר, וואס לויטן אָפּמאַך פון „ועבדום, וענו אותם ארבע מאות שנה". דארפן דאָך נאָך די בני ישראל דינען — נאָך הונדערט און ניינציק יאָר?

דאָ האבן זיך די אידישע „נשים צדקניות" ארויסגעשטעלט און געזאגט צו פרעה'ן: — דו לאָז זיי ארויס פריי פון מצרים, און וואס אָנבאטרעפט די 190 יאָר, וועלן מיר זיי אזוי פארשקלאַפן, אז זיי וועלן שוין דורך אונדז פארפילן דעם „ועבדום וענו אותם..." דערפאר זאָל דאָס דער מדרש זאָגן: אַז „בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים..."

די ווייבער דאַרפן לערנען תורה...

אין פלוג איז דאָך שווער די גמרא וואָס זאגט: אז „כל המלמד את בתו תורה כאילו מלמדה טפלות"... אז דער וואס לערנט זיין טאָכטער תורה, איז אזוי גוט ווי ער וואָלט איר לערנען טפלות, הייסט עס; אַז ווייבער דארפן קיין תורה ניט לערנען. און פון דער גמרא וואס זאגט: „אז לא נתנה תורה, אלא לאוכלי המן" אז בלויז פאר דעם דור המדבר, וואס האָבן זיך געשפייזט פון דעם הימלשן מן, איז די תורה געגעבן געווארן, ווייל בלויז זיי האָבן ניט געהאַט קיין דאגת פרנסה, האָבן זיי זיך — דערפאר — געקאָנט אבגעבן מיטן לימוד התורה. קומט דאָך אויס; אז די ווייבער דארפן יאָ לערנען און זיך אבגעבן מיט דער תורה... ווייל זיי ווערן געשפייזט פונעם מן... און זיי זיינען דאָך ביז היינטיקן טאָג געבליבן — די „מן" עסערס...

גוט געענטפערט.

אַ יונגערמאַן, אַ משכיל האָט געזאגט צו זיין ווייב: — דו ווייסט מאַשע, די ראשי תיבות פון בפשנו קצה בלחם הקלקל — מאכט נקבה...

— „אָבער דאָס איז דאָך געזאָגט געוואָרן אויפן מן...״ האָט מאַשע גלייך געענטפערט.

אַ מאָל און היינט...

אויב אַ מאַליקע ווייבער האָבן ליב געהאַט — מן... (אין דער מדבר) האָבן היינטיקע ליב האָבער...

אַדורכגעטריבענער...

ווי נאָר אדם האָט געפּאַלגט זיין ווייב און געגעסן פון עץ הדעת, איז ער געוואָרן: אַ דורכגעטריבענער מענטש...

אַ מכה בצידו...

זייט דער אויבערשטער האָט אַרויסגענומען דאָס ריפּן־ביין פון אדם׳ען, איז בײַ דעם מאַן געבליבן עד היום — אַ מכה בצידו...

אין גן עדן...

אַ סאָפראַזשעסקע רעדנדיק אויף אַ מאַסן־פּערזאַמלונג וועגן פרייהייט און גלייכע רעכט פאַר פרויען, האָט מיט גרויס פּאַטאָס אויסגערופן:

— די מענער האָבן ליב חוזק צו מאַכן פון אונדז פרויען, זיי רופן אונדז „נאַרישע פרויען״: וויל איך זיי פרעגן: — ווו וואָלטן די אדם׳ס געווען, ווען ניט חוה?!

— אַ מאַנסבילשע שטימע פון פּובליקום: — זיי וואָלטן נאָך היינט געווען אין גן עדן...

שכל נאָכן עלטער...

ס׳איז גאָר קיין וווּנדער ניט וואָס פרויען קומען קיינמאָל ניט צום שכל, אז דער שכל קומט מיט דער עלטער, און דער עלטער קומט זעלטן בײַ פרויען...

פּטר׳ט צייט...

אויב דו ווילסט זען ווי אַ פרוי פּטר׳ט צייט, פרעג איר ווי אַלט זי איז...

דער גרעסטער ליגן.

דעם גרעסטן ליגן וואָס אַ ווייב זאָגט איר מאַן איז: ווען זי צוקאַכט זיך אויף אים און שרייט אויס: וואַרט, וואַרט, איך׳ל דיר באַלד ווייזן ווער עלטער איז...

די פאַרזעסענע

אַ בחור האָט זיך נאָכגעפרעגט בײַ זיינעם אַ בעקאַנטן; וועגן אַ באַיאָרענטע פריילן, האָט אים זיין פריינט געענטפערט: — אַ די, זי האָט שוין שנים (שונאים) מער ווי גוטע פריינט...

נאָר איינע...

איך בין נאָך דאַמאָלסט געווען גאָר אַ יונגערמאַן, אין אפריקע בין איך נאָך אויך צו לאַנג ניט געווען, ערשט אַ קאַרגע צוויי יאָר, בין איך, אלס רעוורענד פון דער קהילה, געגאַנגען אָפּשטאַטן אַ וויזיט צו איינעם פון מיינע בעלי בתים.

ווען איך האָב אָנגעקלונגען, האָט פאַר מיר די טיר געעפנט, זיין פרוי, אַ יונגע ווייבל, וואָס איז נאַרוואָס געקומען פון קורלאַנד. „געשפּראָכן" האָט זי צו מיר — „דייטשמעריש", עס הייסט; אין קורלאַנדער אידיש־טייטש... זי האָט זיך העפלעך פאַרנייגט, און קאָקעטיש ווי עס פּאַסט פאַר אַ גרויס־שטעטישע איידעלע דאַמע — געזאָגט: — „קומען זיי דעראַין, הער ראַבינער, מיין געמאַל איז אפילו פּאַרייזט פאַר געשעפט, אָבער דאָך זיי זיינען ווילקאָמען..."

מילא פארפאלן, וואָס האָב איך געקענט טאָן, אז יענע בעט מיט אַזאַ איידעלען העפלעכקייט, האָב איך איר געמוזט צוליב טאָן און איך בין אריינגעקומען.

אויפגענומען האָט זי מיר אין זאַל, מיר זיינען געזעסן און גע־שמועסט; וועגן דעם לעבן פון אידן אין קורלאַנד, ווי זי האָט דאָרטן „געשולט"... און אז זי קען גוט שפּילן קלאַוויר... און זי האָט מיר געזאָגט ווי ס׳געפעלט איר, אדער בעסער געזאָגט — ווי ס׳געפעלט איר נישט, דער לעבן פון אידן אין דער נייער מדינה אפריקע... אז צו יענעם לעבן פון די „היימאַט" וואָס האָט דאָרט געשפּרודלט מיט „עראייגעניסע" און מיט יוגנטליכן אינהאַלט — קומט עס ניט...

נאָכדעם פרעגט זי מיר: — „מעכט איר טרינקען, הער ראַבינער, אַ טאָסי טיי?!"

— „ביטע שיין": — האָב איך פּרובירט צו „שפּרעכן אין דייטש"...

ווען זי איז אין קיך געווען און דאָרט צוגעגרייט די טיי, ווייזט זי זיך אין טיר אין פרעגט, מיט אַ קאָקעטישן שמייכל: ווי, ליבט איר שטאַרק?... כ׳מיין; די טיי, מיט אַסך סענס, אדער שוואַכע טיי?

— ניט אַזוי שטאַרק, האָב איך געענטפערט. נאָכדעם — ווייזט זי זיך ווידער אין טיר פון קיך, און מיטן זעלבן קאָקעטישן שמייכל — פרעגט זי: ליבט איר הייס?... כ׳מיין; די טיי, זאָל איך אריינגיסן הייסן מילך, אדער קאַלטן?

— ניט צו בריעדיק זודיק, האָב איך געענטפערט.

דערלאַנגענדיק די טיי צום טיש קומט ווידער אַ פראַגע פון איר צו מיר, און ווייטער מיטן חן׳עווודיקן שמייכל: — ליבט איר זיס?... כ׳מיין וועגן די צוקער; צו האַרטע; אדער ווייכע מעל־צוקער?

— נישט צו זיס; — האָב איך געענטפערט וואָרום וואָס „צו" איז אומגעזונט...

נאָכדעם ווי מיר האָבן געענדיקט טרינקען די טיי, און איך בעדאַנק איר זייער העפלעך; אַז די טיי איז געווען „פאָרטרעפליך" און ווונדערבאַר דערפרישנט. פרעגט זי מיט איר קאָקעטישן שמייכעל; — מעכט איר ליבן נאָך איינע?... כ׳מיין; נאָך אַ טאָסע טיי?

— זאָג איך, מיין געערטע מאַדאַם; — אויב איך ליב שטאַרק, הייס, און זיס, ליב איך בלויז איינע... כ׳מיין איין טאָסע טיי...

באָט איר אָן, זי וועט קויפן...

אַן עלטערער איד, אַ פעדלער, וואָס איז ארומגעגאנגען באַהאָנגען מיט שלייקעס, טאַשן־טיכלעך, זאָקן און שוך־בענדלעך צו פארקויפן, איז איינמאָל, אין אַ קאַפע־הויז צוגעגאנגען צו אַ יונגע פאָר־פאָלק, וועלכע זיינען דאָרט געזעסן באַ אַ טישל; — און אָנגעבאָטן דעם יונגנמאַן; ער זאָל אים עפעס געבן צו לייזן, און קויפן באַ אים אַ פאָר שלייקעס.

— דער יונגערמאַן; — איך דאַרף ניט קיין שלייקעס, בעט איר, מיין ווייבל, וועט זי באַ אייך קויפן.

— פארוואס זאלט איר חוזק מאַכן פון אַן עלטערן מענטשן? לאַ־די איר קויפט ניט, לאַכט איר נאָך אָפּ פון מיר?!

— איך לאָך שוין גאָר ניט, מיין פריינדט — האָט דער יונגערמאָן מיט סאַרקאַזם געענטפערט — זי, מיין ווייב, טראָגט באַ מיר די הויזן, טאָ זאָל זי קויפן שלייקעס...

מפני דרכי שלום וועגן; זאָגט ער אַ ליגן.

אַ מיטליאַריקער איד האָט געטראָפן זיינע אַן אַלטע בעקאַנטע פריינדין, האָט ער איר העפלעך באַגריסט און מיט באַוווּנדערונג אויס־געררופן: — אָה ווי שיין איר זעט איצט אויס! איר שיינט דאָך גאָר, אסור אויב איך וואלט אייך דערקאָנט, איר זעט אויס אַ סך אינגער ווי איך האב אייך לעצטנס, מיט אַ פופצן יאָר צוריק, געזען...

— איך דאַנק אייך זייער פארן קאָמפלעמענט — האָט זיך די פרוי געררויטלט; אָבער, ס׳טוט מיר לייד, וואָס איך קען אייך ניט אָפּדינען מיט דעם זעלבן קאָמפלעמענט...

— נו יאָ, האָט דער איד געענטפערט מיט אַ שמייכל — טוט מען ווי איך האָב געטאָן, און פון דרך שלום וועגן; זאָגט מען אַ מאָל אַ ליגן אויך...

דער קוק איז באַ אים צו לאַנג...

אַ חסידישער איד האָט אין גאָס אנגעגעגנט אַ אידישע פריילן מיט אַ פארקירצטע קליידל, ווערט דער חסיד אַן אויפגעקאָכטער און שרייט: — חצופה, ווי שעמט זיך דאָס ניט, אַ אידישע טאָכטער, אזוי ארויס צו גיין אויפן גאָס?!

— מיט וואָס בין איך דאָס אַ חצופה? האָט די פריילן זיך געטראָפן שטאַרק באַליידיקט.

— אָט איר זעט ניט? האָט דער חסיד בייזערן־זיך־דיק געזאָגט: די קלייד איז באַ אייך צו קורץ!

— דערפאַר אָבער, איז אייער קוק צו לאַנג... האָט די מיידל מיט כעס געענטפערט.

נאָך שלשים קען מען שוין ניט מקדש זיין...

אַ בחור אַ משכיל האָט געשריבן אַ בריוול צו אַ מוידל, און האָט זיך באַנוצט מיט דער מליצה: „יפה כלבנה״.

האָט איר פאָטער געשריבן צום בחור צוריק אַ בריוול:

— אויב די כלה איז יע „יפה כלבנה״, טאָ פאַרוואָס ביסטו איר ניט מקדש?!

האָט דער בחור צוריק געענטפערט: ליבער הער: איר ווייסט דאָך געוויס דעם דין: אז נאָך שלשים קען מען שוין איר ניט מקדש זיין...

(ווען די לבנה איז איבער דרייסיק טעג פון מולד, טאָרמען שוין נישט מער מחדש זיין).

שלא עשני אשה.

די בריסקער רביצן וועלכע איז געווען באַרימט פאַר אַ מלומדת, האָט אַמאָל געזאָגט צו איר מאַן דעם בריסקער רב: — ווען איך הער ווי מאָטע דער בעדער, וואס קען קוים עברי, מאַכט די ברכה: „שלא עשני אשה״ געפין איך מיר זייער באַליידיקט.

דערויף האָט דער רב געענטפערט: — אז מאָטע מאַכט „שלא עשני אשה״ מיינט ער עס: ווי זיין ווייב, און איך האָב אין זינען דיר, נו, אז איך מאַך די ברכה, געפינסטו זיך געוויס ניט באַליידיקט...

שוין פאַרקויפט צו אַ פויער...

מען דערציילט אַז דער פילווישאָקער רב האָט אמאל אין אַ ערב פסח געזאָגט: — דעם גאנצן חמץ פון מיין רשות האָב איך מבער געווען, אחוץ דאָסדאָזיקן חמץ; אָנווייזנדיק; אויף די רביצן...

— דעם חמץ האָט שוין מיין פאָטער לאַנג פאַרקויפט צו אַ פויער... האָט די רביצן געענטפערט.

במקום שיש חלול שבת אין חולקין „כבד״ לרב.

מען דערציילט אז דער בריסקער רב האָט ניט געוואלט ליידן מען זאל שבת נאָכן דאַוונען צום עסן צוברעקן די לעבערלאַך און איינהאַקן מיט אַן איי, ער האָט געהאַלטן אַז מען קען דאָס צוגרייטן פון פרייטיק.

איינמאָל אַ שבת צום עסן האָט די רביצן דערלאַנגט אַלעמען צום טיש די געהאַקטע לעבערלאַך, דעם רב אָבער, האָט זי פאַרטיילט און אים ניט געגעבן זיין חלק.

— פרעגט דער רב: — פאַרוואָס האָסטו עפּעס מיר פאַרפעלט צו געבן די לעבערלאַך?

— ווייל, האָט די רביצן שמייכלענדיק געענטפערט — „במקום שיש חילול שבת אין חולקין „כבוד לרב...״

(דאָס איז אַ געלונגענער פאַראָדיע און וואָרט־שפּיל אויף אַן ענלעכן אויסדרוק פון תלמוד: וועלכער לויטעט: „במקום שיש חילול השם, אין חולקין כבוד לרב״ ווו ס׳קען אַרויסקומען אַ חילול השם, שאַנעוועט מען ניט דעם כבוד פון אַ רב. די רביצן׳ס זאָץ לויטעט: ווו ס׳איז פאַראַן אַ חילול־שבת, טיילט מען ניט קיין כבד (לעבער) צום רב...)

דער „סידור״ ווערט דיקער, און דער „שלחן ערוך״ מאָגערער.

רבי עקיבא אייגער׳ס ווייב האָט געקויפט אַ נייעם קרבן־מנחה־סידור, האָט זי געוויזן דעם רב, האָט רבי עקיבא אָבגעזיפצט און געזאָגט: — נו יאָ, מיר האָבן דערלעבט יאָרן, דער קרבן־מנחה־סידור, איז וואָס אַ מאָל; ווערט עס דיקער און גרעבער, דערפאַר אָבער, ליידט דער אָרעמער „שלחן ערוך״ וואָס אַ מאָל; ווערט עס מאָגערער און לייךיקער...

דער „מגן אברהם״ קריגט אויפן „שלחן ערוך״.

ווען הגרא״י קוק ז״ל [1]) איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן אויף קעסט ביי זיין שווער הגאון האדר״ת ז״ל [2]), איז איינמאל אין אַ שבת געקומען צוזאמען מיטן שווער פון שול, און זיי האָבןביידע גערעדט אין לערנען. זיין שוויגער די רביצן, איז אריינגעקומען און געזאָגט: — איר וועט מיר ענטשולדיקן רבותי, וואָס איך שטער אייך פון לערנען, אָבער, דער טיש איז געגרייט און מען דאַרף גיין עסן.

דערויף האָט הגרא״י קוק געענטפערט: — וואָס טוט מען אָבער שוויגער; אז עס וויל זיך נאָכניט עסן. און דער „מגן אברהם״ קריגט אויפן „שלחן ערוך״ ?...[3])

---

1) דער פאַרשטאָרבענער רב ראשי פון ארץ ישראל.

2) רבי אלי׳ דוד ראבינוביץ תאומים, געווען סוף ימיו, רב אין ירושלים.

3) דאָס איז אַ לומדישער וואָרט־שפּיל: ווי באַוווּסט איז צום „שלחן ערוך אורח חיים״ געדרוקט דער „מגן אברהם״ זאָל דער גאון האָבן גע־מיינט אַז „אברהמ׳ס מאָגן״ — הרב קוק׳ס ערשטער נאָמען איז געווען „אברהם״ — מאָגט נאָכניט קיין עסן, קריגט ער אויפן „שלחן ערוך״ דעם געגרייטן טיש...

אין ארץ ישראל איז עס אַ פראַגע.

די גמרא אין ברכות זאָגט: — במערבא כי הויא נסיב אינש איתתא: — אין ארץ ישראל; ווען איינער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי; אמרי ליה: — „מצא או מוצא?" פלעגט מען אים פרעגן: „מצא?" האָסטו מיט איר געטראָפן? (ווי ס'איז געשריבן: „מצא אשה מצא טוב".) אָדער „מוצא?" צו האָסטו מיט איר ניט געטראָפן? (ווי ס'איז געשריבן: „ומוצא אני את האשה מר ממות...") פרעגט די וועלט אַ קשיה: אייגנטלעך וואָלט זיך דאַך אין חוץ לארץ אויך געפּאַסט צו פרעגן דידאָזיקע פראַגע? וואָס עפּיס גראָד אין ארץ ישראל?

האָב איך בדרך צחות געענטפערט: אין חוץ לארץ איז עס קיין פראַגע ניט, ווייל ממה נפשך: האָט ער מיט איר געטראָפן; איז דאָך: „מצא אשה, מצא טוב" און ער וועט מיט איר האָבן אַ גליקלעכן לעבן. האָט ער, ווידער חלילה, ניט געטראָפן, און זי איז אַ שלאַק, אַ מרשעת, וועט זי זיין אַן אָפּ־קומעניש פאַר זיינע זינד, ווי די חז"ל זאָגן: אַז אַ אשה רעה מצילתו מדינה של גהינום. — אויף ארץ ישראל אָבער: ווערט געזאָגט: אַז „וכפר אדמתו עמו" און „כל הקבור בארץ ישראל, כאילו קבור תחת המזבח" הייסט דאָס: אַז דאָרט איז שוין די ערד אליין מכפר, טייג זי, די מרשעת, אפילו אויף כפרות אויך ניט... דערפאַר איז טאַקי נאָר אין ארץ ישראל די פראַגע צו „מצא" אדער „מוצא?!"...

דער סקאָטלאַנדער זינגט „התקוה" *)

אויף אַ ציוניסטישן יוגנט־פעראיין מיטינג, פון אפריקאַניזירטע־אָנג־לאָזירטע יונגע לייט, האָט זיך דער פאָרזיצער אויפגעהייבן צו שליסן דעם מיטינג און געבעטן מען זאָל זינגען „אָווער נייַשאָנאַל הים" (אונדזער נאציאנאַלן הימען.) „די תיקווע". — האָבן זיך אַלע גלייך אוועקגעשטעלט און איטליכער האָט געברומט אונטערן נאָז און מאָדנע באַוויגן מיט די ליפּן, זיך געמאַטערט צו זינגען די „התקוה" אָבער קיין איין־איינציקער האָט ניט געוווּסט ווי אנצוהייבן.

פלוצלונג האָט זיך אַ קריסט, אַ יונגער סקאָטלאַנדער אַ שטעל געטאָן: און מיט אַ ריין קלינגענדיקן ספרד'ישן דעאַלעקט אויסגעזונגען: —

— עוד לא אבדה תקותנו.
התקוה הנושנה
לשוב לארץ אבותינו
עיר בה דוד חנה...**)

---

*) דאָס געהערט צו זייט 204.

**) דער סקאָטלאַנדער האָט עטלעכע יאָר פאַרבראַכט אין ארץ ישראל...

כב.

זכרונות פון אלט־און־ניי ארץ ישראל.

(זכרונות פון מיינע קינדער יאָרן)

אוירה דארץ ישראל מחכים.

ווען רבי אליעזר יעקב דער ציטיוואָנער רב איז אָנגעקומען אין ירושלים, איז ער דורכן איינלאַדונג פון די גבאים געקומען אין דער ישיבה־קטנה פון ישיבת עץ חיים, צו פארהערן די תלמידים, געפינט דער רב ווי דער ראש־הישיבה לערנט מיט זיינע תלמידים די גמרא חולין, איז ער פארוואונדערט געווארן און פרעגט: סטייטש מיר האבן דאָך אַ קימא לן: אַז „כל הרוצה להחכים יעסק בדיני ממנות" (דער וואָס וויל קלוג ווערן — זאגט די גמרא — זאָל ער שטודירן די פּראָצידורע פון די ציווילע משפטים — דיני ממונות און כדי צו שלייפן און שאַרפן די יונגע מוחות פון די בחורים, איז אין דער ישיבה־וועלט אנגענומען צו לערנען מיט זיי בזיקין: די בבות. טאָ ווי קומט עס אז איר לערנט גאָר מיט אזעלכע יונגע קינדער די גמרא חולין?!

ניט דער רבי און ניט דער משגיח האָבן דערויף געגעבן אַ צופרידנשטעלדיקן ענטפער: הייבט זיך אוף אַ יונגער בחור'ל — און מיטן דערלויביניש פון רבין — האָט ער געענטפערט: — פארשטייט איר מיר רבי: — האָט ער געזאגט — דאָרט אין חוץ לארץ, אין אייערע גלות־ישיבות, בוויטיקן זיך יאָ — די דאָרטיקע ישיבה בחורים — צו לערנען „דיני ממונות" כדי זיי זאָלן קלוג ווערן, מיר אָבער אין ארץ ישראל, בוויטיקן מיר זיך לגמרי נישט אין דער־דאָזיקער סגולה, ווייל דאָ מאַכט שוין אונדז די ארץ ישראל לופט קלוג, ווי די גמרא זאגט: אַז „אוירה דארץ ישראל מחכים"!...

לייענט פון לינקס צו רעכטס וועט רעכט ווערן.

אין ת״ת עץ חיים איז איינמאָל געקומען אַ גאַסט, אַ דייטשי־שער ראַבינער, פאַרהערנדיק אין אַ חדר קליינע קינדער פון התחלת חומש, האָט פאַר אים אַ אינגעלע אבגעטייטשט דעם ערשטן פסוק אין דער סדרה לך לך; ווי גאָט האָט געזאָגט צו אברם׳ען „גיי דיר פון דיין לאַנד, פון דיין געבורט־שטאָט און פון דיין פאָטער׳ס הויז״ האָט דער ראַבינער געפרעגט דעם אינגעל: ווען יעמאַנד פאַרלאָזט זיין היימאַט, גייט ער דאָך פריער ארויס פון זיין הויז, נאָכדעם פון שטאָט און ערשט נאָכדעם פאַרלאָזט ער זיין לאַנד, האָט דאָך גע־דארפט אין חומש שטיין פאַרקערט: „לך לך מבית אביך, ממולדתך ומארצך?״

— איר זיינט דאָך אַ דייטש — האָט דער אינגעלע גע־ענטפערט: לייענט איר דאָך פון לינקס צו רעכטס טאָ לייענט — זייט מוחל — דעם פסוק אויך אויף צוריק, וועט דאָס רעכט ווערן!...

אָבער אַז משיח וועט קומען?!

איך בין נאָך דאַמאָלסט געווען אַ יונגער בחור׳ל, בין איך איינמאָל געגאַנגען אויפן באַטראַק (דער קוואַרטאַל פון די אַראַבישע באַזאַרן אין דער אלט־שטאָט ירושלים). פאַראויס פון מיר זיינען געגאַנגען צוויי אידישע קינדערלאַך, אַ מיידעלע פון אַ יאָר ניין, וועלכע האָט געפירט איר ברודערל; אַ אינגעלע פון אַ יאָר פינף אין חדר אריין.

דער אינגעלע האָט אין הענטל געהאַלטן אַ מייצקע ברויט מיט שירעס (שמן שומשמין) און פון אויבן אַ האַלבן מאַראַנץ, זיין „מיטזיך״ וואָס די מאַמע האָט אים מיט געגעבן אין חדר. פלוצלונג איז אָנגעלאָפן אַן אַראַבישער שייגעצל, און כאַפּט ארויס דעם „מיטזיך״ פונעם אינגל׳ס הענטל, געמאַכט די פליטה און ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

דער אינגעלע האָט יאָמערליך געקלאָגט און געכליפּעט, זיין שוועסטערל האָט אים געטרייסט, אז זי וועט אים באַלד ברייננגען אנדערע „מיטזיך״ פון דערהיים. אין דעם, דערלאַנגט דער אינגעלע אַ זאָג אבזיפצנדיק: — אָ ב ע ר א ז מ ש י ח ו ו ע ט ק ו מ ע ן?!...

האָב איך זיך אָנגערופן צו אן אמעריקאַנער אידן וואס איז דערביי געווען און צו געזען צו דער סצענע: — איר זעט כאָטש ר׳ איד ווי אונדזערע ירושלימער אידישע קינדערלאַך; זיינען דורכ־געדרונגען מיט אַ פעסטער אמונה אין משיחן, און וואַרטן דעם טאָג ווען די גאולה זאָל שוין קומען, און מיר זאָלן שוין דערלייזט ווערן פון די אראבער, מיט זייערע ווילדע שקצים צוזאמען...

— דער איד שמייכלענדיק זאָגט: — איר האָט אַ טעות פעטער, ביט דאָס האָט דער קינד געמיינט, דער אינגעלע האָט גאָר אָן חכמות געמיינט פשוט: אבער אַז משיח וועט קומען, דעמאלט וועט דער אראבישער שייגצל גיין אין חדר און טראָגן „מיטזיך" און דאַן וועט ער, דער אידישער אינגעלע, ווידער פון אים עס אויסכאַפּן...

דער ריכטיקער פרא אדם...

דאָס האָט פּאַסירט ווען איך בין נאָך געווען גאָר אַ יונגער קינד, איך האָב דעמאָלט געדארפט אַלט זיין ארום, זיבן אדער אכט יאָר, ס׳איז געווען דער ערשטער טאָג פסח. אינדערפרי נאָכן דאַוונען, אין „נייעם מדרש" [1]) האָבן אַ גרופּע מתפללים, זיי מיט זייערע קינדער, גענומען גיין צום „כותל מערבי" [2]) ובתוכם מיין פאָטער ז״ל און מיר האָט ער אויך מיטגענומען.

מיר זיינען דורכגעגאנגען דאָס גאנצע לייננ פון דער שמאָלער אידישע גאַס, וועלכע האָט אויסגעקוקט יום־טוב׳דיק, שטיל און

1) אויפן „חורבה" (חורבת רבי יהודה החסיד) דאָס איז דער ירושלימער שול־הויף וועלכער געפינט זיך אין צענטער פון דער אידישער גאַס אין אלט־שטאָט, דאָרט איז די גרויסע שול „בית־יעקב" און צוויי בתי מדרשים: איינער בית־המדרש „מנחם־ציון" דאס איז דער „אלטער־מדרש" און דער צווייטער: „בית־המדרש שערי־ציון" דאָס איז דער „נייער מדרש". אין ירושלים רופט מען אַ בית־המדרש: „מדרש" לייען: „מידראַש".

2) אין ירושלים איז אַ מנהג פון קדמונים: אז אין די שלש רגלים: פסח, שבועות און סוכות, גייט מען אינדערפרי נאָכן דאַוונען — אנדרע זיינען זיך נוהג צו גיין פאר מוסף — צום כותל מערבי דאָרטן זאָגטן „ומפני חטאינו" און דעם קרבן מוסף, מקיים צו זיין „ונשלמה פרים שפתנו", ווי אויך „שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך" אזוי ווי דער „בית המקדש" איז דאָך חרב, גייט מען דאָס צום כותל המערבי.

שטום, אלע קלייטן און קרעמלעך פעסט געשלאָסן, בלויז די גרופּעס אידן מיט זייערע יום טובֿדיקע קליידער אין ראַשענדע קולירן בלויע, רויטע, געלע, פּלושענע, אטלעסענע זשובעעס (זופּיצעס) און זיידענע קאַפּטענעס און די סייבלנע שטריימלעך, האָבן פון צייט צו צייט איבערגעריסן די שטילקייט און יום־טובֿדיקע רואיקייט פון דער גאַס. אזוי זיינען מיר געקומען ביז צו די „פינצטער־רע קלייטן"[3]) ווו מיר האָבן זיך פארקירעוועט, דורכגעגאַנגען דעם טונעל מיטן גאַנצן וואָכעדיקן רעש און טומל פונעם אַראַבישן מאַרק, און ארויסגעקומען אויף דער ליכטיגקייט, דאָרט ווו פון צווישן די הויך־שוואַרצע־קייטיקע בנינים, זעט זיך שוין, פון גאַנץ הויך איבער די קעפּ, אַ שמאָלער פּאַס פון די בלויקייט פון דעם ארץ ישראל הימל, און די פרילינג זון האָט שוין פונוואַנען זיך

3) דאָס איז אַן ענג שמאָלע, פון אויבן פארבויט און פאַרדעקט גאַס, פון ביידע זייטן ציען זיך צייַלן מיט פינצטערע נאָרעס, דאָס זיינען „די פינצטערע קלייטן" פון פאָרנט ביי די מיילער פון די דאָזיקע נאָרעס־קלייטן; שטייען ארויסגעשטאַרצט ברעטער מיט קערב פרוכטן און גרינסן, אינעווייניק אין די פינצטערקייט פון די לעכער־קרעמלעך; זיצט דער אַראַבישער קרעמער מיט די פיס אונטער זיך, און אויף אַ פרימיטיווע וואָג, די וואָג־שאָלן זיינען צוויי בלעכענע שוואַרץ קייטיקע און פאַר־זשיאווערטע שיסעלעך אנגעבונדן מיט שטריקלעך צו אַ שטאַנג וועלכער איז דורכגענומען לייז אין אַ הענטל, און די געוויכט זיינען פשוטע שטיינער, אדער שטיקלעך פאַראָסטע אייזן, אין די דאָזיקע וואָג, וועגט דאָס דער אַראַבישער קרעמער: זיינע פירות און ירקות צו די קונים זיינע, און מיט קולי־קולות, געשרייען פון קללות, חרמות און כל־ערליי שבועות, דינגעניש און רייסעניש; ווערט דאָס פארקויפט און געקויפט די עפּעלעך באַרנעס פליימלעך, ציבעלעך, טאַמאַטעס און כל־ערליי גרינסן. און נאָך העכער גייען די געשרייען פון אַראַבישע קרעמער וועלכע האָבן ניט קיין קונים. זיי זינגען כאָרכלענדיק פון האַלדז, און רייסן זיך, שרייען אויס זייערע סחורות און די ביליגע פרייזן, דערצו דער קלינגען פון מעשענע טעצעלעך פון „די סוס" (אַזאַ מין לאַקרעץ זאַפט געטראַנק) און לימענאַדע פאַרקויפער. דער דאָזיקער טומל און רעש, דער געשריי און געפילדער וואָס פארטויבט די אויערן, צוזאַמען מיט דעם שטופעניש דריקעניש און דערשטיקעניש פון דער צוזאַמען געפּרעסטע מאַסע פון מענטשן, אייזלען און טרעגערס. מאַכט דעם איירופּייאישן מענטשן אונמעגלעך דעם דאָזיקן טונעל פון דעם אראבישן מאַרק דורכצוגיין...

אריין צו גנב׳ענען און צו באַשיטן מיט ליכטיקע פליאַמעס און גאָלדערנע שטראַלן אויף די מאַסע מענטשן וואָס שווימלען דאָרט אונטן אין טיפעניש פון גאַס... באַ דעם פונקט — ווו פון „דעם מיידאַן" [4]) קומט מען ארונטער מיט טרעפּ צו דער הויפּט־גאַס וואָס פירט צום „מאַחקומע" [5])—האָב איך באַמערקט ארונטער קומען אַ גרופּע אידן, וואָס אין מיינע קינדערשע טרוימערישע אויגן, האָבן זיי דאמאלסט מיר אויסגעקוקט ווי אַ סוויטע מלאכים שרפים, וועלכע האָבן זיך ארונטערגעלאזן פון די הויכע הימלען, געטובל׳ט אין „נהר דינור"... און זיי קומען עס פון ארום דעם כסא הכבוד... צו זאגן זייערע שירות ותשבחות צו דער שכינה, וועלכע שוועבט איבער דעם כותל מערבי...

איך פרעג מיין פאָטער מיט רעליגעזן ציטער, — טאַטע, ווער זיינען דאָס דידאָזיקע קדושים?!

— דו זעסט מיין קינד: דער וואס גייט דאָ אין מיטן, דער נידעריקער, מיט די שוואַרץ־גראָהע באָרד און די דיקע אויבער־ברעמען — איז דער בריסקער צדיק, דער גאון רבי יהושע לייב דיסקין, רעכטס פון אים דער הויכער מיט ברייטע אַקסלען און דער גראָהער באָרד איז רבי אליעזר דן; דער ראש־ישיבה פון די עץ־חיים ישיבה, לינקס פון גאון; איז רבי יוסף חיים זאָנענפעלד, רבי ישעי׳ אורינשטיין און זיין זון רבי יעקב אורינשטיין, און רבי חיים יעקב שפירא ראש בית־דין פון ירושלים. און נאָך רבנים און גאוני ישראל.

דערהערט פון טאַטן ווער דידאָזיקע, מלאכים אין דמות פון מענטשן; זיינען. בין איך מיט אַ ציטערדיק הערצל צוגעגאנגען צום גאון און גרויסן צדיק, דער בריסקער רב, און מיט יראת הרוממות געזאגט, גוט יום טוב רבי!

— דער רב האָט מיר דערלאנגט אַ קניפּ אין בעקל און גע־

4) „מיידאַן" דאָס איז אין ספּאַנאָליש־אידיש: אַ ברייטער אָפענער פלאַץ, מייסטנס ווינען דאָרט די שפּאַנישע אידן, ניט ווייט פון דייטשישן־פלאַץ ווו עס ווינען די „אשכנזים": מזרח איירופּייאישע אידן.

5) די „מאַחקומע" איז ביי׳ם שער פון „מקום המקדש" און דער ארייננאַנג צו דער אַראַבישע מאַשיי „די מאַסק פון עומר".

זאָגט — גוט יאָר דיר מיין קינד! האָב אַ כשרן פריילעכן יום טוב! איך האָב מיר געפילט גליקלעך צו קריגן אַ ברכה פונעם בריסקער רב...

איך בין אזוי נאָכגעגאַנגען דעם רב, מיט זיינע באַגלייטער די רבנים, געקוקט פון ווייטן אין דעם רב׳ס ליכטיקן פנים, ווי די שכינה רוט אויף אים... און גאָרניט געפילט ווי מיר האָבן זיך פאַר־קירעוועט און ארונטערגעגאַנגען די געסל: וועלכע פירט צום כותל־מערבי.

דאָ איז פלוצלונג פון דער העלער־הויט אויסגעוואָקסן אַן אַראַבישער יונגער שייגעץ און לויפט צו פונקט אין דער מיט פון דער סוויטע רבנים, דערלאנגט אַ שלעפּ ביי דער פאָלע פון דעם בריסקער רב׳ס אטלעסענע קאַפּאָטע, און שרייט אויס: „יאַ חכם שיקנאַזי ביח, ביח, האָט איל ראַסאַק פיל טאַביח!...״[6]) און איז אַנטלאָפן געוואָרן. איך בין געוואָרן אזוי אויפגעטרייסלט, ס׳האָט אין מיר אויפגעקאָכט מיין יונגע בלוט, און איך שריי אויס צו מיינעם אַ חבר, יאַנקל! קום לאָמיר זיך קאַטייעגען און נאָכלויפן דעם שייגעץ, מיר וועלן אים כאַפּן, און מיין טאַטע און דיין טאַטע; וועלן אים אָנבייקערן זיינע ביינער, אַזאַ שייגעץ! אַזאַ חוצפה פון אַ מנובל!

דער רב האָט מיר געהערט שרייען, האָט ער דורך זיינע באַגלייטער מיר צוריק גערופן, און נעמט מיר אָן ביים הענטל, און זאגט: לאָז אים לויפן דעם שייגעץ, השי״ת וועט זיך אָננעמען פאַר אונדז. און דער רב פרעגט מיר: האָסטו שוין געלערנט די מעשה אין חומש ווי דער מלאך האָט געזאָגט צו הגר׳ן: אז זי וועט האָבן אַ זון און אים אַ נאָמען געבן ישמעאל, און ער וועט זיין „אַ פרא אדם; ידו בכל ויד כל בו...״?

— יאָ רבי, איך האָב עס שוין געלערנט, — וועל איך דיר פרעגן מיין קינד — זאָגט דער בריסקער רב: — דו ווייסט דאָך; אַז

6) דאָס איז דער אַראַבישער שימפּ געשריי, ווען זייערע ווילדע שקצים דערזעען אַ בכבודן אשכנזישן אידן, „מיש, מיש, דו אשכנזישער איד, לייג אריין דיין קאָפּ אין טאָפּ געקעכטס״ ווי באַוווסט עסן די אראבער קיינע געקעכטס מיט זופּ, נאָר טרוקן געבראָטנ׳ס און געדעמפּט.

אין לשון קודש קומט תמיד דער „שם־העצם" פריער און דער נאָך ערשט דער „שם־התואר", ווי למשל — „שלחן גדול" זאָגט מען ניט „גדול שלחן", טאָ פאַרוואס זשע האָט דער מלאך געזאָגט: אַז ישמעאל וועט זיין אַ „פרא אדם"? אַ ווילדער מענטש, האָט ער דאָך געדאַרפט זאָגן „אדם פרא"? — איז עס אַ סברה צו זאָגן: אז דער מלאך פון הימל, האָט חלילה ניט געקענט רעדן ריכטיק, על פי דיקדוק — לשון הקודש?

איך בין געבליבן שטיין, געקוקט דעם רב אין די אויגן, און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

— זאָגט דער רב: איך זע אז דער רבי דיינער האָט מיט דיר דאָס ניט „אויסגערעדט" און ניט מסביר געווען, וועל איך דיר זאָגן: — דער מלאך האָט צו הגר'ן געזאָגט אַז איר זון ישמעאל — פון וועמען עס שטאַמען אָפּ אלע אַראַבער — וועט זיין אַ פרא, דאָס הייסט: אַז בטבע וועט ער זיין אַ ווילדער, בעצם אַ מין פרא... אָט ווי דו האָסט אקארשט געזען דעם בעפאַל פון זיין אור אייניקל דער אראבישער שייגעץ — „דער פרא" — „אז ידו איז בכל"... נאָר אזוי ווי אין דער וועלט, אין די מדבריות, געפינען זיך דאָך „פראים" פון כל המינים, כ'מיין די פיר־פיסיקע ווילדע חיות... און דער; עס הייסט ישמעאל — און זיין אייניקל דער אַראַבער — איז דאָך אַ הולך על שתים, און האָט אַ צורת אדם, עס הייסט; זיין געשטאַלט זיין „תאר" זעט דאָך אויס ווי פון אַ מענטשן... האָט מען דאָס אים; — כדי אונטער צו שיידן פון זיינע חברים די ווילדע חיות און פיר פיסיקע בעסטיעס פון דער מדבר — אַ צונאָמען געגעבן: „אדם"... טאָ וואס זשע ווערסטו אזוי נתפעל פון דעם אַראַבער, דעם שייגעץ וואָס איז פון השי"ת פאַרשאָלטן געווארן צו זיין אויף אייביק אַ פרא אדם?!... נאָר מיר האָפן צו גב"ה — האָט דער רב אויס־געפירט אז ס'וועט אינגיכן מקוים ווערן: „על פני כל אחיו נפל"... און מיר וועלן בקרוב דערלייזט ווערן פון זיי און ס'וועט קומען די גאולה השלמה איפן כלל ישראל, וישראל ישכון לבטח בארצו, ובא לציון גואל, און איך מיט אלע אידן האָבן געענטפערט מיט גרויס כוונה — אמן!...

העברייאיש אין אלט־און־ניי ארץ ישראל.

ווייַן און שפּראַך.

צו רבי שמואל סאַלאַנט איז אַמאָל געקומען איינער פון די ירוד־שלימער משכילים, וועמען מען האָט געהאַלטן פאַר אַן אפּיקורס, און געווען איז ער, אַ פלאַם פייערדיקער העברייאיסט, האָט ער גערעדט צום רב אין העברייאיש, דער רב אָבער, האָט אים אַלץ געענטפערט אין אידיש.

פרעגט דער העברייאיסט רבי שמואלן: הלמאי ער רעדט ניט אַליין קיין העברייאיש, און פאַרוואָס ער העלפט ניט צו פאַרשפּרייטן לשון קודש צווישן אידן, ס'איז דאָך דאָס הייליקע שפּראַך פון דער תורה און די נביאים? — האָט ער געטענה'ט.

— „די שפּראַך" — האָט אים דערויף רבי שמואל געענטפערט — ווערט אין פסוק פאַרגליכן צו ווייַן; „וחכך כיין הטוב" ווייַן ווי איר ווייסט, ווערט באַנוצט צו פאַרשיידענע דברים שבקדושה, ווייַן האָטן אין בית המקדש מנסך געווען אויפן מזבח, ווייַן געברויכט מען צו קידוש און צו הבדלה, צו ארבע כוסות, צו אַ ברית און צו חופה וקידושין, פונדעסטוועגן באַ זיין גאַנצן חשיבות און קדושה, אויב צום ווייַן רירט זיך צו אַ גוי ווערט ער פסול...

— ס'איז, זאָלט איר מיר מוחל זיין רבי, שטותים! האָט דער משכיל געזאָגט.

— און דאָס זיינט איר דאָס דער גרויסער העברייער? — האָט רבי שמואל אים באַמערקט: און איר ווייסט ניט צומאָל ווי ריכטיק צו רעדן די שפּראַך, „שטותים" איז פון יענע „טעותים" וואָס יעדער עם הארץ מאַכט אין זיין רעדן, ווייל על פי דקדוק דאַרף מען זאָגן: „שטויות" און „טעיות"...

אויך צו רבי נפתלי צבי יהודה בערלין (דער נצי"ב פון וואָלאָזשן) איז געקומען אַ משכיל און פאַרפירט אַן ענלעכן שמועס וועגן לאומיות און לשון קודש, אויף וואָס דער נצי"ב האָט אים געענטפערט: געוויס, אויך איך בין אַן אָנהייגער פון די אַלע וויכטיקע זאַכן, אָט זאָגן מיר דאָך טאַקי אין יום־טוב'דיקן קידוש מיט אַ פייערליכן ניגון: „אשר בחר בנו מכל עם" מיר דאַרפן שטאָלצירן מיט אונדזער פאָלק, מיט אונדזער נאַציע, „ורוממנו מכל לשון" מיר דאַרפן זיך גרויס האַלטן מיט אונדזער שפּראַך, מיט אונדזער לשון, וואָס איז די שפת התורה, שפת הנביאים, אָבער צו דעם אַלעם מוז נאָך צוקומען אַ דריטע זאַך: „וקדשנו במצותיו"... מען דאַרף דאָך אויך זיין אַ שומר תורה, אויך אָבהיטן די אַלע תרי"ג מצות...

רעדט ווי אַ מענטש...

ר' יחיאל מיכל פינעס איז אַמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן געקומען אין ביורא פון ביקור חולים האָספּיטאַל, ווו ער איז געווען דער סופר

ומזכיר, האָט ער שוין דאָרט געטראָפן ר׳ יואל משה סאלאמאן דער גבאי פון שפּיטאָל, האָט ר׳ מיכל גערעדט און אָנגעפירט זיין שמועס בלויז אין לשון קודש.

תחילת האָט ר׳ משה אים אויך געענטפערט אין העברייאיש, דער־נאָך אבער, ווען דער לעצטער האָט געוואָלט מיט ר׳ מיכלען זיך דורכרעדן וועגן אַ וויכטיקן ענין, און דער רעדט נאָך אַלץ אין העברייאיש, פרעגט ר׳ משה: וואָס איז דאָס, מה יום מיומיים? דערקלערט אים ר׳ מיכל: (אין העברייאיש געוויינטלעך) אַז זיי האָבן מייסד געווען אַ חברה „שפה ברורה״ און נעכטן אָוונט האָט מען זיך דאָס אויף דער אסיפה באַשלאָסן: אז צו די יעניקע וועלכע זיינען מבין בלשון; זאָל מען רעדן ניט אנדערש ווי העברייאיש, דאָ רופט זיך אָן ר׳ משה: זעט ר׳ מיכל, מאַכט זיך ניט קינדערש, און רעדט ווי אַ מענטש... מאַמע לשון, ווי אלע מענטשן רעדן.

אַ בעל „לאָקשן קודש״...

אין ירושלים האָט זיך געפונען אַ קעשינאָווער שניידער וואָס האָט זיך געהאַט אַ מנהג, אַז שבת פלעגט ער רעדן נאָר לשון קודש.

פאַרשטייט זיך אז דער פשוט׳ער איד פלעגט זיך פיל מאָל מאַכן לעכערליך מיט זיין בראָקן זיין „לאָקשן קודש״. איינמאָל אַ שבת האָט זיין ווייב אָבגענומען דעם טשאָלנט פון אייוון און געטראָגן עס אהיים, אויפן גאַס האָבן זיך חברה אינגלעך געשפּילט, געטאַנצט און געשפרונגען, דער שניידער מורא האָבנדיק אז די חברה זאָלן, דורך זייער שפּרינגען, ניט אַרויסוואַרפן דעם טשאָלנט פון זיין ווייב׳ס הענט, האָט ער מיט קולות גענומען שרייען אויף די קינדער: „שקצים רשעים! אשתי הרה, ואתם קדוש קדוש! בעתודים לא חפצתי!״...

(געוואָלט האָט ער זאָגן: מיין ווייב טראָגט, דעם טשאָלנט, הרה, טראָגט, שוואַנגערט... און איר שפּרינגט ווי די בעק. קדוש קדוש. שפּרינגט; ווייל אין קדושה שפּרינגט מען צו קדוש קדוש...

ער וויל לערנען די „יד עברית״...

אַ דייטשישער יהודי איז אין תל אביב אָרייך צו אַ העברייאישן געלערנטן און אים געבעטן; ער זאָל אים אויסלערנען די „יד־עברית״. האָט אים דער העברייער אנגעקוקט מיט דערשטוינונג און פרעגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ למוד — יד־עברית?

— פאַרשטייען זיי מיר, מיין ליבער הער, האָט דער יהודי אים דערקלערט: אמאל פאַרצייטן האָבן אונדזערע עלטערן גערופן אונדזער ביבל־שפּראַך — לשון קודש. פאַרוואָס ווייל „לשון״ איז אַ צונג און אַ מענטש רעדט מיטן צונג, אין שפּעטערע מאָדערנע צייטן, האָטן דאָס אָנגעהייבן צו רופן — „שפה־העברית״ ווייל „שפה״ איז ליפּן, און מיט די ליפּן רעדט אַ מענטש, היינט קומענדיק אהער, אין אייער „יודל־לאַנד״

האָב איך באַמערקט: אַז רעדן רעדט מען טאַקי העברייאיש, אָבער מערער מיט די הענט ווי מיט וואָס אַנדערש... אלזוי בעט איך אייך: לערנט מיר אויס אָט די דאָזיקע „יד־עברית״!...

ער ברויכט מער ניט ווי איין מקום...

אַ דייטשישער יהודי האָט געוואָלט אין תל אביב ארויפגיין אויף אַן אָטאָבוס שרייט צו אים דער נהג (שאָפער) אדון! אין מקום!

— שרייט דער יהודי צוריק: יאָ, איך ברויך מער ניט ווי א י י ן מ ק ו ם!

— שרייט דער שאָפער: לך לעזאזל, אתה לא מבין!

— ניין, ניין, שרייט דער יהודי צוריק, איך בין נישט פון ווין, איך בין פון בערלין!...

אַ טאָפעלע עבירה

צוויי אידישע יונגע לייט משכילים האָבן זיך געשפאַצירט שבת איבער די גאסן פון תל אביב, זאָגט איינער צום צווייטן: קום לאָמיר ארויסגיין שפאַצירן הינטערן שטאָט, ווו קיינער גייט ניט, וועלן מיר קענען באַגיין אַ טאָפעלע עבירה, אומגעשטערט.

— וועלכע איז דאָס?

— מיר וועלן פארויכערן פאַפּיראָסן, און מיר וועלן זיך דורכשמועסן אין מאַמע לשון, אין אידיש...

ניט אין העברייאיש, נאָר אין טורמע...

אין תל־אביב׳ער בית־המשפט (געריכט־הויז) איז פארגעקומען אַ פראָצעס אויף אַ פוילישן אידן, וואָס האָט געהאַנדלט מיט פאַלשע געלט. דער שופט, דערנאָך ווי ער האָט געפונען דעם אידן שולדיק, (און שוין ניט דעם ערשטן מאָל) האָט דעם פאַרברעכער צוגעפסקן׳ט דריי חדשים תפיסה.

ווען דער איבערזעצער האָט פארטייטשט צום אַנגעקלאָגטן דעם פסק־דין וואָס דער שופט האָט אים דאָ צוגע׳פסקן׳ט, האָט זיך דער איד פארלארן און גענומען וויינען און שרייען: — אָט־אָ־דאָס איז באַ אייך ארץ ישרועל?! — האָט ער געטענה׳ט — אַז אַ איד זאל איינזעצן אַ אידן, אַ טאַטן פון קינדער, און נאָך אין העברייאיש!...

דערויף האָט דער שופט מיניה וביה באַמערקט אין ריין אידיש: — ניין, פעטער; נ י ש ט א י ן ה ע ב ר י י א י ש וועט מען אייך א ר י י נ ז ע צ ן, נ א ר א י ן ט ו ר מ ע...

אידיש רעדן איז קיין מלאכה ניט...

איינמאָל אין אַ שבת זיינען געקומען העברייאיסטן באַזוכן ביאַליקן, האָבן זיי אים געפונען; ווי ער זיצט אין אַ קרייז פון געסט און גוטע

פריינד און האָט זיך געמיטלעך גערעדט מאַמע לשון, האָבן אים די העב־רייאיסטן פאַרגעוואָרפן: — סטייטש, זשאַרגאָן גאָר, ווי איז דאָס מעגליך?

— פאַרשטייט איר מיר; האָט זיי ביאַליק שמייכלענדיק געענטפערט: „אידיש" איז קיין מלאכה ניט צו רעדן, אָט עס רעדט זיך אליין... אבער העברייאיש רעדן, זעט איר, איז שוין טאַקי יאָ אַ מלאכה, היינט איז בײַ אונדז שבת, וויל איך קיין מלאכה ניט טאָן...

אַן אנדערש מאָל האָט מען געפונען ביאַליקן ווי ער רעדט אידיש, האָבן זיי מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט: היתכן, וואָס איז דאָס?

— יונגע לייט! — האָט ביאַליק זיי געענטפערט: אויב איר האָט צייט געענוג, קענט איר רעדן העברייאיש...

עס באַצאָלט אים נאָכניט, צו זינגען אין העברייאיש.

ווען דער פוילישער שריפטשטעלער אַנדריי סטראַנג האָט באזוכט ארץ ישראל, איז ער געווען זען ביאַליקן, אין געשפרעך האָט סטראַנג אויסגעדריקט זיין התפעלות אויף דעם אויפלעבונג פון דער העברייאישער שפּראַך אין וועלכע די פועלים זינגען בשעת'ן ארבעט אין פעלד.

— יאָ, האָט ביאַליק באַמערקט, היינט איז שוין דעם פועל גוט און פאַרדינט שוין גאַנץ נישקאָשעדיק, לײַנט זיך אים שוין צו זינגען אין העברייאיש. געענדיקט האָט ביאַליק מיט פאָלגענדן אַנעקדאָט: פאַר עטלעכע יאָר, איידער ס'איז נאָך אַנגעקומען די „פראָספּערעטי" אויף תל אביב, בין איך פאַרביי געגאַנגען אַ בנין וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען, הער איך ווי איין פועל זאָגט צום צווייטן: זע ווער עס גייט דאָ, ביאַליק, ווי שעמסטו זיך דאָס ניט צו זינגען אין אַן אנדער שפּראַך און ניט אין העברייאיש?!

— טאָ וואָס זשע ווילסטו, האָט דער אנדערער אַ ברום געטאָן, פאַר עטלעכע ארעמע פּיאַסטערס אַ טאָג, זאָל איך זיך נאָך מאַטערן און זינגען אין העברייאיש?!...

אין דריי חדשים צייט וועט ער שוין רעדן אזוי גוט ווי זי...

אין אַ קראָם אין תל אביב רופט זיך אָן אַ פרוי צו ביאַליקן, ניט ווי־סנדיק ווער ער איז, גערעדט האָט זי אין זייער אַ צוקאַליעטשעטן העב־רייאיש. איר הערט אדון! איך בין בלויז דריי חדשים „אין ארץ" ווייס איך שוין צו „דברן עברית"! פאַרשטייט איר שוין אדון אַ ביסל די שפה?...

— „קצת"... (אַ ביסל) ענטפערט ביאַליק; נאָר אַז איך וועל זיין אַ לייַנגערע צייט אין לאַנד, האָב איך מורא, אז איך וועל שוין רעדן אזוי ווי איר...

מיט דעם...

איינמאָל האָט ביאַליק פאַרבראַכט אַ שבת אין דגניה א. און אזוי ווי ער איז געווען אַ גרויס־ליבהאָבער פון קליינע קינדער, איז ווו ער

פלעגט טרעפן אַ קינד, פלעגט ער פארברייינגען און אויספרעגן דאָס קינד אלערליי קינדערשע פראַגעס, האָט זיך ביאַליק געווענדעט צו אַ פיר יאָריקע מיידעלע רחל׳ע נאַקריץ און איר געפרעגט: — זאָג נאָר קינד מיינס, אויף וואָסער „שפה״ רעדסטו?

— די מיידעלע האָט דעם משורר אָנגעוויזן אויף אירע ליפּן און געזאָגט: בזו ובזו... (מיט די און די...)

האָט ביאַליק זיך צולאַכט; און פרעגט ווידער: אויף וואָסער „לשון״ רעדסטו? דאָ האָט דאָס מיידעלע ארויסגעשטעקט איר „לשון״ און געוויזן בזו... מיט דעם צונג...

ביאַליק ווייזט אַמאָל אַ אינגעלע די לבנה, און פרעגט אים: זעסטו דאָרט יהושע׳ס פנים?

— דער אינגעלע: און וואָס האָט איר דען דאָרט פריער געזען?...

אַט אזוי האָבן אידן גערעדט אין גלות...

אַן אמעריקאנער אידישער טוריסט האָט אַ מאָל באַזוכט זיינעם אַן אלטן בעקאַנטן אין תל־אביב, האָבן זייביידע געשמועסט אין אידיש.

אַ אינגעלע פון אַ יאָר זיבן האָט דערנאָך ווען דער טוריסט איז אוועקגעגאנגען געפרעגט זיין פאָטער: אבא, באיזו שפה דיבר אדון זה, זו לא גרמנית? (אין וואסער שפּראַך האָט דער הער גערעדט, דאָס איז ניט קיין דייטש?...)

דער פאָטער: — דאָס איז אַ דייטשישער זשאַרגאָן, און אזוי האָבן אונדזערע עלטערן גערעדט אין גלות...

ווען ער וועט ווערן אַ זיידע.

איך האָב געפרעגט אַ קליין אינגעלע פון פיר יאָר, אויב ער קען רעדן אידיש? ענטפערט מיר דאָס קינד אין אַ נאַאיוון קינדערשן העבר־רייאיש, ניין, איצט נישט, נאָר אַז איך׳ל זיין אַ זיידע, וועל איך שוין דעמאָלט קענען רעדן אידיש!...

אַ לערער לערנט מיט קינדער: בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ.

תלמיד: און ווער האָט באַשאַפן חוץ־לארץ?

ביאַליקס אנעקדאָט וועגן ליכט.

אין יאָר תרצ״ג איז פארגעקומען אַ תרבות קאָנפערענץ פון העבר־רייאישע שריפטשטעלער מיטן צוועק צו פארשפּרייטן דעם העברייאישן בוך. דאָרט האָט ביאַליק גערעדט, און אין פארלויף פון זיין רעדע האָט ער געזאָגט אַט וואָס:

איך האָב געהערט דאָ ניט לאַנג אַן אנעקדאָט וואָס האָט געטראָפן אין די מלחמה טעג: דאָס האָט פּאַסירט ווען סוחרים האָבן געמאַכט געשעפטן פון פארשידענע מינים סחורות. און איין סאָרט סחורה האָט געקענט

איבערגיין און מגולגל ווערן פון האנט צו האנט טויזנטער מאל. און אין געוויסע פאלן האט די זעלבע סחורה געקאנט קומען צוריק צום ערשטן פארקויפער. און פלעגן פארדינען דערביי ווי געוויינטליך פארדינסטן וואס זיינען בעצם געווען בלויז געגנארטע. האט זיך איינמאל געמאכט א מעשה מיט א קאסטן ליכט, אדער טאקע מיט א גאנצן וואגאן פון ליכט: וואס מען האט מיט דעם געמאכט מסחר און פארדינט דערביי אין די מיליאנען רובלס. לאזט זיך אויס: אז נאך א לאנגע צייט ווי דער וואגאן ליכט איז איבערגעגאנגען דורך א פולע סוחרישע הענט איז צום סוף דער וואגאן ליכט אריינגעפאלן אין אנדערע הענט: וועלכע האבן דאס דאזיקע ליכט אנגעהאלטן ווי אן אבן טוב, און האבן אויסגעקוקט צו פארדינען פון זיי, גאר אן אונגעהייער ריזיגן פארדינסט, האבן די לעצטע אינהאבער געעפנט די קאסטנס ליכט, האבן זיי צו זייער איבעראשונג געפונען; אז די ליכט זיינען טאקי גוטע ליסטערינגע ליכט, אבער איין חסרון האבן זיי: וואס אין זיי האט געפעלט די קנויטן... ליכט, פעסט געגאסענע ווי קריסטאל־דורכזיכטיקע ליכט, אבער אן קנויטן...

— אזוי פאסירט עס איצט אין אונדזער קולטורעלער וועלט, האט ביאליק אויסגעפירט — אין אונדזערע גאסן שוויבלט עס און עס גריבלט; מיט פארשיידענע אידייען און אידעאלן און מיט הויכע דערהאבענע לאזונגען, איך האב אבער שוין פון לאנג מורא; אז אין דעם לעצטן טאג, אין דעם לעצטן מאמענט, ווען מען פלוצלונג אויסגעפינען: אז אין די ליכט אונדזערע, וואס מיר ווילן אנצינדן צום לייכטן, איז גאר נישטא קיין קנויטן... ווייל די קנויטן, די זיינען דאך סוף־כל־סוף די העברייאישע ליטעראטור, און דאס הייליקע פייער וואס דער שריפטשטעלער צוטראגט און פארשפרייט אין אלע ווינקעלעך פון אידישן גלות. און אויב די קנויטלעך, וועלן פון די ליכט פעלן; וועט דאך ניט ברענען, וועט דאך ניט לייכטן... און אונדזער גאנצער עקסיסטענץ וועט קיין תקומה נישט האבן...

ווי אזוי מען דארף תשובה טאן?

רעדנדיק וועגן דעם, ווי אזוי די דייטשישע אידן הייבן אן לעצטנס אונטער די רדיפות פון היטלערן תשובה צו טאן, האט ביאליק אויף א פארזאמלונג זיך געהאט אויסגעדריקט:

אפשר וואלט שוין געקומען די צייט; אז מ׳זאל אויפהערן צו זינדיקן צווישן גוים און תשובה טאן צווישן אידן, נאר פארקערט זינדיקן צווישן אידן און תשובה טאן צווישן גוים...

איך האב צוגעגעבן א פירוש צו דעמדאזיקן אפיריזם ביאליק׳ס; ווייל די גמרא זאגט: „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד” דארט ווו בעלי תשובה שטייען, קענען קיין צדיקים נישט שטיין... פארוואס? ווייל די בעלי תשובה ברענען א וועלט מיט זייער

איבערטריבענע פרומקייט... זיי זיינען בבחינה פון די „גרי אריות״ וואָס אויף זיי זאָגט די גמרא „מצוה שהחזיקו בה כותים הרבה מדקדקים בה יותר מישראל״... אלזוי אויב שוין יאָליידן פון דידאָזיקע בעלי תשובה זאָלן ליבערשט די גוים ליידן...

אויב די פייערדיקע האַרצרייסנדע קול קורא׳ס פון די ערשטע חובבי ציון די גרויסע אוהבי ישראל האָבן דעם אידישן פאָלק, נישט אויפגעוועקט און מען האָט זיך וויניקוואָס אַבגערופן צו זייער רוף, האָבן אָבער די לעצטע דיקרעטן און גזרות פון די שונאי ציון, די צוררי היהודים; גע־האָלפן צו אויפוועקן דאָס אידישע פאָלק אין אלע גלות־לענדער; זיי זאָלן הערן דעם רוף פון זייער מיטער־לאַנד ציון! האָט מנחם מענדל אוסישקין אויסגעשריען אויף איינע פון די מאַסן פאַרזאַמלונגען פאַרן קרן קיימת.

ביאַליק אין אַדעס.

אין די ערשטע יאָרן ווען ביאַליק האָט געלעבט אין אַדעס, איז געקומען איינער פון פראָווינץ און געוואָלט זען דעם יונגן פאָעט וואָס ער איז שוין דעמאָלט געווען גוט באַרימט אין דער ליטעראַרישער וועלט. האָט דער פראָווינצער דאָרט אַבגעשטעלט אַ אידן אין גאָס און אים גע־פרעגט: ווייסט איר ניט ווו ווינט דאָ ביאַליק? האָט אים דער איד אַנגעוויזן אויף אַ בעקאַרנע וואָס האָט זיך דאָרט געפונען אין קעלער און פון אויבן איז געווען אַ שילד: „ביאַליק׳ס בעקאַרנע״.

— זייט מוחל ר׳ איד, האָט זיך דער פראָווינצער געווענדעט צום אידן — איך האָב אייך געפרעגט אויף ביאַליק דעם העברייאישן משורר?.

— און וואָס איז דען דער אונטערשייד — האָט אים דער איד געענטפערט: לויט זייערע פרנסות זיינען זיי נעבאַך ביידע באַגראָבן; נאָר דער ליגט אין דרערד און באַקט בייגל, איז ער אַ קבצן אַ בעקער, און דער איז אַ קבצן אין גראַמען...

אין אַמעריקע האָט מען פאַר ביאַליקן אראַנדזירט אין אלע שטעט גרויסאַרטיקע באַנקעטן און מען פלעגט אומעטום טראַקטירן פאַר אים און די געסט געבראָטענע עופות. נאָך אַזאַ באַנקעט האָט מען ביאַליקן גע־פרעגט: וואָס איז זיין מיינונג וועגן דעם אמעריקאַנער ציוניזם?

— אייער ציוניזם איז זייער אַ געשמאַקער... האָט ביאַליק גע־ענטפערט; נאָר ער האַלט זיך בלויז אויף הינערשע פיסלעך...

אין אַ מסיבה פון שריפטשטעלער האָט ביאַליק פלוצלונג זיך אַנגע־הייבן זינגען, און האָט דערביי באַמערקט אַז ער איז אינגלווייז געווען אַ משורר ביי אַ חזן, דערויף האָט ה. ס. באַמערקט: זייער גוט וואָס איר זיינט נישט געבליבן קיין שלעכטער חזן, נאָר אַ גוטער משורר... דערויף

האָט ביאַליק צוגעגעבן: און דער אונטערשייד איז בלויז אין דעם: דער ערשטער זינגט און קריגט באַצאָלט, און דער צווייטער — אין גראַמען, און קריגט צומאָל קיין פּעם ניט...

ביי חיים נחמן ביאַליק אין שטוב האָט זיך געפונען זיינער אַ ברודער, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ חזן. איינמאָל זיינען צו ביאַליקן געקומען אַ גרופּע אויסלאַנדער טוריסטן. האָט זיי געעפנט די טיר ביאַליק׳ס ברודער און שטעלט זיך פאָר: איך בין ביאַליק, און מה שמכם?

זיינען די געסט געבליבן שטיין אַ ביסל אנטוישט, ווייל מער אָדער ווייניקער, איז זיי ביאַליק׳ס פּנים געווען בעקאַנט, פון די פאַרשידענע בילדער און פאָטאָגראַפיעס.

האָט ביאַליק פון זיין פאָטער־שטול פון אנדער זייט טיש זיך אָבגערופן: ברוכים הבאים קומט ווייטער: דער איז ביאַליק דער חזן... און איך בין נישט מער ווי ביאַליק דער משורר...

דער פערלאַג „דביר״ אין ניו־יאָרק.

ווען דער פאַרשטאָרבענער פּאָעט חיים נחמן ביאַליק האָט פאַרבראַכט אין אמעריקע לטובת דעם קרן היסוד אין די „דביר קאַמפּ״ האָט ער אַמאָל אין באַגלייטונג פון דר. שמריהו לעווין באַזוכט אַ רייכן אידן, כדי אים צו פאַרקויפן דביר־אַקציעס.

דר. לעווין האָט פאָרגעשטעלט פאַרן גביר ביאַליקן און אים דערקלערט דעם ציל פון זייער באַזוך: היות אַזוי ווי דער דביר פערלאַג רעכנט ארויס צו געבן די מיטלאַלטערישע העברייאישע ליטעראַטור, און ס׳איז שוין צוגעגרייט צום דרוק די דיוואַנס פון רבי יהודה הלוי און ר׳ שלמה בן גבירול און נאָך.

דער גביר האָט בנעימותדיק געענטפערט: מיר וווּנדערט אז אין אַזעלכע שלעכטע צייטן, דערלויבט איר זיך צו אויסגעבן געלט אויף ספרים פון מחברים ווי ר׳ שלמה גבירל, ווי עס ווייזט אויס איז ער אַ פאַרמעגליכער, אמת קיין גביר איז ער ניט, אבער אַ „גבירל״ זאָגט איר דאָך אליין אז ער איז, קען ער אליין ניט לאָזן אָפּדרוקן זיינע ספרים?

ביאַליק האָט שמייכלנדיק באַמערקט אמת, בן גבירל איז טאַקע געווען אַ איד אַן עושר. מיטן קריזיס אָבער איז ער נעבאָך לא עלינו געשטאָרבן אַ יורד...

דאָ האָט זיך דר. לעווין אריינגעמישט און געזאָגט: איר דאַרפט ניט פאַרגעסן מיין ליבער איד; אז די אלמנה פון ר׳ שלמה בן גבירל מיט אירע פיר ארעמע יתומים׳לעך, זיצן דאָרט אין ירושלים און גייען אויס פשוט פון הונגער...

— נו, אויב דאָס איז אַן ענין פון צדקה, איז דאָך נישט שייך, נאַט אייך, אָט האָט איר אַ טשעק אויף הונדערט דאָלאַר.

בילדער פון אלט־און־ניי ארץ ישראל.

דריי מיני עולם הזה׳ס...

אין ארץ ישראל גייט ארום אַ מסורה, אז דאָרט קען מען געניסן פון דריי מיני עולם הזה׳ס, וואָס אויף דער גאָרער וועלט, איבערן גאַנצן לייַנג און ברייט פון אידישן גלות, קען מען דאָס פאר כל הון דעלמא נישט קריגן.

עולם הזה נומער איינס: — אַמאָליקע יאָרן, איידער די אייזן־באַנען און אָטאָמאבילן זיינען נאָך געווען אין לאנד, דער גאנצער פארקער, און אלע נסיעות פלעגט מען דורכמאַכן רייטנדיק; אויף אייזלען, מול־אייזלען און קעמלען, פון ירושלים ביז טבריה, מירון, צפת, פלעגט מען אַוועקרייטן עטלעכע טעג און אַמאָל אַ גאַנצע וואָך, און דער זיצן רייטנדיק אַזאַ לאַנגע צייט; איז געווען, און איבערהויפט באַ די וואס זיינען ניט געווען געוויינט דערצו, אַ ריכטיקער אָפקומעניש, ווען מען פלעגט אָבער גרייכן די הויכע משופע׳דיקע בערג, און דער „מאַקער״, דער אייזל־טרייבער, האָט געהייסן ארונטערקריכן; כדי גרינגער מאַכן פאר די אייזלען צו קלעטערן ארויף די בערג, פלעגן די רייזנדער אָפאָטעמען אַ ביסל גרינגער, און דער שפאַציר אויף די בערג איז געווען פאר זיי אַזאַ תענוג אַזאַ פארגעניגן, דער לייכטער־קילער־מילדער ווינטל, האָט אריינגעבלאָזן אין די פארמוטשעטע „רייטער״ אַ שטרוים פון לעבן און מונטערקייט, זיי אָפלעבן און דערפרישן, ס׳איז געווען אַ חיות, פשוט מחיה נפשות, און איטליכער רייזנדער האָט בשעת מעשה געפילט אזא מין עולם הזה, וואָס אויף דער גאַנצער וועלט, האָט מען דאָס פאַר קיין געלט, נישט געקאָנט קריגן...

עולם הזה נומער צוויי: — אין די הייסע זומערדיקע תמוז

טעג אין תל־אביב, ווען די זון באַקט שיט־בריט מיט פייער, און דער הייסער „חמסין־ווינט״ בלאָזט מיט גיהנום־היץ, פלאַמט און שרפה׳ט די לייב. און פון די אונדערטרעגלעכע היץ קריגט מען אזא בודנעם בייסיניש אין לייב, דאָס הויט ווערט אויסגעשאָטן מיט אזא מין „חאראַרא״ דעמאָלט אַז מען קראַצט זיך, און וואס מערער און שטארקער מען קראַצט זיך, פילט מען בשעת מעשה אזא פאַר־געניגן, אַזאַ תענוג, וואָס אויף דער גאַרער וועלט קענט איר אַזאַ תעבוגדיקן עולם הזה נישט קריגן...

עולם הזה נומער דריי: — ווען אַ איד דרייט זיך ארום איבער די תל־אביב׳ער גאַסן אַ גאַנצן זומערדיקן טאָג, אונטער די ברען־בריעדיקע זון, ער שוויצט, סאַפעט מיט דער נשמה, און דערצו איז ער נאָך געצוואונגען אַ גאנצע טאָג צו ברעכן די ציינער, מאַטערט זיך און שוויצט צו רעדן און פארשטיין דעם „ספאַרדישן איבריט״... (העברייאיש) איז עס באַ אים דער גרעסטער גיהנום, דער גרעסטער אַפקומעניש.

דערפאַר אָבער פון אָוונט, נאָכדעם ווי ער קריגט זיין „קאַלטן טוש״ און קומט אריין אין זיין עס צימער, אין קרייז פון זיין פאמיליעלע, ווו ער קען זיך דערלויבן צו רעדן אויף זיין באַליבטע מאַמע־לשון, אטעמט ער אָפּ גרינגער, ס׳ווערט אים לייז זיין גע־פענטעטע צונג און רעדט זיך געמיטלעך פארנאנדער מיט זיין ווייב און קינדער אויף אידיש, דאַן פילט ער דערביי אַזאַ פארגעניגן אזא תענוג און אזא עולם הזה, וואָס אויף דער גאַנצענער וועלט, וועט ער אַזאַ עולם הזה, פאר כל הון דעלמא, נישט קריגן...

דער באַראָן ראָטהשילד אין ארץ ישראל.

בשעת איינע פון זיינע נסיעות קיין אר״י, ווען דער באַראָן איז אָפּגעשטיגן אין יפו׳ער פאָרט, איז צוגעקומען אַ דאָרטיקער אַראַבער און האָט אים געוואָלדיק נייגעריק באַטראַכט, דעם באַראָנ׳ס באַגלייטער האָבן געהייסן דעם אַראַבער אוועקגיין, רופט זיך אָן דער באַראָן: — אדרבה לאזט אים: ער וויל אַ פנים אָנקוקן דעם משוגענעם וואס האָט גע׳פטר׳ט אַזאַ פאַרמעגן פאר ארץ ישראל...

שיינקין האָט אמאל בדרך הלצה געזאָגט: ארץ ישראל פאַר־מאָגט דעם בעסטן מילדעסטן קלימאַט פון דער גאָרער וועלט: זומער ווען ס׳איז שטאַרק הייס, פאָרט מען צו אין סיריע און מען זומערט איבער אויפן לבנון־באַרג, ווינטער ווידער ווען ס׳איז שטארק קאַלט, פאָרט מען צו אין עגיפטן און מען ווינטערט איבער אין קיירא...

מען האָט געפרעגט אַ פארמעגלעכן אידן אַ ציוניסט וועלכער האָט תמיד גערעדט מיט ליבע און בייגקיגיש פון ארץ ישראל, פאַר־וואָס ער פאָרט ניט אהין זיך דאָרט באַזעצן? האָט ער געענטפערט: איך וועל ליבערשט זיצן דאָ אין גלות און האָסן דעם היגן בישטיגן גשמיותדיקן לעבן, און בייגקען נאָך דעם ריינעם גייסטיקן לעבן אין ארץ ישראל, איידער צו זיצן אין ארץ ישראל און דארט הונגערן און בייגקען נאָך דעם רייכן רחבות׳דיקן לעבן אין גלות...

ארץ ישראל אַ קור־אָרט פאַר חולי הנפש.

צו הגרא״י קוק ז״ל איז אַמאָל אריינגעקומען אַן אָרטאָדאָקסי־שער אַמעריקאַנער איד, וועלכער האָט זיך באַזעצט מיט זיין פאַ־מילייע אין ארץ ישראל, און אים דערקלערט אַז ער האָט באַשלאָסן צוריק צופאָרן קיין אמעריקע, עס געפעלט אים נישט דאָ...

— פאַרוואָס, וואָס איז? פרעגט דער רב פארוואונדערט.

— באַזעצט האָב איך מיר דאָ אין ארץ ישראל — זאָגט דער איד: צוליב דעם, כדי איך זאָל קענען דערציען די קינדער מיינע אין פרומען אידישן גייסט, ולסוף — זיינען פאַראַן אין לאַנד אזוי פיל מחללי־שבת, אזוי פיל פרייע חלוצים...

הרב קוק פארטראכט זיך אַ ווײַלע, און דאַן פאַרפירט ער מיט אים אַ שמועס איבער אַן אַנדער ענין. דרך־אגב גיט ער אים אַ פרעג :וועלכע איז דאָס בעסטע קור־אָרט באַ אייך אין אמעריקע?

— דער איד אינפארמירט אים, און רופט אָן דעם נאָמען פונעם בעסטן אַמעריקאַנער קור־אָרט, וועלכעס צייכנט זיך אויס מיט זיין קלימאַט און זעלטענער לופט.

— עט, מאַכט דער רב, זייענדיק אין אַמעריקע בין איך גראָד

געוועזן אין דעם־דאָזיקן קור־אָרט און אויף טריט און שריט האָב איך דאָרט באַגעגנט לונגען־ליידענדע מענטשן, וואָס שפייען ל״ע מיט בלוט, טאָ וואָס איז עס פאַר אַ גוטע לופט?

— אדרבה — גיט אים דער אמעריקאנער איד צו פארשטיין, ווייל די לופט איז דאָרט אזוי גוט, קומען דאָרט אַהין אַלע קראַנקע...

— זייער ריכטיק — איז הרב קוק מיט אים מסכים, מיט ארץ ישראל איז אויך אזוי... דערפאר זעט מען דאָ אזוי פיל פעלער־האַפטיקע קראַנקע אידן אין רעליגיעזן זין, מחמת די לופט דאָ איז זייער היילבאַר פאר אזעלכע קריינק, און פון דער גאַנצער וועלט קומט מען אַהער געזונט צו ווערן...

די כהנים וועלן נאָכקומען...

אַן ענגלישע קריסטלעכע „ליידי״ אַ שריפטשטעלערן פון די באַרימטע שרייבערנס אין ענגלאַנד, אויף איר באַזוך אין ארץ ישראל, איז זי געוועזן זען הרב קוק, האָט זי דעם רב געפרעגט: פארוואס איז דאָס: דאָ אין ארץ ישראל די לאנד פון די געטליכע נביאים, ווו זי האָט געהאפט צו געפינען דעם ריכטיקן טיפ אידן, דורכגעדרונגען מיט דעם פראָפעטישן גייסט, גלויביק און רעליגיעז, איבערגעגעבן צו די הויכע אידעאַלן און אייביקע אמתן פון דער ביבל, מיט איין ווארט — גאָטספאָרכטיקע אידן, צום סוף האָט זי צו איר אנטוישונג געפונען אַז די חלוצים, די ריכטיקע בויער פון לאנד, זיינען דאָס־רוב פון זיי; אויסגעשפראָכענע ראַדיקאַלע פריי־דיינקער?!

— בשעת שלמה המלך האָט געלאָזט בויען דעם בית המקדש — האָט דער רב איר געענטפערט: זיינען די בויערס דאַמאָלסט געווען, מייסטנס פון די וואָס חירום דער מלך פון צור האָט געשיקט, און אפילו די אידישע בויער זיינען דאַן אויך ניט געווען פון די בחירי האומה... און פונדעסטוועגן האָבן דידאָזיקע איינפאַכע פועלים ביי׳ם בויען דאָרט ארום געגאַנגען אין די הייליקסטע פונקטן פון היכל און דביר, דאָרט ווו קיינער האָט דערנאָך ניט געטאָרט צו קומען, אין דעם קודש הקדשים, ווו דער כהן גדול אליין האָט איינ־מאָל איאָר אין דעם הייליקן טאָג יום כיפור געמעגט אהין אריינגיין...

אזוי איז איצט מיט אונדזער איצטיקן בנין, זאָלן זיי, די חלוצים, די בויער זיין, ווער זיי זיינען; זיי טוען דערווייל די הייליקע ארבעט און זיי בויען, און ווען אונדזער בנין, אונדזער אידישע באַצי־יאָנאַלע היים; וועט אינגאנצן אויפגעבויט ווערן, וועלן שוין די כהנים און משרתי עליון נאָכקומען...

איזוהי מחלוקת שהיא לשם שמים?

ווען דער גערער רבי איז געווען אין ירושלים און געהערט אין בית מדרש נאָכן דאַווענען ווי אייניגע פון די בעלי מחלוקת אנט־קעגן דעם ירושלימער רב, האָבן זיך געקאָכט און געזאָגט האָבן זיי; אַז זייער מחלוקת איז לשם שמים.

האָט דערויף דער רבי באַמערקט: אַז אויף „כל כנסיה שהיא לשם שמים" פרעגט ניט דער תנא אין פרק: איזוהי כנסיה שהיא לשם שמים? ווייל „אַ כנסיה" עס הייסט „אחדות" איז תמיד לשם שמים... אָבער אויף מחלוקת איז שוין יאָ אַ פראַגע „איזוהי מחלוקת שהיא לשם שמים?"...

אַלץ וואָס ער זאָגט, פאָלגט מען אים.

באַ דעם גאון רבי שמואל סאַלאַנט ז"ל אין ירושלים, זיינען אַמאָל געזעסן אַ מסיבה פון חוץ־לארץ'דיקע רבנים. האָבן אייניגע פון די רבנים זיך באַקלאָגט אויף דעם וואָס באַ הייניטיקע צייטן איז דער מצב היהדות בעוה"ר זייער שפּל'דיק, דער כבוד התורה איז אַוועק, נישט מען פאָלגט און נישט מען הערט, און דער יוגנט גייט אַלץ לינקער און לינקער.

און מיר, זעט איר; — האָט רבי שמואל געזאָגט — איז וואָס איך זאָג באָר, פאָלגט מען מיר. ווייסט איר פאַרוואָס רבותי? ווייל אַ זאַך וואָס איך ווייס לכתחילה אַז מען וועט מיר ניט פאָלגן, זאָג איך ניט...

ואם לאו, זאָגט ער אליין...

אויף דער זעלבער שיף וואָס דער ראַכמאַסטריווקער רבי, ר' מאָטעלע, איז געפאָרן נאָך ארץ ישראל, איז דאָרט אויך געפאָרן רבי חיים בערלין.

איין טאָג איז רבי חיים צוגעגאנגען צום ראכמאסטריווקער אים געגעבן שלום און זאָגט: — מען זאָגט אויף אייך אז איר זיינט אַ רבי, וואָלט איך וועלן הערן עפעס תורה פון אייך.

— מיר זיינען ניט „פון די זאגערס" — האָט דער רבי גע־ענטפערט: אַ קבלה אזא פון אונדזערע עלטערן; נישט צו זאָגן.

— נו, זאָגט רבי חיים, אויב איר זאָגט ניט, וועל איך זאָגן: און פאנגט אָן מיטן מאמר: „אם הרב דומה למלאך ה׳ צבאות תורה יבקשו מפיו" — — —

דאָ האָט אים רבי מאָטעלע אונטערבראָכן און זאָגט: ואם לאו, זאָגט ער אליין... אייך האָטן דאָך ניט געבעטן זאָגן תורה, נאָר אז איר זאָגט, טאָ זאגט...

דער גרעסערער, צו דער קלענערער?

צו רבי שמואל סאלאנט איז אמאל געקומען אן עלטערע אידינע מיט אַ שאלה, וואס מען האָט דאָרט אויסגעמישט די פליישיקע וועטשיערע, מיט אַ מילכיקע לעפל.

פרעגט דער רב: ווי גרויס איז דער טעפל? רופט זיך אָפּ די אידינע: — געזונט זאלט איר זיין רבי; איך האָב אייך דאָך אקארשט געזאגט; אז ס׳איז ניט מיין טעפל, נאָר ס׳איז מיין חאָשקעס טעפל. ווייסט איר דען ניט רבי, מיין חאָשקעס טעפל?!...

יאָ חאָשקעס טעפל — זאָגט רבי שמואל: אָבער וואָסערער, דער גרעסערער צו דער קלענערער?...

— דער גרויסער, רבי; דער גרויסער! — אזוי — זאגט דער רב, דער גרויסער טשאָלנט טאָפּ, און ס׳איז נאָך געווען פול מיט וואַסער, מיט יויך הייסט עס, איז כשר, כשר...

מען דערציילט אין ירושלים: אַז איינמאָל איז פאר רבי שמואל׳ן פאָרגעקומען אַ שאלה פון תערובת. האָט דער רב געפרעגט די אידינע; זי זאָל אים זאָגן דעם נאָמען פון מילכיקער באַ וועמען זי נעמט מילך. די אידינע האָט אים געזאגט, האָט דער רב געזאגט:— איר אידינע, גייט אהיים און אין אַ פאָר שעה ארום זאָלט איר צוריק קומען, וועל איך אייך ענטפערן די שאלה.

די אידינע איז אוועק, האָט רבי שמואל געשיקט זיין שמש רופן דעם מילכיקער. ווען דער איז געקומען, האָט אים דער רב געבעטן: ער זאל אים זאָגן דעם אמת: קיינער וועט ניט וויסן; וויפל וואָסער ער גיסט אין די מילך?... דער מילכיקער האָט דעם רב געזאָגט.

דערנאָך ווען די אידינע איז געקומען איז שוין רבי שמואל איר אנטקעגן געקומען און איר געזאָגט: אייער שאלה וואָס איר האָט געפרעגט איז כשר, כשר...

ער וועט ניט שווייגן...

אין ירושלים האָט זיך געפונען אַ שוסטער אַן עזות פנים, ער פלעגט אין די וועד'ן (ביורא'ס) פון די כוללים איינלייגן וועלטן, געוואָלט האָט ער; מען זאָל אים כאָטש אוועקגעבן גאָר די חלוקה־געלט וואָס מען שיקט פון דער גאנצער וועלט. איז ער איינמאָל ארוף צו רבי שמואל סאַלאַנט, (אַחוץ דעם רב איז דאָרט אין שטוב גראָד קיינער ניט געווען), האָט דער שוסטער גענומען דאָרט בושע־ווען: אַז רבי שמואל זאָל אים תיכף געבן אַ צעטל צו די ממונים פון ועד הכללי, און זיי באַפוילן, מען זאָל אים געבן געלט.

וויפל רבי שמואל האָט אים געגעבן צו פארשטיין; אז די חלוקה־געלדער איז געשיקט צו שטיצן בלויז ארעמע קראנקע שוואַכע זקנים, תלמידי חכמים, פאַר אלמנות און יתומים, האָט אלץ ניט געהאָלפן, דער חוצפה'דיקער שוסטער, האָט ניט געוואלט הערן, ביז ער איז אריין אין זיין העכסטן גראָד פון כעס, און דערלאנגט אַ זעץ אין טיש און שרייט: רבי! אויב איר גיט מיר ניט תיכף דעם צעטל, וועל איך אייך די שויבן פון די פענצטער אויסהאַקן!!

— וואָס מיינסטו דו מחוצפ'דיקער שוסטער; האָט רבי שמואל זיך געבייזערט: — און איך וועל דאָס צו קוקן און שווייגן?!

דאָ איז דעם שוסטער באַפאַלן אַן אימה און זאגט מיט אַ ציטערדיקע שטימע; און וואָס אַ שטייגער רבי, וועט איר טאָן? איר וועט אַוואַדע מיר איבערגעבן אין גויאישקע הענט, און מע וועט מיר אין „סאַראַיע" (אַסטראָג, תפיסה) איינזעצן?! אָט וועט

דאָס זיין שיין פאר אייך רבי, און פאר גאנץ ירושלים, און וואָס וועט די וועלט זאָגן?!

— ניין, זאָגט דער רב קאַלטבלוטיק — איך וועל גלייך שיקן נאָך לייבע דעם גלעזער, און ער וועט תיכף אריינשטעלן אנדערע שויבן...

פדיון שבויים...

ווען איך בין נאָך גאָר אַ יונגערמאַן געווען, בין איך איינמאָל אין ירושלים אריין אין אַ בית־הוועד (ביורא) פון איינעם פון די כוללים, דאָס איז געווען אַ היבשער זאַל. פון פאָרנט איז דער זאַל געווען איבערגעטיילט און אפגעצאַמט מיט אַ הויכע פארענצע פון הילצערנע שטאַכעטן, אינוויינינק, אין לאָקאַל גופא, איז אין צענטער געשטאַנען אַ גרויסער טיש, ארום וועלכן עס זיינען געזעסן, אין ארעם־שטולן, די דריי ממונים פון כולל, האַרט ביים פארענצע איז געשטאַנען, ביי אַ הויכן שרייב־טישל, דער שרייבער און סעקרעטאר פון כולל, דאָרט איז געווען דער פענצטער פונוואַנען דער שרייבער פלעגט אויפנעמען די בקשות, און אויך ארויסגעבן צו די ארעמע־לייט זייערע „שטרות און שעבודים׳לעך״ [1]) אויף די גרויסע יער־

1) אזוי ווי די חלוקה־געלט וואָס פלעגט צונויף געזאמלט ווערן פון די „רבי מאיר בעל הנס, פושקעס״ פלעגט אָנקומען פון פוילן און פון ליטע — ראַטעסווייז, און דאָ אין ירושלים פלעגט מען דארפן אויסטיילן די חלוקה איינמאָל אַ יאָר, פארן „מוחאַראַם״ דאָס הייסט, אָנהייב פון דעם מאכמעדאנישן יאָר, ווען ס׳איז געווען די צייט פון „משך־דירות״ און מען האָט געדארפט איינצאָלן דירה־געלט אין פאָראויס פארן גאנצן יאָר, פלעגן די ממוני־הכוללים ארויסגעבן אזעלכענע „שטרות״ וועקסעלעך; אויפן חשבון פון איטליכס איינעמ׳ס חלוקה, און מען פלעגט די „שטרות״ דערנאָך אָפּ־בייטן אין די גמילות־חסדים׳ס אדער פארקויפן און אָנווערן אַ קליינעם פראָצענט, און מיט די געלט, פלעגט דאָס איטליכער איינצאָלן זיינע דירה געלט פארן יאָר. זיינען אבער געווען אַ זעלכע אָרעמע לייט וואָס דורכן יאָר פלעגט זיך זיי מאַכן אַן אויסערגעוויינטלעכע הוצאה, ווי למשל: אויס־געבן אדער פארקנס׳ן אַ טאָכטער, „אַ קינפעטל״, אדער חלילה פאָרן אין

ליכע חלוקה, אדער טיילן אַמאל מזומן געלט; אויב ס'איז געווען „אַ חלוקה קטנה" [2]).

די אביונים פלעגן אָנרופן דעם־דאָזיקן פענצטערל: „דער פענצטערל אין הימל"... אין דעם לאנגן שמאָלן קאָרידאָר פון פאָרנט פון דער פאַרענצע, זיינען אויף ביינק געזעסן אויסגעזעצט אידן מיט זייערע לאַנגע ירושלימדיקע קאַפּטענעס, פאר'חושכ'טע, פאַרוואָקסע־נע מיט זייערע צושויבערטע קאַלטעוואַטע בערד און פיאות'ן, אידיגעס פארשלייערט מיט טיכער און קניפּ, איינגעהילעט אין זייערע קאָלירטע טערקישע שאַלן. ס'איז געוואָרן פון מינוט צו מינוט אלץ איינגער, און די לופט שטיקנדער, די ארעמע פאר־פינצטערטע ברודנע אידן און אידענעס, האָבן געאָכטשעט און גע־קרעכטשעט, אנדערע האָבן שטיל געוויינט און געכליפּעט פונקט ווי ביים „כותל המערבי"...

פלוצלונג איז דאָרט אויסגעוואָקסן אַן אַלטער הויכער אויס־געדארטער איד, אין זיין לאנגן ווייס־לייוועגטענעם קאַפּטן און גרייז־גראָען צוויישיפּיציק בערדל, האָט ער אויסגעזען ווי אַ מת אין תכריכים... מען האָט אים גערופן „דער פאָכאָטנער מגיד". פונוואנען ער האט זיך דערנומען, האָט קיינער אין ירושלים ניט געוווסט, אָט אזוי שלאָנדערט ער ארום פון יאָרן אין די גאַסן פון ירושלים, ווי

ווין פאר אַן אפעראַציע... פלעגט דער ארעמער ירושלימער איד זיך אַן עצה געבן, און פלעגט מאַכן „אַ שעבוד'ל"; דאָס הייסט: ער פלעגט ארויס־געבן אַ וועקסל און פארמשכנ'ען, „משעבד זיין", זיין חלוקה פאר אַ יאָר, אדער צוויי, און דעם שעבוד'ל פארקויפן אָנווערן געוויסע פּראָצענטן אוּן אזוי ארום קריגן אַ ביסל מזומן געלט, צו דעקן זיינע ניט־געוויינטלעכע הצטרכות'ן.

2) „חלוקה־קטנה" דאָס פלעגט פון צייט־צו־צייט אריינקומען אין כולל אַ סומע געלט, פון אַ וועלכן־עס־איז גביר אין חוץ־לארץ, מען זאָל צוטיילן צווישן זיינע ארעמע לאַנדסלייט אין ירושלים. און די ממונים פלעגן דאָס צוטיילן צו יעדער ארעמע פאַמילייע פון זייער כולל, לויט די נפשות פון איטליכס משפחה.

אַ שאָטן, אומעטום ווו מען גייט טרעפט מען אים, און ער וואקסט אויס פלוצלונג, מען האָט גערעדט: אַז צייטנווייז איז ער „אַ רואה, ואינו נראה״...

שטייען אידן אויפן חורבה בין מנחה למעריב, אָדער אין מאה שערים אויפן בור, און שמועסן. אַ האַ, ער איז דאָ, פלוצלונג נתגלה געוואָרן... און זאָגט זיך אָפּ זיין פסוק, און ווערט ווידער נעלם...

איך געדיינק איינמאָל אַ תשעה־באב שפעט אין דער נאכט נאָך קינות, אין דער גרויסער שטיבל פון מאה שערים׳דיקן שול הויף, איז געווען פינצטער חושך און געפּאַקט איז געווען דאָס שטיבל; מיט טרויערדיקע אידן, די אבלי ציון...

ווען איך בין געשטאַנען אויפן באַנק לעם פענצטער פון שטיבל, האָב איך פון די מורא׳דיקע פינצטערנעש קיין מענטשן, ס׳הייסט איינצעלנע פיגורן, נישט געקענט זען, נאָר אַ מאַסע פון געבויגענע קעפּ. אָבער דערדאָזיקער הויכער אויסגעדאַרטער „פאַכאָטנער מגיד״ האָט זיך בולט ארויסגעזן פון די דיקע פינצטער־ניש, זיין צאַרט ווייסער קאַפּטן, און די גראָע באָרד און פיאות׳ן, און מיט זיינע צושפרייטע הענט, האט ער פון איבער די געבויגענע קעפּ ארויסגעשטאַרצט, און מיט מאוים׳דיקע קולות, האָט ער גע־שריען: רבותי: אַל תבכו למת!... באַוויינט ניט די אָפּגעשטאָרבענע צייט... די פאַרגאַנגענע צרות... פון די אַמאָליקע יאָרן, וואָס מיט אכצן הונדערט יאָר צוריק האָבן אונדז די ברוטאלע רוימער־בעסט־יעס; געברענט און געבראָטן, געטריבן און געיאָגט, אונדזער לאַנד געררויבט, אונדזער בית המקדש פארברענט, דאָס איז אוועק; און ס׳איז טויט פאר אונדז... בכו בכה, אַיי ווייגט ברידערלאַך! און גיסט מיט טרערן, להולך — וואס מיר גייען, ווייטער אין פינצטערן גלות!... מיר שווימען אין טייכן, ים׳ען פון בלוט און טרערן!... און וואָס ס׳איז נאָך ביטערער און פינצטערער פאר אונז — איז: דער דור הולך... דער יונגער דור־תהפוכות, וואס גייען פון אונדז אוועק, און פארקריכן אין פרעמדע פעלדער... דאָס איז אַ דור הולך... ולא ישוב עוד לארץ מולדתו!... אָט אויף דאָס ברידער: דאַרפן וויינען און קלאָגן, „על דא קא בכינא... על האי שופרא, און שופרא דשופרא פון אונדזער יוגנט — דבלעי בארעא!״...

דער עולם האָט זיך זייער שטאַרק, פאַרנאַנדער געוויינט, און „דער פאַכאַטנער" איז נעלם געוואָרן... בישט געוואָרן.

מענטשן האָבן אויף מאָרגן געזאָגט אז קורץ נאָכדעם ווי מען האָט אים געזען און געהערט אין מאה שערים׳דיקע גרויסע שטיבל, איז ער אויסגעוואָקסן האַלבע נאָכט ביים כותל מערבי, דאָרט איז ער ווידער „נתגלה" געוואָרן... און דאָרט אויך אפגעזאָגט זיין פסוק און איז נעלם געוואָרן...

ווען מיר אַלע אין בית־הוועד פון כולל, האָבן דערזען דעם־דאָזיקן „פאכאטנעם מגיד" האָבן מיר גלייך פאַרשטאַנען אַז ער האָט דאָ געוויס צו זאָגן זיין פסוק... און אזוי איז געוועזן.

ער שטעלט זיך אוועק אין מיטן פון דער מאַסע, און זאָגט צו די געבראָכענע קרעכטשענדיקע מענטשן: — וואס פארלאַנגט איר פון די ממונים, זיי זאָלן אייך געבן געלט, תמיכה, הילפע?! ניין, ס׳וועט אייך ניט העלפן דער וואַרטן, דער בעטן, דער אכטשען און דער קרעכטשען, די ממונים האָבן נויטיק די חלוקה־געלט צו פאַרטאָן אויף אַ גרעסערע, בילכערע און נויטיקערע מצוה, ווי אייך אַלעמען צו העלפן, זיי דאַרפן די געלט האָבן אויף פדיון שבוים!...

— אויף פדיון שבוים?! — האָבן אייניקע הייזעריקע שטימעס אין איין קול אויסגערופן: ווו איז דאָס דאָ אין ירושלים פאראַן חלילה, שבוים צו אויסלייזן?!

— פאַרשטייט איר מיר: — האָט „דער פאכאטנער" געזאָגט: איך בין היינט גאַנץ פרי געגאַנגען אין דער אידישער גאַס, האָב איך געזען אויפן עופות־מאַרק, באַ די פרענקען, שטייען דאָרט גרויסע שטייגן און אינעווייניק דאָרט, זיינען בעבאַך געווען געפאַקט און פאַרשפּאַרט כל־המיני עופות: הינער, קיברעצענער הענער, הינדיקעס, קאַטשקעס מיט גענז... און די קולות זייערע גייען עד לב השמים, ס׳איז פשוט געווען אַ צער בעלי חיים צוצוקוקן...[3]

3) מען האָט געזאָגט: אַז „דער פאכאטנער מגיד" איז געווען אַ וועדזשיטעריאַנער, אַ צער בעל החיים׳ניק... וואָס פלעגט עסן בלויז גרינסן און פרוכט.

נו באַדאַרפן דאָס די ממונים, די חלוקה־געלטן פאַר דידאָזיקע שבוים, בידנע געפאנגענע נעבאַך, זיי אויסצולייזן, זיי צו באַפרייען פון די אייזערנע גראַטעס נעבאַך!...[4])

---

4) דערדאזיקער געלונגענער סאטירישער וויץ, האָט אין לעבן ניט אויסגעהאלטן דעם אַבסאָלוטן אמת; דאָס איז בלויז איינער פון יענע שקרים און בלבולים וואָס די ניי־אָנגעקומענע פלעגן אויסטראכטן אויף די ממוני־הכוללים, מחמת איידער דידאָזיקע „נייע" האָבן נאָך געהאַט צייט זיך צו אריענטירן אין דעם מצב פון ירושלים בכלל, און איבערהויפּט אין דעם בעצוג פון די ממונים צו זייערע אָרעמע ברידער, פון זייערע באַטרעפנדע כוללים, און אַ סך פון די דאָזיקע נייע איינגעוואַנדערטע: האָבן זיך גע־האַלטן פאַר גרויסע יחסנים, באַשר: זיי האָבן דאָרט פארלאזן זייערע קליינע שטעטלעך אין פוילן און ליטע און זיינען ארויפגעקומען אין ירושלים, האָט מען מיט גרויס פאַראַד געדארפט פאַר זיי ארויסקומען זיי מקבל פנים זיין ביים שיף, און דאָרט גופא זיי דערלאַנגען זייער חלוקה־געלט... און אזוי ווי מען האָט דאָס ניט געהאַט בכח צו טאָן, ווייל אין ירושלים האָבן זיך דעמאָלט געפונען די טויזנטער אלטע, קראַנקע און שוואַכע, און אַ סך אלמנות און יתומים: וואָס די ביסל חלוקה־געלט, וואָס די ממונים פלעגן דערהאלטן פון חוץ לארץ, האָט ניט געסטייעט צו העלפן זיי; ווי צו דאַרף צו זיין, דערפאַר פלעגן דאָס די נייע דיינקען און אויסטראכטן כל־המיני שקרים אויף די ממונים, די חלוקה־פארטיילער.

דער ריינער אמת איז: אז אַ גרויסער טייל פון די ממונים זיינען געווען געקומען פארמעגלעכע פון דערהיים, און פלעגן ציען זייער יניקה פון דאָרט, וואָס זיי האָבן נאָכגעלאזן גרויסע געשעפטן און די קינדער זייערע פלעגן זיי פון צייט־צו־צייט צושיקן, און זיי אליין פלעגן נאָך פון זייער אייגן קאַפּיטאַל; מיטהעלפן צו דער קאַסע פון כולל אין צייט פון נויט. און אַ טייל ווידער פון די ממונים, וועלכע זיינען אליין געווען גרויסע אביונים, האָבן געלעבט אין ארעמוט און דחקות, גלייך מיט אלע זייערע ברידער די כולל־מענטשן.

מיר אליין איז איינמאָל אויסגעקומען צו זיין מיטאָג־צייט באַ איינעם פון די ממוני הכוללים: רבי יצחק לייזער חרלפ ז"ל, האָט ער געהייסן, ער איז געווען אַ איד אַ יקר, אַ גרויסער תלמיד חכם און אַ איש צדיק, האָב איך אים און זיין פאַמיליע געפונען ביים טיש ווען זיי האָבן געגעסן מיטאָג: מען האָט דערלאנגט צום טיש „אַ סאַלאַטע" (אוילבערטן, זתים, פארבראקט אַ ציבעלקע, מיט בוימעל, ארויפגעקוועטשט לימענע־זאַפט, זאַלץ, פעפער) אין בלעכענע שיסעלעך, מען האָט זיך מיט דעם אנגעגעסן און פארטרונקען וויין־מיט־וואַסער, געבענטשט און געלויבט ג' על הארץ ועל המזון... און

אין די שטאָט פון שלום, דאַרפן בעטן פאַר שלום.

אין דער צייט ווען דער בורישער־ענגלישער קריג, איז אָנ־געגאנגען אויף די שלאכט־פעלדער פון דרום אפריקע, האָבן אין ירושלים די ענגלישע־אידישע פּאַטריאָטן — צו זייער לאַנד און צו זייער מלכה וויקטאָריע פון ענגלאנד — געוואלט צוזאמען רופן דאָס אידישע באפעלקערונג אין דער גרויסער „בית־יעקב" שול אויף דער חורבה, ווו מען זאל אָבהאַלטן אַ תפילה; פאַרן גליק פון בריטאַניע מיט אירע ארמייען אין די דרום אפריקאַנישע שלאַכט־פעלדער.

די ממונים פון ועד הכללי, זיינען אָבער געווען קעגן אַזאַ תפילה, — „ווייל" — האָבן זיי געטענה׳ט: — דער אלטער גענעראל, פּאול קרוגער, דער פרעזידענט פון דער בורישער רעפּובליק, און אנדערע גענעראלן ווי שטיין, סמאַטס און באָטאַ, שטיצן מיט זייערע פיינע נדבות די ירושלימער צדקה־אנשטאלטן, איז דערפאר ניט ריכטיק צו מתפלל זיין אויף זייער מפלה, האָט מען זיך געווענדעט צום גרייז־גראָען רב, רבי שמואל סאלאנט, ער זאל אנטשיידן ווי מען זאל טאָן.

נאָכדעם ווי דער גאון האָט אויסגעהערט די ארגומענטן משני הצדדים, האָט ער געזאָגט: דאָס איז ידוע פון אונדזער הייליקן תנ״ך, און אזוי איז עס אנגענומען ביי אלע אומות פון דער וועלט: אז ירושלים „די עיר השלום" איז דער סימבאָל פון שלום, אחדות, פרידן און האַרמאָניע, טאָלעראַנט און ברידערליכקייט צווישן אלע

אין דאס איז באַשטאַנען „דער מאָלצייט" פון דעם ממונה פון סובאַלקער־לאָמזער כולל — וואָס איבער זיינע הענט פלעגן דורכגיין די טויזנטער רובל׳ס, און ס׳איז דורך אים פארטיילט געווארן צו די אָרעמעלייט פון זיין כולל...

דערנאָך מיט יאָרן שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו זען איינעם פון די נייע מאָדערנע ממונים פון ארץ ישראל... און דאָס איז געווען: אין דעם גרויסן „קאַרלטאָן האָטעל" אין יאָהאַנעסבורג, דרום אפריקע, ווו דערדאָזיקער ציוניסטישער ממונה, האָט דאָרט „געהאַט דינער"... ס׳הייסט געגעסן מיטאָג, האָב איך צוגעזען אַז דאָרט איז געווען „ו י א כ ל ו מ מ ש"... האָב איך בשעת מעשה געטראַכט: יאָ, „ראו מה ביני, לבין חמי"...

ראַסן, נאַציעס, רעליגיאָנען און סעקטען פון אלע אומות איבער דער גאָרער וועלט! און ביחוד (ספּעציעל) מיר אידן, זיינען איבערהויפּט קעגן מלחמות און בלוט־פארגיסונג פון וועלכע ראַסע אדער אומה עס זאל ניט זיין, און מיר זיינען דאָס די שלום־פאָן־טרעגער, צו דער פאראייניגונג און פארברידערונג פון דער גאנצער מענטשהייט. אלזוי וואלט איך זאגן — האָט דער קלוגער רב געענדיקט — אַז מען זאָל יאָ צוזאמען רופן דעם ירושלימער אידישן פּובליקום פאר אַ תפילה: און בעטן זאָלן מיר פון דעם מלך השלום אין הימל: ער זאל אריין געבן אין די הערצער פון די צוויי שטרייטענדע פעלקער אַ געפיל פון שלום און פון טאָלעראַנט איין אומה צו די צווייטע, און זיי זאָלן איינגיכן שליסן שלום צום גליק פון דיביידע אומות, עס זאל שוין מקוים ווערן ולא ישאו גוי אל גוי חרב, ולא ילמדו עוד מלחמה! במהרה בימינו אמן.

וואָס עס פאַסט פאַר מאָדערנע יונגע לייט.

דער ערשטער ארץ ישראל משולח, וואס איז נאָך מיט העכער פופציק יאָר צוריק, אריבערגעקומען אין דרום אפריקע; צו זאַמלען דאָרט געלט פון די רמבה"נ באָקסעס, איז געווען ר' יאָשע הורוויץ, אָדער ווי מען האָט אים אין ירושלים גערופן: ר' יאָשע ברוך צבי'ס. לצים אין אפריקע האָבן אים געגעבן אַ צונאָמען — „דער קוליע שעך" צוליב זיין עכט אָריענטאַלישן טראַכט, ער איז געגאנגען מיט זיין ירושלימדיקן זיידענעם קאַפטן און ברייטן גאַרטל, פון אויבן זיין ברייטע שוואַרצע זשופּיצע מיט זייער ברייטע ארבל, מיט זיין גאנץ־לאנגען־ברייטן באָרד און לאַנגע פּיאות און מיטן טערקישן טורבאַן אויפן קאָפּ, האָט ער אויסגעזען ווי אַ פארצייטיקער סירישער קעניג. ער איז געווען אַ חכם מחוכם, אַ איד אַ פּיקח, ער האט באַ־רייזט גאנץ אפריקע פון ברעג צו ברעג, אָנפאנגענדיק פון צפון אפריקע אלדזשיר, טונעס, מאראקא, עגיפּטן און אלע לענדער פון מזרח אפריקע, ביז צו די דרום און מעריב אפריקאַנישע טעריטאָריעס.

באזוכט האָט ער אלמעען, סיי גוים סיי אידן, און אָנגעשפּארט האָט ער אומעטום, אין די הויכע פענצטער... געקראגן גרויסע סומען געלט פון די דאמאלסדיקע בורישע פּרעזידענטן פון די רעפּובליקן.

אגב איז ווערט צו באמערקן, אז דער שרייבער פון די ציילן האָט געזען אין די רעזידענץ־שטאָט — פריטאָריע, אינעם שטאָטס־מוזייאום: היינגט אַ קבלה וועלכע איז געשריבן אין געדרוקטע גאָלדערנע אותיות, אין העברייאיש און אין האלאנדיש, אונטער־געשריבן פון רבי שמואל סאלאנט פון ירושלים, און די חתימות און זיגלען פון די דאָרטיקע גבאים און צדקה אנשטאַלטן, ווו מען באַ־שטעטיקט; אַז זיי האָבן דערהאלטן די פופציק גינעס ($52^1/_2$ פונט) פון פרעזידענט פאול קרוגער דורך דעם שד״ר ר׳ יאָשע הורוויץ.

ווען ר׳ יאָשע האָט געהאלטן ביים פאָרן צוריק נאָך ארץ ישראל און ער האָט זיך אין יאָהאַנעסבורג צוזעגנט מיט זיינע בע־קאַנטע, האָבן אים אַ גרופע אידישע יונגעלייט אָפגעשטעלט און אים געזאָגט: אז זיי האָבן אים צו בעטן אַ טובה, און דאָס איז אַ טובת הכלל. — דאָ האָט זיך ר׳ יאָשע אָנגעכאַפּט און געזאָגט: טאָן אידן אַ טובה און נאָך אַ טובת הכלל דערצו, בין איך אלעמאל בערייט צו טאָן, אבער אין וואס באשטייט די טובה?

— היות, ווי מיר האָבן געהערט — זאָגן די יונגע לייט: אז אויפן ים, פאָרנדיק אויפן שיף פון אפריקע נאָך ארץ ישראל, פאָרט מען פערביי דעם האלבן אינזל סיני, און מען זעט פון ווייטן דעם בארג סיני, ווו מיר אידן האָבן דאָרט די תורה געקראָגן, וואָלטן מיר אייך בעטן, איר זאלט אזוי גוט זיין, מיט נעמען די תורה, און אָפּ־שטייגן דאָרט אויפן אינזל, צו גיין צום בארג סיני, און אוועקגעבן דעם רבש״ע צוריק די מתנה וואס ער האָט אונדז געגעבן, די תורה, הייסט עס, און איר קענט אים זאגן אין אונדזער נאָמען: היות, אזוי ווי מיר האָבן אָנגעהאלטן אָן זיין תורה איבער דריי טויזנט יאָר, מיר האבן צוליב איר אויסגעשטאנען כל־ערליי רדיפות און בגישות, מיר זיינען געגאנגען צוליב איר אין פייער און אין וואסער, גע־ברענט און געבראטן געווארן, אלץ צוליב זיין הייליקע תורה. אבער איצט אין די נייע פרייע מדינות, ווו מיר זיינען אַ מינאָריטעט צווישן אזוי פיל מיליאָנען גוים, און מיט אונדזער בעסטן ווילן, קענען מיר שוין נישט מער אנהאלטן אָן דער תורה. אונטער די אומשטענדן ווי מיר געפינען זיך, קענען מיר ניט פאר קיין פאל אָבהיטן און לעבן לויט אירע מצוות, פארשריפטן און איר געבאָט. על כן גיבן

מיר אים די תורה, מיט דאַנק צוריק, און מיר וועלן דאָ קענען לעבן ווי פרייע מענטשן: „ככל הגוים בית ישראל"...

ר' יאָשע האָט געדולדיק אויס געהערט זייער בקשה, און רופט זיך אָן: אין אַ פרט זיינט איר גערעכט; איר קאָנט טאַקי ניט, ווייל איר ווילט ביט, אָדער ווי איר זאָגט: „איר ווילט ביט, ווייל איר קאָנט ניט", אָבהיטן די מצות התורה. דער סימן איז אַ פשוט'ער, און ס'איז אַן אפענער שרייענדיקער באַווייז; ווייל איר היט דאָך טאַקי ניט! איר ברעכט, איר זיינט מחלל און טרעט מיט די פיס, די הייליקייט פון אונדזער תורה, און אויף יעדן שריט און טריט זיינט איר עובר אויף אלע תרי"ג מצות, הייבט צו וואָס — פרעג איך אייך — דאַרפט איר אַ תורה?! אָבער דאָך פונדעסטוועגן איז דאָך פאַראן שטעלן אין דער תורה, וואָס זיי זיינען דער יסוד פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, הייבט ווי פערלאַנגט איר פון מיר איך זאָל צוריק געבן דאָס גאַנצע תורה, ווי זי שטייט און גייט, אלץ זיינען נאָך פאַראַן געוויסע פרשיות וועלכע וואָלטן זיך אייך מאָדערנע יונגעלייט אויך אריינפּאַסן?

— יאָ ר' יאָשע, מיר גלויבן אַז עס זיינען נאָך פאַראן שטעלן אין דער תורה, וועלכע וואָלטן זיך נאָך ווי עס איז אריינפּאַסן אין אונדזער מאָדערנעם פרייען לעבן, אָבער וועלכע מיינט איר דאָס?

— איך מיין: זאָגט ר' יאָשע מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל — אַז די גאַנצע תורה וועל איך מיטנעמען, אבער ניט צוריקגעבן איר אויפן באַרג סיני צום רבש"ע, נאָר איר ברענגען צוריק אין ארץ ישראל, אין די הייליקע שטאָט ירושלים, דאָרט זיינען נאָך ב"ה פאַראן אידן יראים ושלמים וועלכע האַלטן אָן, לערנען און זיינען מקיים די תורה, ווי דער נביא האָט געזאָגט: „כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים"... און אייך אפריקאנער מאָדערנע יונגע לייט, וועל איך איבערלאָזן די בעסטע און פאַסיקסטע פרשיות פון דער תורה, וועלכע וועלן זיך גאַנץ גוט אריינפּאַסן אין אייער פרייען מאָדערנעם לעבן... און די זיינען — די צוויי תוכחות, פון בחוקותי און כי תבוא!...

אַן אייגענעם עזות פנים.

רבי שמואל געציל האָט אַמאָל אויסגערעדט די בריסקער רביצן, הלמאי איינער פון דעם רב׳ס מקורבים אליין, אַ איד אַ תלמיד חכם האָט זייער גראָב געווען און מבזה געווען אַנאַנדער תלמיד חכם, פון רבי שמואל סאַלאַנט׳ס מענטשן.

— וואס מיינט איר ר׳ שמואל געציל — האָט די רביצן געענטפערט: אז מיר וועלן זיך נויטיקן אַ מאָל אין אַ עזות פנים וועלן מיר דאַרפן אַנקומען צו באָרגן איינעם פון רבי שמואל סאַלאַנט׳ס צד? מיר דאַרפן ב״ה צו זיי ניט אָנקומען. על כל צרה שלא תבוא, האָבן מיר אַן אייגענעם עזות פנים!...

פאַרוואָס ניט קיין הינט?...

ר׳ אברהם הערש דער פערוואלטער פון אַלטן ביקור חולים שפיטאָל, איז אַמאל אַ פאַרנאַכט געשטאַנען ביים טיר פון שפיטאָל און אויסגעקוקט פאַר אַ אידן ער זאל משלים זיין צו אַ מנין, האָט ער דערזען ר׳ הירש לייב אַדוואקאט, ווי ער שפאַנט צו חייה נעכעס האָקורע, שטעלט ער אים אָפּ און זאגט: ווו לויפט דאָס אַ איד? קומט אריין דאַוונען מנחה.

— איך האָב גריילעך קיין צייט ניט — זאָגט הערש לייב; איך מוז לויפן כאַפּן די פּאָטשט.

— איצט איז מיר רעכט געוואָרן — זאָגט ר׳ אברהם הערש: פאַרוואָס יעקב האָט ניט מיט געשיקט מיט די ציגן שעפסן און רינדער אין דער „מנחה לעשו״ — אויך הינט?

דאָס איז דערפאַר, ווייל אַ הונט אנטלויפט פון אַ מנחה...

עם לבן גרתי, ותרי״ג מצות שמרתי.

ווען איך בין אָנגעקומען אין ירושלים, האָבן מיר מיינע אַמאָליקע יוגנט־חברים געפרעגט: — ווי קומט עס, אַבגעווען דרייסיק יאָר אין דער גאָלדערנער מדינה אפריקע, און ניט געבראַכט קיין קאַפּיטאַל?... ווו איז דער „וצרת הכסף בידך, ועלית״?...

האָב איך זיי געענטפערט: אַז איצט איז מיר רעכט געוואָרן; וואָס האָט יעקב געדאַרפט אָנזאָגן זיינע שלוחים, זיי זאָלן זאָגן עשו׳ן דעם פויער, דעם הולך למות׳ניק: אז „עם לבן גרתי, ותרי״ג מצות שמרתי״? צו וואָס דאַרף עס עשו דער איש־שדה וויסן, אז דער ברודער זיינער איז דאָרט געווען אַ בטלן, און אָפּגעהיט תרי״ג מצות? האָט ער ניט געזאלט היטן, און בריינגען ליבערשט מער ממתקים... קאַפּיטאָל?!...

נאָר יעקב האָט דאָך געוווסט אז עשו גייט דאָ מיט זיינע ארבע מאות איש, נישט אויס ליבע און ביינקעניש צון אים, וואס ער וויל זיך צו קושן מיט אים, נאָר ער מיינט די פינטעלעך אויפן וישקהו... עס הייסט די

הצלחות פון טאַטנ׳ס ברכות... דעם פארמעגן, דערפאר האָט דאָס יעקב אים געגעבן אַ קאַפּוליער אַנצוהעריניש: „עם לבן גרתי״, און דאָרט איז אַ מקום וואָס דער וואס קוקט ניט, און ס׳אַרט אים ניט, צו מען טאָר, צו מען טאָר ניט, קען מאַכן אַ סך געלט, נאָר איך „תרי״ג מצות שמרתי״...

גזרו על המשקה להיות תחילה...

ראש חדש אדר פון שנת תרס״ד, זיינען מיר ישיבה יונגעלייט צו־זאַמען געקומען אין הויז פון אונדזער חבר רבי יהושע מיכלזאָן ז״ל און דאָרט געפּראַוועט אַ סיום, און סעודת ראש חדש.

נאָכן מסיים זיין און די „הדרנס״ ווען מיר האָבן געהאַלטן ביים גיין זיך וואַשן, האָבן די חסידישע יונגע לייט געפאָדערט דורכאויס אַז מיר זאָלן שוין תיכף נעמען צו ביסעלעך משקה און מאַכן לחיים, די מתנגדים, אדער ווי מען רופט זיי אין ירושלים, די פרושים, האָבן געזאגט:— וואָס איז די היילניש, ווען מירן האַלטן באַ די פיש, וועלן מיר דאַן נעמען צו ביסעלעך, הכלל: איז געוואָרן צוליב דעם אַ גאַנצע דיסקוסיע: די האָבן געזאגט אז דער דין איז: אז מען מוז — נאָך פאַרן עסן — מאַכן שהכל, און די אנדערע: ניין, נאָר באַ די פיש, האָבן זיי מיר געפרעגט: וואָס איך זאָג?

האָב איך זיי געזאגט: אַז דאָס איז אַ מפורש׳ע משנה, און אַ גזרת חכמים, אז מ׳מוז נעמען אַ ביסל משקה פאַרן עסן: ווייל „גזרו על המשקה להיות תחילה״!...

אויף אַ „ואימא״, טרינקען חסידים י״ש.

אין ירושלים איז פאראן אַ איד זייער אַ שאַרפער למדן און דערצו אַ הייסער מתנגד, רבי אלי׳ שמעונ׳ס, הייסט ער, איז ער אַמאָל אויף מאָרגן נאָך שושן־פורים אריין אין אַ חסידיש קלייזל, געפינט ער; ווי אידן חסידים נעמען צו ביסלעך משקה און מאכן זיך היימלעך, פרעגט רבי אליה: — סטייטש, וואָס איז דאָס? ס׳איז דאָך שוין אַריבער שושן־פורים אויך, טאָ וואָס איז היינט פאַר אַ משקה, ולשמחה מה זו עושה?!

— פאַרשטייט איר מיר — האָט אַ חסיד געענטפערט: היינט איז דאָך ט״ז באדר, און אויף היינט איז דאָ אַ קלער אין דער גמרא: „ואימא בשיתסר?״ (טאָמער דאַרפן גאָר האַלטן פורים דעם 16טן?) איז אויף דעם דאַזיקן „ואימא״ נעמען דאָס אידן אַ ביסל בראָנפן!...

— אויב אזוי — רופט זיך אָפּ רבי אליה: טאָ דאַרפט איר דאָך, בא אַ יאָרצייט נישט נעמען קיין „תיקון״? ווייל די גמרא קלערט דאָך: „ודלמא לאו אביו הוא״?... (טאָמער איז ער נישט זיין טאַטע?) — רופט זיך אָן דער חסיד: נו מילא; יאָ אביו, נישט אביו; (יאָ טאַטע, נישט טאַטע) אָבער אַ איד איז דאָך, על־כל־פנים, דעם טאָג געשטאָרבן, און אַ יאָרצייט פון אַ אידן איז דאָך אין יענעם טאָג, נעמט מען דאָס דערפאר אַ ביסל „תיקון״!...

פארוואס צו אַ יאָרצייט משקה?

אַ חסידישער רבי האָט געזאָגט: פאַרוואס נעמט מען צו אַ יאָרצייט אַ ביסל משקה? דאָס איז דערפאַר — האָט דער רבי דערקלערט — כדי מען זאָל מאַכן די ברכה: „שהכל נהיה בדברו" און מצדיק הדין זיין, אויף די פטירה פון נפטר, אַז ס'איז געשען דורך דעם בורא יתברך'ס וואָרט, און דורך זיין רצון.

פרעגט אַ חסיד דעם רבין: אם כן רבי; טאָ וואָס עפּעס בראָנפן, קען מען דאָך נעמען אַ פּשוט'ע ביסל וואַסער, און מאַכן די ברכה: „שהכל נהיה בדברו"? — פאַרשטייט איר מיר: האָט דער רבי שמייכלענדיק געענטפערט: — אַז אידן זענען אַזעלכע מאמינים בני מאמינים, און לויבן דעם השי"ת על הרעה ר"ל, כשם שמברכין על הטובה, זיינען זיי דאָך שוין דערפאַר אליין ווערט אַ ביסל בראָנפן!...

וואָס אַרט דיר, אַז איך לעב?...

ר' חזקיה לאָוויטשער איז געווען פון דעם סאָכאַטשאָווער רבין'ס נעהענטסטע מקורבים, ער איז געווען אַ פריילעכער חסיד, תמיד האָט ער געהאַט אַ גלייכוווערטל צו צוטרייבן די עצבות.

איינמאָל אינדערפרי נאָכן דאַוונען, און ס'איז גראָד געווען אַ טרו־קענער טאָג... קיין יומא דפגרא, קיין יאָרצייט, און אין שטיבל, זיינען אידן חסידים געזעסן פאַר מוח'ט און פאַר'עצב'ט, רופט צו ר' חזקיה זיין זון און זאָגט: — ווייסט זון מיינער; אַז על פי יושר באַדאַרפסטו צו שטעלן היינט „תיקון", זאָל זיך דיר דוכטן אַז איך בין נפטר געוואָרן פאַראַיאָרן, און היינט איז מיין יאָרצייט, וואָלסטו דאָך אויף געוויס, געשטעלט פאַרן עולם „תיקון" איי וואָס; וועסטו מיר זאָגן: אַז איך לעב דאָך נאָך? נו, טאָ וואָס אַרט דאָס דיר אַז איך לעב, דעריבער דאַרפן נישט נעמען היינט אַ ביסל משקה?!...

די פכים קטנים.

בשעת רבי צבי הירש אָרנשטיין, וועלכער איז פריער געווען לעמ־בערגער רב, האָט אַנגענומען דאָס כסא הרבנות אין בריסק, האָט ער דעם ערשטן שבת פון זיין אָנקומען דאָרט געפּראַוועט אַ קידוש, צו וועלכן עס זיינען געווען איינגעלאַדן אַלע שטאָטישע בעלי בתים, איינעם פון זיי, דער ראש פון די חברה־קדישא שמשים, איז ניט געפעלן געוואָרן, הלמאי מען האָט צום דערלאַנגען די כיבוד אוועקגעשטעלט צו קליינע גלעזעלעך, און ער רופט זיך אָן בקול רם צו דער רביצן: די דאָזיקע פּיטשינקע גלעזעלעך, האָט זי געמעגט איבערלאָזן אין גאַליציען, נישט מיטברענגען זיי אַהער קיין בריסק...

באַקומט ער מיניה וביה אַן ענטפער פון רב: אויפן פסוק: „ויותר יעקב לבדו" זאָגן די חז"ל: „שכח פכים קטנים" איז דאָך קשה: האָט אים

געליינט צוליב אַזאַ קלייניקייט זיך מטריח צו זיין און נאכאַמאָל צוריקגיין ? נאָר דער תירוץ איז: יעקב האָט געהערט אַז עשו קומט צו אים צו גאַסט, נישט אליין, נאָר מיט אַ גאנצע מחנה פון „ארבע מאות איש" וועמען מען וועט דאַרפן, ווי דער שטייגער איז, מכבד זיין מיט משקה, און אז אזא חברה וועלן זיך נעמען צום טרינקען, קענען זיי דאָך אויסטרינקען אַ ים, האָט ער דעריבער באַשלאָסן צוריק צו גיין מיט ברייגגען זיינע איבער־געלאָזענע „פכים קטנים" קליינע גלעזעלעך. כדי זיי זאָלן טרינקען מיט אַ קליינער מאָס...

פאַר אזא כוס דאַרפן האָבן אַ גרויסן רב...

ווען רבי יצחק הערצאָג: (דער איצטיקער רב־ראשי אין ארץ ישראל) איז געווען רב אין דאַבלין, האָטן איינמאָל שמחת תורה צוגעטראָגן צון אים דעם בעכער וויין, ער זאָל מאַכן קידוש, רופט זיך אָן דער רב: — פאר אַזאַ גרויסן כוס, דאַרפן האָבן גאָר אַ גרויסן רב...

(ס'איז געווען אַן אונגעהייער גרויסער בעכער, און דער דין איז: אַז פון קידוש מוז מען אָבטרינקען אַ רוב כוס, איז עס געווען צופיל פאַרן רב. צו טרינקען — אַזאַ גרויסן רוב...)

אל תשליכנו לעת זקנה.

אין שנת תרפ"ח בין איך געווען פאר אַ באַזוך אין ארץ ישראל, האָב איך באַזוכט הרב קוק ז"ל, איז דאָרט געווען רבי מנחם אויערבאַך ז"ל, ווען דער לעצטער האָט זיך געזעגנט מיטן רב און געהאלטן ביים אוועקגיין, בין איך צון אים צוגעגאַנגען און אים אָנגעבאָטן מיין הילף אים אַרונטער צו פירן פון די טרעפ. (רבי מנחם איז שוין געווען דאַן אַ זקן פון איבער שבעים. און געווען איז ער אַ שווערער מענטש, האָב איך דאָס דערפאר אים געהאלפן ביים אַראָפגיין), אַראָפגייענדיק פון די טרעפ רופט זיך אָן רבי מנחם צו מיר, מיט אַ זיפץ: — נו יאָ, אז איך האָב שוין איצטער קיין כח נישט, און שפיר מיר שוין אזוי שוואַך, הייגט טאָ וואָס וועט שוין זיין אויף מיינע עלטערע יאָרן, ווען איך וועל שוין באמת אַלט ווערן?... יאָ, דאָס בעטן מיר טאַקי פון השי"ת: „אל תשליכנו לעת זקנה, ככלות כחנו אל תעזבנו".

ובגדיו יהיו פרומים...

מען איז געזעסן ביי הרב רבי מנחם אויערבאַך, האָט מען דערמאָנט וועגן איינעם וואָס לפנים איז ער געווען געקליידעט מיט די פרומע אלט־ירושלימדיקע קליידער: מיטן לאַנגן קאַפּטן און סאַמעטענע דזוביע, מיטן הויכן זיידענעם קאַפּעלוטש, אבער אין תוך איז ער געווען אַ פאַרדאָרבענער געמיינער מענטש, אַ פושע ישראל... אינדערשטיל אָבגעטאָן אלע נבלות.

האָט רבי מנחם געזאָגט: אונדזער תורה האָט שוין לאַנג מרמז געווען אויף אַ זעלכע צבועים וואָס „עושים מעשה זמרי, ומבקשים שכר כפינחס...״ מיר זעען דאָס היינט בעוה״ר זייער אָפט, אז דער „והצרוע אשר בו הנגע״ דער, ביי וועלכן די נגע ליגט באַהאַלטן אינעווייניק: „בגדיו יהיו פרומים״ איז ער זיך מתלבש אין פרומע בגדים...

מיין פאָטער ז״ל פלעגט אויף די דאָזיקע, טייטשן דעם פסוק: „ואנשי סדום רעים וחטאים״... פון מענטש צו מענטש, בין אדם לחברו, זיינען זיי געווען רעים וחטאים... אָבער — „לה׳ מאד״ פאַר פאַרשטעלטע פרומקייט: ווי פרומע קליידער, אַ פעטע עליה, אַ שיינעם אתרוג און כדומה „גאָט זאָכן״... זיינען זיי געווען „מאד״ זייער פרום!...

•

געגאַרטלט פון אויבן, איז אַ פסולה תורה...

אין רוזין איז אַמאָל געקומען אַ גרויסער ליטווישער רב, אַ מתנגד, האָט ער געדאַוונט ביים רבין, רבי גרשון העניך׳ן אין קלויז. דער רבי האָט זיך נאָכן דאַוונען משתעשע געווען מיטן ליטווישן רב אין תורה.

נאָכדעם ווי דער רב איז אוועק זיינען צוגעגאַנגען עטלעכע חסידים צום רבין מיט אַ טענה: סטייטש: ווי אַזוי האָט דאָס דער רבי מקרב געווען דעם ליטווישן מתנגדשן רב, זיי האָבן אליין געזען ווי צום דאַוונען האָט ער זיך ניט ארומגעגאַרטלט מיט אַן אבנט?!...

רבי גרשון העניך האָט צוגערופן דעם שמש און אים געפרעגט: זאָג נאָר חיים שמעיה: איך האָב באַמערקט ביי פתיחת הארון, עפעס איין תורה איז דאָרט פאַרגאַרטלט מיטן מפה אויפן מענטעלי, מיט וואָס איז די תורה אַנדערש פון די אלע אנדערע?

— ווייל — האָט חיים שמעיה געענטפערט: דידאָזיקע תורה רבי, איז אַ פסולה, איז כדי מען זאָל קיין טעות ניט האָבן און איר נעמען פאַר אַ כשרה, האָב איך דאָס — ווי דער מנהג איז — פאַרגאַרטלט פון אויבן, מען זאָל וויסן אַז דאָס איז אַ פסולה תורה...

— אַזוי? — זאָגט דער רבי, זיינען די פסולה תורות געגאַרטלט פון אויבן... און די ריכטיקע כשרה ספר תורה, איז געגאַרטלט פון אונטערן מענטעלי...

קיין חצי הדר, איז באַ אידן נישט פאַראַן...

אויף מחרת יום כיפור אינדערפרי, איז געשטאַנען אין דער אידישער גאַס אַן אַראַבער, אַ פלח מיט אַ זעקל אתרוגים און די אידן, פאַרבייגייער, האָבן פון אים געקויפט צו עטלעכע אתרוגים צו פאַרפוצן די סוכה. האָט דאָרט אַ איד דערטאַפּט אין זעקל; אַן אתרוג מהודר, גלייך האָט דער אתרוג צוגעצויגן די אויגן פון נאָך עטלעכע אידן, און איטליכער האָט חשק באַ־

קומען צו דעם צאַצקאַוונעם אתרוג. האָט זיך אָנגעהייבן אַ שטייגיניש, יעטווידער איינער האָט דעם אַראַבער אָנגעבאָטן אַ העכערן פּרייז.

דער אַראַבער האָט דערזען אַז אידן הרג׳נען זיך פּשוט אָוועק איבער דעם אתרוג, כאַפּט ער ארויס דעם אתרוג פון זייערע הענט, ציט האָסטיק ארויס זיין „שובריע״ (שטעך־מעסער) און צושניידט דעם אתרוג אין צווייען... געמיינט האָט דער פויער אַז דאָס איז די ריכטיקע פּרי, פון וועלכעס איטליכער איד האָט געוואָלט פאַרזוכן, האָט ער עס דערפאַר געוואָלט פאַרקויפן שטיקלעכווייז, איינטיילן יעדן איינעם אַ חלק...

די אידן אבער, אז זיי האָבן דאָס געזען, האָבן זיי זיך גוט צולאַכט, געלאָזן דעם פלח מיט די שטיקלעך אתרוג אין האַנט און זיינען זיך צוגאנגען...

היינט גיי דערצייל דעם נאַרישן פויערישן אַראַבער, אַז בײַ אידן איז קיין „חצי הדר״ נישט פאַראַן...

אויפן עולם האמת, איז דער מצב ניט שלעכט...

אין ירושלים איז געווען אַ מפורסם׳דיקער אביון, לייבל אַניקסטער, האָט ער געהייסן, געווען איז ער אַ מוכר ספרים, וואָס פלעגט זיך ארומ־דרייען אין די ירושלימער גאַסן און אין די ישיבות מיט אַ קאַרב ספרים און אָנבאָטן אלעמען צו קויפן. געלעבט האָט ער מיט זיין ווייב און קינדער אין גרויס דחקות. ער איז אבער געווען אַ פריילעכער קבצן, וואָס פלעגט פאַרטרייבן די ביטערקייט פון זיין ארעמקייט און אָפּטמאָל אויך זיין הונגער מיט אַ געלונגענעם וויץ. עפ״י רוב פלעגט ער זיינע וויצן זאָגן צוריק־גייענדיק פון אַ דגל[1]) אַראָפּקלעטערנדיק פון די בערג פון הר הזיתים, ביינאַכט, צו באַטאָג, ווען די הערצער אונדזערע זיינען געווען פאַרביטערט און מיר האָבן זיך געפונען דערשלאָגן, פון די לויה. דעם נפטר וואָס מיר „חברה קדישא״ האָבן אָקערשט מקבר געווען. דאַן פלעגט לייבל אונדז אלעמען אויפמונטערן מיט אַ וויץ, אַ גלייכווערטל, וואָס פלעגט אַ ביסל צוטרייבן דעם נעבל פון מרה־שחורה׳דיקייט און לייכטער מאַכן אויפן האַרצן. און אָט זיינען עטלעכע פון זיינע וויציקע באַמערקונגען און גלייכווערטלאַך.

איינמאָל גייענדיק צוריק פון אַ לויה פון אַ אידינע וואָס מיר האָבן מקבר געווען, רופט זיך אָפּ לייבל: איר ווייסט חברה, וואָס איך האָב דורך היינטיקע לויה דערגאַנגען? אַז דאָרט אויפן עולם האמת, מוז דער מצב זיין זייער גוט, און עס גייט זיי דאָרט גאָר ניט שלעכט!...

---

1) די חברה קדישא אין ירושלים איז איינגעטיילט אין 5 דגלים, צו יעדער 5 דגלים (לויות) האָט איטליכס חבר געדאַרפט גיין.

— פונוואַנען דרינגט איר זיך דאָס ר׳ לייבל? — האָט מען אים געפרעגט.
— וואָרום איר זעט דאָך — ענטפערט לייבל מיט אַ שמייכל, דער מאַן פון די דאָזיקע נפטרת; האָט זיך ערשט מיט אַ צוויי וואָכן צוריק אַהין אַוועק געפעקלט, ער האָט נאָך דאָרט זיינע פיס ניט אָנגעוואַרעמט... און ער האָט שוין אַהין זיין ווייב אַראָפּגעבראַכט...

נאָך אַ באַווייז...

איינמאָל אין אַ ערב פסח גייענדיק צוריק פון הר הזיתים, האָט לייבל געדרונגען אַז אויפן עולם האמת פעלט זיי קיין זאַך ניט: פון דעם פאַקט: — איך בין געווען זאָגט לייבל — אין אַלע ועד׳ן (הילף־קאָמיטעטן) צו בעטן שטיצע, קמחא דפסחא אויף יום טוב, האָב איך דאָרט געטראָפן באַלאַגערט מכל־המיני אַרעמעלייט, קבצנים פון אַלע פאַרשיידענע עדות פון ירושלים, פרעגט צו האָב איך דאָרט געטראָפן כאָטש איין־און־איינציקן פון עולם האמת, נישט איינער!... אַ סימן, אַז עס פעלט זיי דאָרט קיין זאַך ניט, און זיי האָבן דאָרט פון אַלץ מיט אַלץ...

פונוואַנען זיי דערנערן זיך?...

מען האָט איינמאָל געפרעגט לייבלען: פונוואַנען דערנערן זיי זיך די אַלע וואָס ליגן דאָ אויפן הר הזיתים?
— וואָס ווייסט איר דאָ ניט. — האָט לייבל געענטפערט: אָט פון די ברעקלעך וואָס בלייבן איבער פון די בייגל און אייער וואָס מיר חברה־לייט בייסן דאָ צו אין קברות־שטיבל...
— איז פון דעם קענען זיי אַלע זיך דערנערן?
— נו, איז דעריבער קען מען אויף זיי זאָגן: וואָס פאַר אַן עסן זיי עסן, אַזאַ פנים האָבן זיי...

אַ האַלבן פסח האָט ער שוין.

איינמאָל אַן ערב פסח האָט לייבל געזאָגט: נו, געלויבט און געדאַנקט איז דער אויבערשטער: אַ האַלבן פסח האָב איך שוין, דהיינו? דעם חמץ האָב איך שוין פון לאַנג אַרויסגערוימט, און איר האָט שוין פון אַ שיינע פאָר וואָכן, קיין ברעקל ברויט באַ מיר ניט געקענט געפינען, אָט פאַר אַ רפואה!... איז דאָך מיין שטוב שוין פון לאַנג פסח׳דיק... אַ ווינקל אַוועק צו שטעלן די בורעקעס מיטן ראָסל האָב איך שוין... אַ לאָקן צו גיין נעמען מצה, האָב איך אויך... אַ בעטאָך מחילה צו זיצן אויפן הסיבה־בעט האָב איך... אַ פינגער צו טונקען אין די ווין צו די מכות האָב איך אויך... פעלט מיר מער ניט: דער אַנדער העלפט פסח, עס הייסט: בוריקעס פאַרן ווינקל... מצה פאַרן לאָקן, אַ הסיבה־בעט צו זיצן, ווין פאַרן פינגער צו טונקען, נו דאָס וועט שוין מיט דעם אויבערשטנ׳ס הילף אויך זיין...

כל ימי עני רעים...

לייבל האָט אַמאָל געזאָגט: אַז ער פארשטייט שוין איצט גאַנץ גוט וואָס שלמה המלך האָט געזאָגט: „כל ימי עני רעים"... אָט האָט דאָ פאַר אַ פאָר וואָכן צוריק מיין ווייב זייער געליטן, ס'האָט איר, ניט היינט געדאַכט, ניט פאַר אייך געדאַכט, געריסן אַ געשוויר, אַ מכה. האָבן שכנים געזאָגט: זי זאָל צולייגן אַ געבראָטן ציבעלע, האָבן מיר אָבער צום באַדויערונג; אין גאַנצן גבול אונדזערן ניט געקענט קריגן אַ ציבעלע — פאַר אַ רפואה. ערשט נעכטן ביי נאַכט, ווען מיינע האָט שוין באַלד פארגעסן פון איר מכה, ס'האָט שוין לאַנג געפּלאַצט און ס'איז איר שוין בעסער, אַ האָ איך זע באַ מיר אויפן טיש אַ ציבעלע! נו וואָס זאָגט איר, איז שלמה ניט גערעכט געווען וואָס ער האָט געזאָגט: „כל ימי עני רעים"... האָט דער אָרעמאַן אַ מכה, האָט ער ניט קיין ציבעלע, קוים האָט ער שוין אַ מאָל אַ ציבעלע, האָט ער קיין מכה ניט!...

עס טייג אויף צען כפרות...

איינמאָל ערב יום כיפור פאַרטאָג, זיינען מיר געגאַנגען פון הר הזיתים, רופט זיך אָן לייבל: חברה, ווען פון אייך פעלט צוויי כפרות, איך האָב איבעריקע איבערצוגעבן!

רופט זיך אָפּ נחום אַמאָקסטער: מיר פעלט טאַקי צוויי כפרות, וויפל אַ שטייגער וועט איר ר' לייבל וועלן פאַר זיי? וואָס זיינען זיי, הינער צו הענער?

זיי זיינען נישט פאַר אייך געדאַכט, ניט קיין הענער, און ניט קיין הינער... נאָר די מעשה פון דער געשיכטע איז אזא היסטאָריע: מיין פלונית'טע איז נעכטן געגאַנגען אין מחנה יהודה אויפן עופות־מאַרק, האָט זי זיך דאָרט איינגעהאַנדלט אַ „גרינדעלע" אַ ברעקל אויסגעדאַרט הינדעלע, און אפשר, איך ווייס, אַמאָל איז עס אַ הענדעלע? נאָר דאָס ווייס איך אויף געוויס: אַז דאָס טייג אויף צען כפרות. נו, אַכט נפשות האָב איך זאָלן געזונט זיין באַ מיר אין שטוב, דאַרף איך די אכט כפרות פאַר מיין „סימייסטוועלע" און צוויי כפרות קען איך אייך איבערגעבן...

ניט קיין סליחה, ניט קיין מחילה, און ניט קיין כפרה...

ערב יום כיפור פארטאג איז אַ איד געגאַנגען מיט זיין כפרה הענדל צום שוחט, זיין סליחה האָט ער געהאַלטן אונטערן פאַכווע, פינצטער און גליטשיק איז עס געווען, האָט ער זיך דאָרט אין אַ בלאָטקע אויסגעגליטשט, דערווייל איז דער הענדל אַוועקגעפלויגן און די סליחה זיינע, איז אריינגעפאלן אין די בלאָטע.

ווען מענטשן האָבן דעם אלטן אויפגעהייבן, זאָגט ער מיט אַ קרעכטש: נו יאָ; איצטער האָב איך שוין ניט — נישט קיין סליחה (אין בלאָטע...) — נישט קיין מחילה (צו קלאַפּט...) — און ניט קיין כפרה (אוועקגעפלויגן...)

ער קען שוין ווערן די כפרה...

דער דובנער מגיד איז אמאל צו די ערשטע סליחות פארטאג אנ־געקומען אין א קליין שטעטל, איז ער גלייך אריין אין בית־מדרש ווו מען האט שוין אנגעהייבן זאגן סליחות. דער מגיד האט זיך דארט לעם טיר אוועקגעשטעלט זאגן סליחות צוזאמען מיט נאך א אידן, יענער איד האט דארט געבראקט עברי, פשוט די ציינער צו צוברעכן...

נאך סליחות, פרעגט אים דער דובנער מגיד: — ר׳ איד, מיט וואס באשעפטיקט איר זיך?

— איך בין א מנקר (א טרייבאטש)

— א מנקר?! הום, אויב איר ווייסט אזוי פיל אין דער „מחילה״ ווי אין דער סליחה, מעגט איר שוין ווערן די כפרה...

ס׳טייג שוין אויף כפרות...

דעם טאג פון פאר ערב יום כיפור, האט א שוחט געשטעלט זיין עופות־חלף, בודק געווען און עס פארזיכטיק איבערגעגאנגען מיטן נאגל, און רופט אויס: אך, דער חלף טייג שוין גאר אויף כפרות!...

זיין פרוי רופט זיך אן — באזארגט: אוי וויי, וואס וועסטו ערשט טאן, ס׳איז דאך שוין אזוי שפעט פארנאכט?! אבער, דו האסט דאך ערגעץ נאך א חלף, — עצה׳ט זי אים — טא נעם האסטיק און שטעל אן יענעם.

דער שוחט האט אבער זיין באזארגטע ווייב בארואיקט: אז ס׳איז גארניט, ער וועט דאך קוילענען מיט דעמדאזיקן חלף, ווייל ער טייג שוין גוט אויף כפרות...

א מיטל צום שוויצן...

דר. מאזיע אין ירושלים האט זיך נוהג געווען בשעת ער פלעגט קומען צו א חולה, פלעגט ער פארפירן א שמועס מיטן חולה אליין, און מיט זיינע קרובים, צייטנווייז פלעגט דער דאקטער זיך כלומר׳שט אן עצה האלטן מיט זיי, וואס צו פארשרייבן פארן חולה.

פרעגט אמאל דר. מאזיע זיין פאציענט׳ס ווייב: וואס א שטייגער זאגט איר, פריידע איטע, זאל איך פארשרייבן אייער מאן?

— פריידע איטע: — צו וואסער מיחוש דיינקט איר, הער דאקטאר דארף ער איינעמען די רפואות. פאר די קדחת וואס טרייסלט אים אזוי, אדער פאר די היץ וואס עס קומט אים אן אלע פאר שעה?

— כ׳מיין, זאגט דער דאקטאר — מען דארף אים עפעס געבן צום שוויצן.

— אויב צום שוויצן — זאגט פריידע איטע, איז די בעסטע זאך הער דאקטאר, מען זאל אים געבן אונטער צו שרייבן א וועקסעלע דאן וועט ער שוין שוויצן...

דער דאָקטאר האָט אים געהייסן נעמען...

איינמאָל האָט ביים דאָקטאר אין שטוב פון בופעט געפעלט זעקס זילבערנע לעפל, האָט דער דאָקטאר און זיין פרוי געטראַכט און נאָך געדיינקט: ווער ס׳האָט געקאַנט צונעמען די לעפל, ביז ס׳איז געפאַלן דער חשד אויף מאָרי יחיה דער תימנ׳ר, וואס איז געווען ביים דאָקטאר אינ־דערפרי, דער דאָקטאר איז גלייך אוועקגעריטן אויף זיין אייזל אין סילוואַן צו מאָרי יחיה, און האָט אים דאָרט געפונען ליגנדיק אויף אַ קלומפּע לופּעטעס אין ווינקל פון זיין בלעכענע הייזקע.

— דער דאָקטאר: מאָרי יחיה, האָסטו אַ מאָל ניט גענומען זעקס לעפל פון מיין הויז? זאָג דעם אמת!

— מאָרי יחיה: יאָ הער דאָקטאר, איך האָב גענומען, אָבער איר הער דאָק. האָט דאָך מיר אליין געהייסן נעמען...

— דער דאָקטאר דערשטוינט: וואָס, איך אליין האָב דיר געהייסן נעמען מיינע לעפל פון שטוב?!

— מאָרי יחיה: — יאָ הער דאָק. געדיינקט איר ניט ווען איר האָט פאר מיר געשריבן דעם רעצעפּט האָט איר אליין געזאָגט צו מיר: אז איך מוז נעמען אלע שעה אַן עס לעפל... נו איר זעט דאָך הער דאָק. איך בין קראַנק און שוואַך האָב איך קיין כח ניט צו גיין יעדע שעה פון דאָנען ביז אייער שטוב צו נעמען אַן עס־לעפל, האָב איך דאָס גענומען אלע זעקס עס־לעפל מיט אַמאָל!...

די כלי איז אויך נישט זיינע...

גדליה בובליק אין זיין בוך „מיין רייזע אין ארץ ישראל״ דערציילט:

— איינמאָל האָט אים אַ קאָלאָניסט גענומען צו באזוכן זיין כרם. ס׳איז געווען פארנאַכט ווען די פועלים גייען שוין אהיים.

דערזעט דער בעל הכרם, דער קאָלאָניסט, פון דערווייטן איינעם אַ פועל, אַ תימנער איד, ווי ער טראָגט אַ קאָרב אויפן קאָפּ, רופט זיך אָפּ דער בעל הבית צו ה. בובליק: — איר ווילט אויף טשיקאַוועס זען, אַט דערדאָזיקער תימנער איד מיט זיין פאַרלאָזן בערדל און לאנגע געגרייזלטע הבדלה־פיאות, קוקט דאָך געוויס אויס צו זיין אַן אמת׳ער ירא שמים, פונדעסטוועגן, וועט איר באַלד זען אז ער האָט זיך דאָ אין מיין כרם, אנגעפּאַקט אַ פולן קאָרב מיט טרויבן און נעמט עס מיט אַהיים.

— איך בין דאָס טאַקי אַ בעלן צו זען — זאָגט בובליק: ווייל דאָס איז דאָך אַ מפורש׳ער לאו אין דער תורה: „כי תבוא אל כרם רעך, ואכלת ענבים כנפשך שבעך, ו א ל כ ל י ך ל א ת ת ן״... טאָ ווי וועט דאָס אַזאַ גאָט׳ס פאַרכטיקער איד עובר זיין און טאָן אזא עבירה?!

דער קאָלאָניסט האָט זיין פועל דעם תימנער אידן צוגערופן, אים געהייסן אַרונטערלאָזן דעם קאָרב פון קאָפּ, און צו בובליק׳ס דערשטוינונג

האָט ער געזען: אַז ווי דער פועל האָט נאָר ארונטער גענומען זיין בלויען־ציטענעם־ארבעט־מאַנטל פון אויבן, איז טאַקי דער קאָרב געווען פול אָנגעפּאַקט מיט היינגלעך ווייַנטרויבן...

— סטייטש! האָט שוין בוביליק זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן און געפרעגט: — ווי מעגט איר דאָס — אזא פיינער איד ווי איר זיינט — עובר זיין אויף „ואל כליך לא תתן״?!

דער תימנער איד האָט אַ באַוועג געטאָן זיין האַנט און געזאָגט: — אין דער תורה שטייט: „ואל כליך״ אין דיין כלי טאָרסטו ניט ארייַנלייגן, ווי איז אָבער דער דין, אַז די כלי, דער קאָרב איז אויך נישט מייַנער... אויף יענעמ׳ס אַ כלי האָט דאָך אונדזער תורה נישט אָנגעזאָגט, איז טאַקי תתן ותתן...